STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03905

DER FARGESENER NOVI

Jakub Zineman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער פֿאַרגעסענער נביא

(מאקס נארדוי'ס לעבנס-געשיכטע)

ביאגראפישע שילדערונג

פון

יעקב צינעמאן

פֿאַרלאַג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

פאַריז 1951 ניו־יאָרק

YIDDISH
B N°10226
c. 1

" LE PROPHÈTE OUBLIÉ "

Récit biographique de la vie de Max NORDAU

par

Jacob ZINEMAN

PARU AUX EDITIONS DE L'ORGANISATION SIONISTE
DES ETATS-UNIS

PARIS 1951 NEW-YORK

Tous droits de reproduction et traduction réservés pour tous pays.

MAX NORDAU

(« THE FORGOTTEN PROPHET »)

A Biography

by Jacob ZINEMAN

Published by Zionist Organization of America

NEW-YORK 1951 PARIS

Copyright by Jacob ZINEMAN, PARIS 1951

All rights reserved. This book, or part thereof, must not be reprinted in any form without permission.

For

דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך דעם ליכטיקן
אָנדענק פון מיין פאָטער און לערער

ניסן טאַפּעט ז״ל,

דעם גרויסן און באַשיידענעם תלמיד־חכם, דעם באַגייסטערטן ליבהאָבער און פאַרשפּרייטער פון דער לעבעדיקער העברעאישער שפּראַך, דעם אויפריכטיקן און שטילן ציוניסטישן עסקן.

אין פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט

דער אויטאָר

אינהאלט:

ערשטער טייל

				זייט
			צום לייענער	8
			פאָרוואָרט פון דניאל פריש ז"ל	11
1	קאפיטל	א)	אין בודאפעסט מיט הונדערט יאָר צוריק	17
2	"	ב)	דער גימנאזיסט סימאָן מאקסימיליאָן זידפעלד	21
3	"	ג)	מאקס נאָרדויס ערשטע ליטעראַרישע קאַריערע	25
4	"	ד)	צו דער גרויסער, פרייער וועלט	29
5	"	ה)	אין פראַנץ יאָזעפס קייזערלעכער מעטראָפּאָליע	33
6	"	ו)	פון ווין ביז צום קרעמל	37
7	"	ז)	„פון קרעמל ביז אַלהאַמבראַ"	41
8	"	ח)	אין דער אימפעריע פון דיזראַעלי און דיקענס	45
9	"	ט)	„פאַריז, פאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ!"	49
10	"	י)	די ליבע, וואָס איז געוואָרן געפערלעך	54
11	"	י"א)	צו גאַסט אין דער אַלטער היים	57
12	"	י"ב)	צווישן פאַריז און פעסט	61
13	"	י"ג)	ווידער אַ פאַרבאָטענע ליבע	65
14	"	י"ד)	„די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע"	69
15	"	ט"ו)	הערלעכע באַרימטקייט און טרויעריקע איינזאַמקייט	74
16	"	ט"ז)	דער וועג צום יידיש־נאַציאָנאַלן באַקענטניש	78

צווייטער טייל

			זייט
17	קאַפּיטל י״ז)	דער דרייפוס־שטורם	85
18	„ י״ח)	נאָרדויס פרוי, די מאָדערנע רות פון דענעמאַרק	91
19	„ י״ט)	„די סאָציאַלע ראָל פון דער קונסט"	96
20	„ כ)	„ד״ר קאָהן" אויף דער בינע און אין לעבן	101
21	„ כ״א)	נאָרדוי — טעאָדאָר הערצלס גרעסטער און טרייעסטער פריינט	106
22	„ כ״ב)	„די פּאַראַזיטן מוזן שטאַרבן"	111
23	„ כ״ג)	אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל	116
24	„ כ״ד)	דער טריבון פון הערצליאַנישן ציוניזם	124
25	„ כ״ה)	אינם קאַמף קעגן אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים	129
26	„ כ״ו)	דער קדיש נאָך דער מאַמען און דער הספד נאָך היינע׳ן	134
27	„ כ״ז)	מיט ישראל זאַנגוויל אויפן לאָנדאָנער ציוניסטישן קאָנגרעס	140
28	„ כ״ח)	אין געראַנגל מיט סאָציאַלע און גייסטיקע קאָנפליקטן	145
29	„ כ״ט)	אין די טראַגישע טעג פון אוגאַנדאַ־קאַמף	151
30	„ ל)	די רעוואָלווער־שאָס אויף דעם פּאַריזער חנוכה־באַל	158
31	„ ל״א)	נאָך הערצלס טויט, מאַקס נאָרדויס ציוניסטישע גורל־צייט	162
32	„ ל״ב)	דער רופא פון יידישע נשמות און דער דאָקטאָר פון יידישע גופים	170
33	„ ל״ג)	אין דער היימישער סביבה און אין פּאָליטישן קאַמף	175
34	„ ל״ד)	„די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע"	182
35	„ ל״ה)	„היט אָפּ הערצלס ציוניסטישע ירושה!"	187
36	„ ל״ו)	בעת דעם ציוניסטישן געראַנגל אויף קאָנגרעסן און אין דער אָרגאַניזאַציע	195
37	„ ל״ז)	אויף דער שוועל פון דער וועלט־מלחמה	201

דריטער טייל

38	קאפיטל ל״ח)	דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און נאָרדוים גירוש פון פאריז	213
39	„ ל״ט)	אין גלות שפאניע	220
40	„ מ)	צווישן נייע ביכער און אַלטע קונסט־אוצרות	228
41	„ מ״א)	אויף די מיליטערישע פראָנטן און הינטער די פּאָליטישע קוליסן	234
42	„ מ״ב)	דאָס יאָר 1917 און זיינע גרויסע געשעעניש	240
43	„ מ״ג)	ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה און ביים אָנהויב פון שלום־געראַנגל	247
44	„ מ״ד)	דאָס לעצטע יאָר אין שפאניע	252
45	„ מ״ה)	ווידער אויף די קאַמף־פּאָזיציעס פון פּאָליטישן ציוניזם	259
46	„ מ״ו)	צווישן לאָנדאָנער האָפנונגען און אַנטוישונגען	265
47	„ מ״ז)	צוריק קיין פאריז	271
48	„ מ״ח)	„דער מהות פון דער ציוויליזאַציע״ . . .	278
49	„ מ״ט)	יאָרן פון קראַנקהייט און טרויער . . .	285
50	„ נ)	דער 21 יאַנואַר 1923	291
51	„ נ״א)	ביים קבר פון דעם אייראָפּעאישן נביא און יידישן מנהיג	297

צום לייענער

יעדער היסטאָריקער, וועלכער וויל שרייבן וועגן דער געשיכטע פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט און פון אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, מוז באַשטימען אַ וויכטיקן און ערשט־קלאַסיקן פּלאַץ פאַר מאַקס נאָרדויען.

אָבער דער היינטיקער דור ווייסט וויייניק אָדער גאָרנישט וועגן דעם דאָזיקן גרויסן דענקער און שרייבער, דעם אומדערשראָקענעם רעפאָרמאַטאָר און קעמפער. צווישן אונז און דער תקופה פון מאַקס נאָרדויען ליגט אַ תהום פון צוויי וועלט־מלחמות, אַ מורא׳דיקע צייט פון שרעקלעכע ליידן און מאָראַלישער ירידה. אינצווישן איז דער גרויסער נביא פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט ארויס פון זכרון און פאַרגעסן געוואָרן.

יעדער יידישער היסטאָריקער, וועלכער וויל שרייבן וועגן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס ביים סוף פון פאָריקן און ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט, מוז זיך געגנוי און אויספירלעך אָפּשטעלן אויף מאַקס נאָרדויען און זיין פּראָמינענטער ראָל אין דער געשיכטע פון יידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. לאַנגע יאָרצענטער איז מאַקס נאָרדוי געווען און געבליבן דער סימבאָל פון ציוניזם.

אָבער דער היינטיקער יידישער דור, וועלכער האָט איבערגעלעבט די היטלערישע מאַרטירלאָגיע און האָט אויסגעקעמפט מדינת ישׂראל, איז ווייט און אָפּט פרעמד צו יענע פאַרגאַנגענע, ראָמאַנטישע צייטן. דער גרויסער יידישער מנהיג, הערצל׳ס נאָענטסטער און טרייעסטער פריינט, ווערט אָפּט פאַרגעסן אין דער היינטיקער יידישערווירקלעכקייט.

די פייערלעכקייטן בכל תפוצות ישׂראל, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם הונדערטסטן געבורטס־טאָג פון מאַקס נאָרדויען, האָבן געגעבן די געלעגנהייט צו באַנייען אין אונזער זכרון דעם חוב פון דאַנקבאַרקייט, וועלכן דאָס יידישע פאָלק איז שולדיק איינעם פון זיינע בעסטע און באַרימטסטע זין. דאָס האָט אויך מיר געגעבן די איניציאַטיוו צו שרייבן די דאָזיקע ביאָגראַפישע אַרבעט וועגן מאַקס נאָרדויען וואָס דאַרף פונדאָסניי פּאָפּולאַריזירן דעם נאָמען און די וועלט־פאַר־

צווייגטע טעטיקייט פון פאַרשטאָרבענעם אייראָפּעאישן נביא און יידישן מנהיג, צווישן דעם יידיש־לייענענדיקן פובליקום. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז מיין אַרבעט, לפי־שעה, די ערשטע גרע־סערע פובליקאַציע וועגן מאַקס נאָרדויען אין דער יידישער שפּראַך.

איך האָב מיין אַרבעט אָנגערופן מיטן נאָמען: „ביאָגראַפישע שילדערונג". דאָס איז נישט קיין צופאַל, ווייל מיין נאָרדוי־בוך איז נישט קיין מאָנאָגראַפיע אין געוויינלעכן זין און ס'איז אויך נישט קיין ביאָגראַפישער ראָמאַן. מיט דעם דאָזיקן טערמין „ביאָגראַפישע שילדערונג" האָב איך פאַר מיין אַרבעט אויסגעוויילט אַ מין מיטל־וועג צווישן אַ מאָנאָגראַפיע און אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן. די געוויינ־לעכע פאָרם פון אַ מאָנאָגראַפיע וואָלט געוועזן צו סכעמאַטיש און צו באַשרענקנדיק פאַר די שרייבערישע מעגלעכקייטן. די פאָרם פון אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן וואָלט אונז שוין צו־ווייט פאַרפירט אין די וועגן און אומוועגן פון ליטעראַרישער פאַנטאַזיע. די פאָרם פון דער ביאָ־גראַפישער שילדערונג האָט מיר געגעבן די נויטיקע באַוועגונגס־פרייהייט פון אויסדרוק און באַשרייבונג אָבער גלייכצייטיק האָט זי מיך געצוווּנגען צו האַלטן זיך שטרענג ביי די ביאָגראַפישע פאַקטן און זייער טאַטזאַכלעכער ווירקלעכקייט.

איך האָף, אַז מיין ביאָגראַפישע שילדערונג פון מאַקס נאָרדויס לעבן און טעטיקייט, וועט ווערן אַן אימפּולס פאַר יענע שרייבער, וועלכע וועלן דער דאָזיקער טעמאַטיק ווידמען אַן אַנדערע שעפע־רישע פאָרם, זאָל דאָס זיין אַ מאָנאָגראַפיע אין אָנגענומענעם זין, אָדער אַ ביאָגראַפישער ראָמאַן לויט באַקאַנטע מוסטערן.

ס'איז געקומען די צייט צו מאַכן אַ גרינטלעכן און פיל־זייטיקן חשבון הנפש פון מאַקס נאָרדויס יאָרהונדערט, פון דריי דורות יידי־שער און אַלגעמיינער וועלט־געשיכטע. פאַר די שעפערישע טאַלאַנטן פון וויסנשאַפטלער און פּראָזאַאיקער, פון ראָמאַניסטן און פּאָעטן, גיט די דאָזיקע טעמאַטיק גרויסע און אינטערעסאַנטע מעגלעכקייטן.

עס זיינען ביי דער דאָזיקער טעמאַטיק גענוגנדיק פאַראַן די נויי־טיקע הילפס־קוועלן און דאָקומענטאַרישע ווערק. איך אַליין האָב גע־קאָנט אויסנוצן בלויז אַ קליינעם ברוכטייל דערפון. זאָל ביי דער דאָ־זיקער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן מיט שבח דאָס בוך פון אַננאַ און מאַקסאַ נאָרדוי, וואָס האָט מיר שטאַרק געהאָלפן ביי מיין אַרבעט. (דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך, אין יאָר 1943).

מיין בוך האָב איך געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין פאָטער ז"ל. דאָס איז ביי מיר געווען נישט נאָר אַ פּערזענלעכער ענין. איך האָב געוואָלט מיט דעם באַערן און מיט יראת הכבוד און דאַנקבאַרקייט

דערמאָנען יענעם איידלען דור פון ציוניסטישע עסקנים, וועלכע האָבן במשך פון אַ פּאָר יאָרצענטער, אויף אַ שטילן און באַשיידענעם אופן, אויסגעטראָגן אויף זיך, מיט ליבע און התלהבות, דעם גאַנצן שווערן עול פון טאָג־טעגלעכער ציוניסטישער אַרבעט, אין אַ צייט, ווען דער ציוניזם איז נאָך געווען זייער ווייט פון זיין פאַרווירקלע־בונג, און מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ טיפן גלויבן און אַ גרויסע איבערגעגעבנקייט, בכדי צו פּראָפּאַגירן דעם ציוניסטישן אמת צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. ס׳איז געווען יענער העראָאישער און ראָ־מאַנטישער דור פון ציוניסטישע עסקנים, וועלכע האָבן, אליין לעבנ־דיק אָפט אין גאָר שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, געאַרבעט און געקעמפט מיט מסירת־נפש פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, זייענדיק באַגייסטערט פון דעם פּאַראָל פון טעאָדאָר הערצל און מאַקס נאָרדוי: צו לעבן פאַרן ציוניזם און נישט פון ציוניזם!

בראש פון מיין בוך, וועט דער לייענער געפינען דעם פאָרוואָרט, וועלכן דניאל פריש ז״ל, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אין אַמעריקע, האָט אָנגעשריבן און מיר צוגעשיקט אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין פריצייטיקן טויט.

דאָס אַרויסגעבן אַ יידיש בוך איז היינט געוואָרן אַ גאָר שווערע, מיפּולע אויפגאַבע, וואָס איז קודם־כל פאַרבונדן מיט גרויסע געלט־הוצאות. און צוליב דעם, וויל איך דאָ מיט אָנערקענונג אונטער־שטרייכן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע האָט ביי מיר באַשטעלט און אויך פאָראויס באַצאָלט פאַר אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן פון מיין נאָרדוי־בוך און מיט דעם האָט זי דערמעג־לעכט זיין דערשיינען אין דרוק.

דער אויטאָר

פּאַריז, אין נאָוועמבער 1950.

דניאל פריש

פאָרוואָרט צו יעקב צינעמאַנ׳ס נאָרדוי־בוך

מאַקס נאָרדוי איז געווען דער מענטש פון פּאַראַדאָקסן, נישט ווייל ער האָט געוואָלט ווייזן ווי קלוג און וויציק מ׳קאָן זיין, נאָר ווייל ער האָט געזען שאַרפער און טיפער ווי אַ סך פון די פיל־געלויבטע חכמים און אפילו פון די באַרימטע פּירער פון זיין דור. און זען טיפער, הייסט דערזען אַלץ, וואָס ליגט אונטערן אויבערפלאַך, ביזן סאַמע דנאָ פון זאַכן: די באַהאַלטענע אייגנשאַפטן, גוטע און שלעכטע, דעם יצר־טוב און דעם יצר־הרע פונם מענטשן. גייסטו נאָך אַ טרעפּל, הויבן אָן אַרויסצוסטערטשען ווי די סקעלעטן פון פּאַרצייטיקע חיות, די פאַרבאָרגענע ווידערשפּרוכן פון וועלט און מענטש. און נאָך אַ שריט נידעריקער, זעסטו דו אין דער אייביק־פינצטערער הייל פון דער מענטשלעכער נשמה, ראָיען זיך, ווי שלאַנגען, חיה׳שע און אורמענטשלעכע אינסטינקטן און פאַרלאַנגען, וואָס די ציוויליזאַציע מיט אירע אַלע דערגרייכונגען האָט נאָך נישט באַוויזן צו צוימען ווי ס׳געהער צו זיין. דאָס אַלץ האָט נאָרדוי געזען און געשילדערט. נאָך פריער און אפשר נאָך טיפער ווי לאָמבראָזאָ האָט ער געפונען אינם מענטשן די שייכות צווישן געניאַליטעט און שגעון, אַ מאָדנע קרובה׳שאַפט, וואָס וואַרפט אַ גרעלן שיין אפילו אויפן אדם העליון. און פריער פאַר פרוידין האָט ער אַנטבלויזט דעם רויען, אינסטינקטיוון אַפּאַראַט, וואָס דער מענטש, דער „האָמאָ סאַפּיענס" האָט אַזוי קונציק פאַרדעקט מיט זיין פאַרביקן דעקטוך פון ציוויליזירטע סובלימאַציעס און קאָנווענציאָנעלע שקרים.

זייענדיק אַ היסטאָריקער, נאַטור־וויסנשאַפטלער, מעדיצינער, רייזנדער, פּסיכיאַטער, סאָציאָלאָג און קונסט־קריטיקער, האָט נאָר־

דוי צוזאַמענגענומען אַלע זיינע פּילפּאַביקע קענטעניש און פֿון זיי אויסגעשאַרפט אַן אינסטרומענט פֿאַר דער אויספאָרשונג פֿונם מאָדערנעם מענטש. ער, דער גייסטיקער יורש פֿון וואָלטער, האָט געמאַכט אַ חשבון הנפש פֿונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווי דער דאָזיקער זיין פֿאָרגענגער האָט געמאַכט פֿונם אַכצנטן. אָבער נאָך אַ טיפֿערן און קלאָרערן און מיט מער מענטשלעכקייט. עס איז, ווי ער וואָלט גענומען די ליכט־שטראַלן פֿון גאָר דער וועלט און זיי דורכגעלאָזט דורכן פּריזמאַט פֿון זיין ברען־גלאָז, אָנקלייבנדיק אַ שפּע סיי פֿון היץ, סיי פֿון ליכט, און זיי דערנאָך אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אריין דער ציוויליזאַציע פֿון זיין דור. וואָס פֿאַר אַ פּרצוף ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם דאָזיקן אויפבליץ פֿון נאָרדויס שיינוואַרפֿער, ווייסן מיר אַלע: ס'איז דער פּרצוף פֿון דעם פּאָטענציעלן מאַסן־מערדער, וואָס פֿאַר דער וועלט מאַכט ער דערווייל אַ פֿרום פּנימל, דאָס קלאַסישע פּנימל פֿונם היפּאָקריט.

מיט דעם דאָזיקן דיאַגנאָז וועגן דער קראַנקהייט פֿון דער ציוויליזאַציע פֿון נייַנצנטן יאָרהונדערט, איז נאָרדוי צוגעטרעטן צו דער באַהאַנדלונג פֿון דער יידן־פּראַגע. און ווי אַ געניטער און קלאָרזעעוודיקער דיאַגנאָסטיקער האָט ער פֿאַרלאַנגט אַ שנעלע און ראַדיקאַלע אָפּעראַציע־לייזונג: יידן־שטאַט.

קלאָר און נביאיש, ווי עס איז געווען דער דיאַגנאָז, אַזוי איז אויך געווען די קוראַציע. די יידישע מלוכה איז נישט קיין פּלאַסטער, נאָר אַ ראַדיקאַלע אָפּעראַציע אויפֿן יידישן פֿאָלקס־קערפּער, אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן. און אַן אָפּעראַציע, ווי אַ רעוואָלוציע, מאַכט מען נישט אין פֿאַרזעצונגען און אָפּרו־פּויזעס. אַן אָפּעראַציע, ווי רעוואָלוציע, מיינט איינמאָליקע, הגם דויערנדיקע געוואַלטזאַמע ענדערונג, אַ פֿיינלעכער, בלוטיקער שניט, אַן איבערקערעניש, אַ געוואַלט־רים, וואָס טוט טאַקע מוראדיק וויי, וואָס גייט להיפּוך צו יעדער טאָג־טעגלעכער רוטין, אָבער וואָס דורך פּיין און לייד פֿירט ער צו געזונט און לעבן.

דערפֿון האָט זיך גענומען נאָרדויס קעגנערשאַפֿט צום „פּראַקטישן ציוניזם", דער שיטה פֿון לייגן אַ שטיין־אויף־אַ־שטיין, פֿון בויען אַ הויז־נאָך־אַ־הויז. ער האָט נעגירט אַ סתם־קאָלאָניזאַציע אָן אַן אינטערנאַציאָנאַלן טשאַרטער, אָן אַ מלוכה'שן יסוד. ווייל בכדי געזונט צו מאַכן אַ פֿאָלק איז וויניק צו געבן אים מעדיצין־פּילן, מ'דאַרף האָבן אַ פֿולשטענדיק ראַדיקאַלע ענדערונג.

נאָרדויען האָט געפֿעלט דער גלויבן אין דעם נס פֿון עוואָלוציע. ער איז געווען צו ניכטער, בכדי צו זען די נאַציאָנאַלע ישועה אין יעדער יידישער קאָלאָניע. עין חרוד איז פֿאַרט פֿאַר אים נישט געווען

די יידישע גאולה. אפילו נישט צוואַנציק יאָר! הגם זיי זיינען געווען אָן שום ספק, אַ גרויסער און העראָאישער אויפטו. אָבער זיי האָבן ווייניק געענדערט אין דער לייזונג פון דעם אָנגעווייטיקטן יידן־פּראָבלעם. די יידישע גאולה. אפילו נישט צוואַנציק יאָר!

וואָס האָט נאָרדוי געוואָלט? זיין ציל איז געווען: גרויס־ציוניזם, אַ יידן־שטאַט נישט „אויפן וועג", נאָר אין פּראָצעס פון טאָג־טעגלעכער רעאַליזירונג. אַלזאָ, אַ מאַסן־אימיגראַציע אָן אַן אָפּהאַלט, פּאַקטישער באַזיץ פון ארץ־ישראל, שנעלע יידישע מערהייט אין לאַנד און די שאַפונג פון אַ יידישער מלוכה! און דאָס אַלץ נישט אין הונדערט יאָר אַרום, נאָר שוין טאַקע גלייך, הייינט־מאָרגן!

מ'האָט נאָרדויען אָנגעקוקט ווי אַ פאַנטאַסט. אָפט האָט מען זיך געוויצלט אויף זיין חשבון. אים אין פּנים אריין האָט מען געזאָגט, אַז ער לעבט ווייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, און צוליב דעם, קאָן ער נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מאַסן־עליה, וועלכע ער פאַרלאַנגט, איז אוממעגלעך. הינטער נאָרדויס פּלייצעס אָבער, האָט מען וועגן אים געחוזקט ווי פון אַן אומפּראַקטישן בטלן.

נאָך הערצלס טויט, האָט זיך נאָרדוי אָפּגעזאָגט צו ווערן דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געוווסט, אַז זיין פּראָגראַם פון אַ מלוכהישן טשאַרטער־ציוניזם, אַנשטאָט דעם אַזוי גערופענעם „פּראַקטישן ציוניזם", האָט נישט קיין מערהייט אין דעם אָרגאַניזירטן ציוניסטישן לאַגער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע עפנטלעכקייט דערזען נאָרדויען שטיין אויף דער זעלבער ציוניסטיש־מלוכהשער פּאָזיציע. אין יאָר 1920, דריי יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט נאָרדוי אַרויס־גערופן אַ שטורם מיט זיין פאָדערונג, אַז זעקס הונדערט טויזנט יידן זאָלן גלייך אריינגעפירט ווערן פון די מזרח־איראָפּעאישע לענדער קיין ארץ־ישראל.

„נאָך דער פּאָליטישער ציוניזם פאַרמאָגט אַן איינפאַכן און קלאָרן וועג צו דער גאולה", האָט נאָרדוי געשריבן. „מיר דאַרפן האָבן ארץ־ישראל נישט צוליב איר שיינקייט, נאָר צוליב אונזערע בלוטיקע לעבנס־אינטערעסן. מיר מוזן האָבן ארץ־ישראל פאַר אונזערע פאָלקס־מאַסן, כדי מיר זאָלן קאָנען ברענגען אַהין די מיליאָנען פון אונזערע ברידער, וואָס זיינען באַדראָט פון אַ סכנה אויסגעמאָר־דעט צו ווערן אין אוקראַאינע, פּוילן, עסטרייך, אונגאַרן, דייטש־לאַנד".

דאָס אַלץ, לאָמיר נישט פאַרגעסן, איז געזאָגט געוואָרן אין יאָר 1920, ווען עס האָבן נאָך געלעבט די דאָזיקע מיליאָנען פון אונ־

זערע ברידער, וועלכע נאָרדוי האָט געוואָלט אַרויסראַטעווען דורך א מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל.

„מיר מוזן באַקומען דעם מלוכה׳שן באָדן אין ארץ־ישראל", האָט נאָרדוי עפנטלעך פאַרלאַנגט, „און אויף אים וועלן מיר באַזעצן אונזערע ברידער־יידן, צוערשט הונדערטער טויזנטער און דערנאָך מיליאָנען. און נישט אין פופציק אָדער הונדערט יאָר אַרום, נאָר טאַקע גלייך איצט, ווייל מיר מוזן זיי ראַטעווען פון אומקום!". אָט אַזוי נביאיש האָט נאָרדוי געזען און פאָראויסגעזען די יידישע לאַגע אין דער וועלט.

האָט דען נאָרדוי נישט געוווסט וועגן די שוועריקייטן פון ברענגען הונדערטער טויזנטער און אפילו מיליאָנען יידן אין דעם קליינעם, אָרימען ארץ־ישראל? אוודאי האָט ער דאָס גוט פאַרשטאַנען. אָבער זיין תשובה איז געווען: מ׳זאָגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. ס׳איז נישטאָ אַזויפיל הייזער! הייזער? וועלן זיי, די איינוואַנדערער, אין אָנהויב וווינען אין פּאַלאַטקעס, אין געצעלטן. אַלץ בעסער, ווי צו קריגן מיט אַ מעסער אין הארצן. זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו עסן? מיר וועלן זיי באַזאָרגן מיט שפּייז ביז צום נייעם תבואה־שניט. דאָס וועט אָפּקאָסטן ביליאָנען? ביליאָנען נישט, מיליאָנען יאָ! און מיר מוזן זיי שאַפן! דאָס יידישע פאָלק וועט געבן די נויטיקע מיליאָנען, ווען ס׳וועט וויסן, אַז די געלטער וועדן פאַרנוצט אויף ממשותדיקע זאַכן!".

דאָס איז געווען נאָרדויס ענטפער אויף די טענות און ספקות פון די קליינמוטיקע „פּראַקטישע" מענטשן, וואָס אַליין נישט האָבנדיק קיין נביאישע וויזיע, האָבן זיי געלאַכט פון נאָרדויס גראַנדיעזע פּלענער ווי צו ראַטעווען אַ פאָלק, וואָס איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אויפן שוועל פון אונטערגאַנג.

היינט, אַז איר עפנט אַ יידישע צייטונג, גיט אייך אַ שלאָג אין די אויגן דער זעלבער נאָרדוי־נוסח: הונדערטער טויזנטער האַלטן אין איין קומען, מיליאָנען וועלן קומען נאָך זיי, די טויערן פון ארץ־ישראל מוזן בלייבן אָפן פאַר אַלע יידן, ווייל, ווער ווייסט, ווי לאַנג זיי וועלן נאָך קאָנען קומען?

היינט איבערחזרן זיי שוין אַלע דעם דאָזיקן נאָרדויאישן פּאָסטולאַט. אַלע: די פּראַקטיקער, די רעאַליסטן, די עוואָלוציאָניסטן, די ציגל־צום־ציגל און הויז־נאָך־הויז־בויער. אין דער יידישער ווירקלעכקייט האָט פּולשטענדיק געזיגט נאָרדויס נביאישע וויזיע.

און צוליב דעם דאַרף פאַר אונז מאַקס נאָרדוי תמיד זיין ווי אַן אָנזאָג און אַ וואָרנונג. אַן אָנזאָג, אַז לכל הפחות אין עולם האצילות, אין קעניגרייך פון אידייען, גילט נישט גרעשאַם׳ס געזעץ

וועגן דער ערגערער סחורה, וואָס שטופּט אַרויס פון מאַרק די בע־סערע סחורה. און אַ וואָרנונג, אַז מ׳טאָר זיך נישט דווקא פאַרלאָזן אויף די אַזוי־גערופענע פּראַקטישע מענטשן, בפרט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קיום האומה.

נישט־איינמאָל האָט די געשיכטע באַוויזן, אַז נישט זיי, די פּראַקטיקער, נאָר דער אידייען־מענטש אין פאַרבינדונג מיט דעם ווילנס־מענטש, זיינען די, וואָס שאַפן ווונדער און ברענגען צו די גרעסטע איבערקערנישן אין מענטשלעכן לעבן, סיי פון יחיד און סיי פון כלל. די פּשוטע פּוסגייער אין דער גרויסער מענטשלעכער מחנה האָבן זיכער זייער אָרט און ראָל אין דעם מאַרש צום פאָרשריט, אָבער נישט זיי זיינען די וועג־ווייזער. די פירונג געהערט און דאַרף געהערן צו די מנהיגים מיט חלומות אין דער נשמה און מיט וויזיעס אין אויג. און ווייל איז דעם דור, וואָס זיינע וועג־ווייזער זיינען די גרויסע נביאישע בעלי־חלומות. מאַקס נאָרדוי איז געווען דער גרעס־טער צווישן זיי.

ערשטער טייל

מאַקס נאָרדוי

דער אייראָפּעאישער נביא

„ביי מיר עקזיסטירט נישט דאָס וואָרט פאַרצווייפלונג".

מ. נאָרדוי



קאַפּיטל א.

אין בודאַפּעסט מיט הונדערט יאָר צוריק

אויףביידע זייטן פון גרויסן טייך דונאַי, האָבן זיך רחבות־דיק צעלייגט די שטעטלעך בודאַ און פּעסט, וואָס זיינען ערשט אין דער צווייטער העלפט פונם פאָריקן יאָרהונדערט פאַרייניקט געוואָרן אין איין שטאָט, בודאַפּעסט, די הויפּטשטאָט פון אונגאַרן.

ס'איז געווען א הייסער זומער אין יאָר 1849. געברענט האָט אָבער נישט נאָר די הייסע אונגאַרישע זון. דאָס גאַנצע לאַנד איז געשטאַנען אין פייער פון א ליידנשאַפטלעכער נאַציאָנאַלער רעוואָ־לוציע. דאָס מאַדיאַרישע פאָלק איז אויפגעשטאַנען צום באַפריי־אונגס־קאַמף קעגן דער דעספּאָטישער הערשאַפט פון עסטרייכישן קייזער. אין גאַנץ אייראָפּע האָט עס געשטורעמט מיט פרייהייטס־לאַזונגען פון דעם „פעלקער־פרילינג". די גאַסן פון די אונגאַרישע שטעט האָבן זיך באַדעקט מיט באַריקאַדן און אין פּעסט איז גע־שאַפן געוואָרן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע רעגירונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער גרויסער פּאַטריאָט און פאָלקס־טריבון לודוויק קאָשוט.

אין די ענגע געסלעך פון אַמאָליקן פּעסטער געטאָ איז די שטי־מונג געווען א העכסט־געשפּאַנטע. די יידישע יוגנט, נאָך נישט גאַנץ באַפרייט פון מיטלאַלטערלעכן יאָך, האָט געאיילט צו די קאַ־זאַרמעס פון דער נייער נאַציאָנאַלער אַרמיי. די רבנים און די קהלות־פאָרשטייער זיינען כסדר אַרויסגעטרעטן מיט פּאַטריאָטיש־אונגאַרישע מאַניפעסטן און דרשות. אָבער די יידישע הערצער האָבן שטאַרק געציטערט. דורך די גרענעצן פון לאַנד, איז קיין אונגאַרן אַריין א גרויסע אַרמיי פון רוסישע קאָזאַקן, וועלכע דער צאַר האָט געשיקט צו הילף דעם עסטרייכישן קייזער. אין די ענגע יידישע געסלעך איז געוואַקסן די פּאַניק, מ'האָט געוווּסט וואָס פאַרא רוצחים עס זיינען די צאַריסטישע קאָזאַקן און אין לאַנד גופא האָבן נישט געפעלט אייגענע אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס, תמיד גרייט צו שלאָגן יידן און צו רויבן זייער האָב און גוטס.

פון דער נאָענטער פעסטונג אין אָפען האָט מען געשאָסן פון אַרטילעריע אין די גאַסן פון פּעסט. אין דעם גאַנצן יידישן שטאָט־טייל האָבן געציטערט די קליינע שוואַכע הייזלעך, און די דער־שראָקענע יידישע איינוווינער זיינען אַנטלאָפן פאַר פּחד אין די נאָענטע וועלדער און פעלדער. צווישן זיי זיינען אויך געווען די עלטערן פון צוקונפטיקן מאַקס נאָרדוי, ר׳ גבריאל זידפעלד און זיין פרוי רויזע־שרה. זיי זיינען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין און האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ געוויסע צייט אין אַ פויערישער כאַטע. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, דעם 28־טן יולי 1849, איז געבוירן געוואָרן מאַקס נאָרדוי, וועמענס יידישער נאָמען איז געווען שמחה־מאיר.

דער פאָטער, ר׳ גבריאל זידפעלד, איז געווען אַ גרויסער למדן און געלערנטער, נישט נאָר אין דער יידישער וויסנשאַפט נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער. ער האָט געשטאַמט פון מזרח־דייטש־לאַנד און זיין יחוס איז געווען גאָר אַן אַלטער. אין זיין משפחה האָבן געלעבט טראַדיציעס פון גרויסע היסטאָרישע געשטאַלטן, פון גאונים און גבירים ביז צום דור פון אברבנאל. די שפּאַניאָלישע שפּראַך און די ספרדישע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, זיינען קיין־מאָל נישט פאַרגעסן געוואָרן אין דעם הויז פון ר׳ גבריאל זידפעלד. אָפט האָט דער פאָטער געוויזן דעם קליינעם שמחה־מאיר די אַלטע דאָקומענטן און אפילו דאָס בילד פון הויז, וווּ מיט דורות צוריק, האָבן די עלטער־עלטער־זיידעס געלעבט אין אַ שפּאַניש שטעטל. (אַז ערך 60 יאָר שפּעטער, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מאַקס נאָרדוי געמוזט פאַרלאָזן פראַנקרייך און האָט געוווינט אין שפּאַניע, ווי ער האָט באַזוכט דאָס שטעטל פון זיינע אַמאָליקע אבות און דערקענט, לויט די דאָקומענטן, דאָס אַלטע הויז פון די עלטער־עלטער־זיידעס).

ר׳ גבריאל זידפעלד איז געזעסן טאָג־און־נעכט באַשעפטיקט מיט לערנען און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט אויפגעשריבן אַ העברעאישע גראַמאַטיק און איבערגעזעצט אויף דייטש אַ גרויסן טייל פון תנ״ך. אפילו לידער און אַ דראַמאַטיש ווערק האָט ער פאַרפאַסט. געלעבט האָט ער פון פּריוואַטע לעקציעס, וועלכע ער האָט געגעבן אין בעל־ביתישע הייזער. זיין פּרנסה איז אָבער געווען בצמצום, אָפט פאַרבונדן מיט צרות און בזיונות. דער געלערנטער און באַשיידענער תלמיד חכם ר׳ גבריאל האָט דערפון שטאַרק גע־ליטן, ווייל מ׳האָט אים נישט געגעבן הויך אָפּגעשאַצט און נישט תמיד ווי געהעריק אָפּגעגעבן כבוד.

ביי דער פּרנסה האָט געמוזט מיטהעלפן די מאַמע, וועלכע איז געווען גאַנץ טיכטיק אין מסחר־זאַכן. רויזע־שרה, פון דער היים

מיטן נאָמען נעלקין, האָט געשטאַמט פון רוסישע יידן. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ גוטער יידישער היים אין ווילנע און אַ געוויסע צייט איז זי געווען באַשעפטיקט ביים לערער־באַרוף אין פּעסט. רויזע־שרה איז געווען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע מאַמע, פול מיט טרייער, אמתער ליבע און איבערגעגעבנקייט. אויסער דעם קליינעם שמחה־מאיר האָט זי געמוזט זאָרגן נאָך פאַר פיר קינדער, וואָס זיינען געבליבן פון ר׳ גבריאל זידפעלדס ערשטער פרוי.

אין דער דאָזיקער עכט־יידישער, טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסישער סביבה איז אויפגעוואקסן דער צוקונפטיקער אייראָפּעאישער דענ־קער און שרייבער מאַקס נאָרדוי. האָבנדיק אַ פענאָמענאַלן זכרון, האָט זיך שפּעטער נאָרדוי דערמאָנט וועגן זיינע יינגסטע יאָרן, און מיט אַ גרויסן סענטימענט פלעגט ער רעדן וועגן דער אַטמאָספער פון ליבע און יידישקייט, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט אין דער היים פון זיינע עלטערן. ער האָט געדענקט און דערמאָנט אָפט, צווישן אַנד. אַ געשעעניש, וואָס האָט פּאַסירט, ווען ער איז אַלט געווען סך הכל צוויי יאָר. דאָס איז געווען אין אַן אָוונט, ווען די עלטערן מיט די דערמאָנטע פיר קינדער זיינען גראָד געזעסן ביים אָוונט־ברויט. דער צוויי־יאָריקער שמחה־מאיר איז אין צווייטן צי־מער אויפגעשטאַנען פון שלאָף און כאַפּנדיק דעם טאַטנס שירעם, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, האָט ער אים געעפנט און האָט מיט אים שטאָלץ אַריינגעשפּאַצירט צו די בני בית. דער דאָזיקער זעלבסטבאַוווסטער שטאָלץ און מוט זיינען געבליבן די הויפּט־אייגנשאַפטן פון נאָרדויס כאַראַקטער במשך זיין גאַנץ לעבן.

די ערשטע דערציונג האָט דער קליינער שמחה־מאיר באַקומען אין דער פּעסטער יידישער שול, וו ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין זיין פינפטן לעבנסיאָר. די אונטערריכטס־שפּראַך איז געווען דייטש, ווייל צו יענער צייט האָבן די אונגאַרישע יידן באַטראַכט די אונגאַרישע שפּראַך אַלס אַ לשון פון פּראָסטן המון. דער דרך־ארץ ביי יידן לגבי דער דייטשער שפּראַך און קולטור איז דעמאָלט גע־ווען אויסערגעוויינלעך גרויס. ערשט שפּעטער האָט גובר געווען די מאַדיאַרישע אַסימילאַציע.

אין דער פּעסטער פּאָלקס־שול איז שמחה־מאיר געווען איינער פון די בעסטע תלמידים; ער האָט געפונען חן ביי די לערער צוליב זיין פלייס און טאַלאַנט. אין דער היים איז ער אָפט געזעסן מיט דעם טאַטן און געלערנט יידישע למודים. הגם ר׳ גבריאל איז גע־ווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט זיינע אייגענע אַרבעטן און דאגות, האָט דאָך דער קליינער שמחה־מאיר אַ סך פון אים געלערנט און באַלד גוט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון די חומשי־תורה.

די פּעסטער גאַסן זיינען געווען תמיד לעבעדיקע. מיט מאַדיאַרישן טעמפּעראַמענט האָט דאָ געטומלט די יוגנט. שמחה־מאיר איז געווען אַ שטאַרק־געבויט שיין יינגל, ער האָט געפונען גוטע חברים, וועלכע האָבן אים זייער ליב געהאַט. בראש פון אַ חברה יונגווארג, פלעגט ער זיך אַרומיאָגן איבער די בערג פון אָפען און אויף די ברעגעס פון גרויסן טייך דונאַי. די קינדער האָבן זיך דערציילט, אַז מיט דעם שטראָם, אויף אַ קליין שיפל קאָן מען זיך אַריבערכאַפּן קיין ווין, צו דער גרויסער און רייכער הויפּט־שטאָט פון קייזער פראַנץ־יאָזעף דעם ערשטן. די חברה האָט זיך דערציילט וואונדערבאַרע מעשיות וועגן די הערלעכע אוצרות און די פּרעכטיקע בנינים פון דער קייזערלעכער רעזידענץ. אָפט, אַהיימגייענדיק פון דער שול, איז דער קליינער שמחה־מאיר געשטאַנען אויף דעם ברעג פון דונאַי און מיט פאַרבענקטע אויגן נאָכגעקוקט די כוואַליעס, וואָס פליסן ווייט, אין דער גרויסער וועלט אַריין. דער צוקונפטיקער מאַקס נאָרדוי האָט געהאַט אַ רייכע קינדערישע פאַנטאַזיע מיט וווּנדערבאַרע איינפאַלן און המצאות. איינמאָל גאַנץ אינדערפרי, איז ער מיט זיין חברה יונגווארג געלאָפן איבער די געסלעך פון פּעסט, ער האָט טרומייטערט און געשריגן בקול רם: „דער קייזער איז אין ווין דערהרגעט געוואָרן!". פון די הייזער זיינען אַרויסגעלאָפן בלייכע, דערשראָקענע יידישע מענער און פרויען, וואָס זיינען געווען גרויסע אָנהענגער פון קייזער פראַנץ־יאָזעף, אין גאַס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל און געוויין. און ווען דאָס שטעטל האָט זיך דערנאָך באַרויקט הערנדיק, אַז די ידיעה איז אַ שפּיצל פון דעם קליינעם שמחה־מאיר, האָט דער פאָטער, ר' גבריאל זידפעלד, געהאַט אויסצושטיין צוליב דעם, גרויסע צרות פון זיינע בעלי־בתים.

אַ צווייט מאָל האָט שמחה־מאיר באַקומען גוט אָנגעשלאָגן פון אַ לערער אין דער פּעסטער פאָלקס־שול. ווען ער איז אַהיימגעקומען אַ צעהיצטער און צעשלאָגענער, איז זיין מאַמע געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. זי האָט געכאַפּט דעם שירעם פון איר מאַן און מיט אימפּעט איז זי אַריינגעלאָפן צום לערער אין קלאַס. זי האָט אים מכבד געווען מיט אַ פּאָר קלעפּ, דער גאַנצער קלאַס קינדער האָט דערפון געהאַט גרויס הנאה און דער אָרעמער לערער האָט זיך קוים געראַטעוועט, אַרויסשפּרינגענדיק אויפן הויף דורך דעם פאַרטער־פענצטער.

שמחה־מאיר האָט אָפט געטראַכט וועגן זיין גוטער און טרייער מאַמע. די ערשטע אין הויז איז זי תמיד אויפגעשטאַנען און די לעצטע שלאָפן געגאַנגען. וועגן אַלץ האָט זי געטראַכט און גע־

זאָרגט. דאָס בעסטע פאַר די קינדער צוגעגרייט און וועגן זיך אַליין האָט זי אָפּט פאַרגעסן. זי האָט פאַרשטאַנען, הגם די שטוב איז געווען אָרעם, צוצוגרייטן אויף שבתים און יום־טובים פיינע סעו־דות. א סך יאָרן שפּעטער, ווען מאַקס נאָרדויען איז אויסגעקומען צו זיין א פאַרבעטענער גאַסט ביי גרויסע יידישע גבירים, פלעגט ער זיך מיט א פאַרבענקטן זיפץ דערמאָנען אין זיינע קינדער־יאָרן און האָט אָפטמאָל געזאָגט: „ביי דער מאַמען אין שטוב איז דאָך געווען שענער!".

אהיימגייענדיק פון שול אָדער נישט־שלאָפנדיק אַמאָל ביי־נאַכט, האָט דער קליינער שמחה־מאיר ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווען ער וועט נאָר אַביסל אויפוואַקסן, וועט ער זיין א טיכטיקער מענטש, בכדי זיין גוטע מאַמע זאָל מער נישט דאַרפן אַזוי שווער צו אַר־בעטן און זי זאָל פון אים, דעם בן־יחיד, האָבן נחת.

קאַפּיטל ב.

דער גימנאַזיסט סימאָן מאַקסימיליאַן זידפעלד

דער צוקונפטיקער גרויסער אייראָפּעאישער שרייבער און דענ־קער מאַקס נאָרדוי, האָט אין זיין ערשטער יוגנט־צייט איבערגע־לעבט שווערע נסיונות. אין דער פעסטער פאָלקס־שול האָבן זיינע שטאַרקע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן נישט תמיד געפונען פאַרשטענ־דעניש ביי די שטרענגע, קאָנסערוואַטיווע לערער. אין דער גאָס האָט זיך דאָס יינגל שמחה־מאיר אָנגעשטויסן אויף חוצפּהדיקע מאַדיאַרישע שקצים, וועלכע זיינען אָפּט אריינגעקומען אין די געס־לעך פון פעסטער יידן־קוואַרטאַל, און האָבן פּראָוואָצירט געשלעגן מיט דעם יידישן יונגוואַרג, וועמענס אָנפירער און פאַראַנטוואָרט־לעכער באַשיצער איז געוואָרן דער נידעריקער אין וווקס אָבער שטאַרקער אין גוף און גייסט, שמחה מאיר. אויף אים, דעם זון פון געלערנטן ר' גבריאל זידפעלד, האָבן מיט שטאָלץ געקוקט די קינדער פון יידישן פעסט, און מיט פּחד די פאַרעמדע שקצים.

סך הכל זיבן יאָר איז שמחה־מאיר אַלט געווען, ווען ער האָט איבערגעלעבט זיין ערשטע „יוגנט־ליבע", וואָס איז באַלד פאַר אים געוואָרן א טראַגעדיע. דאָס קליינע טעכטערל פון זייער שכנטע, א חנעוודיק מיידל, אין וועלכער ער איז געווען „ליידנשאַפטלעך פאַרליבט", איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. שמחה־

מאיר האָט זיך מיט דעם אַזוי שטאַרק איבערגענומען, אַז ער איז וואָכן־לאַנג געווען ערנסט־קראַנק און די דאָקטוירים האָבן נישט געוווסט מיט וואָס אים צו העלפֿן. דער פֿאַרצווייפֿלטער פֿאָטער, ר׳ גבריאל זידפֿעלד, האָט זיך באַמיט מיט תהילים־זאָגן און מיט קאַבאַליסטישע השבעות צו ראַטעווען דאָס לעבן פֿון זיין געליבטן בן יחיד. דאָס איז אים אויך געלונגען, בפֿרט, אַז די שטאַרקע נאַטור פֿון קינד האָט אים דערצו פֿיל מיטגעהאָלפֿן.

דעם יונגן שמחה־מאירן האָבן אויסערדעם נישט געפֿעלט קיין קלענערע און גרעסערע דאגות. די אָרעמקייט אין שטוב און די אייביקע פֿאַרהאָרעוועטקייט פֿון דער מאַמע האָבן אים שטאַרק מצער געווען און נישט געגעבן קיין מנוחה. אַ טרייסט האָט ער געפֿונען ביי זיין קליין שוועסטערל, וואָס איז פֿון אים יינגער געווען מיט אַ פּאָר יאָר און איז געוואָרן זיין בעסטער פֿריינט און שפּיל־חבר.

ווען שמחה־מאיר איז אַלט געוואָרן צען יאָר, איז ביי אים פֿאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ער האָט פֿאַרענדיקט די פֿאָלקס־שול און איז אָנגענומען געוואָרן אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, וואָס איז אויסגעהאַלטן און געפֿירט געוואָרן פֿון קאַטוילישע גלחים. ר׳ גבריאל זידפֿעלדס זון האָט זיך געפֿונען אויף איינמאָל אין אַ גאָר נייער סביבה. אַוועק איז ער פֿון די יידישע געסלעך און פֿון די אַלטע מנהגים. פֿון שמחה־מאיר איז געוואָרן סימאָן מאַקסימיליאַן. אויף דער וועלט זיינען געקומען נייע ציטן, וועלכע האָבן פֿאַרלאַנגט בילדונג און פּראָגרעס. אַזוי האָבן געהאַלטן אַלע בעסערע בעלי בתים אין דער שטאָט פּעסט. און אפֿילו ר׳ גבריאל האָט געמוזט מסכים זיין, אַז זיין זון זאָל גיין לערנען אין דער שול פֿון קאַטוילישע דערציער. ער האָט זיך אָבער באַמיט, אַז דאָס יינגל זאָל אין דער היים, ביי אים, לערנען יידישע למודים און אַז די אַטמאָספֿער אין שטוב זאָל ווייטער בלייבן די אַלטע, פֿול מיט יידישקייט און טראַדיציע.

אַ סך האָט ער אָבער נישט געקאָנט פּועלן, ווייל סיי די גאַס און סיי די שול האָבן מיט אַלע כוחות אַנטקעגנגעווירקט און מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָפּגעשוואַכט דאָס, וואָס איז געווען טייער און הייליק במשך לאַנגע יידישע דורות. די צייט האָט זיך ווי פֿאַרשווורן אַ סוף צו מאַכן צו דער גאָלדענער קייט פֿון יידיש־טראַדיציאָנעלער ירושה. נייע ווינטן, וואָס זיינען געקומען פֿון מערב־אייראָפּע, בעיקר פֿון דייטשלאַנד, האָבן באַהערשט די יידישע גאַס אין פּעסט. די זיסע, פֿאַרסמטע אילוזיע פֿון אַסימילאַציע האָט מיטגעריסן יונג און אַלט, פֿאַרכאַפּט די מוחות און פֿאַרשיכורט די נשמות. אַלץ האָט געוואָלט ווערן מאָדערניזירט און ציוויליזירט

און דאָס ווי אַמשנעלסטן. מ'איז אַנטלאָפֿן פֿון דעם אַלטן ייִדישן גאָט און פֿאַרגעסן די דורות־לאַנגע אמונה. אַפֿילו פֿאַר דעם שמד האָט מען זיך נישט מער דערשראָקן. בפֿרט די יוגנט, וועלכע האָט געהאַלטן, ווי היינריך היינע, אַז צוליב דעם „איינטריט־בילעט אין דער אייראָפּעאישער קולטור", איז כּדאַי באַלד פּטור צו ווערן פֿון דעם „פֿאַרשימלטן באַלאַסט". די רבנים, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָפּהיטן די ייִדישקייט, זיינען אָפֿט אַליין מיטגעריסן געוואָרן מיט דער געוואַלדיקער כוואַליע פֿון פֿרעמדער אַסימילאַציע. זיי האָבן די אַלטע תּורה געפּרעדיקט אויף אַ דייטשמערישן לשון און מיט באָמבאַסטישע, געשוואָלענע פֿראַזן. זיי האָבן די לעבעדיקע נשמה פֿון דעם היסטאָרישן יהדות פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאָר טרוקענע רע־ליגיעזע צערעמאָניעס און רעפֿאָרמען לויט דעם שטייגער פֿון דער קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער קירך. די דאָזיקע פּריש־געבאַ־קענע איזראַעליטיש־קאָנפֿעסיאָנעלע אימיטאַציע האָט נישט צוגע־צויגן די יוגנט. די אַטמאָספֿער אַרום איר איז פֿול געווען מיט פֿרעמדן נאַציאָנאַליזם, מיט אילוזאָרישן קאָסמאָפּאָליטיזם און מיט אַפּיקורסישן פֿריידענקנטום.

דער 11־יעריקער גימנאַזיסט סימאָן מאַקסימיליאַן איז נישט געווען קיין אויסנאַם. ווען דער טאַטע האָט אים אַמאָל אין אַ יום־טובֿ מיטגענומען אין שול אַריין און האָט אים בעתן דוכענען פֿאַר־באָטן צו קוקן אויף די הענט פֿון די כּוהנים, „ווייל ער וועט בלינד ווערן", איז שמחה־מאיר געווען איינגעשפּאַרט און האָט דווקא יאָ געקוקט. זיין יונגער פֿריידענקערישער גייסט האָט טריאומפֿירט. ער האָט זיך ווידער אַמאָל איבערצייגט אין דעם, וואָס זיין סבֿיבֿה אין דער שול און אַרום דער שול האָט אים כּסדר געזאָגט: „גלויב נישט אין די אַלטע רעליגיעזע אַבערגלויבענישן!".

דאָס פֿעסטער ייִנגל שמחה־מאיר זידפֿעלד, וועלכער האָט זיך איצט גערופֿן סימאָן מאַקסימיליאַן, האָט געזוכט און געפֿונען נייע, מאָדערנע געטער, אין דער ליטעראַטור. ער האָט אַ סך געלייענט, פּראָזע און פּאָעזיע, קלאַסישע און נייע. די יונגע גימנאַזיסטלעך פֿון דער פֿעסטער קאַטוילישער שול האָבן שטאַרק געהאַלטן פֿון זייער חבֿר סימי זידפֿעלד. און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצו־געבן אַ זשורנאַל, געווידמעט ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט, איז איינער פֿון די הויפּט־רעדאַקטאָרן געוואָרן זידפֿעלד. זייענדיק אַלט אַן ערך 13 יאָר, דרוקט ער איינע פֿון זיינע נאָוועלן, אונטער־געשריבן צום ערשטן מאָל מיטן פּסעוודאָנים „מאַקס נאָרדוי". אין דער דאָזיקער נאָוועלע איז באַשריבן געוואָרן אַ וויטע רייזע קיין פּאַריז און איבער גרויסע אָקעאַנען, הגם דער מחבר איז נאָך

קיינמאָל נישט געווען אויסערהאַלב זיינע פעסטער געסלעך. אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט דער יונגער מאַקס נאָרדוי נאָכגעטון דעם באַרימטן זשיל ווערן, וועלכער האָט געשריבן פאַנטאַסטישע רייזע־ראָמאַנען, נישט פאַרלאָזנדיק דערביי זיין ווינאָרט.

מיט זיינע דרייצן לעבנסיאָרן, האָט מאַקס נאָרדוי איבערגע־לעבט צוויי גרויסע געשעענישן. ערשטנס איז ער געוואָרן בר מצוה. דער פאָטער האָט דאָס דאָזיקע געשעעניש געוואָלט פאַראייביקן אויף אַ זייער פייערלעכן און אַלטן טראַדיציאָנעלן אופן, לויט דעם מנהג פון זיינע אבות. און הגם דאָס בר־מצוה־יינגל אַליין איז שוין געווען פריידענקעריש אויפגעקלערט, האָט ער דאָך טיף אי־בערגעלעבט די נייע־אַלטע צערעמאָניעס. ר' גבריאל זידפעלד האָט פאַר זיין זון געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה און אים אויפגעקלערט, אַז פון היינט אָן איז ער געוואָרן אַ דערוואַקסענער מענטש און אַ ייד, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע אייגענע מעשים. דאָס בר־מצוה־יינגל האָט באַקומען אַ פּאָר תפילין אין אַ שיין זיידן אויסגענייט זעקעלע. דערצו האָט ר' גבריאל אָנגעטון דעם זון אַ הויכן קאַפּעלוש, בכדי ער זאָל באמת אויסזען ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. דאָס קליינע, דיקע בר־מצוה־יינגל האָט אין זיין הויכן קאַ־פּעלוש אויסגעזען גענוג קאָמיש און די חברה אויף דער גאַס און אין דער שול האָבן שטאַרק געלאַכט און זיך געוויצלט אויפן חשבון פון הויכן קאַפּעלוש און זיין אייגנטימער. פאַרשטענדלעך, אַז דער שטאָלצער גימנאַזיסט סימאָן מאַקסימיליאַן האָט אַזאַ באַ־ליידיקונג נישט פאַרשוויגן און מיט קלעפּ זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פון זיין נייער קאָפּ־באַדעקונג.

באַלד זיינען די דאָזיקע געשעענישן פאַרגעסן געוואָרן צוליב אַ נייעם, גאָר וויכטיקן ענין. די פּעסטער קאַטוילישע גימנאַזיע איז איבערגעגאַנגען פון דער דייטשער אונטערריכט־שפּראַך אויף מאַדיאַריש. די נייע לערער, פאַרביסענע אונגאַרישע נאַציאָנאַליסטן, האָבן אין דער שול איינגעפירט אַ מאַדיאַריש־שאָוויניסטישן גייסט. פאַר דעם יונגן זידפעלד איז די אַטמאָספער אין דער שול געוואָרן ענג און דושנע. ער האָט זיך נישט געקאָנט דאָרט מער קיין אָרט געפינען. זיין קאָפּ און נשמה האָבן געלעבט און געשאַפן אין דער דייטשער שפּראַך. די דאָזיקע שפּראַך האָט אים, ווי דעם גאַנצן דעמאָלטיקן יידישן דור, אויסגעזען צו זיין דאָס העכסטע לשון פון דער איידעלער, קאָסמאָפּאָליטישער מענטשהייט. שוין דעמאָלט איז ביי דעם 13־יעריקן נאָרדוי געפאַסט געוואָרן דער באַשלוס צו ווערן אַ דייטשער שריפטשטעלער. ער פאַרלאָזט די מאַדיאַריזירטע

שול און פארשרייבט זיך אין דער קאלווינסטישער גימנאזיע, וועלכע איז ווייטער פארבליבן ביי דער דייטשער שפראך.

דאָ, אין דער נייער שול און סביבה, ווערט לאנגזאם רייף דער יונגער שרייבערישער טאלאנט פון מאקס נאָרדוי. ער וואקסט איבער די מויערן פון דער שול און געווינט באלד פּאָפּולאריטעט אין דער גאנצער שטאָטישער פּרעסע און געזעלשאפט. די נאָוועלן, פּאָעזיעס און עסייען פון יונגן פּעסטער גימנאזיסט ווערן געדרוקט אין די טאָג־צייטונגען און אין די ליטערארישע זשורנאלן. קוים 15 יאָר אלט, פּארעפנטלעכט נאָרדוי אין אן ערנסטער צייטשריפט, אויף דער ערשטער זייט, זיין פּאָעמע „נאָסטאלגיאַ" („היימבענקעניש"). סיי דער פיינער סטיל און סיי דער אינטערעסאנטער אינהאלט פון נאָרדוים פּובליקאציעס רופן ארויס אנערקענונג ביים לייענער־פּוב־ליקום. מ'זאָגט אים פּאָרויס א גרויסע צוקונפט. מ'איז שטארק דערשטוינט, ווען מען דערוויסט זיך, אז אונטער דעם פּסעוודאָנים מאקס נאָרדוי באהאלט זיך א יונג יידיש גימנאזיסטל פון פּעסט, דער זון פון ר' גבריאל זידפעלד.

קאַפּיטל ג.

מאַקס נאָרדוים ערשטע ליטעראַרישע קאַריערע

מיט זיינע 15 לעבנס־יאָרן, איז דער פּעסטער גימנאזיסט סימאָן מאקסימיליאן זידפעלד, געוואָרן איינער פון די יונגע פּאָפּולערע געשטאלטן אין דער אָרטיקער זשורנאליסטיק און טעאטער־קריטיק. מ'האָט אלגעמיין באוואונדערט זיין טאלאנט און ארבעטס־פארנעם. אָבער קיינער אין דער דאָזיקער פּראָווינצער הויפּט־שטאָט פון א קליינעם לאנד, האָט זיכער נישט פאָרויסגעזען, אז אין ר' גבריאל זידפעלדס יינגל וואקסט דער צוקונפטיקער גרויסער דענקער און נביא פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט.

שוין דער נייער נאָמען, דער ליטערארישער פּסעוודאָנים מאַקס נאָרדוי, האָט אנטפּלעקט די בולטע כוונה פון יונגן שריפטשטעלער, צו ענדערן לגמרי און ראדיקאל די טראדיציאָנעלע, ביז־איצטיקע לעבנספאָרם פון זיינע אבות. צוליב דעם איז פון זידפעלד געוואָרן נאָרדוי. דער דרום (זיד) איז פארוואנדלט געוואָרן אין צפון (נאָרד). אנשטאט דעם ערגעצוו־פארוואָרפענעם דרומדיקן, אָפּגעשטאנענעם אונגארישן לאנד האָט דער צפונדיקער, הויכאנטוויקלטער און פראָג־

רעסיווער אייראָפּעאישער גייסט, געדאַרפט ווערן דאָס נייע פאָטער־לאַנד פון דעם יונגן פעסטער יידישן שריפטשטעלער און קעמפער. סקאַנדינאַוויע, דער צפונדיקער האַלב־אינזל פון אייראָפּע, איז דע־מאָלט, אין דער צווייטער העלפט פונם 19־טן יאָרהונדערט, געוואָרן אַ מעכטיקע פעסטונג פון נייע גייסטיקע און ליטעראַרישע שטרעמונ־גען און קאַמף־ריכטונגען אין אייראָפּע.

די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור, אין וועלכער עס האָבן געווירקט אַזעלכע פירנדיקע שרייבער און דענקער ווי די דראַמאַטורגן איבסען, ביערנסאָן און סטרינדבערג, דער באַרימטער קריטיקער געאָרג בראַנ־דעס (אַ ייד, אגב) און אַ סך אַנדערע, איז פאַר דער נייער אויפ־וואַקסנדיקער ליטעראַרישער גענעראַציע געוואָרן דער גרויסער לע־רער און וועגווייזער. דער פּסעוודאָנים נאָרדוי איז אַלזאָ נישט גע־ווען קיין צופאַל, ער האָט געהאַט אַ סימבאָלישע באַדייטונג מיט דעם, וואָס ער האָט געוויזן די ריכטונג, אין וועלכער דער יונגער אויפשטורמענדיקער שריפטשטעלער האָט באַשלאָסן צו גיין.

דער נייער וועג איז מאַקס נאָרדויען נישט לייכט אָנגעקומען. דער יונגער שרייבער האָט זיך געמוזט שווער ראַנגלען פאַר זיין צוקונפט. אין פעסט האָבן נישט געפעלט יונגע טאַלאַנטירטע זשור־נאַליסטן, בפרט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. דער 15־יעריקער זשורנאַליסט מאַקס נאָרדוי האָט געמוזט גאָר אויספינדעריש זיין מיט צאַפּלדיק־נייע ידיעות און סענסאַציאָנעלע פּרעסע־קאָמענטאַרן, ביז עס איז אים געלונגען צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער פעסטער ציישונגס־וועלט. ווען די פשוטע טאָג־פאַקטן זיינען געווען צו אָרעם און טרוקן, האָט נאָרדויען צוגעהאָלפן זיין רייכע שעפערישע פאַנטאַזיע. נישט איין אַוואַנטורע איז צוליב דעם אויס־געבראָכן צווישן דעם יונגן זשורנאַליסט און זיינע רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן אים געפּאַקט ביי פאַנטאַסטישע באַפּוצונגען, אין וועל־כע די שרייבערישע דיכטונג האָט אַ סך איבערגעשטיגן די אמתע ווירקלעכקייט. אָבער, נאָך אַלעמען איז דער נאָמען פון נאָרדוי כסדר געוואַקסן, כמעט פון טאָג־צו־טאָג, און די רעדאַקציעס האָבן געמוזט זוכן זיין סטאַבילע מיטאַרבעט.

קודם־כל ווערט דער יונגער נאָרדוי פּאָפּולער מיט זיינע טעאַ־טער־רעצענזיעס. דער נידעריקער אין וואוקס און געשטאַלט, טעאַ־טער־קריטיקער, וואָס איז באמת געווען נאָך אַ יינגל, איז רעגלמעסיק געקומען צו די פּרעמיערעס אין שטאָט־טעאַטער, תמיד אין באַגלייטונג פון זיין שוועסטערל שאַרלאָט. ער האָט זיך צוזאַמען מיט איר אָוועקגעזעצט צווישן אַנדערע טעאַטער־רעצענזענטן און מיט אַ גרויסן ערנסט און זעלבסטגעפיל זיך צוגעהערט צו דער

פאַרשטעלונג פון אָנהויב ביז צום סוף. זיין טעאַטער־קריטיק איז אין דער פּרעסע געוואָרן אַ שם־דבר. דער דירעקטאָר פון שטאָט־טעאַטער האָט נישט געקענט פאַרזענלעך דעם קריטיקער מאַקס נאָרדוי, און ער האָט אַמאָל איינגעלאַדן צו זיך דעם טאַלאַנטירטן שרייבער, וועמענס רעצענזיעס ער פלעגט לייענען מיט גרויס אינ־טערעס. מאַקס נאָרדוי איז געקומען מיט זיין שוועסטערל און האָט דורך דעם טעאַטער־סעקרעטאַר זיך איינגעמאָלדן ביים דירעקטאָר. ווי דערשטוינט איז געוואָרן דער דאָזיקער דירעקטאָר, דערזעענדיק אין זיין קאַבינעט צוויי יונגע קינדער, וואָס האָבן זיך האַרציק גע־האַלטן ביי די הענט. „ווו איז מאַקס נאָרדוי"? — האָט דער דירעקטאָר אויסגעשריגן. דער 15־יעריקער קריטיקער האָט שטאָלץ געענטפערט: „איך בין עס". דער דירעקטאָר האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און אָנגעהויבן ספּאַזמאַטיש צו לאַכן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך באַרואיקט און לסוף זיך אַנטשולדיקט פאַר זיינע יונגע באַזוכער.

אויסער פּאָפּולאַריטעט, האָבן די טעאַטראַלע קריטיק און די זשורנאַליסטיק געגעבן מאַקס נאָרדויען אַ הכנסה פון האָנאָראַרן. די דאָזיקע פאַרדינסטן זיינען אפילו געווען גאַנץ באַשיידענע, אָבער אין אָרעמען הויז־בודזשעט פון ר' גבריאל זידפעלד האָבן זיי גע־האַט אַ געוויסע באַדייטונג. דאָך איז מאַקס נאָרדוי נישט געווען צופרידן מיט דעם אַלעמען. ער האָט געזען דאָס קליינלעכע אין זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט און האָט געחלומט וועגן גרויסע מעשים. זיין האַרץ איז געווען ביי דער פּאָעזיע און די נשמה האָט זיך אויסגעלעבט אין דער ווונדערבאַרער דיכטערישער וועלט. זיין באַ־ליבטער לערער און וועגווייזער איז געוואָרן הייגריך היינע. ביי אים האָט ער געלערנט די טיפקייט פון געפיל און די גייסטרייכקייט פון שאַרפן וויץ. אין די איבערלעבענישן פון גרויסן יידיש־דייטשן דיכטער האָט ער געזען די אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגענעם בענקן און ראַנגלען זיך. ער האָט פאַרשטאַנען די ליידן פון היינעס אָנגע־ווייטיקטער נשמה, און האָט אָפט איבערגעחזרט די באַרימטע היי־נישע פערזן:

„זעלטן האָט איר מיך פאַרשטאַנען,
זעלטן האָב איך פאַרשטאַנען אייך,
נאָר ווען מיר האָבן זיך אין בלאָטע געפונען,
דאַן האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען גלייך" . . .

אָנגעווייטיקט און נאָענט איז נאָרדויען אויך געווען היינעס אי־נערלעכע צעריסנקייט און טראַגישער קעגנזאַץ צווישן זיין יידישן

אָפּשטאָם און דער פרעמדער וועלט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. היינע האָט אָפט זיין יידישקייט געפילט אַזוי ווי דער ענגלישער דיכטער לאָרד בייראָן האָט געפילט זיין פוס־הינקען, דאָס הייסט, ווי אַ מום, פון וועלכן מען קאָן נישט פּטור ווערן. דאָס איז אויך מייסטנס געווען נאָרדויס געפיל.

ביי היינען האָט דער יונגער מאַקס נאָרדוי אויך געלערנט די גרויסע ליבע צום פראַנצויזישן פאָלק און זיין גייסט. היינע האָט אין זיין קינדער־צייט מיט אייגענע אויגן געזען, ווי די אַרמיי פון גרויסן פראַנצויזישן קייזער נאַפּאָלעאָן האָט באַפרייט פון דער געטאָ־שקלאַפעריי די דיסלדאָרפער יידן און אומבאַוווסט האָט דער דאָזיקער געוואַלטיקער יוגנט־איינדרוק מיטגעווירקט אין דער שטאַרקער פראַנצויזן־ליבע במשך פון היינעס גאַנצן לעבן. נאָרדוי, דער זון פון פעסטער געטאָ, האָט די עמאַנציפּאַציע פון די אונגאַרישע יידן נישט געהאַט צו פאַרדאַנקען נאַפּאָלעאָנען, אָבער אויך ער האָט, אפשר אומבאַוווסט, זיין טיפע סימפּאַטיע פאַר פראַנקרייך פאַרבונדן מיט דער יידן־באַפרייענדיקער אידעאָלאָגיע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נאָרדוי האָט געלעבט, געלערנט און געאַרבעט ביי די ברעגעס פון דונאַי, אָבער זיין האַרץ און נשמה זיינען שוין געווען פאַרכשופט מיט דעם ווייטן צויבער פון דער סעקוואַנע. ער האָט געטראַכט וועגן פראַנקרייך און איר וווּנדערבאַרער מעטראָפּאָליע פּאַריז. מיט דער דאָזיקער הערלעכער שטאָט וועט ער טאַקע באַלד, אויף אייביק, פאַרבינדן זיין לעבן און גורל.

ביים שול־לערנען, ביי ליטעראַרישער אַרבעט און טעאַטראַלער קריטיק, צווישן היימישע דאגות און ווייטע חלומות, זיינען נאָרדויען ווידער פאַרגאַנגען גאַנצע צוויי יאָר. ער איז אַלט געוואָרן 17 יאָר. גרויסע געשעענישן האָבן פּלוצלינג פאַרכאַפּט דאָס קליינע לאַנד אונגאַרן. דער קייזער פראַנץ יאָזעף דער 1־טער האָט געפירט מלחמה מיט דעם פּרייסישן מלך, ער האָט מיאוס פאַרשפּילט און זיין מלוכה האָט צוליב דעם איבערגעלעבט אַ טיפן קריזיס, סיי אַ פּאָליטישן און סיי אַ ווירטשאַפטלעכן. אויך אין פעסט האָט זיך דאָס שטאַרק געלאָזט פילן. אַ חוץ אַלעמען, איז נאָך אויסגעבראָכן אַ שווערע עפּידעמיע פון כאָלערע. אַ סך הייזער זיינען צוליב דער קראַנקהייט אָפּגעשלאָסן געוואָרן און די שולן האָט מען פאַרמאַכט. ס'איז גאָר שווער געוואָרן מיט פּרנסה.

נאָרדוי האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פעסט און איינצואָרדענען זיך אַלס דערציער ביי אַ רייכן יידישן גוטבאַזיצער, נישט ווייט פון דער שטאָט. אויסער אַלגעמיינע סיבות, האָט אים דערצו באַוויגן

זיין סיכסוך מיט די עלטערן. ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן ערנסטע זאַכן. אָבער דער יונגער געפּילפּולער זון פון ר' גבריאל זידפעלד האָט זיך אַלץ שטאַרק גענומען צום האַרצן. ס'איז געווען אַ מעשה מיט אַ הונט, וועלכן נאָרדוי האָט דערצויגן אין שטוב און וועלכן ער האָט גערופן מיט דעם פראַנצויזישן נאָמען „גאַר־סאָן". די מאַמע, ווי אַלע יידישע מאַמעס, האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט הינט, און זי האָט דעם „גאַרסאָן", וועלכן זי האָט גערופן „גרשון", משלח געווען. דער קאָנפליקט צווישן די עלטערן און דעם זון האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט צוליב אַ פּרישן ענין. נאָרדוי האָט אין שטוב אריינגענומען אַן אָרעמען, טאַלאַנטירטן חבר און האָט אים מפרנס געווען. פאַרשטענדלעך, אַז די עלטערן האָבן, צוליב דער שווערער צייט, מיט דעם נישט מסכים געווען. און נאָר־דוי האָט לסוף איינגעפּאַקט זיינע חפצים און איז געוואָרן אַ לערער ביי דעם דערמאָנטן גוטבאַזיצער.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, איז מאַקס נאָרדוי געקומען אין אַ נאָענטער באַרירונג מיט דער נאַטור, איר פּראַכט און קראַפט. די איינדרוקן זיינען געווען מעכטיקע און האָבן איבער־געלאָזט אַ שטאַרקע השפּעה אויף נאָרדויס גייסטיקער אַנט־וויקלונג און ליטעראַרישער שאַפונג. דאָס יינגל פון די דושנע פּעסטער יידישע געסלעך האָט זיך איצט אָפּט צוגעקוקט מיט אַ שאַרפער אָבסערוואַציע, צו דעם טאָג־טעגלעכן לעבנסשטייגער פון פּויער. ער האָט באַוואונדערט די פּשטות און דעם כוח־פאַרמעסט פון דעם פּראָסטן ערד־מענטש.דאָ, אין אונגאַרישן דאָרף, אין דער סביבה פון נאַטור און לאַנד־אַרבעט, איז רייף געוואָרן די מענטש־לעכע פאַרשטענדעניש און אויפפאַסונג פון מאַקס נאָרדוי. דער הויכ־אַנטוויקלטער אינטעלעקט האָט אין די נאַטור־כוחות געפונען זיין דערגענצונג און תיקון.

קאַפּיטל ד.

צו דער גרויסער, פרייער וועלט

ס'איז געקומען דער האַרבסט 1867. דער 18־יעריקער מאַקס נאָרדוי איז נאָך כסדר געבליבן ווייט פון דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט, פון זיין פּעסט, ווו אַלץ איז געווען אַזוי לעבעדיק און טו־מלדיק. אין דער פּאָליטיק און אין דער עקאָנאָמיק פונם לאַנד זיינען

דערווייל פֿאָרגעקומען נייע געשעענישן און גרויסע ענדערונגען. נאָך די מפּלות אויף די שלאַכט־פֿעלדער, האָט די האַבסבורגער מאָנאַרכיע פֿון עסטרייך און אונגאַרן געזוכט נייע, מאָדערנערע פֿאָרמען פֿאַר איר ווייטערדיקן קיום. דער קייזער פֿראַנץ יאָזעף האָט באַוויליקט ראַדיקאַלע מלוכהשע רעפֿאָרמען און איז מסכים געווען אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעל ־ ליבעראַלן רעזשים. אונגאַרן האָט אויפֿגעלעבט, באַקומענדיק אַ ברייטע נאַציאָנאַל־מלוכהשע אויטאָ־נאָמיע. איר פּאָליטיק און עקאָנאָמיק האָבן זיך אָנגעהויבן אַנט־וויקלען מיט אַ שטורמישן, שנעלן באַרג־אַרויף. דער מסחר און די אינדוסטריע זיינען כסדר געוואַקסן און אויך דאָס דאָרף האָט שטאַרק פּראָגרעסירט. די קאַפּע־הייזער און די פֿאַרזאַמלונג־לאָקאַלן אין פּעסט האָבן פּולסירט מיט אַ ליידנשאַפֿטלעכן פּאָליטישן פֿאַר־טייען־קאַמף. די אונגאַרישע פּרעסע און ליטעראַטור זיינען אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דעם גייסטיקן און פּאָליטישן געראַנגל פֿונם לאַנד.

פֿון דעם נאָנטן פּעסט, האָט נאָרדוי כסדר באַקומען בריוו און ידיעות פֿון זיינע חברים און פֿריינט. מ'האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל איבעררייסן מיט זיין אידילישן, דאָרפֿישן לעבן און זאָל גלייך צוריקקומען צו דעם קאָכעדיקן פּעסטער וועלטל פֿון זשור־נאַליסטן, ליטעראַטן און פּאָליטיקער. אַדאָלף דוקס, דער רעדאַק־טאָר פֿון דער וויכטיקסטער אונגאַרישער צייטונג „פּעסטער לאָיד״ איז געווען באַגייסטערט פֿון די לידער, נאָוועלן און אַרטיקלען, וועלכע מאַקס נאָרדוי האָט אים צוגעשיקט פֿון זיין דאָרפֿישער איינזאַמקייט, און האָט נישט געקאָנט בשום אופֿן פֿאַרשטיין, פֿאַר־וואָס אַזאַ יונגער און טאַלאַנטירטער שרייבער, ווי מאַקס נאָרדוי, איז ערגעץ אַוועק אין אַ „פּושטאַ־מדבר״.

אָבער ר׳ גבריאל זידפֿעלדס זון איז, ווי זיין פֿאָטער, געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. זיין באַשלוס איז געווען צו בלייבן אויף דעם פּאָסטן אַלס הויז־לערער ביים גוטבאַזיצער, אַזוי לאַנג, ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן. מאַקס נאָרדויס פּרנסה־געבער, דער יידישער גוטבאַזיצער און זיין ווייב, זיינען זייער צופֿרידן גע־ווען מיט דעם נייעם לערער פֿון זייערע קינדער. זיי האָבן שטאָלצירט מיט זיין יחוס און בילדונג. ער האָט די קינדער דערצויגן מוסטער־האַפֿט, געגעבן זיי אַלגעמיין וויסן און יידיש־טראַדיציאָנעלע קענ־טענישן. זיי זיינען געווען גאָר אַנטציקט מיט זיין שטרענגער, לע־רערישער פֿירונג לגבי די תּלמידים און האָבן אים נישט פֿאַריבל געהאַט, ווען ער איז מקפּיד געווען אויף זיין דערציערישן אויטאָ־ריטעט און האָט טיילמאָל די קינדער מכבד געווען מיט אַ פּאָר

ליכטע קלעפּ. די דאָזיקע אונגאַריש־יידישע גוטבאַזיצער, פּאַרמעג־לעכע אָבער פּשוטע מענטשן, זיינען צוגעבונדן געווען צו די אַמאָ־ליקע, יידיש־קאָנסערוואַטיווע דערציונג־מעטאָדן און עס איז זיי שטאַרק געפעלן, וואָס דער פיינער, העכסט־געבילדעטער פּעסטער גימנאַזיסט סימאָן מאַקסימיליאַן קען אויסער די שול־קעגנשטאַנדן אויך לערנען מיט די קינדער חומש און תפילות. יאָרנלאַנג שפּעטער, ווען מאַקס נאָרדוי איז שוין געווען אַ באַרימטער שריפטשטעלער אין פּאַריז, האָבן די דאָזיקע גוטבאַזיצער און זייערע דערוואַקסענע קינדער דערמאָנט מיט שבח און דאַנקבאַרקייט זייער אַמאָליקן הויזלערער.

דער האַרבסט 1867 איז געווען אַ קאַלטער. פּריצייטיק זיינען פאַרגעלט געוואָרן די בלעטער און אַראָפּגעפאַלן פון די בוימער. ס'האָט כסדר גערעגנט און אַ מיאוסע, טרויעריקע נאַסקייט האָט אַלץ באַהערשט. ס'איז אָנגעקומען ראש השנה און אין דאָרף איז געווען אומעטיק. מאָדנע געפילן פון איינזאַמקייט און בענקעניש האָבן אַרומגענומען די נשמה פון 18־יעריקן מאַקס נאָרדוי. ערב יום כפור שרייבט ער צו זיין געליבטער שוועסטער: „דער דאָזיקער חודש פון די ימים נוראים האָט מיך, ביי מיין גאַנצן סקעפּטיציזם און אַטעאיזם, טיף דערשיטערט. עס ציטערן אין מיר די שטימען פון שופר און איך בענק נאָך די יידן, וואָס גייען צו סליחות". די דאָזיקע טראַגישע צעריסנקייט, צווישן דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער מיט זיין סענטימענטאַלן ראָמאַנטיזם, און דעם אַפּיקור־סישן סקעפּטיציזם פון קאָסמאָפּאָליטישן וועלט־בירגער, — וועט נישט איינמאָל באַגלייטן מאַקס נאָרדויען אויף זיין וועג פון פּעס־טער געטאָ צו דער פּאַריזער באַרימטקייט, און פון דאַנען אויף דעם וועג קיין באַזעל, צום ציוניסטישן קאָנגרעס. די דאָזיקע טראַ־גישע צעריסנקייט האָט הייגריך היינען דערפירט, סוף כל סוף, צום שמד. מאַקס נאָרדויען, מיט פופציק יאָר שפּעטער, האָט פאַרן יידנ־טום געראַטעוועט דער ציוניזם.

דער קאַלטער האַרבסט און שווערער ווינטער פון 1867 זיינען ענדלעך פאַרגאַנגען. מיט דעם פרילינג 1868, האָט אויך אַ סוף גענומען צו דעם „דאָרפישן גלות". מאַקס נאָרדוי קומט צוריק קיין פּעסט. עס נעמט אים אויף די הייסע, לייִדנשאַפטלעכע אַטמאָספער פון דער ברוייזנדיקער אונגאַרישער הויפּטשטאָט. דער פרילינג מיט זיין גאַנצער נאַטור־פּראַכט, רייסט נאָרדויען אַרויס פון די עלעגישע, פילאָזאָפישע שטימונגען. פּעסט איז נישט דאָס שטילע דאָרף! מען מוז שנעל לויפן צום ציל! פאַרגאַנגען איז די צייט פון אינערלעכע הרהורים און ספקות. פּעסט יאָגט און מאָנט!

מאקס נאָרדוי נעמט זיך מיט אַ פרישן קוראַזש און מיט אַ גרויסער ענערגיע צו דער ארבעט. ער באַקומט די שול־מאַטורע און פאַרשרייבט זיך אַלס סטודענט אויף דעם מעדיצינישן אוניווערזי־טעט־פאַקולטעט. גלייכצייטיק אַרבעט ער מיט אין דער טאָג־פרעסע. ער שרייבט אַרטיקלען און עסייען, רעצענזיעס אויף ביכער און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פעליעטאָנען און איינדרוקן. זיין נאָמען ווערט ווידער דערמאָנט אומעטום. ביינאַכט לייענט ער אַ סך און געניוי, פון וויסנשאַפט און בעלעטריסטיק. ער פאַרגינט זיך נישט דאָס שלאָפן, ער שפּאָרט פון עסן, בכדי צו קויפן די נייעסטע בי־כער. זיין אַרבעטזאַמקייט איז אויסערגעוויינלעך. ער שטודירט מעדיצין און גיט פריוואַטע הויז־לעקציעס; ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער גרויסער טאָג־צייטונג „דער פעסטער לאָיד" און העלפט אַלס גלענצנדיקער קענער פון דער לאַטיינישער שפּראַך, דעם קאַטוילישן בישאָף פון פעסט ביי וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

וווּנדערבאַר איז אויך מאַקס נאָרדויס טאַלאַנטן־רייכטום. די פּראָפעסאָרן פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט שטאָלצירן מיט אים און האָפן, אַז נאָרדוי וועט ווערן אַ באַרימטער דאָקטאָר. די רעדאַק־טאָרן פון די פעסטער צייטונגען מיינען, אַז נאָרדויס צוקונפט ליגט אין דער פרעסע. די ליטעראַטור־מבינים האַלטן, אַז אין נאָרדוי וואַקסט אַ צוקונפטיקער גאון אויף דעם ליטעראַרישן געביט. דער בישאָף איז איבערצייגט, אַז זיין לאַטיינישער סעקרעטאַר וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער געלערנטער. אַלע באַוווּנדערן דעם יונגן פעסטער יידישן מעדעצין־סטודענט און זאָגן אים פאָרויס אַ שנעלע קאַריערע און אַ הערלעכע צוקונפט.

אָבער נאָרדוי אַליין האָט נישט קיין צייט וועגן דעם אַלעמען צו טראַכטן. ער איז פאַרנומען מיט זיינע אַרבעטן און מיט זיינע דאגות. דער פאָטער, ר׳ גבריאל זידפעלד, איז קראַנק געוואָרן און באַלד גע־שטאָרבן. די מוטער איז שוואַך און דערדריקט. ער, שמחה־מאיר, מוז נעמען דעם גאַנצן עול פון פרנסה אויף זיינע ברייטע אָבער נאָך יונגע פּלייצעס, ער מוז פאַרטרעטן דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן אַלס פירער פון דער פאַמיליע און איר אפוטרופוס.

מוטיק און שטאַרק נעמט אויף זיך מאַקס נאָרדוי די נייע שווערע אויפגאַבן. פולשטענדיק און אויף אייביק איז אַוועק זיין יוגנט; ער האָט נישט קיין קאָפּ און קיין צייט צו דער פריילעכער סטודענטישער אונטערהאַלטונג. נאָר זעלטן, אין אַ רגע פון פאַרטראַכטונג, געפינט מאַקס נאָרדוי צייט צו מאַכן צוקונפט־פּלענער און צו חלומען וועגן דער ווייטער, גרויסער און פרייער וועלט. אָבער שוין ווידער יאָגט די אַרבעט, די פליכט, דער טאָג־טעגלעכער קאַמף.

א פּאָר יאָר זיינען שנעל פאַרגאַנגען. מאַקס נאָרדוי איז אַלט געוואָרן 22 יאָר. אין גאַנץ פּעסט איז ער שוין באַרימט מיט זיינע טאַלאַנטן און מיט זיין אַרבעטסזאַמקייט. פרויען קוקן אים נאָך און וואַרפן אים צו פאַרליבטע בליקן. נאָרדוי האָט שוין אָבער זיין באַשערטע. ער איז טיף פאַרליבט אין א יידיש פּעסטער מיידל, א באַוווּסטע שיינקייט. ער וויל מיט איר חתונה האָבן און בויען צו־זאַמען א שיינע צוקונפט. ער גייט מיט איר אָפט שפּאַצירן אין די ענגע פּעסטער געסלעך און אַלע ווייסן שוין, אַז דאָס איז מאַקס נאָרדוים גרויסע ליבע. אָבער נאָרדוי איז אָרעם און דאָס מיידל זוכט רייכטום. פון דער חתונה און פון דעם צוקונפטיקן גליק איז גאָרנישט געוואָרן.

א פאַרביטערטער און אַנטוישטער באַשליסט מאַקס נאָרדוי צו פאַרלאָזן, אויף תמיד, זיין געבורט־שטאָט פּעסט. ער פאָרט אַוועק קיין ווין, צו דער וועלט־אויסשטעלונג, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פּעסטער לאָיד". פון דאָרט פירט אים דער וועג צו דער גרויסער, פרייער וועלט.

קאַפּיטל ה.

אין פראַנץ יאָזעפס קייזערלעכער מעטראָפּאָליע

אין א זוניקן פרילינג־טאָג פון יאָר 1873 האָט מאַקס נאָרדוי פאַרלאָזט די געבורט־שטאָט פּעסט, די אונגאַרישע הויפּט־שטאָט. מאָדנע געפילן האָבן באַהערשט דעם 24־יעריקן זון פון ר׳ גבריאל זידפעלד. אין פּעסט איז אַלץ צוריקגעבליבן, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט און טייער. די גוטע, איבערגעגעבענע, אַלטע מאַמע, וואָס האָט איר איינציקן בן־יחיד שמחה־סימי ממש אויף די הענט געטראָגן, הגם ער איז נישט מער געווען דאָס קליינע יינגל נאָר איז שוין שטאַרק אויסגעוואַקסן און באַרימט געוואָרן אַלס מאַקס נאָר־דוי. אין פּעסט איז אויך געבליבן זיין שוועסטער שאַרלאָט, וועלכע ער האָט שוין זינט זיינע יונגסטע יאָרן גענומען אין שוץ און האַר־ציק ליב באַקומען. און להבדיל בין החיים והמתים, דאָרטן אויף דעם אַלטן יידישן בית־עלמין איז געלעגן זיין פאָטער עליו השלום, פון וועלכן ער האָט א סך געלערנט און גערירשנט און וועמענס נאָמען ער האָט תמיד אַרויסגעזאָגט מיט גרויס דרך ארץ.

מאַקס נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט אין די ענגע, רוישיקע געסלעך פונם יידישן קוואַרטאַל, וווּ ער איז אויפגעוואַקסן צווישן א מחנה

פון גוטע חברים און שול־קאָלעגן. פאַר זיינע אויגן האָט ער ווי־דער דערזען זיין גאַנצע יוגנט, מיט אַלע אירע פריידן און זאָרגן. פאַרנדיק אין אַ דראָשקע, וואָס האָט אים געפירט צום ווינער וואַק־זאַל, האָט מאַקס נאָרדוי אָבסערווירט, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן און לעצטן מאָל געזען, די ברייטע, מאָדערנע בולוואַרן פון בודאַ־פעסט מיט אירע נייע לוקסוס־בנינים. אָט אין דעם הערלעכן פאַר־לאַמענט־פאַלאַץ איז ער אָפט אַפּגעזעסן גאַנצע טעג און נעכט, צוגעקוקט זיך צום לײדנשאַפטלעכן פאָליטישן פּאַרטייען־קאַמף און געשריבן וועגן דעם אין דער פרעסע אַרטיקלען און איינדרוקן. דאָ ווידער, אין דעם אונגאַרישן נאַציאָנאַל־טעאַטער, איז ער געווען אַ שטענדיקער באַזוכער פון די פּרעמיערעס, און זיינע טעאַטער־רעצענזיעס האָבן אים פאַרשאַפט אַלגעמיינע אָנערקענונג און באַ־רימטקייט. נאָרדוי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם פּרעכטיקן פּאַרק, דעם גן־עדן פון פאַרליבטע פּאָרלעך, וווּ ער איז ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, געווען אויף דעם לעצטן שפּאַציר מיט זיין נישט־באַשערטער ליבע.

אַן אויסדרוק פון טיפן ווייטיק און פאַרביטערונג האָט באַ־דעקט נאָרדויס פּנים. ער האָט מיט צער געטראַכט וועגן זיין מיידל, וואָס איז פון זיין הייסער, ערלעכער ליבע אַוועק צו אַ פרעמדער רייכער וועלט. שווער איז צו פאַרלאָזן פּעסט, וווּ מ׳האָט די טייער־סטע און נאָענטסטע מענטשן אַרום זיך, אַזויפיל פריינט און פאַ־רערער, וווּ מ׳איז אומעטום באַקאַנט און געשעצט. אָבער די גרויסע, פרייע וועלט רופט און לאָקט, הגם זי שרעקט טיילמאָל מיט איר ווייטקייט און פרעמדקייט! נאָרדויס קאַמף־נאַטור האָט פאַר זיך דערזען נייע פּערספּעקטיוון און האָריזאָנטן, וואָס האָבן באַצויבערט מיט זייערע ריזיקע, הגם ריזיקאַלישע מעגלעכקייטן און טריאומפן.

ווין, די הויפּטשטאָט פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימ־פּעריע, האָט מאַקס נאָרדויען אויפגענומען מיט איר גאַנצער פּראַכט און גאַסטפריינטלעכקייט. שפּראַכלעך האָט ווין געהערט צו דעם דייטשן „לעבנסרוים”, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט ווין דע־מאָלט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער דייטשער פּראָסט־קייט און אויפגעבלאָזנקייט. ס׳איז געווען אַ מעטראָפּאָליע פון מו־זיק און קונסט, פון וויסנשאַפט און גייסטרייכער ליטעראַטור, פון אַלטער קולטור און פיינער ציוויליזאַציע. די באַפעלקערונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אויפריכטיקער גאַסטפריינטלעכקייט, מיט איר לוסטיקן טעמפּעראַמענט און איינגעבוירענעם טאַלאַנט פאַר הומאָר. דעם קייזער פראַנץ יאָזעף און דער קאַטוילישער קירך

האָט מען אָפּגעגעבן דאָס וואָס זיי קומט, אָבער בעיקר האָט מען אין זינען געהאַט די דריי־איייניקייט פון „ווײַן, ווייב און געזאַנג". אַ פֿריילעכע, רייכע און פּרעכטיקע שטאָט איז ווין דעמאָלט געווען, אין דער צווייטער העלפֿט פון פֿאָריקן יאָרהונדערט. לויט איר לעבנסשטייגער און פּראַקטישער פֿילאָזאָפֿיע איז עס געווען אַ מין פּאַריז אין צענטראַל־אייראָפּעאישער אויפֿלאַגע. צווישן ווין און פּאַריז איז געלעגן בערלין. אָבער ווין האָט געהאַט ווייניק שייכות צו בערלין, דאַקעגן אַ סך צו פּאַריז, צו דער לוסטיקער און גייסט־רייכער אַטמאָספֿער פֿון דער פּראָנצויזישער פּסיכיק.

דער פֿרילינג פֿון יאָר 1873 האָט זיך גוט פֿאַרשריבן אין די זכרונות פֿון דער קייזערלעכער הויפּט־ און רעזידענץ־שטאָט. אין ווין איז דעמאָלט געוואָרן אַ גרויסע וועלט־אויסשטעלונג, צו וועל־כער עס זײַנען געקומען מחנות באַזוכער פֿון דער גאַנצער וועלט, צווישן זיי קיסרים און מלכים, פֿינאַנץ־מאַגנאַטן און אינדוסטריע־פּאַטענטאַטן. די וועלט־אויסשטעלונג האָט זיך רעפּרעזענטירט אויס־סערגעוויינלעך רייך און אינטערעסאַנט און האָט צוגעצויגן פּרעסע־פֿאַרשטייער מכל תפוצות העולם. צווישן זיי איז אויך געווען מאַקס נאָרדוי, אַלס דער ספּעציעלער שליח פֿון דער גרעסטער אונ־גאַרישער צײַטונג „דער פּעסטער לאָיד". נאָרדויס זשורנאַליסטישע פּענסיע איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאָר הויכע און דאָס האָט בכבוד פֿאַרזיכערט די עקזיסטענץ פֿון נאָרדויען אין ווין און פֿון זײַנע משפּחה־נאָענטסטע אין פּעסט.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „פּעסטער לאָיד" און אין אַנדערע גרויסע בלעטער פֿון מיטל־אייראָפּע, די אינטערעסאַנטע און גייסטרייכע רעפּאָרטאַזשן פֿון מאַקס נאָרדוי וועגן דער ווינער וועלט־אויסשטעלונג. דאָס זײַנען נישט געווען סתם־זשורנאַליס־טישע רעפּאָרטאַזשן, נאָר טיף־דורכגעטראַכטע סטודיעס פֿון פּסי־כאָלאָגישער און סאָציאָלאָגישער נאַטור. נאָרדוי האָט סיסטעמאַ־טיש און גענוי אויסגעפֿאָרשט די באַזונדערע פֿעלקער־פּאַווילאָנען אויף דער וועלט־אויסשטעלונג, ער האָט זיך באַקענט מיט דער פּאָליטישער,ווירטשאַפֿטלעכער און קולטורעלער געשיכטע פֿון די נאַציעס און איז געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט מענטשן פֿון די פֿאַרשידנסטע ראַסן און קלאַסן, וואָס זײַנען פֿון אַלע לענ־דער געקומען צו דער ווינער אויסשטעלונג. אַ באַזונדערע סימפּאַ־טיע און פֿאַראינטערעסירונג האָט נאָרדוי אַרויסגעוויזן פֿאַר די פּאַווילאָנען פֿון פֿראַנקרײַך און איטאַליע. הגם דערצויגן אין דער דײַטשער שפּראַך און ענג פֿאַרבונדן מיט דער דײַטשער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק, איז דאָך מאַקס נאָרדוי גייסטיק נענטער גע־

שטאַנען צו דער ראָמאַנישער קולטור און ציוויליזאַציע. אָן ספק האָבן דאָ שטאַרק מיטגעווירקט נאָרדויס גלענצנדיקע קענטעניש־ן פון דער לאַטייניש־ער שפּראַך און דער וועלט פון דער קלאַסישער אַנטיקע. דאָס ווערט בולט קלאָר, ווען מען לייענט נאָרדויס באַשרייבונגען וועגן די פּאַווילאָנען פון פראַנקרייך און איטאַליע. עס רעדט פון זיי אַרויס די גרויסע ליבע צו דעם עבר פון דער לאַטייניש־ער ציוויליזאַציע און צו דעם הערלעכן הוה פון דער פראַנצויזישער קולטור. אפילו די שווערע מיליטערישע מפּלה פון פראַנקרייך אין יאָר 1870, וועלכע איז נאָך פריש געווען אין זכרון און האָט מיט אַ פאַלשער התלהבותדיקער סוגעסטיע לטובת דייטשלאַנד, באַאיינפלוסט אַ סך באַרימטע שריפטשטעלער, איז פרעמד און ווייט געבליבן צו נאָרדויס וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז געווען און איז דאָס גאַנצע לעבן געבליבן באַהערשט פון פּיעטעט לגבי דעם ראָמאַנישן און פראַנצויזישן גייסט.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף נאָרדויען געמאַכט מיט זיין פּאַרנעם און דערפינדערישער קראַפט דער פּאַוויליאָן פון מאַשינען. דעמאָלט, אין די 80־ער יאָרן פונם פאַריקן יאָרהונדערט, האָט מען פאַרבונדן געוואַלדיקע און הערלעכע אילוזיעס מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק. מיליאָנען מענטשן פון יענעם דור, און צווישן זיי אַ סך געבילדעטע און טיפע דענקער, האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז די טעכניק וועט ברענגען משיחס צייטן פאַר דער דערלייזונג פון דער מענטשהייט. די טעכניק וועט אָפּשאַפן די נויט און די שנאה צווישן מענטשן. די טעכניק וועט לייזן די אָנגעווייטיקסטע סאָציאַלע פראַגן און באַפרידיקן די פּאָסטולאַטן פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. אָט דאָס איז געווען דער אני מאמין פון די בעסטע און איידלסטע דענקער און טרוימער צו יענער צייט, מיט צוויי דורות צוריק. אויך מאַקס נאָרדוי (ווי טעאָדאָר הערצל אַ צען יאָר שפּעטער) איז געווען אַ גרויסער ענטוזיאַסט פון דער טעכניק, און זיינע שילדערונגען פון דעם מאַשינען־פּאַוויליאָן זיינען פול מיט ממש פּאָעטישן עקסטאַז און פּאַטעטישער אמונה אין דער טעכניק, דעם נייעם משיח פון דער מאָדערנער מענטשהייט.

מיט יידן און יידנטום האָט זיך מאַקס נאָרדוי דעמאָלט אין ווין, כמעט נישט צוזאַמענגעטראָפן, הגם אָפענע און פאַרשטעלטע יידן האָט ער געזען אויף שריט און טריט. קיין רעליגיעזע סענטימענטן האָט ער נישט פאַרמאָגט, זיין וועלט־אַנשויאונג איז געווען ראַציאָנאַליסטיש און פריידענקעריש. יידיש־נאַציאָנאַלע געפילן זיינען אים געבליבן פרעמד. די היסטאָרישע תקופה אין יידנטום

איז דעמאָלט אפילו נאָך נישט רייף געוואָרן פאַר דער באַשיידענער, קליינלעכער חיבת ציון. נאָר איינמאָל, אפשר צופעליק, איז מאַקס נאָרדוי געווען אין דער ווינער אָפּערע אויף דער פאָרשטעלונג פון דער באַרימטער אָפּערע „די יידין" און איז טיף דערשיטערט גע־וואָרן צוליב דעם אינהאַלט פון דער יידישער טראַגעדיע. עפּעס אַלטע, כמעט־פאַרגעסענע יוגנטלעכע דערינערונגען און סענטי־מענטן זיינען דערוועקט געוואָרן אין דער נשמה פון דעם אַמאָליקן פעסטער ייִנגל שמחה־מאיר זידפעלד, וועלכער האָט איצט געהייסן מאַקס נאָרדוי.

קאַפּיטל ז.

פון ווין ביז צום קרעמל

שפּאַצירנדיק איבער די רייכע, קאָסטבאַרע פּאַוויליאָנען פון דער ווינער וועלט־אויסשטעלונג, ווערט מאַקס נאָרדוי אָפּט באַ־הערשט פון בענקשאַפט־שטימונגען נאָך דער פּעסטער היים. ער שרייבט צו זיין מאַמע און שוועסטער, אַז זיי זאָלן אים ווי אַמ־שנעלסטן באַזוכן. די שוועסטער האָט נישט געקאָנט קומען, אָבער די אַלטיטשקע מוטער האָט נישט געזשאַלעוועט דעם שווערן וועג, בכדי צו זען איר בן־יחיד. נאָרדוי האָט זיך זייער דערפרייט מיט זיין האַרציקער מאַמע און איז מיט איר געגאַנגען שפּאַצירן איבער די שענסטע ווינער פּלעצער און הערלעכסטע אויסשטעלונג־פּאַווי־ליאָנען. די פרומע, אַלטע רויזע־שרה זידפעלד האָט געשטוינט און אַלץ באַוווּנדערט, אָבער צומייסטן האָט זי באַוווּנדערט איר זון, זיין וויכטיקע שטעלונג און פאָרנעמע האַלטונג. זי איז אַהיימגע־פאָרן פול מיט נחת און מיט אַ דאַנק־תּפילה צום רבונו של עולם, וועלכער האָט איר דאָס אַלץ באַוויליקט צו דערלעבן.

ווידער איז מאַקס נאָרדוי אַליין געבליבן אין זיין נייער פרעמ־דער, הגם טומלדיקער און גרויסאַרטיקער וועלט. ווין און די וועלט־אויסשטעלונג האָבן גראָד באַזוכט מעכטיקע אייראָפּעאישע הער־שער, ווי דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער, — אימפּעראַטאָר פון רוסלאַנד, ווילהעלם — דער קייזער פון דייטשלאַנד, דער קעניג פון איטאַליע און אַנדערע מלכים. צוזאַמען מיט זיי איז אָנגעקומען זייער צאַלרייכע סוויטע. גאַנץ ווין איז געווען אויפגעקאָכט און דער נייגיריקער פאָלקס־המון איז נאָכגעלאָפן די פאַרגאָלדעטע, פּאָמ־פּעזע קאַרעטן פון די מעכטיקע, קייזערלעכע געסט. די פרעסע האָט

טאָג־און־נאַכט געהאַט צו טון מיט כסדרדיקע באַריכטן און אינ־טערוויוען וועגן און מיט די אַלע הויכגעשטעלטע מושלים און זייערע מיניסטאָרן. מאַקס נאָרדוי איז שטאַרק פאַריאַגט געווען מיט די דאָזיקע אויפנאַמען, בעלער און פאַרשטעלונגען. אין זיינע פרעסע־באַריכטן דאָמינירט אַ טאָן פון אַ געוויסער סקעפּטישער באַציאונג לגבי די דאָזיקע מעכטיקע וועלט־הערשער און זייערע פּאָליטישע גענג און דיפּלאָמאַטישע מנהגים. אַ טיפערן איינדרוק האָט אויף מאַקס נאָרדויען געמאַכט גראַף אָטטאָ פאָן ביסמאַרק, דער „אייזערנער רייכסקאַנצלער" פון דייטשלאַנד. נאָרדוי האָט אין אים דערזען די פאַרקערפּערונג פון אַ גרויזאַמער, פאַטאַלער קראַפט, וואָס באַהערשט דייטשלאַנד און גרייט זיך צו באַהערשן אייראָפּע און שפּעטער די גאַנצע וועלט.

נאָכדעם ווי די וועלט־אויסשטעלונג איז געשלאָסן געוואָרן, פאַרלאָזט מאַקס נאָרדוי ווין. זיין ציל און בענקשאַפט איז איצט — פּאַריז. דער רייזע־וועג פירט אים דורך דייטשלאַנד. להיפּוך צום פריערדיקן באַשלוס בלייבט ער אָבער אַ געוויסע צייט אין בערלין. די דייטשע אימפּעריע איז שנעל געוואַקסן און געוואָרן מעכטיק נאָך דעם נצחון איבער פראַנקרייך. די ריזיקע גאָלד־קאָנטריבוציע, וועלכע די פראַנצויזן האָבן געמוזט צאָלן, האָט באַרייכערט דייטש־לאַנד און אַנטוויקלט אַ גרויסע אינדוסטריע־ און פינאַנץ־מאַכט. כמעט פון טאָג־צו־טאָג איז דייטשלאַנד געוואָרן רייכער און אַגרע־סיווער. ס'איז מער נישט געווען קיין גרענעץ פאַר איר וואַקסנדיקןווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און מיליטערישן גרויסמאַכט־שגעון. אין לאַנד האָט געבושעוועט אַן אויפגעבלאָזענער, שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם געפּאָרט מיטן אימפּעריאַליסטישן אַגרעסיע־פאַרלאַנג און אַנטיסעמיטישן ראַסן־פאַרבלענדעניש.

נאָרדוי האָט זיך קריטיש צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן דייטש־פּרייסישן מאַכט־שגעון. ער האָט באַשלאָסן, נעענטער זיך צו באַ־קענען מיט די כוחות און כוונות, וואָס באַהערשן די נייע האָהענ־צאָלערנישע אימפּעריע. ער באַזוכט די פירער פון פּאָליטישע פאַר־טייען און שטודירט די עקאָנאָמישע און גייסטיקע יסודות פון דייטשלאַנד. ער באַקענט זיך נעענטער מיט די פּראָמינענטע רעדאַק־טאָרן און שריפטשטעלער אין בערלין. זייער פריינטלעך האָט אים אויפגענומען דער אַלטער יידיש־דייטשער שרייבער און דענקער בערטאָלד אויערבאַך, וועלכער האָט מיט זיין פּערזאָן געזאָלט רעפּרע־זענטירן אַ מין געלונגענע, אייביקע סינטעזע צווישן יידנטום און דייטשטום. הגם דער נעאָ־אַנטיסעמיטיזם האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, איז דאָך די יידישע אַסימילאַציע געווען לגמרי פאַר־

בלענדט און האָט איבערגעלעבט אירע גלענצנדיקסטע דייטש־נאַציאָ־נאַלע אילוזיעס. אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק האָט אויף נאָרדויען גע־מאַכט דער דעמאָלט באַרימטסטער דייטשער שרייבער פרידריך שפילהאַגען. „ער איז נישט מער יונג", באַשרייבט אים נאָרדוי, „און זיין בלאַס פנים טראָגט אַן אויסדרוק פון אַ טיפן ווייטיק, נאָר זיינע אויגן האָבן אין זיך אַ לעבנס־כוח!". נאָרדוי איז אַן אָפטער גאַסט ביי אויערבאַכן און ביי שפילהאַגענען. ער באַוווּנ־דערט זיי ביידע און איז שטאַרק שאָקירט, ווען ער הערט, ווי אויער־באַך רעדט וועגן שפילהאַגענען, אַז ער איז „אַ פשוטער הונגער־לײַדער" און שפילהאַגען ווידער דריקט זיך אויס וועגן אויערבאַכן: „אָט דער דאָזיקער אַלטער משוגענער".

די וויינאַכט־חגאות פון יאָר 1874 האָט נאָרדוי פאַרבראַכט ביי אַ יידישער פאַמיליע אין בערלין. מ'איז געזעסן ביי אַ פיין־סער־ווירטן טיש, אין שאָטן, אַזוי צו זאָגן, פון אַ ריזיקן, גלאַנציק־באַפוצטן וויינאַכט־בוים און מ'האָט זיך משמח געווען ווי די אמתע קריסטלעך־אַרישע שכנים. אַלע אָנוועזנדיקע זיינען געווען דייטשע יידן, מיט אַ טויף־שיין אָדער אָן אַ טויף־שיין. אָבער סיי די משו־מדים און סיי די, וועלכע האָבן נאָך געצאָלט אַ מיטגליד־ביישטייער אין דער „איזראַעליטישער קולטוס־געמיינדע", האָבן זיך היינט געפילט און געפירט לויט דעם עכטן גויישן וויינאַכט־סדר. די גאַסט־געבער, רייכע אויפגעקומענע גבירים, האָבן זיך באַמיט, אַז דער קריסט־לעך־עוואַנגעלישער ריטואַל זאָל אָפגעהיטן ווערן מיט אַלע פיטשעווו־קעס. דער עולם איז באַלד געוואָרן בגילופנדיק און האָט גענומען הויך זינגען, אַז אַלע קריסטלעכע שכנים זאָלן גוט הערן, די פאַטריאָטישע דייטש־נאַציאָנאַלע לידער. מאַקס נאָרדוי האָט זיך צוגעקוקט, מתחילה מיט נייגיר און שפעטער מיט עקל צו דעם דאָזיקן מיאוסן מאַסקאַ־ראַד. אפשר איז אין אים דעמאָלט, בעת דעם דאָזיקן אומאַנגענע־מען אָוונט, געבוירן געוואָרן דער ערשטער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין און שטאָלץ.

נאָרדוי האָט פלוצלינג פיינט באַקומען בערלין מיט זיין גאַנצער דייטש־פרייסישער און יידיש־איזראַעליטישער אויפגעבלאָזנקייט און פאַלשקייט. ער האָט דעריבער מיט גרויסער צופרידנקייט אָנ־גענומען דעם פאָרשלאָג פון זיין צייטונג „פעסטער לאָיד" תיכף אוועקצופאָרן קיין פעטערבורג, ווו דער פירנדיקער עסטרייך־אונ־גאַרישער מלוכה־מאַן גראַף אַנדראַשי האָט אָנגעהויבן וויכטיקע פאָליטישע פאַרהאַנדלונגען מיט דער צאַרישער רעגירונג.

רוסלאַנד האָט נאָרדויען איבעראַשט מיט איר פאַראַדאָקסאַלער ווירקלעכקייט, וועלכע איז פרעמד און אומבאַקאַנט געבליבן פאַר

אָן אײראָפּעער. דער האָטעל, אין װעלכן נאָרדױ האָט געװױנט, האָט ממש פאַרכישופט מיט זײַן לוקסוס און רײַכטום, װעלכן מען האָט זעלטן געקאָנט טרעפן אין די רײַכסטע פּאַלאַצן פון אײראָ־פּעאישע מאַגנאַטן און הערשער. און גלײַך דערנעבן, נישט װײַט פון דעם דאָזיקן האָטעל, האָט נאָרדױ דערזען דאָס שװערע, עלנטע לעבן פון רוסישע „מוזשיקן", אַ שקלאַפערײַ און עלנט, פון װעלכן אײראָפּע איז שױן לאַנג באַפרײַט געװאָרן. נעבן פאַרװאָרלאָזטע, אָפּגעריסענע װאַגאַבונדן האָט מען געזען הערן און דאַמען אין די טײַערסטע, פאַנטאַסטישע פעלצן.

אפילו דער רוסישער װינטער, מיט װעלכן מ'האָט נאָרדױען אַזױ פיל געסטראַשעט, איז אים פאָרגעקומען מאָדנע און פּאַראַדאָקסאַל. עס איז דאָך נישט אַזױ שרעקלעך, נישט ערגער װי אין פּעסט אָדער װין? און צו װאָס לױפן זײ אַלע אַרום, די דאָזיקע פריצים און פּרינצעסינס, אין פעלצן, װען אין דרױסן װערט נאָר אַביסל קיל? דער גרענעצלאָזער לוקסוס פון אײן זײַט און די אָפּגעלאָזטע אָרעמ־קײט פון דער אַנדערער, האָט אױף נאָרדױען געמאַכט אַ דערשי־טערנדיקן אײַנדרוק. פּעטערבורג האָט אים דערמאָנט פּאַריז ערב דער גרױסער רעװאָלוציע, אָדער װין פאַר דעם מערץ־אױפשטאַנד פון יאָר 1848. נאָרדױ האָט געהערט צו די פּאָר געצײלטע זשור־נאַליסטן, װעלכע האָבן געהאַט די „זכיה" אָנװעזנדיק צו זײַן אין צאַרישן שלאָס, בעת דער רוסישער דעספּאָט האָט אױפגענומען פײערלעך זײַן גאַסט און „פאַך־קאָלעגע", דעם קײזער פראַנץ־יאָזעף. נאָרדױ האָט דאַן פאַר זײַן צײַטונג אױספירלעך באַשריבן דעם פאַנטאַסטישן לוקסוס בעת דער צאַרישער קײזער־אױפנאַמע און האָט ציטירט די פּראַנצװײזישע רעדעס, װעלכע עס האָבן געהאַלטן בײַ דער דאָזיקער געלעגנהײט דער רוסישער צאַר און דער עסט־רײַכישער קײזער. דאָס קריטישע, װײַטבליקנדיקע אױג פון נאָרדױען האָט קלאָר דערזען דעם תהום, װעלכער טײלט אָפּ דעם צאַרישן זעלבסטהערשער פון זײַן פאָלק. דאָס אַלץ איז אים פאָרגעקומען װי אַ לײַכטזיניקער שפּיל אױף אַ געפערלעכן װולקאַן.

פערזענלעך האָט נאָרדױ געהאַט אין רוסלאַנד די גרעסטע באַ־קװעמלעכקײטן און כבודים. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מיט־גליד פון פראַנץ יאָזעפס סװיטע און די צאַרישע הױף־באַאַמטע האָבן אים צוגעגרײט דאָס בעסטע און שענסטע. אין אַ ספּעציעלן לוקסוס־צוג איז נאָרדױ געפאָרן פון פּעטערבורג קײן מאָסקװע. אין דער צאַרישער אָפּערע האָט ער באַװוּנדערט די באַרימטע זינגער און טענצער. אין די פּאָרנעמע רעסטאָראַנען האָט ער מיט שטױנען געקוקט אױף די קאָסטבאַרע דאַמען־טואַלעטן, אַזעלכע װי מ'האָט

זיי נישט געזען אין ווין און בערלין. אָבער נישט דאָס איז דאָס אמתע רוסלאַנד! שטייענדיק אויפֿן מעכטיקן פּלאַץ פֿון קרעמל, אַרומגערינגלט מיט די ריזיקע פֿאַרגאָלדעטע צערקוועס, האָט נאָרדוי געטראַכט: אַ גרויס און מערקווירדיק לאַנד, פֿון וועלכן די וועלט וועט נאָך נישט איינמאָל איבעראַשט ווערן. דאָ, אין קרעמל, איז די נשמה פֿון רוסלאַנד, אָבער ווער פֿון די אייראָפּייער פֿאַרשטייט די דאָזיקע נשמה?

קאַפּיטל ז.

„פֿון קרעמל ביז אַלהאַמבראַ"

נישט לאַנג האָט אַן אייראָפּייער געקאָנט בלייבן אין צאַרישן רוסלאַנד. צו דושנע איז געווען די שטיקנדיקע לופֿט פֿון אויטאָקראַטישן פּאָליציי־רעזשים און צו ענג די באַוועגונג־פֿרייהייט פֿאַר אַ מאָדערנעם מענטשן. מאַקס נאָרדוי האָט פֿאַרקירצט זיין אויפֿהאַלט אין מאָסקווע און פּעטערבורג און ער האָט פֿון זיך אָפּגעטרייסלט די שווערמוטיקע שטימונגען פֿון קרעמל. זיין וועג האָט אים ווידער געפֿירט קיין בערלין. וואָס איז דאָס דורכגאַנג־טויער פֿון רוסלאַנד קיין מערב־אייראָפּע.

די קייזערלעך־דייטשע הויפּטשטאָט האָט אויפֿגענומען נאָרדויען מיט אַ מיאוסן וועטער פֿון אַ כסדרדיקן דראָבנעם און נודנעם רעגן. ס'איז געווען די צייט, ווען דער ווינטער איז אייגנטלעך שוין אַוועק אָבער דער פֿרילינג איז נאָך נישט אָנגעקומען. אויפֿן האַרצן איז נאָרדויען געווען קאַלאַמוטנע און ער האָט זיך אין דעם גרויסן, רוישיקן בערלין נישט געקאָנט געפֿינען קיין פּלאַץ פֿאַר זיין אומרואיקער, פֿאַרבענקטער נשמה. פּעסט, די אונגאַרישע מעטראָפּאָליע, איז שוין געוואָרן ווייט און פֿרעמד. אָבער דאָרט אין פּעסט איז געבליבן די אַלטע, גוטע מאַמע, וואָס האָט תמיד געפֿונען אַ האַרציק וואָרט פֿאַר איר פֿאַרבענקטן בן־יחיד. אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פּאַריזער זשורנאַליסטן און טיכטיקע בערלינער ביזנעס־לייט דערמאָנט זיך נאָרדוי וועגן דעם פֿריילעכן יום־טוב פּורים, וועלכן ער פֿלעגט צו דער דאָזיקער צייט פֿאַרברענגען ביי זיינע עלטערן אין פּעסט. ער זעצט זיך אַוועק און שרייבט אַ לאַנגן בריוו צו זיין טייערער מוטער, אין וועלכן ער דערמאָנט די אַלטע, גוטע אַמאָליקע צייטן און בעט זיך לסוף ביי זיין מאַמען, אַז זי זאָל דורכאויס ווי

אמשנעלסטן אריינשיקן אים, אויף זיין אדרעס אין בערלין, א פעקל מיט אירע המן־טאשן.

נאָרדוי נוצט דאָסמאָל אויס זיין אויפהאַלט אין דייטשלאַנד, בכדי צו באַזוכן אַ פּאָר גרעסערע שטעט און וויכטיקע אָרטשאַפטן. אין האַמבורג באַוואונדערט ער דעם וואַקסנדיקן, געוואַלדיקן טעמפּאָ פון דעם דאָזיקן אַלט־נייעם דייטשן ווירטשאַפט־צענטער. אין דער ים־שטאָט קיל זעט ער, ווי ס'בויט זיך דאָ די נייע מאַכט פונם קייזערלעכן פּלאַט, וואָס חלומט וועגן אַ ממשלה אויף די וועלט־אָקעאַנען. דאָ, אין דער דאָזיקער פעסטונג פון דייטשלאַנדס אימ־פּעריאַליסטישער מאַכט, טרעפט זיך נאָרדוי מיט דעם באַרימטן, גייסטרייכן און טאַלאַנטירטן דיכטער ווילהעלם יענסען. פאַרלאָזנ־דיק באַלד דייטשלאַנד, טראַכט מאַקס נאָרדוי בעת דער נסיעה וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט די מענטשהייט פון דער דאָזיקער מעכ־טיקער, געפערלעכער מאַכט־מאַשין, וועלכע ווערט איצט מיט אַזוי פיל ענערגיע און פלייס מאָנטירט אין דער האָהענצאָלערנישער אימפּעריע. ער פּרוווט זיך צו טרייסטן, אַז אויסער די פּרייסישע גענעראַלן און יונקערישע באַראָנען, לעבן נאָך אין דייטשלאַנד מענטשן פון גייסט, גרויסע דענקער און דיכטער, ווי ווילהעלם יענסען, און זיי וועלן, האָפנטלעך, ראַטעווען אייראָפּע פון דער מוראדיקער סכנה, וואָס דראָט איר און דער גאַנצער וועלט מצד דעם ווילדן, רויבערישן דייטשן אימפּעריאַליזם. נאָרדוי קאָן זיך לאַנג נישט באַרואיקן און עס פּייניקט אים דער צווייפל: ווער וועט אין דער נאָענטסטער צוקונפט דעצידירן אין דייטשלאַנד, ווילהעלם יענסען אָדער ווילהעלם האָהענצאָלערן, דער מיט גרויסקייט־שגעון אין וועלט־הערשאַפט אויפגעבלאָזענער דייטשער קייזער? נאָרדוי פילט אינסטינקטיוו, אַז פון דער דאָזיקער תשובה איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט, און אַ שאָטן פון אַ טראַגישער פאַרצווייפלונג באַפאַלט זיין נשמה, אַרויסרופנדיק שטימונגען פון טיפן סקעפּטיציזם און פעסימיזם.

פון די אומעטיקע געדאַנקען באַמיט זיך נאָרדוי צו באַפרייען, ווען ער קומט קיין דענעמאַרק. שוין לאַנג האָט ער געחלומט צו באַזוכן סקאַנדינאַוויע, די מלוכה פון די ריזיקע פיאָרדן און פון די גרויסע גייסטער. אפילו זיין ליטעראַרישן פּסעוודאָנים „נאָרדוי" האָט ער דאָך גענומען פון נאָרד, פון צפון, צו וועלכן די דאַמאָלס־דיקע אייראָפּעאישע יוגנט און גייסטיקע עליטע האָבן געקוקט מיט באַוואונדערונג און התפעלות. די קליינע, אָבער אינטערעסאַנטע דענישע רעזידענץ־שטאָט קאָפּענהאַגן האָט נאָרדויען, נאָך דער בער־לינער פּוסטקייט, באַגייסטערט און דערפרישט. ער באַזוכט בסדר

די טעאַטערן און ווילט זיך גוט אויף פאָלקס־פאַרשטעלונגען. אַ גאַנצן טאָג גיט ער אוועק, בכדי צו באַקענען זיך מיט דער קעניג־לעכער רעזידענץ, מיט איר שלאָס און סביבה. דעם צווייטן טאָג גייט ער צו דעם באַרימטן דיכטער האַנס קריסטיאַן אַנדערסען. דער אַלטער דענישער שרייבער נעמט אויף דעם יונגן זשורנאַליסט פון פּעסט, מיט אַ גוטמוטיקער פריינטשאַפט. לאַנג זיינען זיי געזעסן, פאַרטון אין אַן אינטערעסאַנטן שמועס וועגן אייראָפּעאישער ליטעראַטור און קולטור. אַנדערסען האָט ווייניק גערעדט און מער זיך צוגעהערט צו די ליידנשאַפטלעכע ווערטער פון זיין יונגן גאַסט. נישט אַלץ איז אים געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, אָבער די יוגנט האָט איר רעכט אויף שטורמישער התפעלות און התלהבות. נאָרדוי האָט געקוקט אויף אַנדערסענען, ווי אויף אַ הערלעכער תקופה, וואָס פאַרגייט און קומט שוין קיינמאָל נישט מער צוריק. אַנדערסען און נאָרדוי זיינען נאָענט געזעסן צוזאַמען, אָבער צווישן זיי איז געלעגן אַ תהום. זיי זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן! אפשר צוליב דעם, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַזוי אַלט און דער צווייטער אַזוי יונג. און אפשר אויך צוליב דעם, וואָס איינער פון זיי איז געווען דער אויסדרוק פון דער נאָרדישער קריסטלעך־אַרישער, אייראָפּעאישער מענטאַליטעט און פּסיכיק, בעת דער צווייטער איז געווען דער זון פון ר׳ גבריאל זידפעלד אין פּעסט, און האָט אין זיך, באַוווסט אָדער אומבאַוווסט, געטראָגן די טויזנטער־יעריקע ירושה פון וויטן סעמיטישן מזרח.

אָבער קיין שייכות צו יידן און יידנטום האָט מאַקס נאָרדוי דע־מאָלט נישט געהאַט און זיכער נישט געוואָלט האָבן. ווען ער קומט פון קאָפּענהאַגן קיין שטאָקהאָלם, דער הויפּטשטאָט פון שוועדן, מאַכט מען אים אין הויז פון אַ רייכן קינסטלער־ און שרייבער־פריינט אַ באַנקעט, צו וועלכן עס זיינען געקומען אַ סך געסט פון דער גייסטיקער און פינאַנציעלער שטאָט־עליטע. צווישן זיינע איינ־דרוקן פאַרשרייבט דעמאָלט נאָרדוי: „אינטערעסאַנט, אַז אַזויפיל יידן און יידענעס זיינען אַנוועזנדיק געווען אויף דעם אָוונט לכבוד מיין באַזוך. איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דאָס אויסדערווייל־טע פאָלק איז אַזוי צאָלרייך רעפּרעזענטירט אויך אין שוועדן". קיין באַזונדערע סימפּאַטיע פון נאָרדוין לגבי זיינע „גלויבנס־גענאָסן" פילט זיך נישט אין די דאָזיקע פּאָר ווערטער. אפשר איז אין דעם שולדיק געווען דער נישט־תמיד אַנגענעמער טיפּ פון רייכע יידן, וואָס „מוזן" זיך שטופּן אויף אַלע באַרימטע פייערלעכקייטן און אויפנאַמען. און אפשר, איז שולדיק דער אַסימילאַטאָריש־יידישער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, פון וועלכן די יידישע אינטעלעק־

טואַליסטן, און מאַקס נאָרדוי בתוכם, האָבן דעמאָלט שטאַרק געליטן.

שטאָקהאָלם האָט אויף נאָרדויען געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק. ער באַוווּנדערט די שוועדישע הויפּטשטאָט און איז פון איר ממש באַצויבערט. אין זיין רייזע־בוך, וואָס איז מיט אַ צייט שפּעטער אַרויס אין דרוק אונטער דעם טיטל: „פון קרעמל ביז אַל־האַמבראַ", שרייבט נאָרדוי, אַז אַזאַ הערלעכע אָרטשאַפט ווי שטאָקהאָלם האָט ער אין זיין לעבן נישט געזען. מן הסתם האָט דעם דאָזיקן ענטוזיאַסטישן איינדרוק נאָך פאַרטיפט די באמת־קעניגלעכע אויפנאַמע, וועלכע נאָרדוי האָט געפונען אין שוועדן. מיט אַ גרויסער סאַטיספאַקציע האָט דער 25־יעריקער יידישער זשורנאַליסט און ליטעראַט פון פעסט געקאָנט פעסטשטעלן, אַז זיין נאָמען איז שוין באַרימט און באַקאַנט אין די ברייטסטע קרייזן פון דעם איירא־פּעאישן פּרעסע־פּובליקום. וועגן דעם האָט אים אויך איבערצייגט די פייערלעכע אויפנאַמע אינם שלאָס פון שוועדישן קעניג.

מאַקס נאָרדוי האָט געקאָנט זיין שטאָלץ און גליקלעך מיט זיינע דערגרייכונגען צום 25־טן לעבנס־יאָר. ער איז געווען געזונט און באַרימט, מאַטעריעל גוט פאַרזיכערט און מיט אַ מעכטיקן לעבנס־אימפּעט באַוואָפנט. זיין נידעריקער אָבער שטאַרקער קערפּער, מיט די ברייטע, פעסט־געבויטע פּלייצעס און מיט דער גוט־אַנטוויקלטער, מאַסיווער ברוסט, איז געווען אַן אויסדרוק פון כוח און פון גלויבן אין זיך. די פיין־געפלעגטע באָרד האָט אים צוגעגעבן אַ הדרת־פּנים. די געדיכטע האָר אויפן קאָפּ, טונקל־ברוינע אין דער פאַרב, און אַרויפגעקעמטע לויט דער פריזור, האָבן זיין אויסזען צוגעגעבן דעם קאָלאָריט פון יוגנטלעכן פייער. נאָרדוי האָט געקאָנט רעכענען אויף דערפאָלג אויך אין זיין גאָר־פּערזענלעכן, ריין־מענטשלעכן לעבן. אָבער דערצו האָט אים געפעלט די צייט און אויך דאָס לייכטע געמיט. ער האָט נישט דערלערנט די נייע טענץ און זיין גאַנצע טאַנץ־תורה איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין דעם פּראָסטן, הגם ליידנשאַפטלעכן נאַציאָנאַל־אונגאַרישן „טשאַרדאַש", וועלכן ער פלעגט אַמאָל אַלס פעסטער יינגל, טאַנצן אין דער שול און אין דער גאַס.

אויף דער קליינער שיף, וועלכע האָט געפירט נאָרדויען דורך דעם צפונדיקן ים קיין ענגלאַנד, איז די רייזע נישט געווען באַזונדערס באַקוועם. נאָרדוי האָט שווער געליטן צוליב דער ערשטער ים־נסיעה און ליגנדיק אין בעט, האָט ער צום ערשטן מאָל, זינט אַ פּאָר יאָר, געפונען צייט זיך אַריינצוטראַכטן אין זיין ביזאַיצטיקן לעבן און צו מאַכן אַ געוויסן דין וחשבון. ער האָט זיך פילאָזאָפיש

פּאַרטיפּט אין דעם גאַנג און ציל פון מענטשלעכן לעבן און שטערבן און איז באַהערשט געוואָרן פון הבל־הבלימדיקע רעפלעקסן. זיין פּערזענלעכער גורל און קיום איז אים איצט פאָרגעקומען אַזוי שוואַך און הילפלאָז, ווי די דאָזיקע קליינע שיף אויף דעם ריזיקן, אומענדלעכן שטח פון ים. נאָרדוי האָט גענומען טראַכטן וועגן ענגלאַנד, צו וועלכן עס פירט אים איצט זיין ים־וועג. ער האָט נישט בדעה געהאַט דאָרט לאַנג צו פאַרבלייבן. מ׳מוז דאָך שנעל און אַלץ זען! דאָס לעבן איז קורץ און די וועלט איז גרויס! נאָך ענגלאַנד וועט ער פאָרן קיין פּאַריז, זען פראַנקרייך און דאַן איי־טאַליע און שפּאַניע. זיין נשמה האָט שוין געבענקט נאָך גראַנאַדאַ און אַלהאַמבראַ, צו דעם לעגענדאַרן לאַנד פון זיינע ווייטע אבות, וועגן וועלכע דער פאָטער ר׳ גבריאל האָט געהאַט אַזויפיל צו דער־ציילן, דערמאָנענדיק דעם גרויסן פירשט אברבנאל און דעם שרעק־לעכן גירוש ספרד. נאָרדוי האָט אין זיין זכרון נאָטירט זיינע ביז־איצטיקע רייזע־איינדרוקן און געמאַכט פּלענער וועגן זיינע צו־קונפטיקע נסיעות. דאָ, אויפן דאָזיקן שיפל, איז ביי נאָרדויען אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן דעם רייזע־בוך, וואָס וועט זיך רופן: „פון קרעמל ביז אַלהאַמבראַ".

קאַפּיטל ח.

אין דער אימפּעריע פון דיזראַעלי און דיקענס

לאָנדאָן האָט אויף מאַקס נאָרדויען געמאַכט אַ מעכטיקן איינ־דרוק. ער איז צום ערשטן מאָל געווען אין דער ריזיקער הויפּט־שטאָט פון דער בריטישער אימפּעריע און איז לאַנג געבליבן אונ־טער דער טיפער השפּעה פון זיין לאָנדאָנער באַזוך. ער האָט באַ־וואונדערט דעם ענגלישן פאַרנעם פון אימפּעריאַלער ברייט־קייט און איר שטאַרקן לעבנס־כוח, און האָט מיט נייגיריקייט נאָ־טירט די באַזונדערקייטן און משונהדיקע מנהגים פון דער אַלטער, מערקווירדיקער טראַדיציע. נאָר אַ פּאָר געציילטע ים־מיילן, האָט נאָרדוי ביי זיך געטראַכט, טיילן אָפּ די דאָזיקע ענגלישע אינזלען פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט, און דאָך איז דאָס נישט מער איי־ראָפּע. נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט אין זיינע רוסישע רייזע־איינ־דרוקן און איז געקומען צו דער מסקנה, אַז איינגנטלעך ליגט אייראָפּע צווישן רוסלאַנד און ענגלאַנד. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט

מאַקס נאָרדוי ערגעץ ווו אין אַ זשורנאַל געלייענט אַ פּראָזע פון אַ באָוווסטן זשורנאַליסט און פּאָליטיקער וועגן דעם, אַז „אייראָפּע וועט זיין אָדער רוסיש־קאָזאַקיש אָדער ענגליש־דעמאָקראַטיש!" און אפשר איז אייראָפּע ביכולת אויסצובילדן איר אייגענעם לעבנס־שטייגער, וואָס וועט זיין נישט רוסיש און אויך נישט ענגליש?

די דאָזיקע פראַגע און אויך אַנדערע שאלות און ספקות האָבן זיך דערוועקט ביי נאָרדויען, בעת ער איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען איבער די לאָנדאָנער פּלעצער און גאַסן. וואָס פאַראַ מערקווירדיקע אויסמישונג פון פאַרשידנסטע דורות און לענדער זעט מען דאָ אין דער בריטישער וועלט־מעטראָפּאָליע. געוויסע געשטאַלטן פון די דורכגייער האָבן לגמרי דערמאָנט פּערסאָנאַזשן פון קלאַסישע ענג־לישע דראַמען און ראָמאַנען. נאָרדוי האָט לעבעדיק פאַר זיך געזען די וועלט, וואָס איז אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט געוואָרן דורך דעם בארימטן ראָמאַנען־שרייבער טשאַרלס דיקענס. דאַכט זיך, אַז די לאָנדאָנער גאַסן זיינען אויך אַ מין מוזעאום פון פאַרגאַנגענע ציטן. מיט זיין קינסטלערישן אָבסערוואַציע־טאַלאַנט נאָטירט מאַקס נאָרדוי: „אויף דעם אויטאָבוס איז געשטאַנען אַ דזשענטעל־מען, פראַכטפול געקליידט מיט ווייסע הענטשקעס פון קאָזע־לעדער און מיט בלישטשענדיקע שטיוול, וואָס זיינען געוועזן צוגעקנעפּט פון דער זייט. אַ בלויער, זיידענער שאַל האָט אַרומגענומען דעם פיינעם קאָלנער, און ווי מיט צוויי פליגלען צונויפגעהאַלטן פון ריזיקע מעטאַלענע קנעפּ, האָט ער כסדר געקלאַפּט אויף די הענט פון דזשענטעלמען. אויף דעם קאָפּ האָט ער מיט שטאָלץ געטראָגן אַן אויסערגעוויינלעך הויכן קאַפּעלוש. אָט דער דאָזיקער איינ־דרוקספולער דזשענטעלמען איז געווען דער שאָפער פון אויטאָבוס. ער איז אַ „ברודער" פון זיין פאַך־קאָלעגע אין פּעסט, וועלכער טראָגט ביי דער אַרבעט אַ לאַנגן קאַפּטן און גיט סיגנאַלן מיט זיין טרומייטער. אגב, דער קעלנער אין רעסטאָראַן טראָגט קורצע אַרבל אָבער דערפאַר אַ גאָר הויכן קאַפּעלוש".

דאָס ענגלישע עסן האָט נאָרדויען נישט זייער געשמעקט. אין זיין אונגאַרישער היים איז ער געוווינט געווען צו עסן אַ סך און פעט. אָבער אין די לאָנדאָנער רעסטאָראַנען האָט מען די געסט דערלאַנגט קליינע פּאָרציעס, ווי פאַר קינדער אָדער קראַנקע. נאָך אַזאַ מין מיטאָג־ — אָן־אָוונט־עסן איז נאָרדוי געווען הונגעריק און האָט זיך געהייסן געבן אַ פלייש־בראָטן מיט אַלע צוגאָבן. נישט איינמאָל האָט מאַקס נאָרדוי געזיפצט, דערמאָנענדיק זיך דעם פּיי־נעם „פּעסטער גולאַש" אָדער די „יידישע פיש", וועלכע ער האָט געגעסן ביי זיין מאַמען אין שטוב. אין זכרון זיינען אים געקומען

די ווערטער פון טאַטן, ר׳ גבריאל זידפעלד, וועלכער האָט אים, דעם ייִנגל, וואָס האָט געחלומט וועגן ווייטע רייזעס, געוואָרנט, אַז נישט איינמאָל וועט ער זיך אין דער פרעמד דערמאָנען: „זכרנו את הדגה אשר אכלנו במצרים".

אָבער נישט צוליב דעם עסן איז נאָרדוי געקומען קיין לאָנדאָן. ער האָט געשמאַק געלערנט די ענגלישע שפּראַך, פון דער סביבה און ביי אַ לערער. גלייכצייטיק האָט ער געזוכט און געפונען די געזעלשאַפט פון פרעמד־שפּראַכיקע באַקאַנטע און האָט בזה האופן זיך אויסגעלערנט אויסער פראַנצויזיש אויך אַביסל איטאַליעניש און שפּאַניש. אָפט און לאַנג איז ער געזעסן אין „בריטיש־מוזעאום" און אין אַנדערע ביבליאָטעקן. ס'איז דאָ געווען וואָס צו לייענען און צו שטודירן. נאָרדוי איז געווען ממש איבערגליקלעך, ווען ער האָט איינמאָל דורכגעקוקט דעם קאַטאַלאָג פון דער העברעאישער אָפּטיילונג אין „בריטיש מוזעאום" און געפונען צוויי ביכער נאָ־טירט: זידפעלד גבריאל: „אחוזת מרעים", פּראָג 1825; און זיד־פעלד גבריאל: „קוהלת", פּראָג 1850. נאָרדוי איז געווען שטאָלץ מיט זיין פאָטער. ס'איז אַ מהלך פון פעסטער געטאָ צום „בריטיש מוזעאום", און דאָך איז דער נאָמען פון זיין געלערנטן און באַ־שיידענעם פאָטער נישט פאַרגעסן געוואָרן!

דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך מאַקס נאָרדוי נישט געקאָנט גע־פינען קיין מנוחה. די גאַנצע יוגנט האָט ווידער אויפגעלעבט אין זיין זכרון און די נשמה איז באַהערשט געוואָרן פון אַ טיפער בענק־שאַפט. שפּעט־לאַנג איז ער אויף די לאָנדאָנער גאַסן נאָכגעגאַנגען אַ מוזיק־קאַפּעלע פון אַ מאַן צען, וואָס האָט מאַרשירט פון הויז צו הויז און האָט אויף אירע אינסטרומענטן: פליטן, טרומייטערס און פויקן אויסגעשפּילט די פאַרשידנסטע ניגונים. פאַרטראַכט וועגן פעסטער געסלעך און יוגנט־זכרונות, האָט נאָרדוי מיט מערק־ווירדיקע אויגן אָבסערווירט די דאָזיקע מוזיקאַנטן, ערנסטע, מיט בערד באַוואַקסענע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי אומדערמידלעך און פייערלעך געטון זייער קינסטלערישע מלאכה. ס'איז שוין געוואָרן אָוונט און נאָרדוי האָט פאַרבלאָנדזשעט צו דעם וועלט־באַרימטן הייד־פּאַרק, ווו יעדער קאָן זיך עפנטלעך אַוועקשטעלן און דרשע־נען פאַר אַ נייגעריקן פּובליקום. עפּעס אַ מאָדנע קראַפט האָט דאָס־מאָל געשטויסן נאָרדויען אויפצוטרעטן צווישן די רעדנערס. אין זיין, נאָך נישט לגמרי פּערפעקטן, ענגלישן לשון, האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע וועגן דעם אידעאַל פון פעלקער־פאַרברידערונג און שלום־סאָלידאַריטעט פון דער מענטשהייט. די רעדע איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער אָוואַציע מצד דעם צאָלרייך־

פארזאמלטן עולם, און נאָרדויען איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן באוווסט געוואָרן זיין גרויסער אָראַטאָרישער טאַלאַנט.

דעם נאָענטסטן טאָג איז נאָרדוי געגאַנגען מיט א באזוך צום ענגלישן פּאַרלאַמענט. ס׳איז דאָרט גראָד פאָרגעקומען א לאַנגע דעבאַטע און לסוף האָט די אָפּאָנענטן געענטפערט דער פּרעמיער פון דער רעגירונג, לאָרד ביקאָנספילד. נאָרדוי איז געווען באַצויבערט פון דער פּערזענלעכקייט און אָראַטאָרישער קראַפט פון גרויסן בריטישן מלוכה־מאַן. מיט שטאָלץ האָט ער געקוקט אויף דעם דאָזיקן גייניאַלן שעפער פון דער בריטישער אימפּעריע, וועלכער האָט געשטאַמט פון יידן און געטראָגן דעם נאָמען בנימין דיזראעלי. נאָרדוי האָט שוין געהערט וועגן דיזראעלים מוטיקן באַקענען זיך, אַלס באַוווסטער שריפטשטעלער און באַרימטער פּאָליטיקער, צום יידנטום. מ׳האָט זיך דערציילט וועגן די וויכטיקע געשפּרעכן, וועלכע משה מאָנטעפיאָרע, דער באַוווסטער ענגליש־יידישער פילאַנטראָפּ און נגיד, פירט מיטן בריטישן פּרעמיער לטובת יידישע אינטערעסן, און וועגן זייערע דיפּלאָמאַטישע אינטערווענצן לטובת די געדרודפטע אָריענטאַלישע יידן.

גראָד האָט זיך נאָרדוי באַמיט וועגן אַן אינטערוויו ביים לאָרד ביקאָנספילד, ווי עס איז פון זיין רעדאַקציע, „דער פּעסטער לאָיד", אָנגעקומען פאַר אים א טעלעגראַפישער פאַרלאַנג צו באַטייליקן זיך דורכאויס אין א זשורנאַליסטן־עקספּעדיציע אויף דעם צפון־אינזל איסלאַנד. באין ברירה, האָט נאָרדוי געמוזט אַלץ לאָזן שטיין און פאָרן אין מיטן זומער צו די ווייטע, פאַרפרוירענע מקומות.

די גאַנצע נסיעה איז אים נישט וווּיל באַקומען, הגם די רייזע־געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון אינטערעסאַנטע פּען־מענטשן, זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער פון פאַרשידענע לענדער און נאַציעס. נאָך זיין קומען קיין איסלאַנד, האָט נאָרדוי אַרויסגעשיקט זיינע רייזע־איינדרוקן צו דער רעדאַקציע. גלייכצייטיק שרייבט ער א ביטערן בריוו צו זיין מאַמען און שוועסטער און באַקלאָגט זיך, אַז ס׳איז בעסער צו זיין א הונט אין פּעסט ווי א רייזנדער אין איסלאַנד. צוריקפאָרנדיק האָט זיך נאָרדוי נענטער באַקענט מיט א יונגן ענגלישן שריפטשטעלער, וועלכער האָט אים דערציילט גאָר אינטערעסאַנטע זאַכן פון דער ליטעראַרישער סביבה אין לאָנדאָן. אפשר צופעליק, אין צוזאַמענהאַנג מיט דיזראעלים ראָלע אין דער ענגלישער ליטעראַטור און פּאָליטיק, איז אויפגעשוווּמען די יידישע פראַגע. נאָרדוי האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער באַרימטער ענגלישער שריפטשטעלער דיקענס האָט אין זיין ראָמאַן „אָליווער טוויסט" געשילדערט דעם ייד פייגין מיט אַן אַנטיסעמיטישער טענדענץ.

דער ענגלענדער האָט שאַרף פאַרטיידיקט זיין גרויסן לאַנדסמאַן און באַוויזן, אַז דיקענס האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום שלעכטע כוונה. דיקענס האָט זיך איבעריקנס רעהאַביליטירט און אין אַ נייעם ראָמאַן האָט ער געשילדערט אַן אידעלע יידישע געשטאַלט.

ס'איז געווען סוף זומער 1874, ווען נאָרדוי איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן. פון דאַנען שרייבט ער זיינע לעצטע איסלאַנדישע רייזע־איינדרוקן. ער שרייבט אויך אַן אויספירלעכן און האַרציקן בריוו צו זיין שוועסטער שאַרלאָט, וועגן דעם, ווי ער פילט זיך איינזאַם און פאַרלאָזט: „די דאָזיקע איינזאַמקייט האָבן מיר ביידע, איך און דו, שאַרלאָט, געפילט זינט אונזער יוגנט. מיר האָבן כמעט נישט געהאַט קיין קרובים אין אונזער משפחה!”.

פון די דאָזיקע נאָסטאַלגישע געדאַנקען, רייסט נאָרדויען אַרויס דער נייער פאַרלאַנג פון זיין רעדאַקציע צו פאַרלאָזן ענגלאַנד און צו באַזוכן פאַריז און פראַנקרייך. וועגן דעם האָט טאַקע מאַקס נאָרדוי געחלומט זינט זיינע יינגסטע יאָרן. פאַריז האָט אים פון וויטנס פאַרכישופט און באַגייסטערט. ער גרייט זיך שנעל צו דער נסיעה. דאָרט אין פאַריז וועט ער אויך פאַרענדיקן זיין דראַמע „ספּאַרטאַקוס”, וואָס דאַרף געבן אַן אויסדרוק פאַר דעם אייביקן פרייהייטס־קאַמף פון דער מענטשהייט.

שפּעט אין אָוונט, סוף אָקטאָבער, פאַרלאָזט נאָרדוי לאָנדאָן. אין האַפן הערשט דער „קלאַסישער” לאָנדאָנער נעפּל און ס'רעגנט אַ דראָבנע, זשמודנע נאַסקייט. אָבער אין דער נשמה פון מאַקס נאָרדוי איז זוניק און פריילעך. ער פאָרט דאָך איצט קיין פאַריז, צו דער אויסגעחלומטער, פאַרליבטער מעטראָפּאָליע.

קאַפּיטל ט.

„פאַריז, פאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ!”

די הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך האָט נאָרדויען אויפגענומען מיט אַ וואַרעמען, זוניקן האַרבסט־טאָג. ס'איז געווען געגנוי דער 1־טער נאָוועמבער 1874. נאָך דעם נעפּלדיקן, נאַסן לאָנדאָנער וועטער האָט דאָ די נשמה פון דעם פריש־געקומענעם ממש אויפגעלעבט. די ברייטע, הערלעכע פּלעצער און בולוואַרן פון פאַריז זיינען געווען איבערפולט מיט אַ פריילעכן, לעבנסלוסטיקן המון. קוים אויסגעשטיגן פון צוג, איז נאָרדוי געגאַנגען שפּאַצירן, בכדי

צו ווארפן אַ בליק אויף דער דאָזיקער וועלט־מעטראָפּאָליע, דער שטאָט פון זיינע חלומות און בענקשאַפטן. ער האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז אין דעם זוניקן נאָוועמבער־מאָרגן פון יאָר 1874 איז געשלאָסן געוואָרן אויף אייביק זיין טריישאַפט מיט דער דאָזיקער פּאַריזער מעטראָפּאָליע. פּאַריז איז געווען זיין בענקשאַפט און איז געוואָרן זיין גורל. דאָ וועט ער קעמפן און ליידן, דורכלעבן טריי־אומפן און ביטערע אַנטוישונגען במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, ביז צו יענעם טרויעריקן יאַנואַר־טאָג 1923, ווען דער אומברחמנות־דיקער טויט האָט צוגעמאַכט אויף אייביק זיינע מידע אויגן.

בעת די דאָזיקע פופציק יאָר האָט נאָרדוי נישט איינמאָל פאַר־לאָזט, פרייוויליק אָדער געצוווּנגען, זיין נייע היים־שטאָט. ער האָט געוואַנדערט איבער שיינע לענדער און פּראַכטיקע שטעט. אָבער פּאַריז האָט אים אַנגעטון אַ כשוף און ער איז צו איר תמיד צוריק־געקומען מיט זיין אַלט־נייער ליבשאַפט און טריישאַפט. ווי אין יעדער עכטער, טיפער ליבע, איז אויך דאָ געווען בשפע פרייד און ביטערקייט. ס'איז געוואָרן אַזוי, ווי עס האָט אין יענע יוגנט־יאָרן געזונגען איינער פון די מערקווירדיקסטע מאָנפּאַרנאַסער פּאָעטן אין זיין ליד וועגן „פּאַריז, פּאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ!"‏. דער דאָזיקער מאָטיוו פון דעם מאָנפּאַרנאַסער פּאָעט און פּאָלקס־זינגער, האָט נאָרדויען באַגלייט במשך די נאָענטסטע 50 יאָר פון זיין לעבן, וואָס איז געווען אַזוי פאַרבנרייך און ברייט־שעפעריש, סיי אויף דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן גייסט־ און ליטעראַטור־געביט און סיי אין נאַציאָנאַל־יידישער און ציוניסטישער טעטיקייט. מיט די דאָזיקע טריאומפן און קאַמפן, נצחונות און מפּלות, האָפענונ־גען און אַנטוישונגען פון מאַקס נאָרדוי, דעם איינפלוסרייכן אייראָ־פּעאישן דענקער און מעכטיקן יידישן טריבון, איז ענג פאַרבונדן און אויף אייביק צונויפגעפלאָכטן די פראַנצויזישע הויפּטשטאָט פּאַריז.

אָבער דער 25־יעריקער מאַקס נאָרדוי האָט נאָך נישט געוואָלט וויסן וועגן אַנטוישונגען און ביטערנישן. מיט זיין גאַנצער פאַר־ליבטער התלהבות האָט ער זיך איצט גענומען בויען זיין צוקונפט אין פּאַריז. ער באַנייט אין דער סאָרבאָן זיינע איבערגעריסענע מעדיצינישע שטודיען און איז אַן אָפטער צוהערער אין קאָלעזש דע פראַנס. גאַנצע אָוונטן איז ער אָפּגעזעסן אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, פאַרטיפט אין וויסנשאַפטלעכע און לי־טעראַרישע ווערק. זיין ציל איז איצט צו פאַרכאַפּן און צו דערלער־נען אַ סך פון דעם מאָדערנעם וויסן, ווי אַממייסטן און ווי אַמשנעל־סטן. ער באַזוכט אָפט די פּאַריזער טעאַטערס און קונסט־מוזעאומס.

אויך אין דער אָפּערע און אויף אָפּערעטן־פֿאָרשטעלונגען גייט ער פֿון צייט צו צייט. די לייכטזיניקע, עראָטיש־רייצנדיקע אונטערהאַל־טונג־אינדוסטריע האָט אים נישט באַזונדערס אינטערעסירט. באַלד אין די ערשטע טעג פֿון זיין וויילן אין פּאַריז איז ער געגאַנגען זען „פֿאָלי בערזשער", דאָס רעווי־טעאַטער, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט, מיט זיין לוקסוס־אויסשטעלונג פֿון רייכ־טום און ווייבלעכער קערפּער־שיינקייט, און פֿון וועלכן מ'האָט זיך נאָך אין פּעסט דערציילט ממש וווּנדער. נאָרדוי איז נישט געווען שטאַרק באַגייסטערט פֿון „פֿאָלי בערזשער" און פֿון ענלעכע פּאַרי־זער „קונסט־טעמפּלען", ווו אויסגעלאַסענע טענץ אַ לאַ „קאַנקאַן", האָבן צוגעצויגן די „גאָלדענע לעב־יוגנט" פֿון אַלע לענדער און נאַציעס.

אינטערעסאַנטער פֿאַר נאָרדויען איז געווען דאָס געזעלשאַפֿט־לעכע און פּאָליטישע לעבן פֿון דאַמאָלסטיקן פֿראַנקרייך. נאָך דער מוראַדיקער מיליטערישער מפּלה (אין יאָר 1870) איז דאָס פֿראַנ־צויזישע לאַנד און פֿאָלק געווען טיף דערשיטערט. מ'האָט געמוזט צאָלן דעם דייטשן זיגער אַ ריזיקע גאָלד־קאָנטריבוציע און אין זכרון איז נאָך פֿריש־געבליבן די געמיינע אויפֿפֿירונג פֿון די פּריי־סישע אָקופּאַציע־חיילות. אין האַרצן פֿון די פֿראַנצויזישע פּאַטריאָטן האָט געברענט די ווונד פֿון שאַנד און נקמה־געפֿיל. מ'האָט נישט פֿאַרגעסן די צוויי אָוועקגערויבטע, בליענדיקע פֿראַנצויזישע פּראָ־ווינצן עלזאַס און לאָטרינגען, און די יוגנט האָט געחלומט וועגן אַ נאָענטן רעוואַנזש. אינם פּאָליטישן לעבן האָט זיך נאָך געפֿילט די פֿאַרביסענע אַטמאָספֿער פֿון בלוטיקן בירגער־קריג, וואָס איז אויסגעבראָכן נאָך דער פֿאַרלוירענער מלחמה און האָט זיך פֿאַר־ענדיקט מיט דער שחיטה פֿון די פּאַריזער קאָמונאַרן. די פּאַר־טייאישע און סאָציאַלע קעגנזאַצן זיינען ווייטער געבליבן צוגעשפּיצט און האָבן יעדע רגע געדראָט מיט אַ נייעם אויסברוך.

די פֿריש־געשאַפֿענע „דריטע רעפּובליק" האָט זיך נאָך שטאַרק געוואַקלט, זי איז כסדר געווען באַדראָט פֿון רעכטס און פֿון לינקס. די ראָיאַליסטישע פּאַרטיי האָט געטראַכט וועגן אַ נייעם מלך, וואָס דאַרף ראַטעווען פֿראַנקרייך, און האָט פֿאַר אירע רעאַקציאָנערע פּלענער מאָביליזירט די יוגנט און די אַרמיי־קרייזן. אויף די חורבות פֿון דער באַזיגטער און פֿאַרניכטעטער פּאַריזער קאָמונע, האָט גע־שטורעמט דער אונטערדריקטער צאָרן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, וואָס האָט אין אַנאַרכיסטישע און רעוואָלוציאָנערע מעשים, געזוכט צו באַנייען איר פֿאַרלוירענעם כוח. אָבער דער דורכשניטלעכער פֿראַנצויז, דער פּשוטער מענטש פֿון האַנטווערק, אַרבעט און האַנדל

האָט געלעכצט נאָך שלום און אָרדנונג. ער האָט שוין געהאַט גענוג די מיליטערישע אָפּעראַציעס און די פּאָליטישע רעוואָלוציעס. אים איז נויטיק געווען מנוחה, פּרנסה און אַ גוט גלעזל ווײַן. שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע ברייטע פֿאָלקס־קרײַזן, האָט די נײַע רעגירונג פֿון דער „דריטער רעפּובליק", געקעמפּט מיט דערפֿאָלג קעגן די עקסטרעמיסטן פֿון רעכטס און לינקס.

נאָרדוי האָט מיט דעם גרעסטן אינטערעס אָבסערווירט דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן פּראָצעס פֿון פֿראַנקרייכס באַנײַאונג. ער האָט נאָכגעפֿאָלגט טאָג־טעגלעך דעם לײדנשאַפֿטלעכן פּאַרטייען־קאַמף אין דער פּרעסע און אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער. ווי אין ענג־לאַנד בנימין דיזראַעלי, האָט אים איצט אין פֿראַנקרײַך פֿאַרכאַפּט און באַגײַסטערט די געשטאַלט פֿון אַדאָלף קרעמיע, דעם באַרימטן ייִדיש־פֿראַנצויזישן אַדוואָקאַט און פּאָליטיקער, וועלכער איז בעת דעם דײַטש־פֿראַנצויזישן קריג אין יאָר 1870 אויסגעוואַקסן צו אַ נאַציאָנאַלן העלד און האָט איצט אין דער „דריטער רעפּובליק" געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. צי האָט נאָרדויען באַגײַסטערט בלויז די ליבעראַל־רעפּובליקאַנישע וועלט־אַנשויאונג און די פּאָליטישע כאַראַקטער־פֿעסטקייט פֿון קרעמיע? אָדער אפֿשר איז עס געווען בעיקר קרעמיעס מוטיקער קאַמף קעגן די שאָוויניסטיש־אַנטיסע־מיטישע קרײַזן און זײַן ייִדישער שטאָלץ אַלס גרינדער פֿון „אַליאַנס איזראַעליט"? אויף די דאָזיקע פֿראַגן גיבן נישט קיין ענטפֿער נאָר־דויס „פּאַריזער בריוו", וואָס האָבן זיך כסדר געדרוקט אין זײַן צײַטונג „דער פּעטסער לאָיד" און זײַנען געשריבן געוואָרן מיט אַ סך גײַסט און שאַרפֿזין. אַ תשובה אויף די פֿראַגן באַקומט מען אין דער שפּעטערדיקער ציוניסטישער טעטיקייט פֿון מאַקס נאָר־דויען.

פֿלוצלונג, אין סאַמע אַקטיווסטן ברען פֿון זײַן שטודירן און אַרבעטן, איז נאָרדוי אָפּגעריסן געוואָרן אויף זײַטיקע וועגן. געשען איז עס צוליב אַ ליבע. איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען נאָרדוי איז פֿאַרמאַטערט פֿון זײַן גאַנצער טאָג־אַרבעט, געגאַנגען שפּאַצירן אויף די ברעגעס פֿון טײַך סעקוואַנע, האָט ער זיך באַקענט מיט איר, מיט מאַדמאַזעל פֿאָלין. נאָרדוי איז גראָד געווען פֿאַרטון מיט די ביכער־אויסלאַגן, וואָס זײַנען צעשפּרייט אין די ביליקע פֿאַר־קויף־פּאָליצעס ביי דער סעקוואַנע, ווי זי איז אָנגעקומען און איז שטיין געבליבן נעבן נאָרדויען. די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך אָנגעקוקט און געגעבן אַ שמייכל. זי איז געווען יונג און שיין, עסטעטיש הגם באַשיידן אָנגעטון, מיט דעם חנעוודיקן, עכט־פֿראַנ־צויזישן, פֿײַן־ראַפֿינירטן באַנעמען זיך. אויך זי האָט עפּעס געזוכט

צווישן די ביכער און מיט אַ לאַכנדיקער, רייצנדיקער שטים געענט־פערט אויף נאָרדויס וויציקע באַמערקונגען. די באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן און אַזוי האָט זיך פאַר נאָרדויען אָנגעהויבן די ראָמאַנטישע ליבע, וואָס איז פאַר אים געוואָרן, ווי עס זאָגט זיך אינם לידל פונם דערמאָנטן מאָנפּאַרנאַסער זינגער: „זיין פרייד און זיין שמערץ". די ליבע פון פּאָלין האָט אים לגמרי באַהערשט, זי איז פאַר אים געוואָרן געפערלעך, ער האָט פון איר לאַנג נישט געקאָנט פּטור ווערן. מיט אַ בייסיקער זעלבסט־איראָניע פלעגט זיך נאָרדוי באַקלאָגן: „איך האָב אויף די ברעגעס פון סעקוואַנע גע־זוכט אַ ביליק בוך און איך האָב געפונען אַ טייערע ליבע!"

פּאָלין האָט געשטאַמט פון צפון־פראַנקרייך. איר פאָטער איז צוריקגעקומען אַלס אינוואַליד פון דער מלחמה אין יאָר 1870, די מוטער איז פרי געשטאָרבן. פּאָלין איז נאָך געווען זייער יונג, ווען זי האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון איר ליבהאָבער. שפּעטער, איינ־זאַם און פאַרלאָזט, איז זי פאַרצווייפלט געשפּרונגען אין סעקוואַנע. מ'האָט זי אַרויסגעראַטעוועט און זי איז געבליבן אין פּאַריז. זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און ערלעך פאַרדינט איר ברויט. איר ליבע צו נאָרדויען איז געוואָרן מיט יעדן טאָג מער אויפריכטיקער און טיפער. זי האָט נישט געזוכט דערביי קיין שום נוצן און נישט געוואָלט אָננעמען אפילו די קלענסטע מתנה. זי האָט זיך באַמיט נישט צו באַלעסטיקן און נישט צו שטערן איר געליבטן מאַקס בעת זיין אַרבעט. נאָרדוי האָט פּאָלין שטאַרק ליב באַקומען. ער האָט אויף איר און אירע איבערלעבענישן רחמנות געהאַט. זי איז אים געוואָרן נאָענט מיט איר שטילן צער און סענטימענטאַלן שמייכל. ער האָט געפילט עפּעס אַ סוד אין איר נשמה און אין איר גאַנצן וועזן. ער האָט נישט געוווסט, צי אַליץ, וואָס זי דערציילט אים, איז פולשטענדיק אמת. איינמאָל האָט אים זיינער אַ גוטער פריינט געוואָרנט פאַר פּאָלין.

די וואָרנונגען זיינען אייגנטלעך געווען איבעריק. נאָרדוי האָט געפילט אינסטינקטיוו, אַז די ליבע מיט פּאָלין קאָן נישט ברענגען קיין גוטס. זי שלינגט אים איין לגמרי און רייסט אים אַוועק פון זיין אַרבעט און לעבנס־אויפגאַבע. ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון פּאָלין און האָט זיך געלאָזט אויף אַ לאַנגער רייזע קיין בעלגיע און דייטשלאַנד. ער האָט בעת די נסיעות זייער געליטן און גע־בענקט נאָך פּאָלין און פּאַריז. זיינע ליפּן האָבן אָפט איבערגעחזרט: „פּאַריז, פּאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ".

קאַפּיטל י.

די ליבע, וואָס איז געוואָרן געפּערלעך

פון בעלגיע איז מאַקס נאָרדוי אַריבערגעפאָרן אויף אַ קורצן באַזוך קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער געוואָנדערט איבער שטעטלעך מיט אַ מיטל־אַלטערישער פּאַנאָראַמע פון פאַנטאַסטיש־באַצירטע הייזלעך און ריטערלעכע שלעסער. אַ פּאָר טעג איז נאָרדוי געבליבן אין פראַנקפורט אַם מיין, דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט מיט אַ גרויסן יידישן ישוב. שעהן־לאַנג האָט ער שפּאַצירט איבער די ענגע געטאָ־געסלעך. דער דורות־אַלטער יידישער בית־עלמין האָט אויף אים געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. מיט אַ שווערן געמיט האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער איינזאַמקייט און אָפּגעלאָזנקייט, וואָס זיינען דאָ טרויעריק אַרויסגעקראָכן פון יעדן ווינקל און פון יעדער מצבה. עפּעס אַ מאָדנער געפיל פון מעלאַנכאָלישער האָפנונגלאָזיקייט האָט באַהערשט נאָרדוין און אים ממש אַוועקגעטריבן פון דעם יידישן בית־עלמין אין פראַנקפורט און פון דער דאָזיקער שטאָט בכלל. ער האָט געטראַכט און געבענקט נאָך פּאַריז, דער שטאָט פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט“ און האָט פון זיך געיאָגט די פינצטערע שאָטנס פון מיטלאַלטער. אָבער אין פּאַריז איז געווען פאַלין, „די ליבע, וואָס איז פאַר אים געוואָרן געפּערלעך“ און צוליב וועלכער ער איז דאָך אַנטלאָפן פון דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע. אַן אומבאַזיגבאַרע בענקשאַפט נאָך פראַנקרייכס לופט און לעבן האָט נאָרדויען לגמרי באַצוווּנגען.

איבער שטראַסבורג און נאַנסי האָט ער זיך געלאָזט קיין מיטל־און דרום־פראַנקרייך. דאָס לאַנד איז דאָ געווען רייך און די מענטשן פרעכטיק. ווי דער שטאַרקער און ביליקער וויין, איז דאָ אַלץ אַרום אים געווען פול מיט קראַפט און לעבנס־געניוס. „וואָס פאַראַ גליקלעך לאַנד דאָס איז“ — האָט נאָרדוי ביי זיך פאַרצייכנט. „אַלע זעען דאָ גוט אויס און טראָגן צופרידנקייט אין זייערע אויגן. און ווי זיי קאָנען טרינקען! דריי פלעשער וויין צו אַ מיטאָג־עסן איז פאַר יעדן איינעם נישט קיין גרויסע זאַך!“. אין דער וואונדערבאַרער סביבה פון ליאָן האָט זיך נאָרדוי געלאָזט אויף נאָענטע און ווייטע אויספלוגן. ער האָט אָפט מיט ענטוזיאַזם באַוואונדערט די פּראַכט פון דער נאַטור און פון די מענטשן. מיט פּראָסטע פּויערים און האַנטווערקער האָט ער געפירט אינטערעסאַנטע שמועסן און איז געווען אויסערגעוויינלעך דערשטוינט, הערנדיק, ווי זיי אָריענטירן

זיך גלענצנדיק אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן פון איי־ראָפּע. וואָס פאַרא געוואַלטיקער אונטערשיד טיילט זיי אָפּ פון די פינצטערע, אַנאַלפאַבעטישע פּויערים אין אונגאַרן! נאָרדוי האָט באַקומען פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן די גאָר־אַלטע הייזער, קאַנאַלן, וואַסער־לייטונגען און היס־טאָרישע דענקמעלער, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך פון די רוימישע צייטן. ער איז געגאַנגען איבער פרוכטבאַרע פעלדער און בליענדיקע וויינגערטנער און האָט מיט התפּעלות געטראַכט און געשריבן וועגן דער דאָזיקער ווונדערבאַרער „ארץ זבת חלב ודבש”, ווו „אַלץ איז אַזוי שיין און געבענטשט און אנשטאָט צו זאָגן, אַז „מ׳לעבט ווי גאָט אין פראַנקרייך”, דאַרף מען דאָ אייגנטלעך זאָגן, אַז „מ׳לעבט ווי אַ פּויער אין פראַנקרייך!”

דורך מאַרסעיל איז נאָרדוי מיט דער שיף אַריבער קיין שפּאַניע. ער איז אָפּגעשטיגן אין דעם טומלדיקן האַפן פון באַרצעלאָנע. די ברעגעס פון ים אַרום דעם קאַסטילישן לאַנד־פּאַס זיינען געווען באַגאָסן מיט הייסע זון־שטראַלן און האָבן געשימערט מיט אַ הער־לעכער פּאַנאָראַמע, אַרומגערינגלט פון וואַסער־כוואַליעס און הויכע בערג־שפּיצן. איבער די גאַסן און געסלעך פון דער גרויסער האַפן־שטאָט האָט זיך מיט אַ טעמפּעראַמענטפולן שווונג באַוועגט אַ מאַסע אין פאַרבן־רייכע רעגיאָנאַלע קאָסטיומען. דאָ און דאָרט האָט מען געזען מאַרשירן סאָלדאַטן, אָרעם געקליידעט און באָרוועס. אין דער צעזונגענער און צעבליטער שטאָט וואַלענסיאַ האָט נאָרדוי אָבסערווירט אַ ריזיקע קירכלעכע פּראָצעסיע, וואָס האָט באַהערשט די מיט זון באַגאָסענע גאַסן, מיט איר מעכטיקן פינצטערן פאַרנעם און מיטלאַלטערלעכן פאַנאַטיזם. נאָרדויען האָט זיך דערמאָנט דער טרויעריקער, מעלאַנכאָלישער אומעט פון די אַלטע געטאָ־געסלעך אין פראַנקפורט. ער האָט שנעל פאַרלאָזט קאַסטיליע מיט איר פאַ־נאַטיש־קאַטוילישער באַפעלקערונג און איז גלייך געפאָרן צום דרום פון שפּאַניע.

אין גראַנאַדאַ איז נאָרדוי וואָכנלאַנג אַרומגעגאַנגען ממש פאַר־כישופט און פאַרחלומט, ווי אין אַ לעגענדאַרן גן־עדן פון טויזנט־און־איין־נאַכט. די הערלעכקייט פון גאָטס נאַטור און פון מענטשלע־כער בוי־קונסט אַרום אַלהאַמבראַ האָט איבערגעשטיגן אַלע זיינע פאַנטאַסטישע השגות. אין סעווילאַ האָט נאָרדוי מיטגעמאַכט אַן אָרטיקע פאָלקס־שמחה מיט גאַסן־טענץ און הערלעכער אילומי־נאַציע. דעם נאָענטסטן טאָג איז ער געגאַנגען זען דעם טראַדיציאָ־נעלן קאַמף פון טאָרעאַדאָרן מיט אָקסן. ער האָט ווייטער געוואַנ־דערט איבער דער פאַרכישופטער דרום־שפּאַנישער ערד, ער האָט

באוואונדערט דעם בארימטן מעטשעט אין קאָרדאָוואַ און האָט געזען דעם שלאָס פון דאָן קישאָט.

נאָרדוי האָט באַשלאָסן צו בלייבן אַ געוויסע צייט אין שפּאַ־ניע. זיין ציל איז געווען די הויפּטשטאָט פון לאַנד, מאַדריד, ווו ער האָט געפּלאַנט צו פאַרענדיקן זיינע מעדיצינישע שטודיעס. אָבער ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין מאַדריד האָט אים איבעראַשט דער באַזוך פון פאַלין. אין אַ פרימאָרגן איז זי פּלוצלונג דערשינען אין נאָרדויס האָטעל־צימער און האָט הארציק באַגריסט איר דערשטוינטן מאַקס. נאָרדוי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי האָט זיך דערוווסט וועגן זיין אַדרעס, שוין לאַנג האָט ער איר נישט געשריבן און קיין ידיעה נישט געגעבן. אָבער מערקווירדיק און אומפאַרשטענדלעך זיינען אָפט די וועגן פון דער ליבע!

פון ווייטערדיקן אויפהאַלט אין שפּאַניע און פון מאַדרידער מעדיצין־שטודיום איז גאָרנישט געוואָרן. די צוויי יונגע פאַרליבטע מענטשן זיינען צוריקגעפאָרן קיין פּאַריז. זייער ליבע האָט ווידער אויפגעלעבט מיט אַ פרישער ליידנשאַפט. נאָרדוי איז צוריקגעפאָרן ווי אַ געפאַנגענער פון פּאַריז און פון פאַלין. ער איז געווען פוןביידע באַצויבערט און האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד. ווידער איז ער געגאַנגען איבער די הערלעכע, הארציקע פּאַריזער בולוואַרן און נעבן אים זיין גוטע, פאַרליבטע פאַלין.

אָבער שנעל איז געקומען די אויסניכטערונג. נאָרדויען האָט באַהערשט די רואיקע, מיושבדיקע פריערדיקע איבערצייגונג, אַז פאַלינס ליבע איז פאַר אים געפערלעך. זי וועט אים אָראָפּפירן פון פאַרגעטנומענעם לעבנס־וועג און צעברעכן זיין צוקונפט. ס'איז אים געבליבן איין רעטונג: צו אַנטלויפן פון פאַלין און פון איר געפער־לעכער ליבע. אָבער וווהין אַנטלויפט מען פון איר?

צו יענער צייט האָט נאָרדוי גראָד באַקומען אַ פּאָר טרויעריקע בריוו פון פּעסט, פון זיין אַלטער מאַמע און פון דער באַליבטער שוועסטער שאַרלאָט. זיי האָבן געשריבן וועגן איינזאַמקייט און בענקשאַפט צו אים, דעם איינציקן זון און ברודער. קורץ איז גע־ווען נאָרדויס ישוב הדעת. ער האָט גלייך באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון פאַלין און איר ליבע קיין פּעסט, צו זיינע נאָענטסטע. דאָרט וועט ער געפונען טרייסט און באַרואיקונג, דאָרט וועט ער פאַרגעסן די שטורמישע פּאַריזער צייטן און פאַרענדיקן זיין מעדיצינישן שטו־דיום.

סוף זומער 1875 איז נאָרדוי איינגעשטיגן אין צוג, וואָס האָט אים דורך איטאַליע צוריקגעפירט קיין אונגאַרן, צו זיינע נאָ־ענטסטע אין פּעסט.

קאַפּיטל י״א.

צו גאַסט אין דער אַלטער היים

אויף דעם וועג פון פּאַריז קיין פּעסט האָט נאָרדוי באַזוכט איטאַליע. נעאַפּאַל מיט איר וווּנדערבאַרער פּאַנאָראַמע פון קאַפּרי, סאָרענטאָ, וועזווו, האָט באַצויבערט דעם יונגן, ענטוזיאַסטישן שריפטשטעלער. ווי פאַרכישופט איז ער דאָ געשטאַנען און געקוקט שעהן־לאַנג אויפן ריינעם בלויען הימל און גרינעם ים־וואַסער. די מאָלערישע סביבה פון נעאַפּאָליטאַנישן ים־גאָלף און לעגענדאַרן אמאַלפי איז פאַר אים דערשינען אין איר גאַנצער אומגלויבלעכער פּראַכט, שענער ווי זי איז געשילדערט געוואָרן אין פּאָעטישע שטי־מונגספולע באַשרייבונגען און אין קינסטלערישע צייכענונגען. נאָר־דוי האָט זיך דערמאָנט אין דעם אויסגעדראָשענעם, שוין כמעט באַנאַלן שפּריכוואָרט: „זע נעאַפּאָל און שטאַרב!״. ער האָט גע־טראַכט וועגן פּעסט און וועגן זיינע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס וואַרטן דאָרט אויף אים מיט אומגעדולד. וואָס מאַכט די אַלטע מאַמע, די האַרציקע 62־יעריקע זקנה? און שאַרלאָט, די ליב־סטע, איינציקע שוועסטער, צי האָט זי שוין בדעה ענדלעך חתונה צו האָבן? די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים אין פּעסט, האָט נאָרדויען אוועקגעריסן פון די נעאַפּאָליטאַנישע הערלעכקייטן און געצוווּנגען ווייטער צו פאָרן, צום צפון, צום קאַלטן, הגם אַזוי היי־מישן אונגאַרן.

ס׳איז געווען סוף אָקטאָבער 1875. אין רוים, ווו נאָרדוי האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוליב פאַרשידענע ענינים, האָט אים אויפגע־נומען אַ נאַס, קאַלט וועטער. ווו איז פאַרשוווּנדן די פּרעכטיקע וואַרעמקייט פון דער שפּאַנישער פּערל, אַנדאַלוזיע, און פון דער גאָט־געבענטשטער נעאַפּאָליטאַנער לאַנדשאַפט? דעם איינזאַמען רייזנדיקן האָבן באַהערשט מעלאַנכאָלישע שטימונגען, פון וועלכע עס האָבן אים נישט באַפרייט אפילו די אינטערעסאַנטסטע אויספלוגן צו די באַרימטע אַלטערטימלעכקייטן און קונסט־אוצרות. שנעל, אי־בער די ברייטע, מיט האַרבסט־ווינטן ברויזנדיקע טאָלן פון לאָמ־באַרדיע, האָט געפירט דער וועג צו דער אונגאַרישער הויפּטשטאָט.

נאָך אַ הפסקה פון דריי יאָר, איז נאָרדוי צוריקגעקומען צו זיין אַלטער פּעסטער היים. ער האָט כמעט די שטאָט נישט דערקענט, אַזוי שנעל איז זי אויסגעוואַקסן און זיך פאַרענדערט. אָבער ווייניק פאַרענדערט האָט זיך דאָס לעבן אין דער היים, ביי דער מאַמען און שוועסטער. די צאָלרייכע פריינט האָבן נאָרדויען אויפגענומען

ווי אמבעסטן. ווידער זיינען באַנייט געוואָרן אַלטע באַקאַנטשאַפטן און באַציונגען. נאַרדוי האָט מיט זיין צייטונג געשלאָסן אַ נייעם קאָנטראַקט, אַלס ליטער פון דער פעליעטאָן־אָפּטיילונג. גלייכצייטיק האָט ער באַאַרבעט ליטעראַריש זיינע רייזע־איינדרוקן און צוגעגרייט צום דרוק זיין בוך „פון קרעמל ביז אַלהאַמבראַ", וואָס איז שוין לאַנג אַנאָנסירט און דערוואַרט געוואָרן פונם ברייטן לייענער־פובליקום. דאָס דאָזיקע בוך האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „די טויערן פון מיין פרילינג־לעבן האָבן זיך געשלאָסן מיט אַ שווערן קלאַפּ. די טויערן פון ווינטער דערנענטערן זיך צו מיר. די יוגנט איז פאַרענדיקט און די גרויקייט פון לעבן הויבט זיך אָן". מיט אינטענסיווער שנעלקייט האָט נאַרדוי איצט אַבסאָלווירט זיינע מעדיצינישע שטודיעס אויפן בודאַפּעסטער אוניווערזיטעט און האָט באַקומען דעם טיטל: „דאָקטאָר פון מעדיצין". זיין לעבנס־ציל איז געווען צו פאַרייניקן די דאָקטאָר־פּראַקטיק מיט דער ליטעראַרישער אַרבעט און שטעלן ביידע זיינע פּראָפעסיעס אין דינסט פון דער פאַרגעשריטענער מענטשהייט.

אָבער באַלד האָט זיך ד"ר נאַרדוי איבערצייגט, אַז זיין אידעאַל וועט זיך נישט לאָזן פאַרווירקלעכן אין זיין היימלאַנד. צו ענג און צו דושנע איז אים געוואָרן די אַטמאָספער פון אָפּגעשטאַנענעם אונגאַרן און זיין מעטראָפּאָליע. נאָך דער קורצער פרייענטלעכער אויפנאַמע איז אים איצט נמאס געווען די קליינלעכע קנאה־שנאה פון זיינע קאָלעגן, מיט זייערע פּראָווינצער השגות און אינטריגעס. ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן פון זיי אין דער וועלט פון מוזיק, וועלכע איז אים אַזוי ליב און נאָענט געווען זינט זיינע יינגסטע יאָרן. ער האָט זיי געוואָלט פאַרגעסן אין דער געזעלשאַפט פון זיין נייעם אינטערעסאַנטן פריינט הערמאַן וואַמבערי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן וועלט־באַרימט אַלס אָריענטאַליסט און פּאָליטישער ספּעציאַליסט פאַר די טערקישע מלוכה־ענינים. ער האָט די דאָזיקע פּעסטער אַטמאָספער געוואָלט אויסמיידן דורך זיין אייפעריקן באַשעפטיקן זיך מיט זיין נייעם בוך וועגן רייזע־איינדרוקן און פילאָזאָפישע רעפלעקסן, וואָס האָט זיך גערופן מיט אַ סימפּטאָמאַטישן נאָמען: „זייפן־בלאָזן".

דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. פּאַריז צו פאַרגעסן איז געווען אַ סך שווערער ווי נאַרדוי האָט זיך דאָס מתחילה פאָרגעשטעלט. דער אינסטינקט צו רייזן און אַרומצוואַנדערן האָט זיך אין אים פריש אויפגעוועקט מיט זיין גאַנצער צוציונג־קראַפט. ווי לאַנג וועט ער אויסהאַלטן מיט זיין ווידערשטאַנד קעגן דעם דאָזיקן אַלמעכטיקן אינסטינקט? נאַרדוי האָט זיך דערמאָנט וועגן דער סצענע,

וועלכע ער האָט באַשריבן אין זיין בוך: „פון קרעמל ביז צו אַלהאַמבראַ”. דאָרט ווערט געשילדערט אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד און מיט אַן אָנגעווייטיקטער, מידער נשמה. ער טרעפט נאָרדויען אויף איינער פון די רייזעס און פירט מיט אים אַ לאַנגן, פּאָלעמישן שמועס. דער אַלטער דערציילט, אַז ער וואַנדערט שוין אַרום זייער אַ סך יאָרן און זיין איינציקער פאַרלאַנג איז איצט זיך אויסצורוען אין אַן אייגענעם פּאַטערלאַנד. נאָרדוי ענטפערט אים מיט אַ פעסטער איבערצייגונג (און מיט אַ שטאָלצער זיכערקייט פון יונגע לגבי אַלטע!) אַז „איך דאַרף נישט האָבן קיין פּאָטערלאַנד, מיין היים איז די גאַנצע וועלט, איך בין אַ וואַנדערער און וויל עס בלייבן דאָס גאַנצע לעבן!”. דער אַלטער האָט אָנגעקוקט זיין יונגן אָפּאָנענט מיט אַ טרויעריק־פריינטלעכן בליק, ווי אַ זיידע קוקט אָן זיין אייניקל און האָט שטיל, מיט אַ קרעכץ אין קול, דערקלערט: „איך מוז וואַנדערן, נישט צוליב מיין פאַרלאַנג, נאָר צוליב צוואַנג. איך בין אַהאַסווער, דער אייביקער יידישער וואַנדערער”. נאָרדוי האָט איצט ביי זיך אַליין אָפּט געפרעגט, אין וואָס באַשטייט דער כוח פון וואַנדער־אינסטינקט, וועלכער באַהערשט אים אַלץ מער. צי איז דאָס אפשר די דורות־לאַנגע ירושה פון אַהאַסווערפאָלק אָדער איז עס בלויז דער כשוף פון פּאַריז?

פון די דאָזיקע לײדנשאַפטלעכע וואַנדערונג־חלומות האָט נאָרדויען פּלוצלונג אַרויסגעריסן אַ האַרטע, העברערע מאַכט. די אונגאַרישע אַרמיי איז נישט געווען סענטימענטאַל און זי האָט דעם יונגן, געזונטן דאָקטאָר נאָרדוי גערופן צום מיליטער־דינסט. אָבער די סאָלדאַטישע סביבה האָט אים נישט איבערצייגט צום מיליטאַריזם. נאָרדוי, דער מיליטער־דאָקטאָר אין דעם אָפיצירישן מונדיר און מיט דער ברייטער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, איז געבליבן דאָס, וואָס ער איז געווען פריער, אַ געשווירענער פּאַציפיסט און אַ פּרינציפּיעלער קאָסמאָפּאָליט. אָבער אַ דאָקטאָר איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער און אין די פעסטער מעדיצינישע קרייזן האָט מען אים פאָרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע וויסנשאַפטלעכע קאַריערע. נאָך זיין באַפרייאונג פון מיליטער האָבן אים נישט געפעלט קיין פּאַציענטן. מ'האָט אים אפילו פאָרגעשלאָגן אַ קאַטעדרע אַלס פּראָפעסאָר פון אַנטראָפּאָלאָגיע אויפן אוניווערזיטעט אין פעסט.

אָבער נאָרדויס האַרץ און מוח זיינען געווען אין פּאַריז. ער האָט כסדר געשטורעמט צו זיינע פּאַריזער פריינט: „שרייבט מיר אַלץ פון אונזער טייערן פּאַריז. איר ווייסט ווי נייגעריק איך בין צו הערן וואָס מער וועגן דער דאָזיקער שטאָט”. פון זיינע פריינט האָט נאָרדוי באַקומען ידיעות וועגן פּאַלין. זי איז מתחילה, נאָך זיין

אוועקפֿאָרן, געווען שרעקלעך פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרביטערט. באַלד האָט זי זיך אָבער באַרואיקט און איז געוואָרן די געזעצלעכע פֿרוי פֿון אַן אַלטן אָבער רייכן מאַן, מיט וועלכן זי האָט געפֿירט אַ סאָליד און בכבֿודיק לעבן.

נאָרדויס מוטער און שוועסטער האָבן באַמערקט זיין אומרואיקייט. זיי האָבן באַשלאָסן אים חתונה צו מאַכן. אָבער נאָרדוי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. אויף אַלע טענות האָט ער געהאַט איין ענטפֿער: ער איז אַ וואַנדערער, אַן אומרואיקע נשמה, וואָס זוכט נישט און קאָן נישט געפֿינען קיין רו אין אַ פֿאַמיליע־לעבן. ווען שאַרלאָט האָט פֿון אים געלאַכט און געזאָגט, אַז ער וועט בלייבן אַן אַלטער בחור, ווייל איצט איז אים צו פֿרי דאָס הייראַטן און שפּעטער וועט זיין צו שפּעט, האָט איר נאָרדוי געענטפֿערט געלאַסן: „הייראַטן איז אַ זאַך פֿון פֿרויען. קודם כּל דאַרפֿסט דו, שאַרלאָט, חתונה האָבן!"

ס'איז געקומען דער פֿרילינג פֿון יאָר 1878. אין פּאַריז האָט זיך געגרייט די גראַנדיעזע וועלט־אויסשטעלונג. נאָרדוי האָט מער נישט אויסגעהאַלטן אין פּעסט. זיין חשובֿער, גוטער פֿריינט וואַמבערי האָט אים צוגערעדט אַוועקצופֿאָרן קיין פּאַריז, ווייל נאָר דאָרט וועט ער געפֿינען די אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן פֿאַר זיינע טאַלאַנטן. נאָרדוי האָט אַנטגילטיק באַשלאָסן צו פֿאַרבינדן פּעסט מיט פּאַריז, דאָס הייסט אַריבערצוטראָגן זיין פּעסטער היים אין די פֿראַנצויזישע מעטראָפּאָליע. מיט זיין אַלטער מאַמע און זיין יונגער שוועסטער האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ס'איז אים קלאָר געווען, אַז זיין רייזע און זיין צוקונפֿטיק לעבן אין פּאַריז וועט נישט לייכט זיין צוזאַמען מיט זיין מאַמען, וועלכע האָט אויף יעדן שריט און טריט געציטערט וועגן כּשרות און פֿרומער פֿירונג, און מיט דער שוועסטער, וועלכע איז פֿאַרליבט געווען אין פּעסט און אין אונגאַרן. שוין אין די ערשטע שעהן פֿון זיין רייזע האָט דאָס נאָרדוי פּעסטגעשטעלט. די צוויי פֿרויען האָבן געקלאָגט, אַז אין צוג איז קאַלט און אומבאַקוועם און צו וואָס האָט מען פֿאַרלאָזט אַזאַ באַקוועמע דירה און אַזאַ פֿיין לעבן אין פּעסט!

אָבער נאָרדוי האָט זיי באַרואיקט און געטרייסט, אַז ס'איז כּדאַי צוליב פּאַריז צו ליידן אַביסל אומבאַקוועמלעכקייטן. ער האָט זיך און זיי געוואָלט איינרעדן, אַז דער כּישוף פֿון פּאַריז, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק פֿאַרכאַפּט, וועט מסתּמא ווירקן אויך אויף זיי, די פֿרויען פֿון פּעסטער געטאָ, וואָס האָבן נאָך גאָרנישט אין דער וועלט געזען און מיינען, אַז מיט פּעסט הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך די וועלט.

קאַפּיטל י״ב.

צווישן פּאַריז און פּעסט

אין מאַי 1878 איז מאַקס נאָרדוי צוריקגעקומען פון פּעסט קיין פּאַריז. טרעפנדיק זיינע פּאַריזער פריינט, האָט זיך נאָרדוי געוויצלט: „פון אַ ליבע קאָן מען אַנטלויפן, פון פּאַריז לאָזט זיך נישט אַנט־לויפן!!!". ווידער האָט נאָרדויען אַרומגענומען און באַגייסטערט די וואַרעמע, באַצויבערנדיקע אַטמאָספער פון דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע. ווי אַ פאַרשכורטער איז ער אַרומגעגאַנגען אויף די, מיט זון און געפילדער, באַגאָסענע פּאַריזער בולוואַרן און שטילע כמעט אידילישע ברעגעס פון דער סעקוואַנע. אַהיימקומענדיק אין דער קליינער דירה אויפן געסל סען־אַנדרע־ד־אַרט אין זעקסטן אַראָנדיסמאַן, צו זיין אַלטער מאַמע און פאַרבענקטער שוועסטער שאַרלאָט, האָט נאָרדוי איינגעאָטעמט אין זיך די היימישע, טראַדי־ציאָנעלע פּעסטער סביבה. נאָרדוי איז געווען גליקלעך, ס'איז אים געלונגען, ווי ער האָט געמיינט, צו פאַרייניקן פּעסט מיט פּאַריז. ער האָט זיך ווידער געפילט אָפּגעהיטן און געטרייסט פון די האַר־ציקע, טרייע הענט פון זיין מוטער און שוועסטער. אין דער ריזיקער וועלט־־שטאָט איז ער נישט מער געווען אַזוי איינזאַם און נעבעכ־דיק פאַרלאָזן.

נישט לייכט איז געווען זיך פריש איינצואָרדענען אין פּאַריז. מיט אַ גרויסן שוווּנג און ברייטן פאַרנעם האָט זיך אין פרילינג 1878 געעפנט אין פּאַריז די באַרימטע וועלט־אויסשטעלונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען צענדליקער טויזנטער באַזוכער פון דער גאַנצער וועלט. אַלע האָטעלן און דירות זיינען געוואָרן איבערפולט. פיין־באַפּוצטע און מיט גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט געבויטע פּאַ־וויליאָנען, האָבן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג דעמאָנסטרירט די פראַנצויזישע ווירטשאַפטלעכע קראַפט און וווּנדערבאַרע קונסט־פּראָדוקציע. נאָך דער מוראדיקער פראַנצויזישער מפּלה אויף די שלאַכטפעלדער פון יאָר 1870, איז דאָס פאַר דער וועלט געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג און אַ באַווייז, אַז פראַנקרייך בלייבט לעבן און וויל ווידער זיין רייך אין מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער.

גלייכצייטיק מיט דער וועלט־אויסשטעלונג איז אין פּאַריז פאַר־געקומען אַ גרויסער צוזאַמענפאָר פון שרייבער און גייסטיקע אָנ־פירער פון פאַרשידענע לענדער און פעלקער. אין טעאַטער שאַטלע האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס שענסטע און איידלסטע פון דער איירא־

פעאישער אינטעלעקטואַליסטן־עליטע. פּאַריזער איז געווען וויק־טאָר הוגאָ, דער וועלט־באַרימטער, כמעט לעגענדאַרער פראַנצויזישער ראָמאַנען־אויטאָר און גייסטיקער קאָריפיי. מאַקס נאָרדוי האָט געהאַט די זכיה און דעם גרויסן כבוד צו רעפּרעזענטירן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר אונגאַרן און צו זיצן בשכנות פון איוואַן טורגעניעוו, וועלכער האָט פאַרטרעטן רוסלאַנד. בעת די זיצונגען און צוזאַמענקונפטן, האָט נאָרדוי געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן מיט די פּראָמינענטסטע שרייבער־קאָלעגן פון די פאַרשידנסטע לענדער, ער האָט שטודירט זייער מענטאַליטעט און פסיכישע איינשטעלונג און איז געוואָרן דערפרישט מיט נייע אידייען און מיינונגען. זיינע שריפטשטעלערישע האָריזאָנטן זיינען געוואָרן אויסגעברייטערט און פאַרטיפט דורך דעם פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די וואָרטזאָגער און טריבונען פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געשאַפן אַזוי־צוזאָגן דעם ערשטן שריפטשטעלערישן אינטערנאַציאָנאַל, איז אין נאָרדויס לעבן געבליבן איינער פון די וויכטיקסטע מיילנשטיינער.

אין דעם זעלבן יאָר, אין וועלכן אין פּאַריז איז געעפנט געוואָרן די וועלט־אויסשטעלונג און דער קאָנגרעס פון די ליטעראַטן, האָט זיך אין בערלין פאַרזאַמלט די אָנפירערשאַפט פון די אייראָפּעאישע מלוכה־מענער און פּאָליטישע הערשער. דער בערלינער קאָנגרעס האָט געדאַרפט אַנטשיידן וועגן דעם גורל פון די באַלקאַן־לענדער און פון גאַנץ אייראָפּע. צווישן די הויפּט־באַטייליקטע איז געווען דער בריטישער פּרעמיער לאָרד ביקאָנספילד (דיזראַעלי) מיט זיין יונגן סעקרעטאַר אַרטור דזשעמס באַלפור, דעם שפּעטערדיקן שעפער פון דער באַרימטער דעקלאַראַציע. מיט דעם קאָנגרעס האָט אָנגעפירט אַלס פּרעזידענט, דער דייטשער „אייזערנער קאַנצלער" גראַף אָטטאָ ביסמאַרק, דער אייגנטלעכער זיגער פון יאָר 1870. זיין פּרעזידענטשאַפט איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דייטשלאַנדס העגעמאָניע אין אייראָפּע און פאַר איר פאַרלאַנג צו וועלט־הערשאַפט. פראַנקרייכס מיליטערישע און פּאָליטישע מאַכט איז געווען געבראָכן. אָבער די פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג און דער צוזאַמענפאָר פון די אייראָפּעאישע אינטעלעקטואַליסטן האָבן בולט אויסגעדריקט פראַנקרייכס אומגעבראָכענע קראַפט אין דער ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער השפעה. קעגן דער עקספּאַנסיווער, ברוטאַלער דייטשער מאַכט פון גראָבע קאַנאָנען און געפּאַנצערטע שיפן, האָט פראַנקרייך אַרויסגעשטעלט די קראַפט פון איר וווּנדערבאַרער פּראָדוקציע און גייסטיקער רייכקייט. די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג האָט באַוויזן, אַז אין לעצטן חשבון, איז דער געשיכט־

לעכער טריאומף געווען נישט אויף דער זייט פון דער גייסטלאָזער, ברוטאַלער דייטשער מאַכט, נאָר אויף דער זייט פון קולטור און ציוויליזאַציע.

א סך פאַריזער זשורנאַליסטן זיינען געפאָרן קיין בערלין צום גרויסן דיפּלאָמאַטן־קאָנגרעס. נאָרדוי איז געבליבן אין פאַריז און האָט רעגלמעסיק צוגעשיקט צו זיין צייטונג באַריכטן און באַשריי־בונגען וועגן דער אינטערעסאַנטער וועלט־אויסשטעלונג. א קורצע צייט האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם איינפלוסרייכן ווינער טאָג־בלאַט „די נייע פרייע פרעסע", וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט גע־וואָרן אין גאַנץ אייראָפּע און האָט געהאַט א וויכטיקע השפּעה אין אַלע פּאָליטישע, גייסטיקע און פינאַנציעלע קרייזן. צו זיין א מיטאַרבעטער פון דער „נייער פרייער פרעסע" איז געווען א גרוי־סער כבוד און א סאָלידער פּרנסה־קוואַל דערצו. יעדער יונגער יידיש־דייטשער שריפטשטעלער, מיט טאַלאַנט און אַמביציע, האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו דערגרייכן א פּאָזיציע אין דער דאָזיקער מעכטיקער פרעסע־פעסטונג, וואָס איז געווען די גרעסטע טריבונע פון ווינער און מיטל־אייראָפּעאישן ליבעראַליזם. נישט לייכט איז דאָס געווען צו דערגרייכן. נאָרדוי האָט געהערט צו די ווייניקע, וועמען דער מזל האָט צוגעשפּילט. אָבער ער האָט דאָס דאָזיקע „גליק" שנעל געפּטרט, נישט געוואָלט און נישט געקאָנט מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט די דעספּאָטישע הערשער פון דער „נייע פרייע פרעסע", מיט איר שעף־רעדאַקטאָר מאָריץ בענעדיקט און זיינע שותפים. נאָרדוי איז געווען א קאָמפּליצירטע, אָפט קאָנטראַסטן־פולע פערזענלעכקייט. מיט זיין אויפריכטיקן און פיינעם כאַראַק־טער האָט ער לייכט געוווּנען די סימפּאַטיע פון מענטשן. אָבער גלייכצייטיק זיינען אים זיין קעמפערישע נאַטור און שאַרפקייט פון לשון געווען א שטערונג און אָפט די סיבה פון פיינטשאַפטן. נאָר־דוים טיפע אַנאַליטישע אינטואיציע האָט אים בולט געוויזן די חסרונות פון די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך צונויפגעטראָפן, און נישט תמיד איז די דאָזיקע אַנאַליטישע קריטיק געבליבן אויס־געדריקט בלויז אין זיינע אייגענע געדאַנקען. דאָס האָט אים פאַר־שאַפט מער שונאים ווי פריינט. קיין סגולה צו פּרנסה און כבוד איז עס אוודאי נישט געווען. דעם יונגן אויפגייענדיקן שרייבער און דענקער, וואָס איז ערשט געווען אויף דעם וועג צו דערגרייכן זיין צוקונפט, האָבן אַלזאָ נישט געפעלט קיין צרות.

אויך אין זיין היים, ביי דער מאַמע און שוועסטער, האָט נאָרדוי נישט געהאַט קיין נחת. ביידע פרויען זיינען נישט געווען אַנטציקט מיט פאַריז, און זייער פאַרביטערונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

די אַלטע מאַמע האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט געבן קיין עצה מיטן נייעם לשון און מיט די מאָדנע פּאַריזער מנהגים. ס'זיינען איר נישט געפעלן די מענטשן אין די איינקויף־האַלעס און די אויוונס אין שטוב. זי איז אַרומגעגאַנגען פאַרדאגהט און איינגע־קאָרטשעט צוליב דעם, וואָס זי קאָן נישט אין פּאַריז אָפּהיטן כש־רות אַזוי ווי אין פּעסט. אויך שאַרלאָט האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז אין פּעסט איז דאָס לעבן געווען אַ סך פיינער און באַ־קוועמער. לחנם האָט זיך נאָרדוי באַמיט צו איבערצייגן זיין מו־טער און שוועסטער, אַז פּאַריז איז הערלעך און וועט זיין די צו־קונפט, בעת פּעסט איז פאַרוואָרפן און בלייבט די פאַרגאַנגענהייט.

נאָרדוי איז געווען אינטענסיוו באַשעפטיקט מיט זיין זשורנאַ־ליסטישער פּרנסה־אַרבעט און מיטן שרייבן אַ ניי בוך וועגן פראַנק־רייך. קיין אויפרעגונגען האָבן אים אָבער, ווי געזאָגט, נישט גע־פעלט. איינמאָל אין אָוונט איז ער אַהיימגעקומען שטאַרק דעפּרי־מירט. ער איז געווען מיט אַ באַזוך ביים גרויסן וויקטאָר הוגאָ און האָט דערזען אַזוי־צו־זאָגן, דעם „זשעני אין שלאָפראָק". זיין איינ־דרוק פון באַזוך איז געווען אַ שמערצפולער. נאָרדוי האָט געטראַכט, אַז ס'איז בעסער נישט צו זען די גרויסע גייסטער אין זייער פּרי־וואַט־לעבן, מ'דאַרף זיך באַגנוגענען מיט זייערע שאַפונגען. אין דער היים האָבן נאָרדויען אויפגענומען די אַלטע טענות פון מוטער און שוועסטער וועגן דעם, ווי גוט ס'איז געווען דאָס לעבן אין פּעסט און ווי שלעכט עס איז אין פּאַריז. אַ דעפּרימירטער און אויפגערעגטער האָט נאָרדוי געהייסן זיינע בני־בית איינפּאַקן זיך: מ'פאָרט צוריק קיין פּעסט.

אין אַ געדריקטער, ממש פאַרצווייפלטער שטימונג, איז נאָרדוי צוריקגעפאָרן צו זיין אַלטער געבורט־שטאָט פּעסט. דאָס האָט פאַר־שטערט די שמחה פון דער מאַמע און שאַרלאָט, וועלכע האָבן מיט גרויסער בענקשאַפט געחלומט וועגן דער אַמאָליקער היים. אין פּעסט האָט נאָרדוי געפּרוווט ממשיך צו זיין די איבערגעריסענע ליטעראַ־רישע טעטיקייט און מעדיצינישע פּראַקטיק. אָבער ער האָט דאָס גע־טון אָן חשק און אָן יעדער לעבנס־פרייד, ווי אַן אָפּקומעניש. ער האָט געוווסט, אַז לאַנג וועט ער דאָ נישט אויסהאַלטן און אַז זיין פּלאַץ און גורל איז אין פּאַריז. די שטיקנדיקע פּראָווינצער אַטמאָספער און די מאַדיאַריש־נאַציאָנאַליסטישע און אפילו אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן דער אונגאַרישער אינטעליגענץ זיינען אים גע־וואָרן אַ לאַסט און אַ פּיין.

פון דער דאָזיקער פּעסטער פּאַרזונקענקייט האָבן אים אַרויסגע־ריסן צוויי גליקלעכע געשעענישן. זיין בוך: „פון קרעמל ביז אַל־

האמבראַ" האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז דערשינען אין אַ פּאָר אויפלאַגן. זיין ציַיטונג האָט געפונען פאַר אים אַ נייע אויפ־גאַבע אין אויסלאַנד. ווידער האָט נאָרדוי געהייסן זיינע בני־בית זיך פּאַקן און דער רייזע־וועג האָט צוריקגעפירט קיין פּאַריז.

בעת דער נסיעה, האָט שאַרלאָט זיך געוויצלט, אַז מ'איז גע־וואָרן „פליענדיקע האָלענדער" אויף דער טראַסע פּאַריז—פּעסט. נאָרדוי האָט געטראַכט וועגן זיין פּאָלעמיק מיט אהאַסוועד, דעם אייביקן ייד־וואַנדערער און האָט אַ דעצידירטער ביי זיך באַשלאָסן, אַז דאָס קאַפּיטל „פּעסט" איז דאַסמאָל שוין אויף תמיד און לגמרי אָפּגעשלאָסן.

קאַפּיטל י"ג.

ווידער אַ פאַרבאָטענע ליבע

אין יאָר 1880 האָט מאַקס נאָרדוי אַנטגילטיק און אויף תמיד פאַרלאָזט פּעסט. אין פּאַריז, וווּ ער איז פון איצט אָן געוואָרן אַ סטאַבילער תושב, האָט ער געהאָפט צו דערגרייכן נישט נאָר זיין פערזענלעכע קאַריערע אַלס מעדיצינער און שריפטשטעלער. זיין ציל איז געווען עפּעס גרויס און וויכטיקס אויפצוטון פאַר דער מענטש־הייט, אינם קאַמף פאַר איר פּראָגרעס און פאַרבעסערונג. מתחילה האָט ער געגלויבט, אַז די זשורנאַליסטיק איז דער בעסטער און שאַרפסטער כלי־זין אויף דעם דאָזיקן וועג. די ציַיטונג קומט דאָך אין די הענט פון הונדערטער טויזנטער לייענער, זי קאָן באַהערשן דעם מוח און דאָס האַרץ פון פּובליקום און בזה האופן ווערן דער אומבאַזיגבאַרער מאָטאָר צו גייסטיקער און עטישער באַנייאונג פון דער מענטשהייט. נאָרדויס הויכע אויפפאַסונג וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער פּרעסע, איז געווען אין קאָנטראַסט צו דער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט די זשורנאַליסטן קאָרומפּירט און פאַר־דאָרבן. נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, קעגנערשאַפטן און פיינטשאַפטן, האָט זיך נאָרדוי באַמיט מיט אַלע כוחות טריי צו בלייבן זיין אויסדערוויילטן עטישן פּרינציפּ. אין דעם דאָזיקן כמעט האָפנונגלאָזן קאַמף האָט ער כסדר געליטן מפּלות און איבערגע־לעבט ביטערע אַנטוישונגען. אָבער ער האָט נישט קאַפּיטולירט און בשום אופן נישט געוואָלט גיין אויף דעם וועג פון לייכטן און שענדלעכן קאָמפּראָמיס. דאָס האָט אים אָפט געבראַכט פיינטלעכע אָנפאַלן און פערזענלעכע שאָדנס. אָבער מאַקס נאָרדוי האָט גע־

הערט צו יענע פרייהייט־קעמפער פון דער העלפט פונם פאַריקן יאָרהונדערט, וועלכע זיינען געווען טרייע עפּיגאָנען און יורשים פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און זיינען גרייט געווען אַלץ מקריב צו זיין אויפן מזבח פון זייערע געשווירענע פּרינציפּן. נישט איינמאָל האָט נאָרדוי פאַרצווייפלט און פאַרביטערט אוועקגעוואָרפן פון זיך מיט כעס די זשורנאַליסטישע פען, אָבער זיין איידעלער מאָראַלישער און גייסטיקער אימפּעראַטיוו האָט אים ווידער אויפסניי געצוווּנגען אויפצונעמען דעם קאַמף מיט דער הילף פון שאַרפן און אַזוי געפערלעכן כלי־זין, ווי ס'איז געווען און געבליבן די פּרעסע.

נאָך זיין צוריקקומען קיין פּאַריז, ווערט נאָרדוי דער קאָרעספּאָנדענט און פּאַריזער מיטאַרבעטער פון דעם גרויסן בערלינער טאָגבלאַט „די פאָסישע צייטונג", וואָס איז געווען אַן איינפלוסרייכער אָרגאַן פון די ליבעראַלע, אינטעלעקטועלע קרייזן אין דייטשלאַנד. אויך אין אַנדערע גרויסע צייטונגען האָט נאָרדוי מיטגעאַרבעט און פאַרעפנטלעכט וויכטיקע און אינטערעסאַנטע פּובליקאַציעס, נישט נאָר פּאָליטישע נאָר אויך ליטעראַרישע. זיינע גייסטרייכע און שאַרפע קריטישע באַהאַנדלונגען וועגן דער נייער פראַנצויזישער ליטעראַטור און אירע פּראָמינענטע פאָרשטייער, ווי וויקטאָר הוגאָ, אַלעקסאַנדער דימאַ, אַלפאָנס דאָדע און אַנדערע, האָבן אים פאַרשאַפט אַ פּילזייטיקע אַנערקענונג. נאָרדוי איז שטאַרק באַשעפטיקט און האָט כמעט נישט קיין פרייע מינוט פאַר זיין אייגנטלעכן פּערזענלעכן לעבן. ער איז אַ סטאַבילער איינגייער אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, לייענט אַ סך און באַזוכט כסדר די טעאַטערפּרעמיערעס און קונסט־אויסשטעלונגען. ווייניק צייט איז נאָרדויען געבליבן פאַר אייגענע נייע שאַפונגען. ער שרייבט אַ פּאָר קורצע טעאַטער־פּיעסעס (צווישן זיי „די מלחמה פון מיליאָנען", וואָס אָטעמט מיט סאָציאַלן פּאַטאָס) און גרייט זיך איבערצואַרבעטן זיינע „זייפן־בלאָזן", אַ בוך, וואָס איז פול מיט פילאָזאָפישע רעפלעקסן און סאָציאַלער קריטיק און באַווייזט אויך נאָרדויס פיינעם חוש פאַרן איראָנישן הומאָר.

אינמיטן דער אינטענסיווער פּאַריזער טעטיקייט און באַשעפטיקונג, קומט פּלוצלונג פאַר אַן איבערריס. נאָרדויס פריינט און פאַרערער אין דייטשלאַנד פועלן ביי אים אַן הסכמה אויף אַ רעפעראַטן־רייזע איבער די וויכטיקסטע דייטשע שטעט. נאָרדוי האָט זיך שוין צו יענער צייט געשאַפן דעם שם, אַלס דער, וועלכער פּראָפּאַגירט די גייסטיק־קולטורעלע פאַרבינדונג צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט געדאַרפט אָפּשטעלן

די אימפּעריאַליסטיש־שאָוויניסטישע טענדענצן פֿון דער דייטשער פּאָליטיק און בזה האופן פֿאַרזיכערן די פֿרידלעכע אַנטוויקלונג אין אייראָפּע און אין דער וועלט. מיט דער דאָזיקער טענדענץ זיינען בולט באַהערשט געווען נאָרדויס געלונגענע רעפּעראַטן אין פֿראַנקפֿורט, שטוטגאַרט, קעלן און בערלין אויף די טעמעס: „ראָמאַנישע און גערמאַנישע פֿעלקער" און „דאָן זשואַן און פֿאַאוסט". היינט, כמעט זיבן יאָרצענדליק נאָך יענע אַרויסטרעטונגען, קאָן מען אָביעקטיוו פֿעסטשטעלן, אַז נאָרדוי האָט, איבעריקנס ווי אַ סך פּראָמינענטע גייסטיקע און פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן אין אייראָפּע, איבערגעשאַצט דעם כּוח פֿון גייסט און ליטעראַטור און אונטערגעשאַצט דעם באַרבאַרישן שגעון פֿון דייטשן אימפּעריאַליזם.

בעת זיין דייטשער רייזע, האָט זיך נאָרדוי נענטער צונויפֿגעטראָפֿן מיט דער, אין לאַנד וואַקסנדיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־באַוועגונג. גראָד האָט מען זיך אין דייטשלאַנד געגרייט צו פֿייערן דעם צוואַנציק־יעריקן געדענק־טאָג נאָך פֿערדינאַנד לאַסאַלס טויט. נאָרדוי האָט געהאַט אַ סך סענטימענטן פֿאַר דער העראָאישער און ראָמאַנטישער געשטאַלט פֿון דעם דאָזיקן דייטש־יידישן אַרבעטער־פֿירער, וועלכער האָט אַזוי מוטיק געקעמפֿט פֿאַר דער פּאָליטישער און סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע פֿון דייטשן פּראָלעטאַריאַט, און איז לסוף, אַזוי יונג אין יאָרן, געפֿאַלן אַ קרבן צוליב אַ נאַרישן ליבע־דועל מיט אַ טעמפּן, רומענישן באָיאַר. נאָרדוי האָט מיט סאַטיספֿאַקציע פֿעסטגעשטעלט ווי גרויס ס'איז געווען דער קולט פֿאַר לאַסאַלן ביי די דייטשע אַרבעטער. אין זיינע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דער „לאַסאַל־מאַרש", וואָס איז אומעטום געזונגען געוואָרן אויף סאָציאַליסטישע פֿאַרזאַמלונגען מיט די סטראָפֿן וועגן דעם, אַז „אין ברעסלוי איז דאָ אַ בית־עלמין און אויפֿן בית־עלמין איז דאָ אַ גרוב, און דאָרט ליגט ד ע ר, וואָס האָט אונז צום קאַמף כּלי־זין געגעבן". נאָרדוי איז נישט געווען קיין סאָציאַליסט, אָבער זיין געפֿיל פֿאַר סאָציאַלן יושר און מענטשלעכער גערעכטיקייט איז געווען ביי אים טיף איינגעוואָרצלט אין דער נשמה. די פּאַטעטיק פֿון דער לאַסאַלישער ראָמאַנטיק און באַוועגונג האָט אים באַאיינפֿלוסט און אפֿילו מיטגעריסן. ער האָט געטראַכט צו באַזוכן די שטאָט ברעסלוי, ווו אויף דעם יידישן בית־עלמין איז געלעגן דער, וועלכער האָט דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט געגעבן כּלי־זין צום קאַמף. אפֿילו ביי זיין טיפֿסטן פּעסימיזם וואָלט דעמאָלט דער ייד מאַקס נאָרדוי נישט פֿאָרויסגעזאָגט די מוראדיק־בלוטיקע „דאַנקבאַרקייט", מיט וועלכער די דייטשע מאַסן וועלן זיך אַ דור שפּעטער „רעוואַנזשירן" לגבי די אייניקלעך פֿון ייד פֿערדינאַנד לאַסאַל.

אָבער פון דער לאַסאַלישער ראָמאַנטיק האָט נאָרדויען פּלוצ־לינג אַרויסגעריסן אַ נייע ליידנשאַפט, די ליבע צו אַ פרוי. באַקענט האָט ער זיך מיט דער דאָזיקער פרוי צופעליק, ביי אַ באַפריינדעטער פאַמיליע אין בערלין. זי איז געווען די אלמנה נאָך אַ באַקאַנטן, רייכן אַמעריקאַנער ייד און איז געקומען קיין אייראָפּע אויף אַ באַ־זוך צו אירע קרובים. דער 33־יעריקער נאָרדוי האָט זיך אין איר פאַרליבט בלב ונפש און, ווי מ'זאָגט, פון ערשטן בליק. דאָס איז נישט געווען קיין דורכשניטלעכע פרוי. מיט איר קערפּערלעכער שיינקייט און צוציענדיקן ווייבלעכן חן האָט זי פאַרבונדן אַן אויס־ערגעוויינלעכע אינטעליגענץ און בילדונג. זי איז געווען אַ שרייבערין און אַ קינסטלערין מיט אַ סך טאַלאַנט און וויסן. זי האָט געקאָנט באַצויבערן מיט איר צאַרטער, פאַרחלומטער נשמה און מיט איר ברויזנדיקן ענטוזיאַזם פאַר אַלץ, וואָס איז שיין און געזעצט.

זי איז אַ פּאָר מאָל געקומען צו נאָרדויען ווי צו אַ דאָקטאָר, בכדי צו היילן איר האַרץ־קראַנקהייט. פון דער פּאַציענטקע איז באַלד געוואָרן אַ גוטע באַקאַנטע, דאַן אַ פריינדין און געליבטע. נאָרדוי האָט מוותר געווען אויף זיינע ווייטערדיקע פּלענער און האָט זיך איבערגעגעבן זיין נייעם ליבע־גליק. די צוויי רייפע מענ־טשן האָבן זיך געשווווירן טריישאַפט און באַשלאָסן חתונה צו האָבן. נייע ווירטיקע פליכטן האָבן נאָרדויען צוריקגערופן קיין פּאַריז. זיין געליבטע איז דערוויייל געבליבן ביי אירע קרובים אין דייטשלאַנד. נאָרדוי האָט אין פּאַריז נישט געקענט געפונען קיין מנוחה, זיין פאַרליבטע נשמה האָט געבענקט און געלעכצט. ער האָט אַלץ דער־ציילט דער אַלטער מאַמען און פאַרלאַנגט איר הסכמה צו זיין הייראַט. די מאַמע האָט געשוויגן, אָבער ווען ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון דער אַמעריקאַנער פרוי, האָט זי קאַטעגאָריש דערקלערט איר זון: „ניין, זי וועט נישט זיין מיין שנור!". אויף דער דערשטוינטער פראַגע פון איר בן־יחיד, האָט זי אים געגעבן צו שמעקן דעם אָנגעקומענעם בריוו. ס'האָט זיך געפילט פון בריוו אַ שאַרפער ריח פון פּערפום. „ניין, מיין זון" — האָט מיט אַ קאַ־טעגאָרישער, פעסטער שטים איבערגעחזרט די אַלטע, 70־יעריקע מאַמע. — „אַ פרוי, וואָס פּאַרט אַליין אַרום אין דער וועלט און שיקט צו אַזעלכע פּאַרפומירטע בריוו, קאָן נישט ווערן מיין שנור!".

דער באַשלוס פון נאָרדויס מאַמע איז געבליבן אַ נעגאַטיווער אויף דעמאָלט, ווען די פּרעכטיקע פרוי איז אָנגעקומען פון בערלין קיין פּאַריז און האָט מיט איר חן און פיינקייט דעראָבערט די סימ־פּאַטיע פון אַלע אירע נייע באַקאַנטע. די אַלטע, פרומע אלמנה פון

ר׳ גבריאל זידפעלד האָט אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן דעם דאָזיקן שידוך. לחינם זיינען געווען אַלע בקשות און פאַרצווייפלטע תחנונים. נאָרדוי האָט ביטער געליטן און שמערצפול געקעמפט מיט זיך און מיט זיין ליבע. אָבער סוף כל סוף האָט געזיגט די מאַמע, פון דער הייראַט איז גאָרנישט געוואָרן. אין איר טיפער פאַרצווייפלונג, האָט נאָרדויס געליבטע געפרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד, זי האָט זיך אויפגעשניטן די אָדערן. מ׳האָט זי אָפּגעראַטעוועט און נאָרדוי האָט זי אַלס דאָקטאָר געהיילט. אָבער די פאַרבאָטענע ליבע איז נישט מער געווען צו ראַטעווען. די צוויי רייפע און הויך־קולטורעלע מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען ווי פריינט, אויסערלעך מיט פרידלעכער רו און אינערלעך מיט טיפע יסורים.

נאָרדוי האָט שטאַרק דערפון געליטן און לאַנג זיך געפילט צעבראָכן און איינזאַם. מיט זיין געליבטער זיינען איבערגעריסן געוואָרן אַלע באַציונגען. אפילו די פאָרמעלע פריינטשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ האָט לסוף אויפגעהערט. ווי דורך אַ צופאַל זיינען צו נאָרדויען דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם ווייטערדיקן לעבנס־גורל פון זיין געוועזענער פריינדין. זי האָט אין צוויי יאָר אַרום חתונה געהאַט, איז אָבער באַלד נאָך דער חתונה געשטאָרבן. צי האָט דערצו גורם געווען בלויז איר פיזישער האַרץ־פעלער, פון וועלכן זי האָט שוין לאַנגע יאָרן געליטן, אָדער...

נאָרדוי האָט אַ סך וועגן דעם געטראַכט און מיט אַ ביטערן צער שטיל געוויינט. ער איז דערשטוינט געווען צוליב דעם קאַטעגאָרישן פאַרבאָט פון זיין מוטער און האָט פאַרשטאַנען, אַז דער כוח פון פעסט האָט זיין מעכטיקע שליטה נישט פאַרלוירן אויך אין פּאַריז.

קאַפּיטל י״ד

„די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע״

בכדי צו פאַרגעסן דעם טיפן ווייטיק צוליב דער „פאַרבאָטענער ליבע״, האָט זיך מאַקס נאָרדוי געוואָרפן מיט זיין גאַנצן ברען און אימפּעט צו דער אַרבעט. שוין אַ לענגערע צייט איז ער געווען באַשעפטיקט מיט שרייבן דאָס גרויסע ווערק א. נ.: „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע״, וואָס וועט בקרוב

אויפטרייסלען די אייראָפּעאישע ליטעראַטור און געזעלשאַפט און וועט נאָרדויען פאַרשאַפן אַן אייביקן רום. די אַרבעט איבערן דאָזיקן ווערק איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און האָט מיטגעריסן און באַגייסטערט דעם אויטאָר און זיין פאַרלעגער, וועלכער איז גלייך ביי די ערשטע באַקומענע קאַפּיטלען געווען ממש אַנטציקט און האָט דעם בוך פאָרויסגעזאָגט אַ סענסאַציאָנעלן דערפאָלג. נאָרדוי האָט אַלע זיינע באַשעפטיקונגען און עגמת־נפשן אַוועקגעטריבן פון זיך און איז פאַרטון געווען בלב ונפש, אין דעם דאָזיקן נייעם בוך, אויף וועלכן עס האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט די באַרימ־טסטע ליטעראַטור־קריטיקער און די ברייטסטע לייענער־קרייזן.

ווען דאָס ווערק „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע" איז אין יאָר 1883 דערשינען, האָט עס אין דער גאַנצער וועלט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון הסכמות און קעגנער־שאַפטן, פון ענטוזיאַזם און פאַרביטערונג, פון אויפריכטיקער סימ־פּאַטיע און פאַרסמטער שנאה. די פּרעסע־ און ליטעראַטור־קריטיק האָט עס אויספירלעך באַהאַנדלט, אין אַלע קלובן און אינטעלעק־טואַליסטן־צוזאַמענקונפטן איז וועגן דעם געגאַנגען אַ לײדנשאַפט־לעכע דיסקוסיע. אין אַלע סאַלאָנען, קאַפע־הייזער, אויפנאַם־אָוונטן האָט מען דערפון כסדר גערעדט. נאָרדויס פאַרלעגער האָט געהאַט אַ ריכטיקע סוחרישע אינטואיציע, דאָס ווערק איז געוואָרן, ווי מען רופט עס היינט, אַ „בעסט־סעלער", איין אויפלאַגע איז דערשינען נאָך דער אַנדערער און אין די בוכהאַנדלונגען האָט מען עס זיך ממש אַרויסגעריסן פון די הענט. במשך דער צייט זיינען „די קאָנ־ווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע" דערשינען אין נישט ווייניקער ווי 59 אויפלאַגעס און זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן. יעדער אינטעליגענטער מענטש האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו לייענען און צו האָבן אין זיין ביבליאָ־טעק דאָס דאָזיקע נייע, וויכטיק ווערק פון מאַקס נאָרדוי. אין רוס־לאַנד און עסטרייך האָט מען עס, נאָך דעם רעגירונג־פאַרבאָט, פאַר־קויפט געהיים. אין די קאַטוילישע לענדער איז נאָרדויס בוך, צוליב דעם פּויפּסטלעכן חרם, געוואָרן דער קאַמף־פּאַראָל פון אַנטי־קלע־ריקאַלן לאַגער. דער נאָמען: מאַקס נאָרדוי איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. די גרעסטע צייטונגען אין אייראָפּע און אַמעריקע האָבן געדרוקט זיינע בילדער און ביאָגראַפיעס, האָבן פאַרעפנטלעכט זיינע דערקלערונגען און אינטערוויוען. נאָך אַן אינטענסיווער, אויסדויערנדיקער, כמעט 20־יעריקער ליטעראַרי־שער טעטיקייט, האָט מאַקס נאָרדוי דערגרייכט זיין גרויסן גייס־טיקן, מאָראַלישן און מאַטעריעלן טריאומף. ער איז געוואָרן איי־

נער פון די ערשטע און וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט פון גייסט און ליטעראַטור. זיין דראַבערטע פּאָזיציע האָט אים געזיכערט רום און עקזיסטענץ בכבוד גדול אויף לאַנגע יאָרן.

מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן דער דאָזיקער ממש־פענאָמענאַלער דערפאָלג פון נאָרדויס בוך, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַן ערנסטע סאָציאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, און נישט סתם אַ ליטעראַרישע סענסאַציע? בכדי דאָס צו פאַרשטיין, מוז מען זיך קלאָר מאַכן די דאַמאָלדיקע אַטמאָספער, אין דעם לעצטן צייטאָפּשניט פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ס׳איז געווען פען־דע־סיעקל (סוף פון יאָרהונדערט), ווען עפּעס אַ מאָדנער און פיינפּולער פּחד־געפיל האָט באַהערשט די נשמות און די מוחות פון די אייראָפּעאישע מענטשן. צי איז דאָס געווען בלויז דאָס ציטערן צוליב דעם נאָענטן חשבון הנפש פון אַ גאַנצן און אַזוי גורלדיקן יאָרהונדערט, אָדער ס׳איז געווען עפּעס נאָך מער, אַן אומהיימלעכער פאָרגעפיל וועגן דעם צוקונפטיקן מוראדיקן חורבן פון דער אייראָפּעאישער קולטור און עטיק? די דאָזיקע אַלגעמיינע אומזיכערקייט און ירידה־שטימונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט אין דער ליטעראַטור אָנגענומען דעקאַדענטישע און פּעסימיסטישע פאָרמען, זיינען אויך שפּעטער צום בולטן אויסדרוק געקומען אין דער באַקאַנטער פּובליקאַציע פון אָסוואַלד שפּענגלער „דער אונטערגאַנג פון מערב־ציוויליזאַציע", אַ בוך פול מיט שוואַרצע נביאות און טויט־אורטיילן קעגן דער אייראָפּעאישער וועלט. אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון זעלבסט־קריטיק און פּחד פאַר דעם וואָס קומט, האָט נאָרדויס מוטיק און טאַלאַנטירט ווערק געווירקט, ווי אַן אויפרייס פון אַ דינאַמיט־באָמבע.

נאָרדויס אויסגאַנג־פּונקט אין זיין בוך „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע" איז די הנחה, אַז די הויפּטקרענק פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט באַשטייט אין פּחדנות און מורא אַרויסצוזאָגן דעם אמת. מיט דער שאַרפקייט פון זיין אַנאַליטישער קריטיק, שניידט נאָרדוי אויף, ווי אַן אומברחמנותדיקער כירורג, די וווּנדיקע, מיט אייטער און בלוט פאַרוואַקסענע וווּנדן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. ער ווייזט אָן אויף אירע שקרים, פאַלשקייטן און פאַרדאָרבנקייטן. ער קריטיקירט און רייסט אַראָפּ די קאָנווענציאָנעלע מאַסקעס, וואָס באַדעקן די מיאוסע, נידערטרעכטיקע פּרצופים. ער האָט נישט קיין רחמנות אויף די מכלומרשט פילאַנטראָפּישע תירוצים און פּסעוודאָ־הייליקע גרימאַסן. זיין מעדיצינישער דיאַגנאָז איז קורץ און שאַרף ווי די שטראָף־רייד פון אַמאָליקע נביאים. ער צעשטערט ביז צום

יסוד די פונדאמענטן פון א ציוויליזאציע, וואָס שטיצט זיך אויף שקר און היפּאָקריזיע.

אָבער נישט בלויז קריטיקירן און צעשטערן וויל נאָרדוים בוך. דער מחבר איז טראָץ אַלעמען אָפּטימיסטיש געשטימט. ער גלויבט, אַז ס'איז פאַראַן אַן אויסוועג צו היילן און צו ראַטעווען אונזער קראַנקע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע. נישט אָבער מיט קיין מיסטי־שע, נאָר מיט פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע מיטלען קאָן מען דאָס דערגרייכן. די מענטשהייט דאַרף האָבן שנעלע און ראַדיקאַלע רע־פאָרמען, סאָציאַלע און עטישע, זי מוז געפינען אַ האַרמאָנישע פאַרבינדונג צווישן די געזעצן פון דער נאַטור און די געזעצן פון דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער אָפּטימיסטישער גלויבן פון מאַקס נאָרדוי וועגן דער מעגלעכקייט פון היילן און ראַטעווען די איי־ראָפּעאישע מענטשהייט האָט נאָך יאָרנלאַנג אָנגעהאַלטן. ערשט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער הקדמה צו דער 59־טער אויפלאַגע פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַ־ציע", לאָזן זיך הערן דעם מחברס מעלאַנכאָלישע און רעזיגנירטע שטימונגען.

היינט, אין אונזערע צייטן, וואָס האָבן געזען דעם טראַגישן חורבן פון אַלע מענטשלעכע אידעאַלן, און דאָס ציניש, באַרבאַרי־שע טרעטן אויף אַלע עטישע הייליקטימער, קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דעם מעכטיקן איינדרוק און די ריזיקע השפעה, וועלכע נאָרדוים „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע" האָבן אַרויסגערופן אין יענעם דור, ביים סוף פונם פאַריקן יאָר־הונדערט. ס'איז אונז היינט אומפאַרשטענדלעך דער געוואַלדיקער ענטוזיאַזם און די שטאַרקע שנאה, מיט וועלכע מ'האָט אויפגענומען דעם אויטאָר און זיין ווערק. די נייע, נאָכמלחמהדיקע מענטשהייט איז געוואָרן גזלניש־קאַלט און גייסטיק־פלעגמאַטיש און זי פאַר־שטייט נישט די אויסערגעוויינלעכע פרייד און שנאה פון אַ דור, וואָס איז אַזוי געוואַלדיק נתפעל געוואָרן צוליב אַ בוך. ס'איז נישט לייכט היינט משיג צו זיין, אַז „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע" זיינען פאַר יענעם דור געווען נישט סתם אַ דרוק־אויסגאַבע, נאָר אַ גרויס, ממש רעוואָלוציאָנער געשעעניש.

אין דעם זעלבן יאָר, אין וועלכן ס'איז דערשינען נאָרדוים ווערק, איז געשטאָרבן קאַרל מאַרקס, דער שעפער פונם מאָדערנעם סאָציאַליזם און דער אָנפירער פון ערשטן אַרבעטער־אינטערנאַציאָ־נאַל. מאַקס נאָרדוי, דער זון פון פעסטער רבנישן למדן און קאַרל מאַרקס, דאָס אייניקל פון ריינלענדישן רב, האָבן געהערט צו יענער צאָלרייכער פּלעיאַדע פון יידישע טאַלאַנטפולע אינטעלעקטואַליסטן,

װעלכע זײַנען דורך זײער זשעני און גורל אױסגעשטעלט געװאָרן בראָש פֿון דער צום פֿאָרשריט מאַרשירנדיקער אײראָפּעאישער מענטשהײט. אָבער בעת נאָרדױ האָט סוף כּל סוף געפֿונען דעם װעג צוריק צו זײַן אומגליקלעכן פֿאָלק, איז מאַרקס, דאָס אײניקל פֿון רב און דער זון פֿון געשמדטן אַדװאָקאַט, אױף תּמיד און לגמרי פֿאַרלױרן געגאַנגען פֿאַר זײַן שטאַם און מקור. נישט נאָר אין דעם איז באַשטאַנען דער אונטערשיד צװישן נאָרדױען און מאַרקסן. נאָרדױ איז נישט געװען קײן אָנהענגער פֿון דער סאָציאַליסטישער װעלט־אַנשױאונג און איר שיטה פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. די הנחה, אַז דער גורל פֿון דער װעלט איז אָפּהענגיק בלױז און אױסשליסלעך פֿון די מאָגן־ און בױך־פּראָבלעמען, איז פֿאַר נאָרדױען געװען פֿרעמד און משונהדיק. ער האָט, בשום אופֿן, נישט געקאָנט פֿאַרשטײן, װי אַזױ מאַרקס, דער גרױסער געלערנטער און יורש פֿון זײַנע רבניש־לומדישע אָבות, האָט געקאָנט אין זײַן נעגאַציע פֿון גײַסט, דערגײן ביז צו דער אַפּאָטעאָזע פֿון דער מגושמדיקער מאַטעריע. די סאָציאַליסטישע מלכות פֿון קאָלעקטיװער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג איז נאָרדױען פֿאָרגעקומען װי אַ טיראַנישע עבֿדות. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן קאָלעקטיװן שטאַט, װאָס װעט מיט זײַן מעכטיקער מלוכהשער מאַשין צערײַבן דעם יחיד און זײַן פֿרײַהײט. נאָרדױס אמונה האָט באַזירט אױף דעם יחיד און זײַן אינדיװידועל גליק. נישט דער יחיד איז באַשאַפֿן געװאָרן פֿאַר דער מלוכה, נאָר די מלוכה פֿאַר דעם יחיד! נישט דער שטאַט האָט אין זײַנע הענט דעם שליסל צום אמת און גליק פֿון דער מענטשהײט, נאָר דער יחיד! נאָרדױס אידעאַל איז געװען די װעלט פֿון פֿרײַהײט און דעמאָקראַטישער עװאָלוציע. ער האָט געהערט צו דעם בעסטן און אײדלסטן ליבעראַליזם, דעם עפּיגאָנישן יורש פֿון דער גרױסער פֿראַנצױזישער רעװאָלוציע און אירע שענסטע לאָזונגען און טראַדיציעס.

אין דעם דאָזיקן דערהױבענעם גײַסט פֿון מענטשן־ליבע און מענטשהײט־דערלײזונג איז געשריבן געװאָרן דאָס באַרימטע װערק: „די קאָנװענציאָנעלע שקרים פֿון אונזער ציװיליזאַציע”. און װעגן די דאָזיקע אידעאַלן האָט געחלומט דער 34־יעריקער שריפֿטשטעלער און דאָקטאָר מאַקס נאָרדױ, װעלכער איז, נאָך דעם ריזן־דערפֿאָלג פֿון זײַן נײַ בוך, נישט פֿאַרשיכּורט געװאָרן מיט קײן נצחון־שטאָלץ, נאָר איז װײַטער געגאַנגען זײַן װעג פֿון קאַמף אַלס נבֿיא און אַרצט פֿון דער קראַנקער, שװער־באַדראָטער אײראָפּעאישער מענטשהײט.

קאַפּיטל ט״ו.

הערלעכע באַרימטקייט און טרויעריקע איינזאַמקייט

נאָכן דערשיינען פון דעם ווערק: „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע״, איז נאָרדוים נאָמען געוואַקסן און באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען צום אויטאָר הונדערטער בריוו פון די פאַרשידנסטע לענדער. אומצייליקע מענטשן, פראַנצויזן און צוגערייזטע, האָבן טאָג־טעגלעך געקלאַפּט אין די טירן פון זיין וווינונג, געוואָלט דורכאויס זיך זען און דורכשמועסן מיט דעם וועלט־באַרימטן שרייבער און דענקער. מ׳האָט געזוכט ביי אים עצות און פאַרלאַנגט אַ הסכמה צו פּלענער און מאַניפעסטן. די איינפלוסרייכסטע פּרעסע־אָרגאַנען און פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך באַמיט צו געווינען זיין פּריינטשאַפט. דער נאָמען מאַקס נאָרדוי איז געוואָרן אַ העראָלד פון אַ גרויסן אויטאָריטעט און פון יעדן פרייהייט־קאַמף. פּאָליטישע עמיגראַנטן פון גריכנלאַנד און רוסלאַנד, פון פּוילן און טערקיי האָבן אין נאָרדויען געפונען זייער פּראָטעקטאָר. אַלע עטישע און גייסטיקע שטרעמונגען און שטרעבונגען אין אייראָפּע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פּראָגרעס און דערלייזונג פון דער מענטשהייט זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט נאָרדויען. אַלץ, וואָס איז געווען פאַלש און פאַרדאָרבן האָט געציטערט פאַר זיין שאַרפער, אומברחמנותדיקער קריטיק.

נאָרדוי האָט נישט אויסגערוט באַקוועם אויף די לאָרבערן פון זיין הערלעכער באַרימטקייט. ער האָט געאַרבעט אינטענסיוו און אומדערמידלעך. ער שרייבט אַ סך און זיינע ווערק — איינס נאָכן אַנדערן — דערשיינען אין דרוק. נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר זיינען פאַרגאַנגען נאָכן אָנשרייבן „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע״ און שוין דרוקט זיך זיין ניי און וויכטיק ווערק „די פּאַראַדאָקסן״, וואָס זאָגט אַרויס טיפע און געוואַגטע געדאַנקען אין אַ קורצער, קאָמפּאַקטער פאָרם. דער שאַרפער קריטישער אַנאַליז פון מחבר האָט אונטערגעגראָבן אַ סך אַלטע, טראַדיציאָנעלע באַגריפן און מנהגים און האָט געצוווּנגען דעם לייענער טיפער זיך צו פאַרטראַכטן איבער פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע דערשיינונגען, וואָס זיינען אים מתחילה פאָרגעקומען

שוין פאַרהייליקט און סטאַביליזירט צוליב זייער דורות־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. „די פּאַראַדאָקסן" האָבן אין דער ליטעראַרישער וועלט אַרויסגערופן גרויס אויפזען און אָנערקענונג און זיינען שנעל געוואָרן אַ שם דבר. גאַנצע פינף אויפלאַגעס פון דעם נייעם בוך זיינען דערשינען גלייך אין ערשטן יאָר און איבערזעצונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אין דער וועלט־פּרעסע און אין די ליטעראַטור־קלובן אַ ליידנשאַפטלעכער ויכוח פּאָר און קעגן נאָר־דויס „פּאַראַדאָקסן". דאַסמאָל זיינען אויך אַ סך דעמאָקראַטישע פּראַזעאָלאָגן פאַרביטערט געוואָרן צוליב דעם אויטאָרס אפּיקורסישן געדאַנק, אַז די מערהייט מענטשן איז נישט ביכולת און האָט אויך נישט דעם ווילן דערצו, לאָגיש צו דענקען. מ'האָט נאָרדויס ספקות געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע און דאָס איז דעמאַגאָגיש אויסגענוצט געוואָרן דורך געוויסע שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן אונטער זייער מכלומרשט דעמאָקראַ־טישער מאַסקע געפּרוווט באַהאַלטן די ברענענדיקע קנאה־שנאה צוליב נאָרדויס אויסערגעוויינלעכן ליטעראַרישן דערפאָלג. אויך פאַרשידנאַרטיקע נאַציאָנאַליסטן זיינען געווען שטאַרק אומצופרידן מיט די „פּאַראַדאָקסן", צוליב נאָרדויס געדאַנקען־גאַנג און אויס־פירונג, אַז אינם צוקונפטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט די ראָל פון די קליינע פעלקער גאָר רעדוצירט ווערן, און די ממשלה אין אייראָפּע וועט איבערגיין צו אַ פּאָר געציילטע גרויסע פעלקער.

ווי ביי „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע", האָט אויך דאָסמאָל מאַקס נאָרדוי אויפגענומען די קריטיק און קעג־נערשאַפט מיט אַ פולשטענדיקער באַהערשונג און זעלבסטזיכער־קייט. זיין תשובה צו די צאָלרייכע אָפּאָנענטן איז געווען, אַז מיט די „פּאַראַדאָקסן" האָט ער נישט געוואָלט שאַפן קיין נייע דאָגמען (אַנשטאָט די אַלטע, וועלכע ער האָט צעשטערט), נאָר ער איז אויסן געווען אַרויסצורופן קריטיק און ספקות לגבי סטאַביליזירטע און פאַרהייליקטע באַגריפן. דעם דאָזיקן ציל זיינעם האָט ער בשלמות דערגרייכט, ווייל די דיסקוסיע פּאָר און קעגן „די פּאַראַדאָקסן" האָט אויפגערודערט די אָפּגעשטאַנענע געמיטער און אויפגעפרישט די פאַרשימלטע, טראַדיציאָנעלע געדאַנקען־וועלט.

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט ביי די צוויי גרויסע ווערק, האָט פאַרלאַנגט אַ געוויסע רו און איבעריים. אָבער נאָרדוי האָט זיך דאָס נישט געוואָלט פאַרגינען. ער האָט געזוכט אַ גייסטיקע דערפרישונג ביי אַ פּאָר ראָמאַנען, וועלכע ער האָט אין אַ קורצער צייט פאַרפאַסט און פאַרעפנטלעכט. דאָס זיינען געווען נישט סתם־סענסאַציאָנעלע

געשיכטעס וועגן ליבע און מענטשלעכע קאמפן, נאר טיפע פסיכאָ־לאָגישע שטודיעס, וואָס האָבן אַ זין און ציל און קומען צו גע־וויסע געזעלשאַפטלעכע און עטישע אויספירונגען. זיין גרויסער ראָמאַן „די קראַנקהייט פון יאָרהונדערט" שילדערט די גייסטיקע און מאָראַלישע אַטמאָספער ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט. זיין הויפּט־העלד, אַ יונגער אינטעלעקטואַליסט, איז דער קלאַסי־שער פאָרשטייער פון יענעם דור, מיט 50 יאָר צוריק, וואָס האָט זיך פאַרשיכורט מיט אַן אַנגעבלאָזענער פּראַזעאָלאָגיע וועגן נעאָ־ראָ־מאַנטיזם, פּעסימיזם, סימבאָליזם, פוטוריזם און אַנדערע „פיינע איזמען" און דערביי האָט ער פאַרלוירן יעדן חוש פאַר רעאַליטעט און אַקטיוויטעט פון לעבן, און איז שטיין געבליבן קראַפט־ און ווילנ־לאָז על־פּרשת־הדרכים, אויף דעם קרייץ־וועג פון צוויי יאָרהונ־דערטער. דער דאָזיקער האַמלעטישער דור פון „נאַקעטע נשמות" און „צעבראָכענע הערצער", וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט קיין ווילן צום לעבן און קיין כוח צום שטאַרבן, איז געוואָרן אַן אינ־האַלט פון אַן אינטערעסאַנטער פּסיכאָ־אַנאַליטישער וויסנשאַפט און בעלעטריסטישער ליטעראַטור. נאַרדויס העלד, אַ געלערנטער וויסנשאַפטלער אָבער אַ נעווראַסטעניש־שוואַכער, קאָן זיך נאָך ראַטעווען פון דעם פולשטענדיקן צוזאַמענברוך. דער גליקלעכער גורל האָט אים דערצו געגעבן דעם לעצטן שאַנס. אַ פּרעכטיק שפּאַ־ניש מיידל, שטאַרק מיט איר שיינקייט און לעבנס־כוח, האָט זיך פאַרליבט אין דעם וויסנשאַפטלער. זי איז גרייט פאַר אים מקריב צו זיין איר ליבע און נשמה, איר ענערגישן ווילן און אָפּטימיס־טישן גלויבן. דאָס קאָן דעם פאַרצווייפלטן יונגנמאַן געבן אַ נייעם לעבנס־חשק און כוח. ער איז אָבער צו שוואַך אויסצונוצן דעם דאָ־זיקן לעצטן שאַנס זיינעם. ער פאַרלירט דאָס מיידל און חתמעט זיין גורל. ער באַווייזט דאָן ביים ברעג פון אַ טייך זיין צעבראָכן לעבן און טראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. שטאַרבן וויל ער אָבער מיט אַ העראָאישן זשעסט, בכדי צו נעמען אויף אַזאַ אופן רעוואַנזש פאַר זיין פּחדניש־שוואַך לעבן. ווידער באַקומט ער פון גורל אַ שאַנס. און דאָס מאָל נוצט ער אויס בשלמות. שטייענדיק ביים ברעג, דערזעט ער פּלוצלונג, ווי אַ קינד טרינקט זיך. אַן זיין געוויינלעכן, לאַנגן ישוב הדעת, אָן זיין נאָרמאַלן וואַקלען זיך, באַשליסט ער דאָסמאָל גלייך צו זיין אַקטיוו, ער זאַמלט צונויף זיין לעצטע לע־בנס־ענערגיע און וואַרפט זיך אין וואַסער אריין, בכדי צו ראַטע־ווען דאָס קינד. ער ווערט דערטרונקען צוזאַמען מיטן קינד, אָבער ער שטאַרבט ווי אַ העלד, אַזוי, ווי ס'איז געווען זיין פּאַטעטישער פאַרלאַנג.

צי האָט מאַקס נאָרדוי אין דעם דאָזיקן ראָמאַן אויסגעדריקט בלויז די געפילן פון זיין אומגליקלעכן העלד, אָדער אפשר האָט ער דאָ אויך געבראַכט צום אויסדרוק געוויסע ריין־פּערזענלעכע ליידן און איבערלעבענישן? נישט געקוקט אויף זיין הערלעכער באַרימט־קייט האָט זיך מאַקס נאָרדוי געפילט איינזאַם און פאַרלאָזט. זיין מוטער און שוועסטער זיינען פאַר אים געווען גוטע און האַרציק־איבערגעגעבענע מענטשן. אָבער זייער נשמה איז געבליבן אין פּעס־טער געטאָ, און זיי האָבן אים, דעם איינציקן זון און ברודער, דעם באַרימטן שריפטשטעלער און מאָדערנעם פּאַריזער תושב, נישט פאַרשטאַנען, אָפּט נישט געקאָנט פאַרשטיין. אַ זשורנאַליסט און שרייבער פון נאָרדויס מדרגה, האָט זיכער געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע. ווען מ'איז אַ באַרימטער שריפטשטעלער און מאַ־טעריעל גוט־סיטואירטער פאַרדינער, פעלן דאָן נישט קיין גוטע פריינט!. אָבער — טראָץ אַלעמען האָט זיך נאָרדוי אָפּט געפילט איינזאַם. נישט איינמאָל האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט די צוויי שווערמוטיקע לאַטיינישע ווערטער: « VAE SOLI ! » („ווייז איז דעם איינזאַמען!". ער האָט אָפּט געטראַכט וועגן דעם, אַז זיין פאָטער, ר' גבריאל זידפעלד, האָט זיך אויך אין פעסט געפילט אַזוי איינ־זאַם, הגם ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ מענטשן־פריינט דערצו. צי איז דאָס אַ גורלדיקע באַשטימונג פון אַ פאָ־טערלעכער ירושה אָדער וועט זיך דאָס נאָך אַמאָל ענדערן צום גוטן?

וועגן דעם האָט אָפּט אַריינגעטראַכט דער 40־יעריקער מאַקס נאָרדוי, שפּאַצירנדיק אין אָוונטן, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. יאָ, די איינזאַמקייט העלפט צו גייסטיקער קאָנצענטראַציע, צו כוחות־אַנטוויקלונג און אַרבעט־פּאַרנעם. די איינזאַמקייט איז דער שאַר־פער כלי־זין פון אַ שטאַרקן מאַן. אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור צו בלייבן אַזוי שטאַרק און ווי לאַנג קאָן מען אָפּהיטן, אַז די שאַרפ־קייט פון דעם דאָזיקן כלי־זין זאָל זיך נישט ווענדן קעגן דער איי־גענער ברוסט און נשמה? נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט אין זיין ער־שטער פּאַריזער ליבע, אין די ראָמאַנטישע שפּאַצירן מיט פּאָלין דאָ, אויף די ברעגעס פון דער סעקוואַנע. זיינע געדאַנקען זיינען אַריבער צו יענער וווּנדערבאַרער פרוי פון אַמעריקע, וואָס האָט אים שפּע־טער באַגלייט פון בערלין קיין פּאַריז און איז אויף אייביק געבליבן אין זיין זכרון און האַרצן. צי האָט ער נישט קיין רעכט צו קיין פּערזענלעך גליק, צו דעם, וואָס עס באַזיצט דער אָרעמסטער פּאַ־ריזער מענטש? וואָס טויג אים די הערלעכע באַרימטקייט, ווען די איינזאַמקייט איז אַזוי טרויעריק!. נאָרדויען איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דער נאָמען פון זיין נייער פּיעסע, וועלכע ער האָט געהאַט

בדעה איצט צו שרייבן. יאָ, די פּיעסע וועט הייסן: „דאָס רעכט אויף ליבע". יעדער מענטש האָט אַ רעכט צו ליבע. אָן דעם, וואָס וואָלט ווערט געווען אונזער לעבן! ?

פון די דאָזיקע סענטימענטאַל־טרויעריקע שטימונגען אין זומער 1889, האָבן נאָרדויען אַרויסגעריסן צוויי נייע געשעענישן. אין פּאַריז האָט זיך ווידער געעפנט אַ גרויסע, גאָר אינטערעסאַנטע וועלט־אויסשטעלונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען אַ סך באַזו־כער. צווישן זיי האָט נאָרדוי געטראָפן אַלטע, גוטע באַקאַנטע, פאַר וועלכע ער האָט איצט געמוזט אָוועקגעבן צייט און מי. דאָס צוויי־טע געשעעניש איז געווען אַ סך אומאַנגענעמער. נאָרדוי האָט פון זיינע ביכער־האָנאָראַרן פּאַרדינט אַ סך געלט. ער האָט אינוועס־טירט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל, אַ פּאָר הונדערט טויזנט פראַנק, דע־מאָלט איז דאָס געווען אַ גרויס פאַרמעגן, אין געוויסע אונטערנע־מונגען און האָט אַלץ פאַרלוירן. קיין טראַגעדיע האָט מאַקס נאָר־דוי דערפון נישט געמאַכט, אָבער דער פאַרלוסט איז געווען אַ וויי־טיקדיקער און קיין פרישע דאגות און צרות האָבן נישט געפעלט.

קאַפּיטל ט״ז.

דער וועג צום יידיש־נאַציאָנאַלן באַקענטעניש

זינט דעם דערשיינען פון „די פּאַראַדאָקסן" זיינען פאַרגאַנגען אַ פּאָר יאָר, ביז מאַקס נאָרדוי האָט געפונען צייט און מעגלעכקייט אָנצושרייבן אַ ניי וויכטיק בוך. עס האָבן נאָרדויען אַבסאָרבירט פאַרשידענע ענינים און ער איז אויך שטאַרק באַשעפטיקט געווען מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק, וואָס איז געוואָרן זיין צווייטער באַליבטער באַרוף. צוליב דעם האָט ער רעזיגנירט פון דער איינלאַ־דונג צו קומען קיין אַמעריקע אויף אַ רעפעראַטן־טורניי, הגם די דאָזיקע נסיעה האָט אים געקאָנט זיין נוצלעך פון יעדן שטאַנד־פּונקט. נאָרדוי איז שוין פאַרוואָרצלט געווען, שטאַרק און טיף, אין זיין אַלט־נייער פּאַריזער היים און נישט גערן וואָלט ער מסכים גע־ווען צו פאַרלאָזן אפילו אויף אַ קורצער צייט, די טומלדיקע פראַנ־צויזישע מעטראָפּאָליע און די שטילע, וואַרעמע, היימישע אַטמאָס־פער פון זיינע נאָענטסטע בני־בית. זיין נייע דירה אויף דער אַווע־נוע דע וויליע, אַנטקעגן דעם פּרעכטיקן פּאַרק מאָנסאָ, איז געווען באַ־קוועם און האָט באַשאַפן די אידילישקייט און מנוחה, וואָס זיינען

אים אזוי נויטיק געווען אין די דאָזיקע יאָרן פון שטורמישע קאַמפן און טעגלעכע זאָרגן.

ערשט אין יאָר 1893 איז דערשינען אין דרוק נאָרדויס ווערק „דעגענעראַציע". דאָס איז געווען אַ גרויסע און וויכטיקע וויסנ־שאַפטלעכע פובליקאַציע, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף לאַנגע און סאָלידע פאָרשונגען אויפן געביט פון סאָציאָלאָגיע, פסיכאָ־אַנאַלי־טיק און פילאָזאָפיע. דאָס נייע בוך האָט מאַקס נאָרדוי געווידמעט דעם באַרימטן יידיש־איטאַליענישן געלערנטן טשעזאַרע לאָמבראָזאָ, וועלכער האָט צו יענער צייט אויפגערודערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און די מעדיצינישע וויסנשאַפט מיט זיין געוואַגטער און שטאַרק ריזיקאַלישער טעאָריע, אַז די פאַרברעכער זיינען אייגנטלעך נישט מער ווי קראַנקע און מ'דאַרף זיי היילן אנשטאָט צו שטראָפן. אויך די צווייטע טעאָריע פון פּראָפ. לאָמבראָזאָ, אין זיין בוך „זשעני און שגעון", וועגן דער פאַרבינדונג צווישן גאונישקייט און נישט־נאָרמאַלקייט, האָט ארויסגערופן די גרעסטע סענסאַציע און די ליידנשאַפטלעכסטע פּאָלעמיק. נאָרדוי דעקלאַרירט זיך מיט שטאָלץ אַלס אַ תלמיד פון לאָמבראָזאָ און שרייבט אינם פאָרוואָרט צו זיין „דעגענעראַציע", אַז „נישט נאָר קרימינאַליסטן, פּראָסטי־טוטקעס, אַנאַרכיסטן און סתם משוגעים זיינען דעגענעראַטן, אַ סך מאָל זיינען דאָס אויך שרייבער און קינסטלער. אַ סך אַזעלכע דע־גענעראַטן אין דער ליטעראַטור, מוזיק און מאָלעריי האָבן אין דער לעצטער צייט דערגרייכט אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט און צאָלרייכע אָנהענגער באַגריסן זיי מיט התלהבות אַלס די שעפער פון אַ נייער קונסט און אַלס די העראָלדן פון צוקונפטיקע דורות. די דאָזיקע דערשיינונג קאָן מען נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווייל ביכער און קונסט־ווערק באַזיצן אַ מאַכט פון סוגעסטיע, פון זיי נעמט יעדע תקופה אירע אידעאַלן וועגן מאָראַל און שיינקייט". די מאָ־דערנע ריכטונגען פון סימבאָליסטן, פוטוריסטן, עסטעטיסטן און סתם־עגאָאיסטן זיינען פאַר נאָרדויען נישט מער ווי אויסדרוקן פון דעקאַדענטישער ירידה און קראַנקהאַפטער דעגענעראַציע. נאָרדוי באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט טעאָרעטישע באַווייזן, ער אילוס־טרירט עס אויך מיט בפירושע פאַקטן און נעמען.

באַזונדערס שאַרף קריטיקירט נאָרדוי די דייטשע גרויסקייט־היסטעריע און איר פאַרדאָרבענע מעגאַלאָמאַניע. אָט למשל פרידריך ניטשע, דער איינפלוסרייכער שריפטשטעלער און פילאָזאָף, וועלכער ווערט ממש פאַרגעטערט דורך אַ גרויסן טייל פון דער אינטעליגענץ אין גאַנץ אייראָפּע, איז ער דאָך, אין דער ווירקלעכקייט, מיט זיין ברוטאַלן איבער־מענטשטום, נישט מער ווי אַ וואַנזיניקער פאַרסמער

פון נשמות און מוחות. ניטשעס אוועקגיין פון מענטש צום איבער־מענטש האָט געמוזט פירן און האָט לסוף דערפירט צום ווילדסטן, נאַציישן אונטער־מענטש. דער פּערזענלעכער גורל פון ניטשען, וועלכער האָט זיין לעבן פאַרענדיקט אין אַ הויז פאַר משוגעים, האָט באַשטעטיקט נאָרדויס שאַרפן אורטייל איבער געוויסע דעגענעראַטן און זייער געפערלעכער השפעה אין דער ליטעראַטור און אינם גייסטיקן לעבן. אָט ווידער ריכאַרד וואַגנער, דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר, ווי געפערלעך איז זיין אַנטיסעמיטישע מאַניע און ווי משונהדיק, הגם געניאַל, איז זיין מוזיק !. נאָרדוי, דער קענער פון מוזיק און ליבהאָבער פון בעטהאָווען, שובערט, ווערדי, אָפּענבאַך און אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן, האָט וואַגנערס השפעה אין דער מוזיק און אין דער גייסטיקער ספערע שאַרף באַקעמפט.

דער לייט־מאָטיוו פון „דעגענעראַציע" איז נאָרדויס טיפסטע און ערלעכסטע איבערצייגונג, אַז די פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט, מוזן ריקזיכטלאָז נעגירט און עלימינירט ווערן, אויב מ'וויל ראַטעווען מאָראַליש און גייסטיק דאָס געזונט פון דער מענטשהייט. נאָרדויס שפּראַך און קריטיק אין „דעגענעראַציע" זיינען שאַרף, אפשר טיילמאָל צו שאַרף. אָבער נאָרדוי, דער דאָקטאָר, האָט געהאַלטן, אַז מ'מוז דעם קראַנקן זאָגן דעם גאַנצן אמת, אפילו ווען דער אמת איז זייער אומאַנגענעם און באַליידיקנדיק. מ'מוז פון דעגענערירטן גוף שניידן גלידער, בכדי צו ראַטעווען די גאַנצקייט. בכלל קאָן מען נישט אָפּטיילן נאָרדוין דעם שרייבער און דענקער פון נאָרדוי דעם אַרצט. דאָס געזונט פונם קערפּער און גייסט איז געווען כל ימיו דאָס געבאָט פון זיין טעטיקייט און זיין לערע. פון די יינגסטע ביז זיינע עלטסטע יאָרן האָט ער דעם אייגענעם קערפּער ספּאָרטלעך געשולט און געזונט אַנטוויקלט. ער איז געווען אַ גומער פעכטער, שווימער, רייטער. זיין פּערזאָן האָט תמיד מיט זיך פאַרגעשטעלט די פיזישע און גייסטיקע געזונטהייט.

נאָרדויס „דעגענעראַציע" איז געוואָרן אַ וויכטיק געשעעניש אין אייראָפּעאישן געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן. דאָס ווערק איז דערשינען אויף אַ פּאָר שפּראַכן און האָט אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג אין דער גאַנצער וועלט. פאַרשטענדלעך, אַז אַ סך פּערזענלעכקייטן האָבן זיך געפילט געטראָפן צוליב נאָרדויס שאַרפער קריטיק, און די פּאָלעמיק צוליב דעם האָט אָפט אָנגענומען פאָרמען פון אַ ריקזיכטלאָזער פּערזענלעכער אַטאַקע. צווישן די אָפּאָנענטן האָט זיך מיט זיין גייסטרייכן, הגם שטאַרק פּערזענלעכן טאָן, אויסגעצייכנט בערנאַרד שאָו, דער באַרימטער ענגלישער דראַ־

מאַטורג. נאָרדוי האָט, ווי תמיד, געלאַסן און מיט ישוב הדעת אויפגענומען די קריטיק. ער האָט זיך באַמיט צו לערנען פון איר, ווי ווייט ס'איז געווען מעגלעך. אין דער רעפּליק האָט ער זיך געשטיצט אויף דער מיינונג פון וויקטאָר הוגאָ וועגן דעם, אַז די וויכטיקסטע שליחות פון שרייבער באַשטייט אין אָפּהיטן דאָס געזונט פון דער מענטשלעכער נשמה.

געטרייסט און געשטאַרקט האָט נאָרדויען די מאָראַלישע אונטערשטיצונג, וועלכע ער האָט באַקומען פון זיינע פריינט, פון די עלטערע און פון די יינגערע. צווישן די דאָזיקע נייע פריינט איז געווען טעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט געוווינט אין פּאַריז זינט צוויי יאָר, אַלס דער סטאַבילער קאָרעספּאָנדענט פון דעם דערמאָנטן גרויסן ווינער טאָגבלאַט „די נייע פרייע פּרעסע". נאָרדוי האָט זיך געהאַט באַקענט מיט הערצלען, מיט אַ צייט צוריק, אין דעם באַקאַנטן קאַפעהויז פּוסטע אויף די בולוואַרן, וווּ עס זיינען זיך צונויפגעקומען יעדן פרייטיק אָוונט די קאָרעספּאָנדענטן און מיטאַרבעטער פון דער אויסלענדישער פּרעסע. טעאָדאָר הערצל איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַוווּסטער זשורנאַליסט און ליטעראַט, אָבער מיט גרויס דרך ארץ האָט ער געקוקט אויף מאַקס נאָרדויען, וועלכער איז געווען עלטער פון אים מיט גאַנצע 11 יאָר און האָט שוין דערגרייכט אַ וועלט־רום. ביידע זיינען זיי געווען פעסטער, געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אונגאַרן, דאַן דייטשע זשורנאַליסטן און שרייבער לויט זייער באַרוף, אָבער קאָסמאָפּאָליטן לויט זייער גייסטיקן מהות. זייער לעבנס־גאַנג האָט געהאַט אין זיך אַ סך ענלעכקייטן. ביידע זיינען זיי געווען אײדעלע, טיף־פילנדיקע און הויך־טאַלאַנטירטע פּאָעטישע נשמות, וועמען די האַרטע, רעאַלע ווירקלעכקייט האָט געוואָרפן אויף די שטורמישע, ליידנשאַפטלעכע כוואַליעס פון זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור. פון יידישקייט האָבן זיי וייניק געוווּסט און מיטן יידנטום האָט זיי כמעט גאָרנישט פאַרבונדן. אָבער די השגחה האָט זיי צונויפגעפירט צוערשט אַלס באַקאַנטע, שפּעטער אַלס נאָענטע פריינט און לסוף אַלס ציוניסטישע מנהיגים.

באַלד נאָך דעם דערשיינען פון „דעגענעראַציע" איז נאָרדוי געפאָרן קיין בערלין צו דער פּרעמיערע פון זיין נייער פּיעסע „דאָס רעכט אויף ליבע". דער אָוונט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן טריאומף פון אויטאָר. דאָס פּובליקום, די טעאַטער־רעצענזענטן און די דירעקטאָרן זיינען געווען ממש באַגייסטערט. נאָך דער פאָרשטעלונג איז נאָרדוי געגאַנגען אין באַגלייטונג פון זיינע נאָענטסטע בערלינער פריינט אין אַ קאַפעהויז אויפן קורפירסטנדאַם. בשכנות

איז געזעסן אַ גרופּע סטודענטן אין זייערע פאַרביקע קולואַר־קאַפּן און בענדער. נאָרדוי האָט געפילט, אַז זייערע אויגן שטעכן אים מיט פאַרסמטע, שנאה־פולע בליקן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט זייערע פאַרביסענע באַמערקונגען: „אָט דאָס איז דער יודע נאָרדוי". ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז באַלד אַוועק פון קאַפעהויז. דעם אַנדערן טאָג איז ער אַוועקגעפאָרן קיין באָרקום, אַ באַרימטער ים־אָרטשאַפט אין צפון־דייטשלאַנד, ווו צו זומער־צייט האָט געוויילט און זיך אָפּגערוט די דייטשע אַריסטאָקראַטיע און פּלוטאָקראַטיע. ליבע פריינט האָבן דאָ נאָרדויען הארציק אויפגענומען. אָבער ביים ערשטן מיטאָג־עסן אין האָטעל האָט נאָרדוי געפונען אויף זיין פּלאַץ אַ געשלאָסענעם בריוו. ווען ער האָט אים געעפנט איז אַרויסגעפאַלן אַ קאַרטל מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „מיר דאַרפן דאָ נישט האָבן קיין יידן!". שטאַרק אויפגערעגט האָט נאָרדוי דעם בריוו צעריסן און די שטיקלעך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. אָבער בריוו מיט דעם זעלבן אינהאַלט זיינען אים כסדר צוגעשיקט געוואָרן, אויף שריט און טריט, ווו ער האָט זיך נאָר באַוועגט. טיף באַליידיקט און דעפּרימירט איז נאָרדוי אַוועק פון באָרקום און פון דייטשלאַנד בכלל. בעת זיין צוריקרייזע קיין פּאַריז האָט ער געטראַכט וועגן זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געשריבן אין „דעגענעראַציע": „די דייטשע היסטעריע קומט בולט צום אויסדרוק אין אַנטיסעמיטיזם, אין דער געפערלעכסטער פאָרם פון זייער פאַרפאָלגונג־שגעון!"

די דאָזיקע פאַרפאַלן אין דייטשלאַנד האָבן נאָרדויען טיף דערשיטערט. ער איז געוואָרן זעעוודיקער און עמפּפינדלעכער לגבי די סימפּטאָמען פון שנאת ישראל. ער האָט זיי דערזען אויך אין זיין פרייען, דעמאָקראַטישן פראַנקרייך און אין דעם הערלעכן, הומאַניטאַרן פּאַריז. צו זיינע אויערן זיינען איצט דערגאַנגען בייסיקע, אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען, און זיינע אויגן האָבן דערזען די אַנטי־יידישע פּאַמפלעטן און אויפרופן פון דרימאָן און זיין כנופיה. נאָרדויס הארץ האָט געווייטיקט און אין דער נשמה זיינען אויפגעוועקט געוואָרן אַלטע, פאַרגעסענע סענטימענטן. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער טראַגישער דרייפוס־שטורם, וועלכער האָט אויפגערודערט פראַנקרייך און די גאַנצע וועלט. אַזוי ווי הערצל איז אויך נאָרדוי געבליבן שטיין צעטומלט און דערשיטערט ביי די חורבות פון זיינע ביזאַיצטיקע אידעאַלן. אָבער גלייכצייטיק האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נייער וועג, וואָס האָט שוין מיט זיכערע און שטאַלצע טריט געפירט צו אַן אייגענער דערלייזונג, צום יידיש־נאַציאָנאַלן באַקענטעניש, צום ציוניזם.

צווייטער טייל

מאַקס נאָרדוי
דער יידישער מנהיג

„דאָס יידנטום וועט זיין ציוניסטיש, אָדער —
עס וועט בכלל נישט זיין !"
מ. נאָרדוי



דוד וואָלפזאָהן, מאַקס נאָרדוי, ט. הערצל, ד"ר באָדענהיימער.

קאַפּיטל י״ז.

דער דרייפוס־שטורם

מאַקס נאָרדוי, דער גרויסער אייראָפּעאישער דענקער און שרייבער איז געווען אויף דער הויך פון זיין וועלט־באַרימטקייט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אין פּאַריז דער פּראָצעס קעגן דעם יידיש־פראַנצויזישן קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, וואָס האָט אויפגערודערט פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּע. דער שטורם ארום דעם ענין דרייפוס איז געוואָרן פאַר נאָרדויען ווי פאַר טעאָדאָר הערצלען, דער אייגנטלעכער ווענדעפּונקט אין זייער לעבן אויפן וועג צום יידיש־נאַציאָנאַלן באַקענטעניש און ציוניסטישער פירערשאַפט. אין די דאָזיקע שטורמיש־ליידנשאַפטלעכע טעג, ווען דער קאַמף פאַר און קעגן דעם יידישן מיליטער־מאַן דרייפוס, האָט געשפּאָלטן אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן פראַנקרייך און די גאַנצע וועלט, איז די פריינטשאַפט צווישן דעם 45־יעריקן מאַקס נאָרדוי און דעם 34־יעריקן טעאָדאָר הערצל געוואָרן אַ נאָענטע און האַרציקע.

אויב מען זוכט אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צווישן די דאָזיקע צוויי גרויסע אייראָפּעער און יידן, געפינט מען אַ סך געמיינזאַמעס אין זייערע לעבנס־וועגן און כאַראַקטער־שטריכן.ביידע האָבן געשטאַמט פון אונגאַרן, פון דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם, כמעט־פרימיטיוון, האַלב באַלקאַנישן לענדל ערגעצוווּ אויף די ברעגעס פון טייך דונאַי. ביידע האָבן אין די קינדער־יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך אַביסל וואַרעמקייט פון יידישער סביבה און טראַדיציע, וואָס איז אַזוי שנעל אויסגעוועפּט און פאַרגעסן געוואָרן אין דער רייפער יוגנט, צווישן די גויישע שול־טויערן און פרעמדע השפּעות. ביידע זיינען זיי שנעל אַוועק אין די וויטע מערב־אייראָפּעאישע לענדער און האָבן זייער גורל און צוקונפט פאַרבונדן מיט דער דייטשער ליטעראַטור און מיט דער אַל־מענטשלעכער, קאָסמאָפּאָליטישער וועלט־אנשויאונג. ביידע האָבן שווער און אויסדויערהאַפט לאַנג געאַרבעט און געקעמפט ביז זיי האָבן מיט דערפאָלג דערגרייכט זייער דאָקטאָר־דיפּלאָם. (נאָרדוי אַלס מעדיצינער און הערצל אַלס יוריסט) און

האָבן פאַר זיך דעראָבערט אַן ערשט־קלאַסיקע פּאָזיציע אין דער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור.

טעאָדאָר הערצל האָט זיך באַקענט מיט מאַקס נאָרדוי אין יאָר 1892, אין פּאַריז. הערצל האָט זיך דעמאָלט, ווי ס'איז דערמאָנט געוואָרן, באַזעצט אויף סטאַביל אין דער פראַנצויזישער מע־טראָפּאָליע, אַלס דער פּאָליטישער און פּאַרלאַמענטאַרישער קאָרעס־פּאָנדענט פון דעם איינפלוס־ און געלט־רייכן עסטרייכיש־ליבעראַלן טאָגבלאַט „די נייע פרייע פּרעסע". הערצל איז שוין געווען אַ באַ־ווּסטער זשורנאַליסט און ליטעראַט, הגם זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. אין פּאַריז האָט זיך הערצל באַמיט צו באַקענען מיט די פּראָמינענטסטע פּאַרשטייער פון דער פּאָליטיק, קונסט און ליטעראַטור. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער זיך באַקענט מיט מאַקס נאָרדוי, איינעם פון די דעמאָלט באַרימ־טסטע פּערזענלעכקייטן. נאָרדויס נייסטער בוך, וואָס איז גראָד דעמאָלט דערשינען אונטער דעם טיטל „דעגענעראַציע", האָט טיף אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג אין אייראָפּע און אין דער גאַנצער וועלט און איז געוואָרן אַ קאַמף־אָביעקט פון אַ ליידנשאַפ־טלעכער, אָפט פּאַרביסענער פּאָלעמיק אין דער פּרעסע און ליטע־ראַטור. צווישן די אָפּאָנענטן זיינען געווען אַזעלכע קאָריפייען ווי לעוו טאָלסטאָי און בערנאַרד שאָו. דער באַרימטער ענגלישער דראַ־מאַטורג שאָו איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַ שאַרפער אַטאַקע, שרייבנדיק אַז „נאָרדוי האָט געוואָגט צו דערקלערן מלחמה דער מאָדערנער ציוויליזאַציע מיט אַ מוט, וועלכן דער ביבלישער דוד האָט אַרויסגעוויזן אין זיין קאַמף קעגן דעם ריז גלית". אויף הערצל'ן האָט נאָרדויס נייעסטע פּובליקאַציע געמאַכט אַ געוואַל־טיקן איינדרוק. ער האָט באַוווּנדערט דעם מוט, מיט וועלכן זיין, מיט עלף יאָר עלטערער, באַרימטער לאַנדסמאַן, האָט אָנגעוויזן אויף די דעגענעראַציע־דערשיינונגען אין אייראָפּעאישן פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן און האָט נישט געשוינט די אָנגענומענע אויטאָרי־טעטן אין דער געזעלשאַפט און ליטעראַטור. באַזונדער איז אים געווען צום הארצן נאָרדויס טעזע, אַז דער מאָדערנער אַנטיסעמי־טיזם איז איינער פון די בולטסטע סימנים פון דער אייראָפּעאישער דעגענעראַציע און וואַרפט אַ טויט־שאָטן אויף דער צוקונפט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

דאָס האָט הערצל ענטוזיאַסטיש דערקלערט מאַקס נאָרדויען בעת זיי האָבן זיך געטראָפן אין אַ פּריוויט־צו־נאַכט אין דעם פּאָ־פּולערן קאַפע־הויז פּוסע, אויף די בולוואַרן. נאָרדוי איז גראָד דע־מאָלט צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, וווּ ער האָט איבערגעלעבט

א טריומף אויף דער טעאטער־בינע מיט זיינער א פיעסע, אָבער ער איז געווען דעפּרימירט צוליב אַן אַנטיסעמיטישער סצענע, וואָס מען האָט אים געמאַכט בעת זיין אָפּרו אין צפון־דייטשן ים־קוראָרט באָרקום. מיט פאַרביטערונג האָט דער מחבר פון „די קאָנווענציאָ־נעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע", פון „פּאַראַדאָקסן" און „דעגענעראַציע" גערעדט דעם וועגן וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אויך דאָ, אין דעם הערלעכן פּאַריז, דעם צענטער פון אוניווערזום, דער „ליכטיקער שטאָט" פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, געפונען זיינע טרייע נאָכפאָלגער.

דער לאָקאַל פון פּוסטע איז געווען איבערפולט מיט געסט. יעדן פרייטיק־צו־נאַכט פלעגן זיך דאָ פאַרזאַמלען ביי די קאַפע־טישלעך די פאָרשטייער פון דער אויסלענדישער פּרעסע אין פּאַריז. ווי תמיד, איז דאָ געווען שטאַרק טומלדיק. אין גרויסן זאַל, ביי מאַרמאָרנע, קאַנ־טיקע טישלעך און אויף ברייטע, באַקוועמע, פּלושענע פאָטעלן זיינען געזעסן די בעל־ביתישע, בירגערלעכע און קאַפּיטאַליסטישע „שטאַם־געסט", וואָס זיינען ווי יעדן אָוונט, פאַרטון געווען מיט דאָמינאָ־ און קאָרטן־שפּיל און האָבן זיך דערביי כסדר דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט וויין־ און ביר־געטראַנקען. די אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן גע־האַט זייער באַזונדער צימער, א זייטיק און אָפּגעשלאָסן פון דעם בעל־ביתישן זאַל. דאָ האָט עס כמעט די גאַנצע וואָך געפּוסטעוועט, נאָר אין די פרייטיק־צו־נאַכטן האָט עס אויפגעלעבט ווי מיט א כשוף־שפּרוך און איז אויף איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טומלדיקן יריד פול מיט ליאַרמעדיקע געשפּרעכן און געדיכטע רויך־וואָלקנס.

צום טישל, ווו טעאָדאָר הערצל איז געזעסן מיט מאַקס נאָרדוי, וועלכער האָט דערציילט מיט אויפרעגונג וועגן זיינע לעצטע איבער־לעבונגען אין דייטשלאַנד, זיינען צוגעקומען א סך באַקאַנטע און פריינט. צווישן זיי איז געווען זיגמונט פעלדמאַן, א געשמדטער זשורנאַליסט פון ווין, א מענטש מיט א שטאַרקן טאַלאַנט אָבער א שוואַכן כאַראַקטער, און טעאָדאָר וואָלף, דער פאַרטרעטער פון „בערלינער טאַגעבלאַט", אַן אויסערגעוויינלעך פּעאיקער דייטשער ייד, וועלכער וועט שפּעטער, אַלס שעף פון זיין ציימונג, שפּילן א וויכטיקע ראָל אין דער פּרעסע און אין דער פּאָליטיק פון דייטש־לאַנד. פעלדמאַן האָט מיט א פּאָר חדשים צוריק, באַקענט צום ערשטן מאָל, הערצלען מיט נאָרדויען און איז אָפּט געבליבן זייער, אַזוי־צו־זאָגן פאַרבינדונגס־מענטש, ביז די נאָענטע און האַרציקע פריינטשאַפט צווישן די צוויי פעסטער לאַנדסלייט, האָט איבעריק געמאַכט זיין פאַרמיטלונג. פעלדמאַן, וועלכער איז געווען א משומד נישט נאָר צוליב זיין קאַריערע, נאָר אויך צוליב זיין „איבערציי־

גונג", האָט אינסטינקטיוו נישט פאַרטראָגן קיין יידישע ענינים און טעמעס. צי איז דאָס געווען אַ מין „יידישער זעלבסט־האַס", לויט דעם מוסטער פון זיין ווינער לאַנדסמאַן וויינינגער (דעם אויטאָר פון סענסאַציאָנעלן בוך: „געשלעכט און כאַראַקטער") אָדער עפּעס אַ פּאַנישע מורא און חרטה־געפיל צוליב זיין שמד־זינד?

אויך דאַסמאָל האָט זיך פעלדמאַן באמית נאָרדויס ווערטער וועגן יידן און אַנטיסעמיטן אַריבערצופירן אויף אַנדערע רעלסן. ער האָט געשיקט מאַנעווּרירט און באַלד האָט דער גאַנצער קרייז אַרום מאַקס נאָרדוי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן געאָרג בראַנדעס, דעם באַרימטן סקאַנדינאַווישן קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, וועלכער איז צו יענער צייט געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע און גייסטרייכסטע אייראָפּעער. בראַנדעס איז געווען דער אידעאַל פון די פעלדמאַנס און זייערס גלייכן, ווייל הגם פון יידישער אָפּשטאַמונג, האָט ער פאַרשטאַנען פולשטענדיק צוצופּאַסן זיך, מיט אַ ווירטואָזער לייכטקייט, צו דער פרעמדער, נישט־יידישער סביבה. בעת נאָרדוי, דער אַל־מענטשלעכער קעמפער און קאָסמאָפּאָליטישער דענקער, האָט אין זיך און אין זיין שאַפונג געטראָגן, באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט, דעם נביאישן פּאַטאָס פון תנ"ך־פאָלק, מיט זיינע הויכע, עטישע באַגריפן און פּאָסטולאַטן, איז געאָרג בראַנדעס געווען דער באַזינגער פון „יפיפיתו של יפת", פון דער ריכטונג „קונסט לשם קונסט". פעלדמאַן האָט אָפּט ביי יעדער געלעגנהייט געמאַכט נאָרדויען קאָמפּלימענטן. אָבער דער שאַרפער נאָרדויאישער אינסטינקט האָט אים געזאָגט, אַז די דאָזיקע קאָמפּלימענטן זיינען פאַלש און אַז פעלדמאַן האָט אים אין דער ווירקלעכקייט פיינט. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ביי די פעלדמאַנס זיינען נאָרדוי און בראַנדעס געוואָרן באַזונדערע סימבאָלן. בעת נאָרדוי האָט מיט זיך פּערזאָניפיצירט דאָס אייביקע, אומרואיקע, אומצופרידענע, פאַרן אמת און יושר קעמפנדיקע און ליידנדיקע יידנטום, איז בראַנדעס געוואָרן דער רעפּרעזענטאַנט פון יענע קרייזן אין יידנטום, וואָס האָבן געזוכט דעם לייכטן און באַקוועמען וועג פון קאָמפּראָמיס, פון צופּאַסן זיך צו דעם העלעניזם, פון פאַרמישן זיך מיט דער גויישער וועלט.

טעאָדאָר הערצל איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון געאָרג בראַנדעס, הגם דער דאָזיקער דעניש־יידישער שריפטשטעלער איז געווען דער אָפּגאָט פון ברייטע קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע קרייזן. אַזוי ווי מאַקס נאָרדוי, איז אויך הערצל געווען אַ קעגנער פון די ליטעראַריש־עסטעטישע פיינשמעקער און האָט פאַרלאַנגט פון דער ליטעראַטור אַ מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן פּרצוף. די גייסטיקע

וועלט פון בראַנדעס איז אים געווען צו ענג, צו איינגעשרומפּן, אָן גרויסע אימפּולסן און אָן ברייטע האָריזאָנטן. דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג האָט איצט הערצל געבראַכט צום אויסדרוק בעת דעם שמועס ביים נאָרדוי־טישל אין קאַפע־הויז פּוסט. ער האָט ביי דער געלעגנהייט באַרירט דאָס פּראָבלעם פון דער פּרעסע, און האָט נישט מסכים געווען מיט נאָרדויס אָפּטימיסטישער מיינונג, וועלכע האָט זיך נאָך תמיד, טראָץ אַלע ביטערע דערפאַרונגען, געשטיצט אויף פערדינאַנד לאַסאַלס לאָזונג, אַז „די צייטונגען זיינען די סאָלדאַטן און די פאָרקעמפער פון דער פרייהייט".

נאָרדוי האָט זיך מיט ערנסט צוגעהערט צו די פּעסימיסטישע, שאַרף־קריטישע ווערטער פון זיין יינגערן לאַנדסמאַן און נייעם אינטערעסאַנטן פריינט, וועגן דער קאָרופּציע און מאָראַלישער ירידה פון דער פּרעסע. מיט אַ געדריקטער שטימע האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז דאָס וואָס קומט איצט פאָר אין דער פּאַריזער זשורנאַליס־טיק, איז אַ בולטע אילוסטראַציע צו זיין באַהויפּטונג וועגן דער אייראָפּעאישער דעגענעראַציע. ווידער איז נאָרדוי אומבאַוווסט צו־ריקגעקומען צו דער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם. „אָט גיט אַ קוק, וואָס עס טוט זיך ביי אונז!", האָט ער צוגעגעבן מיט אַ לייכטן זיפץ, „דער דאָזיקער אַנטי־יידישער העצער עדוּאַרד דרימאָן, איז פון טאָג צו טאָג דערפאָלגרייכער. זיין פּאַמפלעט „דאָס יידישע פראַנקרייך", וואָס איז אַ שמוציק בוך פול מיט געמיינער, ליגנע־רישער שנאה קעגן דעם יידנטום, ווערט מאַסנהאַפט פאַרשפּרייט אין גאַנץ פראַנקרייך. זיין טאָג־צייטונג „ליבר־פּאַראָל" („דאָס פרייע וואָרט") העצט און פאַרסמט די אַטמאָספער. אין לאַנד אָר־גאַניזירט זיך אַן אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי און אירע דעפּוטאַטן האָבן געהאַט די העזה צו שטעלן אין פּאַרלאַמענט אַ פאָרשלאַג וועגן אַרויסטרייבן די יידן פון פראַנקרייך און קאָנפיסקירן זייער פאַר־מעגן. און דאָס קומט אַלץ פאָר אין פראַנקרייך, הונדערט יאָר נאָך דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט! וווהין קאָן עס און וועט עס אונז לסוף פירן! ?"

נאָרדוי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַרום זיין טישל איז שטיל גע־וואָרן, אומהיימלעך שטיל. קיינער האָט נישט געפּרווט צו ענטפערן אויף די פראַגעס, צו פאַרענטפערן די שווערע, דערדריקנדיקע ווערטער. פעלדמאַן האָט געוואָלט, לויט זיין שטייגער, עפּעס זאָגן, אָבער זיינע באַמערקונגען זיינען אַרויסגעקומען בלאַס און אומ־פאַרשטענדלעך, און ער אַליין איז באַלד ערגעץ פאַרשוווּנדן. ביים טישל איז געזעסן אַ מנין יידן, אונגאַרישע, דייטשע, פראַנצויזישע, וואָס האָבן מיט צער אין די אויגן און מיט אַ שטיל־שווייגן אין דער

נשמה און אויף די ליפּן, געקוקט אויף מאַקס נאָרדוי. אַלע זיינען זיי געווען באַוווּסטע שרייבער, פּראָמינענטע זשורנאַליסטן, טיכ־טיקע פּאָליטיקער, וואָס קענען זיך אויס אין אַלע געהיימע רעגירונגס־קאַבינעטן און גיבן זיך אַן עצה מיט אַלע לעבנס־שוועריקייטן. אָבער איצט זיינען זיי געזעסן הילפלאָז, אָנמעכטיק, ווי פּאַראַליזירטע. זיי האָבן געקוקט אויף זייער עלטסטן און איינפלוסרייכסטן קאָלעגע און פריינט, אויף דעם וועלט־באַרימטן דענקער און נביא, פאַר וועמענס שטראָף־רייד עס האָט געציטערט די קריסטלעכע וועלט, די אייראָ־פּעאישע מענטשהייט, די גאַנצע דאַמאָלסדיקע ליטעראַטור און גייסטיקע מאַכט. ביי אים האָבן זיי געזוכט הילף און טרייסט.

אָבער מאַקס נאָרדוי איז געווען פּאַרזונקען אין שווייגנדיקע, ווייטע גערדאַנקען. עס האָט זיך אים גערדאַכט, אַז די גאַנצע מעשה מיט זיין וועלט־באַרימטקייט און גייסטיקער גרויסקייט איז נישט מער ווי אַן אויסגעטראַכטע זאַך, ווייל אינדערעמתן איז ער נאָך ווייטער געבליבן אין דעם ענגן געסל פון פּעסטער געטאָ און הייסן הייסט ער נישט מאַקס נאָרדוי נאָר שמחה מאיר זידפעלד, דער זון פון באַשיידענעם תלמיד־חכם ר׳ גבריאל און דער גוטער האַרציקער מאַמע רויזע־שרה, וואָס וואָרנט אים כסדר פאַר די בייזע שקצים אין גאַס, וועלכע טשעפּן זיך צו יידישע קינדער און באַוואַרפן זיי מיט שטיינער. אין דרויסן האָבן געבלישטשעט די הערלעכע פּאַרי־זער בולוואַרן, פול מיט גלאַנץ און פרייד. אין דעם קאַפע־הויז איז געווען לעבעדיק און לוסטיק. אָבער ביי נאָרדויס טישל זיינען גע־זעסן יידן מיט טרויעריקע אויגן און מיט פאַרלוירענע נשמות. זיי האָבן לאַנגע מינוטן געשוויגן און אין זייערע ציטערדיקע הערצער איז געוואַקסן דער אומהיימלעכער פחד פאַר דעם, וואָס דערנענ־טערט זיך.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער דרייפוס־שטורם, וועלכער האָט מיט בולטע, פייערדיקע צייכנס אויפגעשריבן זיין וואָרנונגס־סיגנאַל אויף דעם ביז־איצט געמיטלעכן האָריזאָנט פונם אייראָפּעאישן יידנטום. ס׳איז געווען אַ סיגנאַל פאַר דעם שטורם און אַ וואָרנונג פאַר דער קאַטאַסטראָפע. נישט אַלע, וואָס זיינען אין יענעם אָוונט געזעסן ביים נאָרדוי־טישל אין קאַפע־הויז פּוסע האָבן דאָס פאַרשטאַנען. אָבער פאַר צוויי פון די אָנוועזנדיקע, פאַר טעאָדאָר הערצל און מאַקס נאָרדוי איז עס געוואָרן דער אָנהויב פון זייער ציוניסטישער נבואה.

קאַפּיטל י״ח.

נאָרדוים פרוי, די מאָדערנע רות פון דענעמאַרק

מאַקס נאָרדוים וועג צום נאַציאָנאַלן יידנטום און צום ציוניזם איז נישט געווען קיין צופאַל. אויך אין זיין ערגסטער אַסימילאַטאָרישער סביבה און גרעסטער קאָסמאָפּאָליטישער אילוזיעס־צייט, איז אין אים און אין זיין נשמה לעבעדיק געבליבן די אַטמאָספער פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער היים פון זיין פאָטער, ר׳ גבריאל זידפעלד אין פּעסט. די נאָענטע ליבשאַפט פון זיין האַרציקער מוטער רויזע־שרה און זיין שוועסטער שאַרלאָט, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געלעבט און געוווינט מיט אים צוזאַמען אין פּאַריז, האָט די דאָזיקע אַטמאָספער כסדר באַנייט און נישט דערלויבט פאַרגעסן צו ווערן. נאָך זייענדיק ווייט פון זיין שפּעטערדיקן נאַציאָנאַל־יידישן און ציוניסטישן באַקענטעניש, האָט נאָרדוי מיט שטאָלץ און זעלבסטווירדע גערעדט וועגן זיין יידישער אָפּשטאַמונג. דער נביא פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט, דער קאָמפּראָמיסלאָזער קעמפער פאַר יושר און אמת, דער אויטאָר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים״, „פּאַראַדאָקסן״, „דעגענעראַציע״, האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט געהערן צו דעם מינדערווערטיקן סאָרט פון „איזראַעליטישע משומדים און האַלב־משומדים״, וועלכע האָבן צוליב קאַריערע אָדער געלט־פאַרדינסט פאַראַטן דאָס יידנטום. נאָרדוי האָט קיינמאָל, אויך אין דער צייט פון דער גרעסטער קאָסמאָפּאָליטישער אילוזיע און פאַקטישער דערווייטערונג פונם יידישן כלל, נישט געטראַכט צו גיין אין די לייכטע און באַקוועמע, אָבער כאַראַקטערלאָזע וועגן פון די פעלדמאַנס און ענלעכע דייטש־יידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן. מער ווי די שטאָלצסטע גראַפן און באַראָנען פון דער העכסטער קריסטלעך־אייראָפּעאישער אַריסטאָקראַטיע האָט מאַקס נאָרדוי זיך געגרויסט מיט זיין יחוס, מיט זיין אָפּשטאַמונג פון אברבנאל, דעם יורש פון מלכות בית־דוד. כל ימיו האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער געשיכטע פון יידן אין שפּאַניע און אין זכרון איז ער כסדר צוריקגעקומען מיט אנערקענונג און סאַטיספאַקציע צו דער געשטאַלט פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, וועלכער איז געווען אַזוי באַשיידן און דאָך אַזוי גרויס אין זיין פאָרנעמער מענטשלעכקייט און געלערנטקייט.

ס׳איז דערפאַר בלויז נויטיק געווען אַ שטאַרקער היסטאָרישער אינצידענט, אָדער אַ סוגעסטיווער פּערזענלעכער איינפלוס, בכדי

אין נאָרדויס נשמה און הארץ אָנצוצינדן די האלב־פאַרלאָשענע, האלב־פאַרגעסענע פייערלעך פון יידישער ליבשאַפט און טרייקייט און צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַ מעכטיקן פלאַם פון יידישער התלה־בות און אינטענסיווער, אַרבעטס־פולער טעטיקייט. כידוע איז דער דאָזיקער שטאַרקער און סוגעסטיווער פּערזענלעכער איינפלוס פאָרגעקומען ביי נאָרדוי אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּראָצעס פון דרייפוס און דער פריינטשאַפט מיט טעאָדאָר הערצל.

אָבער שוין אַ פּאָר יאָר פאַר הערצלען, האָט אַן אַנדערע יידישע פּערזענלעכקייט געפּרוווט צו פאַראינטערעסירן נאָרדויען נענטער מיט דעם פאַרשאַרפטן יידישן פּראָבלעם, בכדי אַקטיוו און ראַדי־קאַל אים צו פאַרענטפערן. דאָס איז געווען ד״ר ג. לעווענטאַל, אַ באַוווסטער מעדיצינער און גייסטרייכער, טיף־געבילדעטער אינטע־לעקטואַליסט. ד״ר לעווענטאַל, וועלכער האָט געשטאַמט פון גאַלי־ציאַנער יידן, איז אין פּאַריז געווען אַ באַקאַנטע און געאַכטעטע פּערזענלעכקייט. מאַקס נאָרדוי האָט זיך מיט אים נענטער באַפריינ־דעט און איז אָפּט געשטאַנען אונטער זיין גייסטיקער השפעה. ד״ר לעווענטאַל איז מיט דער צייט געוואָרן אַ הארציקער ידיד פון מאַקס נאָרדוי און זיינע בני־בית. אין דער שטילער וווינונג פון נאָרדוי אָדער אין אַ רוישיקער קאַפע־הויז־סביבה אויף די בולוואַרן, איז מען צוזאַמען אָפּגעזעסן לאַנגע, לאַנגע שעהן ביי אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק און מעדיצין. ביידע זיינען זיי געווען דאָקטוירים, אָבער די מעדיצין האָט ביי זיי נישט געטראָגן אַ ריין־פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, ווי ביי אַ סך אַנדערע דאָקטוי־רים, זי איז געוואָרן אַ טייל פון זייער גייסטיקער און סאָציאַלער וועלט־אַנשויאונג. אויך ביי לעווענטאַלן האָבן געלעבט רעמיניס־צענצן פון זיין אַמאָליקער יידישער היים אין גאַליציע און אָפט האָט ער מיט בענקשאַפט און פרייד, דערמאָנט זיין יוגנט אין דער יידיש־טראַדיציאָנעלער סביבה. די בלוטיקע אַנטי־יידישע פּאָגראָ־מען אין רוסלאַנד אין די 80־ער יאָרן און שפּעטער אין די 90־ער יאָרן האָבן אים טיף דערשיטערט. מיט פאַרביטערונג האָט ער גע־רעדט וועגן דער נייער שנאת־ישראל אין אייראָפּע און וועגן דער מאָדערנער, אַנטיסעמיטיש־ראַסיסטישער פּסיידאָ־וויסנשאַפט פון אַ העצערישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן דער דייטש דיהרינג, דער פראַנצויז גאָבינאָ און דער ענגלענדער טשעמבערלען, האָבן גע־שפּילט די ערשטע און געמיינסטע ראָלן. לעווענטאַל האָט באַ־קענט נאָרדויען מיט דער דעמאָלט וויניק־פּאָפּולערער בראָשור פון ד״ר לעאָן פּינסקער „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ און מיט די שטרעבונגען פון „בילו״ און חובבי ציון.

ד״ר לעווענטאַל איז נישט געבליבן בלויז ביים רעדן. פּינסקערס פּראָגראַם וועגן אַן אייגענער טעריטאָריע, וואָס וועט לייזן דעם יידן־פּראָבלעם, האָט לעווענטאַלן געשטויסן צו אַ ליידנשאַפטלעכער, אַק־טיווער טעטיקייט. ער שטודירט פליסיק און גרינטלעך די ליטעראַ־טור פון מאַסן־עמיגראַציעס און קאָלאָניזאַציעס און אַרבעט אויס אַ פּלאַן וועגן אַ גרויסער יידישער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע אין אַרגענטינע. דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער פאַרגעלייגט דעם באַרימטן יידישן מיליאָנער און פילאַנטראָפּ באַראָן מאָריץ הירש, וועלכער איז גראָד דעמאָלט צוגעטרעטן אויפצוטאָן עפּעס מיט זיין פאַרמעגן לטובת די יידן. באַראָן הירשן איז זייער געפעלן געוואָרן דער פּלאַן פון ד״ר לעווענטאַל, ער האָט אין אים געזען דעם וועג צו אַ גראַנדיעזן און רעאַלן אויפטו. ער שיקט לעווענטאַלן בראש פון אַ ספּעציעל צונויפ־געשטעלטער קאָמיסיע קיין אַרגענטינע. דער פאַריזער דאָקטאָר איז באַגייסטערט מיט זיין שליחות. זיינע בריוו און פּערזענלעכע שמוע־עסן מיט נאָרדויען אָטעמען מיט התלהבות און אַרבעטס־ברען. אָט דאָס איז אַן אויפגאַבע, פאַר וועלכער עס איז כדאי מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן !. ד״ר לעווענטאַל זעט שוין פאַר זיינע גייסטיקע אויגן די צוקונפטיקע יידישע מאַסן־עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. דאָרט, אויף די ריזיקע שטחים פון דער געפּלאַנטער אייגענער יידישער טעריטאָריע איז דאָ פּלאַץ בשפע פאַר מיליאָנען יידן, געפּלאָגטע און פאַגראָמירטע, פון רוסלאַנד, רומעניע און גאַליציע !

אָבער ד״ר לעווענטאַל איז וויט פון דער יידישערווירקלעכקייט, ער קען נישט דאָס יידישע לעבן, די סביבה און די מענטשן ביים סוף פונעם 19־טן יאָרהונדערט. ער פאַלט אַריין אין אַ קנויל פון אינטריגעס און געמיינקייטן. מען פאַרסמט אים דאָס לעבן און מען פאַרביטערט אים די יאָרן. לעווענטאַל איז טיף אַנטוישט און זייער פאַרביטערט. ער, דער טיכטיקער דאָקטאָר, דער גייסטרייכער דענ־קער, און ערלעכער, אידעאַליסטישער שליח־ציבור ראַנגלט זיך הילף־און מאַכטלאָז מיט די כסדר וואַקסנדיקע שוועריקייטן, וואָס דער־דריקן און ברעכן אים, ביז אַ פּלוצלונגער האַרץ־שלאַג מאַכט אַ סוף צו זיין מענטשלעכער און יידישער טראַגעדיע.

לעווענטאַלס טראַגישער טויט האָט טיף דערשיטערט מאַקס נאָרדויען. ער האָט אין דעם פאַרשטאָרבענעם פאַרלוירן איינעם פון זיינע בעסטע און געציילטע אמתע פריינט. אַ געפיל פון איינ־זאַמקייט און טרויערקייט האָט ווידער, ווי שוין אָפט ביז איצט, באַהערשט נאָרדויען. אין לעווענטאַלס טראַגעדיע האָט ער דערזען די האַנט פון דעם מערדער: די מיאוסע ווירקלעכקייט פון אונזער

מענטשלעכער נאַטור מיט איר גאַנצער פאַלשקייט און פאַרדאָרבנ־קייט. אַ יאוש־פֿולע פאַרביטערונג און סקעפּטישע פּראַכטונג האָבן באַהערשט די נשמה און דעם מוח פון דעם, ביי וועלכן הונדערטער טויזנטער אייראָפּעער האָבן געזוכט אמונה און אַ נייע נבואה. אין דעם ריזיקן, הערלעכן און הויך־קולטורעלן פּאַריז האָט זיך נאָרדוי פלוצלינג דערפילט איינציק־אַליין און פולשטענדיק איינזאַם, ווי אַ מידער וואַנדערער אין אַ ווייטן מדבר. ווו זאָל ער זוכן פריינט און ביי וועמען געפונען טרייסט און האָפנונג? נאָרדוי האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ קינסטלעכן אימפּעט אין זיין מעדיצינישער און ליטעראַרישער אַרבעט, די אָוונטן האָט ער פאַרבראַכט אין טור־מלדיקע קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען, אין אַ לוסטיקער און באַ־ריידעוודיקער געזעלשאַפט. אָבער אומעטום האָט אים פאַרפאָלגט און געפּייניקט דאָס געפיל פון שווערמוטיקייט און פאַרלאָזנקייט: « Vae soli ! » וויי איז דעם איינזאַמען!

צו יענער צייט, האָט זיך נאָרדוי דערנענטערט צו מאַדאַם אַננאַ קויפּמאַן, זיין צוקונפטיקער פרוי. נאָרדוי איז געווען גוט באַפריינ־דעט מיט איר מאַן, ריכאַרד קויפּמאַן, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן. די יונגע אַלמנה, אַ שיינע פרוי און אַ טאַ־לאַנטירטע זינגערין און זשורנאַליסטין, האָט געשטאַמט פון דענע־מאַרק, פון אַ פאָרנעמער פּראָטעסטאַנטישער פאַמיליע, אין וועלכער עס האָבן געלעבט אַלטע טראַדיציעס פון סקאַנדינאַווישע גוט־באַזי־צער און אַרמיי־אָפיצירן. מאַדאַם קויפּמאַן איז געווען שטאַרק דעפּרימירט צוליב דעם פלוצלונגן טויט פון איר מאַן. זי האָט פאַר־לאָזט קאָפּענהאַגן און זיך באַזעצט סטאַביל אין פּאַריז. זי איז זיך אָפטער צונויפגעקומען מיט נאָרדויען, וועלכער איז אַזוי נאָענט באַפריינדעט געווען מיט איר מאַן. נאָרדוי איז צו יענער צייט אַליין אויך געווען שטאַרק דעפּרימירט צוליב דעם טויט פון לעווענטאַלן. די סקעפּטיש־פילאָזאָפישע שטימונגען פון נאָרדוי האָבן געווירקט באַרואיקנדיק אויף דער אָנגעווייטיקטער פּסיכיק פון דער יונגער אַלמנה. אַזוי זיינען פאַרגאַנגען אַ פּאָר חדשים, במשך פון וועלכע זיי האָבן צוזאַמען באַזוכט ערנסטע מוזיק־קאָנצערטן, באַרימטע קונסט־אויסשטעלונגען און אינטערעסאַנטע פאָרלעזונגען. ענדלעך האָט זיך נאָרדוי אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז דאָס איז נישט סתם אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט און הארציקע פריינטשאַפט. די פרוי אַננאַ איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן און פון זיין גאַנצן מהות. דער 45־יאָריקער מאַקס נאָרדוי איז גע־ווען אַנטשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן. דער דאָזיקער באַשלוס האָט אים דערפילט מיט פרייד אָבער גלייכצייטיק אויך מיט שרעק.

נאַרדוי האָט שוין כמעט מער נישט געגלויבט אין זיין ליבעס־גליק, ס׳איז אים פאַרגעקומען, אַז עפּעס אַ טרויעריקע גורל־באַשטימונג האָט אים פאַראורטיילט אויף אייביקער איינזאַמקייט. דאָס האָט זיך גאַנץ פרי אָנגעהויבן, ווען ער איז סך הכל אַלט געווען זיבן יאָר, און זיין ערשטע ליבע, אַ פּרעכטיק, קליין מיידעלע איז אים אַזוי פּלוצלינג און אומברחמנותדיק אוועקגעשטאָרבן. זינט דעמאָלט האָט ער איבערגעלעבט אין דער ליבע בלויז אַנטוישונגען.

אַלס 22־יעריקער, נאָך אין זיין פעסטער געבורטס־שטאָט, איז ער פאַרלאָזט געוואָרן פון זיין צוקונפטיקער כלה, אַ באַוווסטער שיינהייט, וועלכע האָט אויסגעטוישט זיין הייסע אָבער אָרעמע ליבע אויף אַ רייכע הייראַט. ס׳איז אים אויך שפּעטער, אין פּאַריז, נישט באַשערט געווען די ליבע מיט דער האַרציקער, ראָמאַנטישער פּאָלין און מיט דער וווּנדערבאַרער, באמת באַצויבערנדיקער פרוי, וואָס גאָט אַליין האָט זי אים אַראָפּגעשיקט פון אַמעריקע קיין איי־ראָפּע. צי וועט איצט זיין גליק נישט געשטערט ווערן ווידער אַמאָל דורך דעם טראַגישן גורל, צי וועט ער ענדלעך אַרויס פון דעם פאַרכשופטן, פאַטאַלן קרייז פון אייביקער איינזאַמקייט ? מאַקס נאַרדוי איז יעדן טאָג מער באַהאָפטן געוואָרן מיטן יידנטום. דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואַקסן און זיין השפעה אויף נאַרדויען האָט זיך אויסגעווירקט אַלץ שטאַרקער און אינטענסיווער. און גראָד איצט האָט אים דער גורל צוגעשיקט אַן אויסערגעוויינלעכע, פּרעכטיקע פרוי, וואָס איז אָבער געווען אַ קריסטן. צי איז דאָס נישט אַן איי־ראָנישער שפּאַס פון זיין גורל, וואָס שפּילט זיך מיט אים זינט זיינע יונגסטע יאָרן? נאַרדוי האָט געטראַכט וועגן זיין אַלטיטשקער 80־יעריקער מוטער, וואָס איז אַזוי פרום און אָפּגעהיטן אין יידיש־קייט און האָט נישט געוואָלט געבן איר הסכמה צו זיין הייראַט מיט דער אַמעריקאַנער פרוי, הגם די דאָזיקע פרוי, איז געווען פון אַ זייער אנשטענדיקער פאַמיליע און פון אַ יידיש הויז. צי איז פאַראַן אַ האָפנונג, אַז זי וועט איצט מסכים זיין אויף אַ גוישע, קריסטלע־כע שנור ? נאַרדוי איז שיעור נישט פאַרצווייפלט געוואָרן, דאָס פאַמיליען־גליק מיט אַן אויסדערוויילטער פרוי איז נישט פאַר אים באַשערט, ס׳וועט אויסקומען צו בלייבן אַ בחור דאָס גאַנצע לעבן, ווייל אַזוי וויל זיין גורל !

עס געשעען אָבער נאָך וווּנדער. ווי אַ נס מן השמים האָט נאַרדוי אויפגענומען די הסכמה פון זיין אַלטיטשקער פרומער מאַמע, דער פרוי פון פעסטער למדן ר׳ גבריאל זידפעלד, צו זיין הייראַט מיט דער קריסטלעכער פרוי פון דענעמאַרק. ווי אַזוי דער דאָזיקער נס איז מעגלעך געווען, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, נישט די

גוישע שנור, נישט די אַלטיטשקע רויזע־שרה און שוין אַמוויי־ניקסטן איר בן־יחיד און ליבלינג, מאַקס נאָרדוי. מן הסתם האָט די אַלטע מאַמע, וואָס האָט געשטאַמט פון רוסישע יידן און איז געווען באַהאַוונט, אַלס געוועזענע לערערין, אין די תנ״ך־געשיכטן, דערזען פאַר זיך אין דער שעה פון אַנטשיידונג, די געשטאַלט פון דער אַמאָליקער ביבלישער רות, מאָדערניזירט איצט אין דער פּער־זאָן פון מאַדאַם קויפמאַן, דער צוקונפטיקער, אויסדערוויילטער פרוי פון איר זון. די פרוי אַננאַ דאַוס (לויט איר נאָמען פון דער היים), קויפמאַן (נאָך איר ערשטן מאַן) און נאָרדוי (נאָך דער חתונה מיט מאַקס נאָרדוי) איז באמת, אָן מליצהדיקער איבער־טרייבונג, געוואָרן אַווירקלעכע, מאָדערנע רות אין דעם בעסטן און פולסטן זין פונם דאָזיקן נאָמען און באַגריף. זי האָט דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז איר ביז צו יענער צייט געווען באַקאַנט בלויז פון תנ״ך־לערנען, ליב באַקומען פונם גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה. צוזאַמען מיט איר גליקלעכן מאַן האָט זי גע־דינט ערלעך און טריי דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, דעם ציוניזם. זי האָט מיט מוט און מיט ליבע גובר געווען אַלע ראַסישע און רעליגיעזע שוועריקייטן און איז געוואָרן אַ גוטע איבערגעגע־בענע יידישקע, אַזוי ווי זי איז געווען אַ גוטע און איבערגעגעבענע פרוי פון מאַקס נאָרדוי, ביז צו זיינע לעצטע לעבנס־טעג.

מאַקס נאָרדוי איז געווען גליקלעך מיט זיין נייעם פאַמיליע־לעבן. אין קאַמף קעגן זיין אייביקער איינזאַמקייט האָט ער באַקו־מען אַ גוטן און טרייען פריינט און מיטקעמפער. איר נישט־יידישע אָפּשטאַמונג האָט אים נישט געשטערט. און ווען מען האָט שפּע־טער, אין געוויסע יידישע קרייזן ביזווייליק איראָניזירט איבער דער גוישקע, דער פרוי פון גרויסן ציוניסטישן מנהיג, פלעגט נאָר־דוי, לאַכנדיק זיך פאַרענטפערן, אַז זיין חתונה מיט דער מאָדערנער רות פון דענעמאַרק איז געווען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געטון, פאַר דעם ציוניסטישן „מתן תורה״.

קאַפּיטל י״ט

„די סאָציאַלע ראָל פון דער קונסט״

די חתונה מיט מאַדאַם אַננאַ קויפמאַן האָט אין נאָרדויס לעבן אַריינגעבראַכט גרויסע שינויים. דאָס דערדריקנדיקע געפיל פון איי־ביקער איינזאַמקייט, מיט איר אָפטן זיפץ: « VAE SOLI » (ווײ דעם איינזאַמען) איז לאַנגזאַם פאַרשוונדן. די יונגע פרוי פון

נאָרדויען איז געווען פֿון בּאַרוף אַ קינסטלערין. זי האָט זיך מיט טאַ־
לאַנט אָפּגעגעבן צו געזאַנג און מוזיק. צו איר ברייטן באַקאַנטן־
קרייז האָבן געהערט באַרימטע קינסטלער און ווירטואָזן. איר נייע
היים איז געוואָרן אַן אָרט, וווּ צאָלרייכע פאָרשטייער פֿון דער גייס־
טיקער און אַרטיסטישער עליטע האָבן גערן און אָפט פאַרקערט.
מאַקס נאָרדוי, וואָס איז זינט זיין פריסטער יוגנט געווען אַ ליבהאָ־
בער און קענער פֿון דער מוזיק און פֿון אַנדערע קונסט־געביטן, האָט
איצט אין זיין געליבטער פרוי געפונען אַ סובטעלן מבין און באַ־
ראַטער אין אַלע געביטן פֿון קינסטלערישע דערגרייכונגען. נאָרדוי
האָט איצט אָפט פאַרבראַכט די אָוונטן אין זיין נייער און באַקווע־
מער דירה, אויף אַוועני־דע־וויליע 34, אויפן ערשטן שטאָק, אין
דער פּרעכטיקער סביבה פֿון פּלאַץ מאַלעזערב און פּאַרק מאָנסאָ.
שטייענדיק דאָ אָפט אין אָוונט ביים פענסטער און קוקנדיק אויפן
נאָענטן פּאַרק, איינעם פֿון די שענסטע אין פּאַריז, און אויף די
ווייטע פלאַמיקע ליכטן פֿון דער פּאַריזער מעטראָפּאָליע, האָט זיך
נאָרדוי נישט איינמאָל דערמאָנט אין דעם גוט־באַקאַנטן לידל פֿון
מאָנפּאַרנאַסער פּאָעט־וואַגאַבונד, וועגן „פּאַריז, פּאַריז, דו מיין פרייד
און מיין שמערץ!”. ס'איז פּאַר אים איצט געוואָרן אין זיין טייערן,
האַרציקן פּאַריז „דער שטאָט פֿון ליכט און מענטשן־ליבע”, מער
פרייד ווי שמערץ, אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. דער 45־
יעריקער מאַקס נאָרדוי האָט זיך געפילט פאַריונגערט, מיט אַ נייעם
מוט און כוח. אין דער דאָזיקער שטאָט, דער מעטראָפּאָליע פֿון דער
וועלט, האָט ער דערגרייכט זיין רום און זיין גליק. מ'דאַרף איצט
געניסן פֿון לעבן און פֿון זיין שיינקייט, כל זמן ס'איז נאָך פאַראַן
צייט און מעגלעכקייט דערצו. ווייל צי קען מען דען פאַרטרויען
דעם אייגענעם גורל? ער איז דאָך אַזוי פאַנטאַסטיש און קאַפּריז,
ווי אַ שיינע, יונגע פרוי! די צוקונפט, די נאָענטע און די ווייטע,
באַהאַלט פאַר אים, ווער ווייסט, וועלכע סודות און מפּלות. אַך,
גאָט מיינער, וויפיל קאָן מען נאָך געניסן אין דעם דאָזיקן הערלעכן
פּאַריז פֿון דעם געוואַלדיקן אוצר פֿון קונסט און פֿון שיינקייט, וואָס
איז דאָ, אַ דאַנק דורות פֿון מענטשלעכן זשעני און הויכער ציוויליִ־
זאַציע, אָנגעזאַמלט געוואָרן!

ווי אין די ערשטע חדשים פֿון זיין קומען קיין פּאַריז, ווערט
איצט מאַקס נאָרדוי אַ ליידנשאַפטלעכער געניסער פֿון דעם קונסט־
רייכטום. צוזאַמען מיט זיין פרוי באַזוכט ער די מוזעאומס און
אויסשטעלונגען. ער אָבסערווירט מיט גרויס פליים און גרויס איני־
טערעס די נייע שטרעמונגען און קונסט־ריכטונגען. די פאַרשידנ־
סטע סטילן און פאָרמען ווערן פֿון אים קריטיש אויפגענומען און

אנאַליזירט אין געשפּרעכן מיט דער אייגענער פרוי און מיט אַנ־דערע קונסט־מבֿינים. די שרייענדיקע פּאַראַלן פון דער נאַטוראַליס־טישער, סימבאַליסטישער און אימפּרעסיאָניסטישער מחנה אין דער מאַלעריי האָבן נישט תמיד געפונען זיין הסכמה און אנערקענונג. אין פוטוריזם און קוביזם האָט ער געזען בולטע סימנים פון דע־קאַדענטישער ירידה און מאָראַליש־עסטעטישער פאַרדאָרבנקייט, און האָט זיי ווי אַמשאַרפסטן באַקעמפט. נאַרדוי שרייבט און מאַכט נאָטיצן וועגן זיינע באַזוכן און אָבסערוואַציעס, און זאַמלט די דאָ־זיקע אַרטיקלען, וואָס וועלן שפּעטער דערשיינען אין בוך־פאָרם אונטערן טיטל: „וועגן קונסט און קינסטלער".

סיי אין דער דאָזיקער פּובליקאַציע און סיי אין אַנדערע, קומט צום אויסדרוק נאַרדויס טיף־עטישע, נישט ווייניקער ווי עסטעטי־שע, ערנסט מענטשלעכע און סאָציאַלע באַציאונג צו דער קונסט. אין דער מאַלעריי ווי אין דער סקולפּטור, אין טעאַטער און מוזיק איז ער נישט נאָר אַן עסטעטיקער, אַ פיינער קונסט־געניסער, נאָר אויך אַ דענקער, סאָציאָלאָג, אַרצט און עטיקער. די וועלט, אויך די קונסט־וועלט איז ביי אים אַן איינזיקייט. מען קען נישט זיין קיין סאָציאַלער דענקער, עטישער קעמפער, גוטער דאָקטאָר און גלייכ־צייטיק טאָלערירן אַ דעגענערירטע מאַלעריי, אָדער אַ שעדלעכע מו־זיק. דער דאָזיקער סאָציאַלער צוגאַנג קומט צום אויסדרוק אין נאַרדויס באַגייסטערטער באַציאונג צו דעם באַרימטן סקולפּטור מעוניע, וועלכער האָט אין זיינע ווערק אַפּאָטעאָזירט די אַרבעט און דעם אַרבעטס־מענטש. ווי דער דאָזיקער סקולפּטאָר, וויל אויך נאַר־דוי, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל גרויס זיין אין זיין כוח און אין זיין גייסט, ווייל די דאָזיקע פאַרבינדונג פאַראיידלט די אַרבעט און דערהויבט דעם אַרבעטס־מענטש. דאַקעגן איז נאַרדוי קריטיש גע־שטימט לגבי דעם אַנדערן גרויסן סקולפּטאָר ראָדען, וועגן זיין נייַ־גונג צו עקסצענטרישע פאָרמען. צוליב זיין ערנסטער סאָציאַלער טעמאַטיק, איז דער מאָלער ווירץ, וועמענס בילדער עם זיינען אויס־געשטעלט געוואָרן אין בריסל, געווען נאַרדויס ליבלינג. דער דאָ־זיקער מאָלער האָט געשאַפן ווערק מיט אַ שטאַרקן פאַרנעם אין אַרבעטס־כוח, אָבער זיין טאַלאַנט איז געבליבן ווייניק אנערקענט. נאַרדוי איז געווען באַגייסטערט מיט דעם אָרעמען מאָלער, אַ זון פון אַ פּראָסטן אַרבעטער, וועלכער האָט געפירט אַ שווערן קאַמף פאַר זיין טאָג־טעגלעכן קיום און איז טראָצדעם טריי געבליבן צו זיינע עטישע פּרינציפּן און צו זיין, פון סאָציאַלע מאָטיוון באַהער־שטער קונסט־מאָלעריי.

גאַנץ אָפּט איז מאַקס נאַרדוי איצט געגאַנגען אין דער גע־

זעלשאַפֿט פֿון זיין פֿרוי און אַנדערע נאָענטע מענטשן, אין די קאָנצערט־זאַלן, ווו מ'האָט געשפּילט קלאַסישע און מאָדערנע מו־זיק. זינט זיינע פֿריסטע יוגנט־יאָרן איז נאָרדוי פֿאַרליבט געווען אין דער מוזיק. אין די שווערסטע מאָמענטן פֿון זיין לעבן האָט ער געפֿונען טרייסט אין די אָפּערן־הייזער, ביי ערנסטערע און לייכ־טערע אויפֿפֿירונגען. דער רעפּערטואַר פֿון דער פּאַריזער אָפּערע איז אים געווען גוט באַקאַנט און ער האָט געוווּסט אויספֿירלעך צו דערציילן וועגן די מוזיקאַלישע מעלות און חסרונות פֿון אַלע פּראָ־מינענטע זינגער און זינגערינס. אין דער „פֿילהאַרמאָנישער געזעל־שאַפֿט" און אויף אירע קאָנצערטן איז ער געווען אַ שטענדיקער באַזוכער. די מוזיקאַלישע נייגונג און די טאַלאַנטירטע טעטיקייט פֿון נאָרדויס יונגער פֿרוי אויפֿן דאָזיקן געביט, האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו דער וועלט פֿון מוזיק און צו אירע בעסטע און פֿעאיקסטע פֿאָרשטייער אין פּאַריז. צוזאַמען מיט זיין פֿרוי האָט ער אויפֿגענומען אין זיין היים אויף דער אַווענו דע־וויליע באַרימטע מוזיק־דיריגענטן, קאָמפּאָזיטאָרן און זינגער. די וווּנדערבאַרע, פֿאַר־כּשופֿטע וועלט פֿון מוזיק האָט אים באַגייסטערט און עמאָציאָנעל דערהויבן, בפֿרט, אַז ער איז געווען נישט סתם אַ ליבהאָבער, נאָר אויך אַ גוטער קענער פֿון דער מוזיקאַלישער טעכניק. אַמייסטן האָבן אויף אים געווירקט און מיט זייער מעכטיקער קראַפֿט מיטגעריסן בעטהאָווענס „ניינטע סימפֿאָניע" און שובערטס „נישט־פֿאַרענדיקטע סימפֿאָניע". די באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן אָפּענבאַך, ווערדי, לעהאַר און שטרויס האָבן אים תּמיד צוגעצויגן און אָפֿט באַגייסטערט מיט זייער ערנסטער און לייכטער מוזיק. טעאָדאָר הערצל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פֿון ריכאַרד וואַגנערס טאַלאַנט, האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט צו דערנענטערן זיין גרויסן פֿריינט נאָרדוי צו דער וואַגנערישער מוזיק. ער איז מיט אים געגאַנגען אין דער פּאַריזער אָפּערע צו די באַרימטע וואַגנערישע מייסטער־ווערק: „לאָ־הענגרין", „זינגער פֿון נירנבערג", „טאַנהויזער" און אַנדערע. אָבער הערצלס סוגעסטיווע השפּעה לגבי נאָרדוי, וועלכע איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג, איז געבליבן מאַכטלאָז בנוגע דער וואַגנערישער מוזיק. נאָרדוי איז געווען און געבליבן אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון דעם דאָזיקן באַרימטסטן דייטשן קאָמפּאָזיטאָר. צי האָט דאָ אַנטשידן די אַנטיפּאַטיע צו די אומהיימלעכע, אָפֿט משונהדיקע מאָטיוון פֿון דער וואַגנערישער מוזיק, אָדער אפשר איז עס געווען דער פֿאַרבי־סענער אַנטיסעמיטיזם פֿון וואַגנערן, וועלכער האָט נאָרדויען אָפּ־געשטויסן און קעגנעריש געשטימט אויך צו זיין מוזיק?

און ענטפֿער אויף די דאָזיקע פֿראַגן וועלן מיר געפֿינען אין

נאָרדוים וויסנשאַפטלעכן ווערק א. נ.: „די פסיכאָ־פיזיאָלאָגיע פון זשעני און טאַלאַנט". דער סאָציאַל־עטישער גרונט־פּרינציפּ פון נאָרדוים קונסט־אידעאָלאָגיע ווערט דאָ קלאָר און בולט פעסטגעשטעלט, אָן וועלכן עס איז צווייפל. נאָרדוי האָט נישט נעגירט דעם געניאַלן טאַלאַנט פון וואַגנערן אַלס קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־טעכניקער, ער האָט אָבער אַלס איבערצייגטער קעמפער פון געזונטן שכל־דיקן ראַציאָנאַליזם און לאָגישן סאָציאַל־עטישן געזעץ, באַקעמפט דעם עמאָציאָנעלן ריין־אינסטינקטיוון גייסט פון דער וואַגנערישער מוזיק. אין דער דאָזיקער שאַרפער קעגנערשאַפט צווישן דעם יידישן דענקער מאַקס נאָרדוי און דעם דייטש־ראַסיסטישן מוזיקער ריכאַרד וואַגנער, איז בולט געקומען צום אויסדרוק, אפשר בלויז דורך אַ צופאַל, דער טיפער תהום, וועלכער ליגט צווישן דער עטישלאָגישער וועלט־אַנשויאונג פונם יידנטום און דער עמאָציאָנעל־אינסטינקטיווער אויפפאַסונג פון גערמאַנישן דייטשטום.

ס'איז קלאָר, אַז די סאָציאַל־עטישע טענדענץ האָט נאָרדויען אויך באַאיינפלוסט אין זיין באַציאונג צום טעאַטער און צו דער דראַמאַטורגיע. כידוע, איז נאָרדוי שוין אַלס 15־יעריקער גימנאַזיסט געווען אַ באַוווסטער טעאַטער־רעצענזענט אין פעסט. במשך פון די יאָרן האָט נאָרדוי אַ סך געזען און געלערנט און איז אין פּאַריז געווען זיכער איינער פון די בעסטע און טיפסטע טעאַטער־קענער און רעצענזענטן. נאָרדוי איז נישט געבליבן בלויז ביי דער קריטיק, ער האָט אַליין אָנגעשריבן אַ גרעסערע צאָל פּיעסעס און דראַמאַטישע ווערק, פון וועלכע אַ טייל האָבן דערגרייכט אַ גרויסן בינע־דערפאָלג. זיינע פּיעסעס זיינען אינטערעסאַנט און טעכניש גוט געמאַכט, און גלייכצייטיק האָבן זיי אַן ערנסטן לייט־מאָטיוו און אַן עטיש־סאָציאַלע פּראָבלעמאַטיק. נאָרדוי איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן נאָענט פאַראינטערעסירט אין דעם טעאַטער־וועזן. אויך אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט די הייראַט מיט מאַדאַם קויפמאַן געהאַט אַ פּאָזיטיווע השפעה, זיין פרוי איז אין איר יוגנט געווען אַ שוישפּילערין און זי איז געבליבן פאַרבונדן מיטן טעאַטער און מיט זיינע קרייזן.

אין יאָר 1897, אין דער צייט, ווען פראַנקרייכס פּאָליטיק און געזעלשאַפטלעך לעבן האָבן אויפגעציטערט צוליב דעם ליידנשאַפטלעכן דרייפוס־שטורם און ווען די יידישע וועלט איז אויפגערודערט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, איז דערשינען מאַקס נאָרדוים בוך א. נ. „די סאָציאַלע ראָל פון דער קונסט". נאָרדוים אַנשויאונגען וועגן קונסט אין אַלע אירע צווייגן און דערשיינונגען האָבן אין דער דאָזיקער פּובליקאַציע געפונען זייערע קלאָרע, פּראָגראַמאַטישע דעפיניציע. ס'איז געווען אַן

עפנטלעך באקענטעניש פון א וועלט־בארימטן, אנגענומענעם שריפט־שטעלער און דענקער, סאציאלאג און פסיכיאטאר, צו א קינסטלע־רישן אני־מאמין, וואס האט זיך באזירט אויף סאציאל־עטישע יסודות און האט געהאט דעם מוט אפצוווארפן פרינציפיעל און לגמרי די מאדערנע און דעמאלט פאפולערע ריכטונגען וועגן „קונסט לשם קונסט". דער אויטאר פון די „קאנוועציאנעלע שקרים" האט ווי־דער געווארפן דער וועלט זיין שארפע, אומברחמנותדיקע קריטיק.

קאפיטל כ׳

„ד"ר קאהן" — אויף דער בינע און אין לעבן

א פאר חדשים פארן דערשיינען פון מאקס נארדויס אנאליטיש בוך וועגן דער „סאציאלער ראל פון דער קונסט", האט ער פאר־ענדיקט דאס שרייבן פון א פיעסע מיטן נאמען „דאקטאר קאהן". צו דעם טיטל איז צוגעגעבן געווארן דער אונטער־טיטל „א ביר־גערלעכע טראגעדיע". אין דערווירקלעכקייט איז דאס נישט געווען קיין סתם־טראגעדיע פון א יונגן יידישן אינטעליגענט, וועלכער איז געווען דיפלאמירט און האט געשטאמט פון א גוט־בירגערלעכער משפחה. ס׳איז געווען א יידישע טראגעדיע. דער העלד פון דער פיעסע ד"ר קאהן איז, סיי מיט זיין נאמען און סיי מיט זיין לעבן און טראגישן סוף, געווארן דער רעפרעזענטאנט פון אסימילאטאריש־אינטעלעקטועלן יידנטום אין דייטשלאנד (און אויך אין די שכנות־דיקע לענדער), וואס איז ביים סוף פונם פאריקן יארהונדערט שטיין געבליבן מאכט־ און ראטלאז על פרשת הדרכים, צווישן די חורבות פון צעבראכענע האפנונגען און צערונענע אילוזיעס און האט פאר־צווייפלט געזוכט א נייעם וועג און אויסוועג פון דער אייגענער פאר־לוירנקייט.

ד"ר קאהן, נארדויס הויפט־העלד אין דער דערמאנטער פיעסע, וועלכע איז געשריבן געווארן ערב דעם ציוניסטישן מתן־תורה אין באזעל, שטאמט פון אן ארטאדאקסיש־טראדיציאנעלער פאמיליע. ער איז אוועק פון איר לאנגער, דורך יסורים געהייליקטער, גייסטי־קער ירושה און האט אין דער אייראפעאישער קולטור און ציוויליזאציע געזוכט דעם תיקון פאר זיך און פאר דער גאנצער מענטש־הייט. ער חלומט וועגן א וועלטלעכן פראגרעס און וועגן אן אלמענטשלעכער דערלייזונג. פאר די דאזיקע דערהויבענע אידעאלן

איז ער גרייט צו קעמפן און מקריב צו זיין זיין אייגן לעבן. ער איז נישט קיין יחיד און קיין אויסנאם. אזוי האָבן געטראַכט און גע־חלומט טויזנטער יידישע יונגעלייט, די בעסטע און שענסטע פון די פאַרגאַנגענע דורות אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, אָנהויבנדיק פון די היינעס און לאַסאַלס און ענדיקנדיק ביי די וויקטאָר אַדלערס און סטעפאַן צווייגס.

דער יונגער ד"ר קאָהן זוכט די פולשטענדיקע צונויפשמעלצונג מיט דער אַרומיקער וועלט. דאָס יידנטום איז ביי אים אַ געענדיקט קאַפּיטל, וואָס געהערט צו היסטאָריקער און אַרכיוויסטן. ער זוכט עס לגמרי צו פאַרגעסן אין די אָרעמס פון דער געבילדעטער דייַ־טשער סביבה, און אין דער גזועלשאַפט פון זיין געליבטער, שיינער און אינטעליגענטער יונגער פרוי. זי איז אָבער אַ קריסטן, און איר פאַמיליע־לאַגע איז גאָר קאָמפּליצירט. איר פאָטער, אַן אויפגעקו־מענער גביר און געשמדטער ייד, זוכט פאַר זיין טאָכטער אַן עכט־קריסטלעכן מאַן פון אַלטן אַריסטאָקראַטיש־גויישן יחוס. די מוטער שטאַמט פון אַ באַוווסטער דייטש־פּראָטעסטאַנטישער פאַמיליע, וועלכע האָט במשך פון דורות זיך אויסגעצייכנט מיט די בעסטע אַרמיי־אָפיצירן און די פּרומסטע גלחים. ד"ר קאָהן איז שטאַרק פאַר־ליבט אין זייער שיינער טאָכטער און וויל דורכאויס ווערן זייער איידעם. ער איז בלינד צוליב זיין גרויסער ליבע צו דער יונגער פרוי און צו דער אויסגעחלומטער וועלט פון זיינע קאָסמאָפּאָלי־טישע מענטשהייט־דערלייזערישע אידייען. ער שטופּט זיך אין אַ סביבה, ווו בלויז זיין נאָמען „קאָהן" רופט אַרויס פיינטשאַפט אין פאַראַכטונג. ער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון דערפון, אַז מיט דעם דאָזיקן שריט באַטרעט ער דעם וועג פון אַ טראַגישן גורל. און ווען דאָס ווערט אים שוין יאָ קלאָר, איז שוין צו שפּעט זיך צוריק־צוציען. איבריקנס, אַזאַ צוריקצוג וואָלט געהייסן קאַפּיטולירן, זיך מודה זיין, אַז זיין וועלט־אַנשויאונג וועגן מענטשהייט־אידעאַל איז צוזאַמענגעבראָכן. און וווהין זאָל ד"ר קאָהן זיך צוריקציען? אפשר אין דעם געטאָ־היים פון זיינע עלטערן? דאָס איז נישט פאַר אים קיין אויסוועג! צוריק צום געטאָ וויל ער און קען ער מער נישט גיין! און אפשר זאָל ער זוכן אַ פאַרבינדונג מיט דער יונגער נאַ־ציאָנאַל־יידישער באַוועגונג פון די חובבי־ציון? אויך דאָס וויל ער נישט און קען נישט טאָן, ווייל די דאָזיקע באַוועגונג, אויב ער האָט בכלל וועגן איר געהערט, איז אים צו ענג־קליינלעך לגבי זיין וועלט־שטורמענדיקער און מענטשהייט־דערלייזערישער אידייאישער אמונה. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער וועט טעאָדאָר הערצלס פּאָליטישער ציונ־ניזם מיט זיין גראַנדיעזן פאַרנעם און נאַציאָנאַל־מלוכהשער פּאַ־

טעטיק באַגייסטערן און מיטרייסן טויזנטער אַזעלכע ד"ר קאָהנס און אַקטיוויזירן זיי אַלס ציוניסטישע טוער און קעמפער. דערווייל, פאַר באַזעל 1897, האָבן אַזעלכע אידעלע געשטאַלטן ווי נאָרדויס פּיעסע־העלד, ד"ר קאָהן, נישט געזען קיין אויסוועג און זיינען זייער אָפט געגאַנגען זייער טראַגישן וועג, אָן האָפנונג און אָן רעטונג. אליין זיך צו ראַטעווען זיינען זיי, די פאַרשידענע ד"ר קאָהנס, נישט געווען ביכולת.

עס זיינען דעמאָלט געווען, כידוע, די צייטן פון Fin de siècle די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען עפּעס אַ מאָדנע שוואַכקייט און פאַרלוירנקייט האָבן באַהערשט די אינטעליגענץ און זיי פאַרוואַנדלט אין ווילנלאָזע, מאַנכמאָל קאָמישע, אָפט טראַגישע געשטאַלטן. צי איז דאָס געווען אַ פועל־יוצא פון די דעמאָלסטיקע דעקאַדענטישע ירידה־שטימונגען אָדער צי איז דער דאָזיקער דעקאַדענטיזם גראָד געווען אַן אויסדרוק פון דער בין־השמשות־תקופה צווישן ביידע יאָרהונדערטער? אין זיינע ראָמאַנען און פּיעסן האָט נאָרדוי אָפט און אויספירלעך, פּסיכאָלאָגיש טיף און ליטעראַריש פיין, געשילדערט די דאָזיקע שוואַנקנדיקע, האַמלעטישע מענטשן־פיגורן, וואָס האָבן זיך פאַרצווייפלט געראַנגלט מיט זייער אייגענער מאַכטלאָזיקייט און זיינען אָפט געגאַנגען, ווי צו דער שחיטה, אויפן וועג פון זייער טראַגישן פינאַל. מיר דערמאָנען זיך וועגן דעם יונגן געלערנטן, דעם העלד פון נאָרדויס ראָמאַן „די קראַנקהייט פון יאָרהונדערט", וועלכער פאַרפּלאָנטערט זיך האָפנונגסלאָז אין זיין לעבן און אין זיין ליבע און באַגייט אַ הערבאַישן זעלבסטמאָרד מיט אַ פּאַטעטיש־הומאַניטאַרן זשעסט.

אויך ד"ר קאָהן איז אַזאַ שוואַנקנדיקע און טראַגישע געשטאַלט פון Fin de siècle מיט אַ ספּעציפיש־יידישער באַפאַרבונג. אין דעם צוזאַמענשטויס מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט פון זיין סביבה, מיט דעם מיליע, אין וועלכן ער זוכט צו דעראָבערן זיין געליבטע פרוי, פאַרלירט ער זיך לגמרי, מאַכט אַ סוף אין ווילנלאָז. אפשר וואָלט אים דער שמד, די ענדערונג פון רעליגיע און נאָמען אַ ביסל געהאָלפן! מאַנכע ד"ר קאָהנס האָט עס טאַקע גוט געהאָלפן! מינדעסטנס אויף אַ געוויסע צייט! (זאָל אונז עמיל לודוויג מוחל זיין, וואָס מיר וועלן ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט דערמאָנען זיין יונגט־נאָמען קאָהן, פון וועלכן ער איז אַזוי לייכט פּטור געוואָרן אין קעגנזאַץ צום אומגליקלעכן, טראַגישן נאָרדויאישן ד"ר קאָהן!). סיי אויפן אוניווערזיטעט, ווו ד"ר קאָהן באַמיט זיך וועגן זיין צוקונפטיקער פּראָפעסאָרישער קאַריערע און סיי אין דער אומגעבונג פון זיין פאַרליבטער פרוי, ווו ער זוכט זיין צוקונפטיק פאַמי־

ליען־גליק, האָט מען אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אַ שמד־צעטל און ענדערונג פון זיין נאָמען, וואָלטן אים שטאַרק פאַרלייכטערט די דערגרייכונג פון זיינע ציל. אָבער ד״ר קאָהן געהערט צו יענעם דור פון גלויביקע אין פרינציפּן, וועלכער האָט נישט לשם געלט אָדער קאַריערע פאַרקויפט זיין נשמה! אפילו דאָס גרעסטע ליבע־גליק וועט אים נישט פאַרפירן צו אַ טאַט, וועלכע ער באַטראַכט אַלס אומערלעך און געמיין! דאָס יידנטום האָט ער נישט ליב אָבער דאָס קריסטנטום איז אים פרעמד, ער וויל זיך צונויפשמעלצן מיט דער גויישער וועלט, אָבער ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, אויף דער פלאַך פון דער איידעלער קאָסמאָפּאָליטישער מענטשהייט און נישט מיט אַ שקר אין דער נשמה און מיט אַ חניפה אויף די ליפּן. ד״ר קאָהן איז נישט קיין נאַציאָנאַלער ייד, ער איז נישט קיין ציוניסט, אָבער ער איז אַ שטאָלצער, ווערטפולער מענטש, וועלכער האָט דרך־ארץ פאַר אַנדערע, און אויך פאַר זיך, פאַר דער אייגענער פּערזענ־לעכקייט. ער וועט זיך נישט פאַרקויפן, נישט באַצאָלן מיט שמד אפילו פאַר דער העכסטער קאַריערע און פאַר דער הייסעסטער ליי־בע. דאָס יידנטום איז פאַר אים, ווי פאַר היינע, אַ הויקער, פון וועלכן מען קען נישט פטור ווערן, אָבער עס איז זיין אייגענער הויקער און ער וועט אים נישט אָפּלייקענען, בכדי צו חנפנען און צו געפעלן זיינע שונאים.

פאַר ד״ר קאָהנען דערנענטערט זיך און מוז זיך דערנענטערן בזה האופן, זיין טראַגישער פינאַל. ער קען נישט לעבן ווי אַן אמתער ייד און וויל נישט לעבן, ווי אַ פאַלשער קריסט. ער קען נישט לעבן ווי אַ שטאָלצער אייראָפּעער און וויל נישט לעבן, ווי אַ געמיינער קאַריעריסט. זיין גורל איז אַ געחתמעטער, ער מוז שטאַרבן, ווי עס שטאַרבט דער קריסטלעכער יונגער געלערנטער, דער העלד פונם פריער־דערמאָנטן ראָמאַן „די קראַנקהייט פון יאָרהונ־דערט״. אין ביידע פאַלן איז די אומגליקלעכע ליבע בלויז דער אויי־סערלעכער מאָטיוו פאַר דעם טראַגישן סוף פון די ביידע העלדן־מאַרטירער, דעם קריסטלעכן און דעם יידישן. דער טויט איז דער אויסוועג פאַר דער האָפנונגסלאָזער און טראַגישער סיטואַציע און זיין פאָרם איז ראָמאַנטיש־העראָאיש מיט אַ שטאַרק פּאַטעטישן זשעסט. דער קריסטלעכער העלד פון ראָמאַן „די קראַנקהייט פון יאָרהונדערט״ שטאַרבט, בעת ער ראַטעוועט אַ טרינקנדיק קינד. דער יידישער העלד פון דער פּיעסע „ד״ר קאָהן״ שטאַרבט, בעת ער פאַרטיידיקט מיט אַ שווערד אין דער האַנט דעם יידישן כבוד.

ד״ר קאָהן איז, צוליב מענטשלעכע, עטישע פּרינציפּן, אַן אויס־געשפּראָכענער קעגנער פון דועלן. וואָס איז דאָס פאַר אַ גערעכטי־

קייט, וואָס ווערט אַנטשידן דורך דער טיכטיקייט פון פעכטן אָדער דורך דער קונסט פון שיסן? ער רופט אָבער אַרויס אויף אַ דועל דעם ברודער פון זיין געליבטער פּרוי, וועלכער וואַגט חוזק צו מאַכן פון זיין „קאָהנישער פּחדנות”. אין דער דאָזיקער סביבה פון אַריסטאָקראַטישע אָפּיצירן און סטודענטן, האָט בלויז דער דועל אויף שווערדן אָדער פּיסטאָלעטן געקענט ראַטעווען ד”ר קאָהנס מענטשלעכן כבוד. דאָסמאָל האָט נאָרדויס העלד געהאַנדלט אַנדערש, ווי ס'האָט אים דיקטירט זיין פּרינציפּ, און ער האָט דאָס באַצאָלט מיט זיין לעבן. ער איז געפאַלן אין דועל און זיין בלוטיקער טויט האָט קלאָר און דייטלעך באַלויכטן דעם טראַגישן גורל און לעבן פון די ד”ר קאָהנס צווישן פרעמדע, גוייִשע סביבות.

ד”ר קאָהנס גורל איז נישט בלויז, ווי געזאָגט, אַן אינדיווידועלע טראַגעדיע פון אַ יחיד, עס איז אַ קאָלעקטיווע טראַגעדיע פון אַ גאַנצן כלל. צוליב דעם טראָגט נאָרדויס פּיעסע אַן אַלגעמיינגעזעלשאַפטלעכן און ספּעציפיש־ייִדישן כאַראַקטער. זי האָט געבראַכט צום אויסדרוק די גייסטיק־מאָראַלישע און פּאָליטיש־סאָציאַלע אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געשטרעבט ברייטע קרייזן פון אַסימילירטן ייִדישן בירגערטום און אינטעליגענץ.

שרייבנדיק זיין „ד”ר קאָהן”, איז מאַקס נאָרדוי נאָך נישט געווען קיין ציוניסט. אָבער מיט זיין טיפן קינסטלערישן אינסטינקט און מיט זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אויפריכטיקייט האָט ער געפילט און בפירוש געזען די מענטשלעכע און ייִדישע טראַגעדיע פון די דערמאָנטע ייִדיש־אַסימילאַטאָרישע קרייזן. זיין פּיעסע האָט געקענט ערנסט באַאיינפלוסן און דערשיטערן דאָס טעאַטער־פּובליקום, אָבער צוליב דער ייִדישער טעמאַטיק איז עס כמעט נישט אויפגעפירט געוואָרן. די צאָל־ און איינפלוס־רייכע ייִדישע טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן קוים פאַרטראָגן די קאָהנס אין זייער נאָענטער סביבה, זיי האָבן אַלזאָ, נישט געוואָלט זיך קאָמפּראָמיטירן מיט דעם „ד”ר קאָהן” אויף דער בינע. שפּעטער, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג איז געוואַקסן, איז נאָרדויס פּיעסע געוואָרן אַ פּאָפּולערער און באַליבטער באַשטאַנדטייל פון דעם „אייזערנעם רעפּערטואַר” אויף אַלע ייִדישע טעאַטער־סצענעס, סיי די פּראָפעסיאָנעלע און סיי די אַמאַטאָרישע. קיין ציוניסטישע טענדענץ האָט „ד”ר קאָהן” נישט געפּרעדיקט, און דער טראַגישער טויט פון הויפּט־העלד האָט געוואָרפן אויף דעם געמיט פון די צושויער אַ געדריקטע שטימונג פון פּעסימיזם און פאַרצווייפלונג. אין ייִדיש־נאַציאָנאַלע טעאַטער־קרייזן האָט מען דערוואַרט, אַז מאַקס נאָרדוי, דער ציוניסטישער מנהיג, זאָל איצט שרייבן אַ נייעם „ד”ר קאָהן”, צוגעפּאַסט צו דער

נייער צייט און צו דער נייער יידישער וועלט־אנשויאונג פון אויטאָר. אָבער מאַקס נאָרדוי, דער ציוניסט, האָט נאָך דעם באַזעלער קאָנג־רעס נישט געהאַט קיין צייט צו שרייבן פּיעסן (זיין „ד״ר קאָהן״ איז בכלל געווען זיין לעצט טעאַטער־שטיק!). זיין שליחות איז איצט געוואָרן, צו פירן דאָס יידישע פאָלק, צוזאַמען מיט זיין גרויסן פריינט און מנהיג טעאָדאָר הערצל, אויפן וועג פון „יידנשטאַט״.

קאַפּיטל כ״א

נאָרדוי — טעאָדאָר הערצלס גרעסטער און טרייעסטער פריינט

דער זומער פון יאָר 1895 איז געווען אין פראַנקרייך זייער היים. נישט נאָר אין פשוטן, קלימאַטישן זין. שטורמיש און היים איז אויך געווען אין דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער פון לאַנד. דער פּראָצעס און די עפנטלעכע דעגראַדאַציע פון יידישן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן, אַלפרעד דרייפוס, האָבן אויפגערודערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און האָבן געשפּאָלטן די אייניקייט פון פּריוואַטע משפּחות און פון פּאָליטישע פּאַרטייען. זינט פראַנקרייכס מיליטערישער מפּלה אינם קריג 1870—1871 און אירע בלוטיקע נאָכוויייענישן אין דעם ברודער־קאַמף פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט די נייע, דריטע פראַנצויזישע רעפּובליק, נישט געפונען קיין מנוחה. די סאָציאַלע קעגנזאַצן און פּאָליטישע פיינטשאַפטן האָבן ערב דעם דרייפוס־שטורעם אָנגענומען לײדנשאַפטלעכע, פאַר דער זיכערקייט און צוקונפט פון לאַנד, גאָר געפערלעכע פאָרמען. די דערמאָרדונג פונם מלוכה־פּרעזידענט קאַרנאָ און די מיליטאַריס־טיש־דיקטאַטאָרישע געלוסטן פון גענעראַל בולאַנזשע, האָבן אויף איינמאָל צוגעשפּיצט די ביז־איצט אויך שוין גענוג שאַרפע, פיינט־שאַפטלעכע באַציאונגען צווישן דעם דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישן לאַגער און די פאַרשידנסטע, אין געלט־ און מאַכט־איינפלוסרייכע מאָנאַרכיסטיש־רעאַקציאָנערע קרייזן. די דרייפוס־אַפערע און די צוליב איר אויפגעהעצטע אַנטיסעמיטישע פאָלקס־באַוועגונג, זיינען באַוווסטזיניק און געשיקט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די דאָזיקע ראָיאַליסטיש־רעאַקציאָנערע קליקעס, וועלכע האָבן צוגעגרייט אַ מיליטערישן פּוטש און די פאַרניכטונג פון דער דריטער רעפּובליק.

מאַקס נאָרדוי איז איצט אָפּט געגאַנגען צו דעם פּאַלעי בורבאָן (דער פראַנצויזישער דעפּוטאַטן־קאַמער), ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער דאָזיקער פאַרביסענער קאַמף צווישן די רעפּובליקאַנער און זייערע קעגנער. אַלס פּאַרלאַמענטאַרישער באַריכטסגעבער פון דעם גרויסן בערלינער טאָגבלאַט „די פאָסישע צייטונג״, האָט נאָרדוי געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די דעמאָלט פירנדיקע פּאָליטישע געשטאַלטן פון פראַנקרייכס רעגירונג און פּאַרלאַמענט. זינט דעם פּראָצעס פון דרייפוסן, האָט די דעפּוטאַטן־קאַמער איבערגעלעבט שטורמישע, אפילו פאַר דעם פראַנצויזישן טעמפּעראַמענט, אומגעווינלעכע סצענעס. דער געזונטער אינסטינקט פון די דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי־פירער האָט זיי איבערצייגט, אַז מיט דעם זיג אָדער מפּלה פון דעם יידישן אָפיציר דרייפוס, איז אויף טויט און אויף לעבן, פאַרבונדן דער גורל פון דער דריטער רעפּובליק. זייער לײדנשאַפטלעכער, פאַרביטערטער קאַמף קעגן דעם מיליטער־געריכטלעכן פּסק־דין, וועלכער האָט דעם אומשולדיקן דרייפוס פאַראורטיילט צו לעבנסלענגלעכער תפיסה אויף דעם „טייוול״־אינזל, איז געווען געווענדעט נישט נאָר קעגן אַנטיסעמיטיזם און אומגערעכטיקייט, נאָר קודם־כל קעגן די הערשנדיקע רעאַקציאָנערע קליקעס אין דער רעגירונג, אין דער אַרמיי, אין געריכטס־וועזן און אין אַלע אַנדערע מלוכהשע מאַכט־אָרגאַנען. מאַקס נאָרדוי האָט זיך דערנענטערט צו דעם טאַלאַנטירטן זשורנאַליסט און פּאָליטיקער זשאָרזש קלעמאַנסאָ, וועלכער וועט שפּעטער אַלס דער באַרימטער „טיגער״, מיטרייסן מיט זיין קאַמףפּאַטאָס און אייזערנער ענערגיע, דאָס פראַנצויזישע פאָלק, בכדי צו רעווידירן דעם דרייפוס־פּראָצעס, צו פאַריאָגן די שוואַרצע קלעריקאַל־מאָנאַרכיסטישע כוחות און צו באַנייען פראַנקרייכס מאָראַליש־גייסטיקן און פּאָליטיש־מלוכה׳שן קיום. מיט פאַרווונדערונג און אַנערקענונג האָט זיך נאָרדוי פון זיין פּרעסע־לאָזשע צוגעהערט צו די פייערדיקע רעדעס פון דעם יונגן, ערשט געוויילטן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר פון טולוז, זשאַן זשאָרעס, וועלכער האָט מיט זיין געשטאַלט און מיט זיינע פּאַטעטישע רעדעס דערמאָנט די אַמאָליקע רוימישע פאָלקס־טריבונען.

נאָרדויס שאַרפע, ווייט־קוקנדיקע אויגן האָבן געזוכט אומגעדולדיק אין דער פּרעסע־לאָזשע און אין די פּאַרלאַמענט־קולואַרן זיין נאָענטן, הגם נאָך אַזוי יונגן, פריינט טעאָדאָר הערצל, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער באַזוכער פון פּאַלעי־בורבאָן, און וועמענס פּאַרלאַמענטאַרישע באַריכטן און איינדרוקן, געדרוקט אין דער ווינער „נייער פרייער פּרעסע״, האָבן אַרויסגערופן אַלגעמיינע

אנערקענונג. „עפּעס איז ער לעצטנס דאָ געוואָרן אַ זעלטענער גאַסט",
האָט נאָרדוי געטראַכט און באַלד האָט ער ווייטער קאָנטינואירט זיין
געדאַנקען־גאַנג, אָבער שוין נישט אין דער ריכטונג פון פּאַרלאַ־
מענטאַרישער באַריכטסגעבונג, נאָר פון מעדיציניש שטאַנד־
פּונקט אַלס פּסיכיאַטאָר: „ער איז אין דער לעצטער צייט גאָר
אַנדערש, גאָר מאָדנע געוואָרן. ווו איז אַהינגעקומען זיין ווינער
געמיטלעכקייט און פריילעכקייט? עפּעס ערנסטעס, דערשיטערנ־
דיקס באַהערשט זיין וועזן און געזיכטס־אויסדרוק!". נאָרדוי איז
געזעסן פאַרזונקען אין זיין געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז שטאַרק באַ־
אומרואיקט געווען צוליב דער זאָרג וועגן הערצלס געזונט־צושטאַנד,
און ער האָט קוים באַמערקט, ווען די זיצונג אין פּאַרלאַמענט האָט
זיך פאַרענדיקט און זיין פּאַך־קאָלעגע טעאָדאָר וואָלף פון דעם
„בערלינער טאַגעבלאַט" איז צוגעקומען מיט אַ פריילעכן געלעכ־
טער: „נו, ה' דאָקטאָר, וואָס ווילט איר, די זיצונג אַליין ווייטער
פירן?". נאָרדוי איז אויפגעשטאַנען, און גייענדיק מיט זיין שווערן
טריט אין באַגלייטונג פון וואָלפן, איז ער ווייטער געבליבן שווייגנ־
דיק און טיף פאַרטראַכט. זיי זיינען צוגעקומען צום ברייטן, הער־
לעכן קאָנקאָרד־פּלאַץ, וועלכער האָט איצט, אין די אָוונט־שעהן
אויפגעשיינט מיט זיין גאַנצער פּראַכט און פאַנטאַסטישער באַלויכ־
טונג. טעאָדאָר וואָלף האָט כסדר עפּעס גערעדט און דערציילט
וועגן די לעצטע פּאָליטישע פּליאָטקעס און וועגן די נייעסטע גע־
שעענישן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גרויסן קאָרופּציע־סקאַנדאַל
פון פּאַנאַמאַ. נאָרדוי האָט אויפגעכאַפּט איינצלנע ווערטער און
באַמערקונגען פון זיין שפּאַציר־באַגלייטער און האָט מיט אומגע־
דולד געטראַכט: „וואָס וויל ער ווידער מיט דעם דאָזיקן בלוטיק־
ערנסטן אַנעקדאָט, וואָס רופט זיך איצט פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל? און
בכלל, וואָס וויל ער, טעאָדאָר וואָלף, פון מיר האָבן, בעת איך זוך
איצט נישט אים, נאָר טעאָדאָר הערצלען!".

נישט לייכט איז געווען צו געפינען צו יענער צייט, אין זומער
1895, טעאָדאָר הערצלען. זינט וואָכן האָט זיך טעאָדאָר הערצל
פאַרשלאָסן אין זיין האָטעל־צימער און האָט געאַרבעט אינטענסיוו,
ביז צו דער פולשטענדיקסטער דערשעפּונג, ביי זיין „י י ד נ ־
ש ט אַ ט". זיין איינציקע אונטערהאַלטונג און אויסרו זיינען גע־
ווען די באַזוכן אין דער פּאַריזער אָפּערע, ווו ער פלעגט אין די
אָוונטן פאַרברענגען ביי ריכאַרד וואַגנערס שווערער מוזיק. אָנהויב
יוני 1895 האָט הערצל געהאַט זיין באַרימטע באַגעגעניש מיט דעם
גרויסן יידישן פילאַנטראָפּ באַראָן הירש. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער,
ווען דער פּלאַן פון „יידנשטאַט" איז געוואָרן קאָנקרעטיזירט, האָט

הערצל אַריינגעשריבן אין זיינע טאָג־ביכער: „איך מיין, אַז פאַר מיר האָט איצט אויפגעהערט מיין פּריוואַט־לעבן און ס'האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן די וועלט־געשיכטע!". מיט אַ וואונדערבאַרן, פאַר־בישופטן ציטער אין דער נשמה און מיט אַ נביאישן פּחד־געפיל פאַר דעם טויט, וואָס דערנענטערט זיך שוין, האָט טעאָדאָר הערצל פיבערהאַפט געאַרבעט ביים פאַרענדיקן זיין „יידנשטאַט" און האָט, ווי לגמרי, פאַרגעסן אַלע זיינע פּערזענלעכע וויכטיקע ענינים און זאָרגן.

ערשט אָנהויב יולי 1895, אין אַ פּרייטיק־צו־נאַכט, האָט זיך נאָרדוי צונויפגעטראָפן מיט טעאָדאָר הערצלען אין דעם באַוווּסטן קאַפע־הויז פּוסע, אויף די בולוואַרן. הערצל איז געווען שטאַרק מיד און בלאַס, נאָר אין זיינע שוואַרצע און טיפע אויגן האָט געבלי־שטשעט עפּעס אַן אומהיימלעכער, באַצויבערנדיקער גלאַנץ. נאָר־דוי האָט זיך האַרציק באַגריסט מיט זיין טייערן פריינט, צו וועלכן ער האָט שוין אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק געבענקט און מיט אַ פאָטערלעכער זאָרג האָט ער אָבסערווירט זיין מידקייט און בלאַס־קייט. אין זייער געזעלשאַפט האָט זיך ווידער געפונען, זיכער קעגן זייער ווילן, דער משומד זיגמונט פעלדמאַן. ווי תמיד, איז ער אויך דאַסמאָל געווען באַרעדעוודיק און האָט ווי אַן אייביקער קוואַל, געהאַט וואָס צו דערציילן און צו פּלוידערן. הערצל און נאָרדוי זיי־נען געזעסן, צוהערנדיק זיך גערולדיק צו פעלדמאַנס רייד, און טרינ־קנדיק ביר. זייערע אויגן האָבן זיך האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק דורכגעוואָרפן מיט בליקן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „ווען וועלן מיר שוין פּטור ווערן פון דעם דאָזיקן חברה־מאַן?". פּלוצלינג האָט זיך פעלדמאַן געגעבן אַ וואָרף אין הערצלס ריכטונג: „ד"ר הערצל! איך האָב געהערט, אַז איר ווילט די יידן באַגליקן מיט אַן אייגענער מלוכה אין פּאַלעסטינע! איז דאָס אמת?". הערצל איז געבליבן זיצן אָן אַן ענטפער, שטאַרק צעטומלט און דערשטוינט: „זע נאָר, זע, אפילו ער ווייסט שוין אויך וועגן דעם!". פעלדמאַנס קול איז געוואָרן שאַרפער און שרייענדיקער: „צו וואָס דאַרפט איר דאָס האָבן, ד"ר הערצל? גלויבט מיר, איר קענט נישט די יידן! איר ווילט פאַר זיי בויען אַ יידישע מלוכה? איר ווילט זיי מאַכן מיט פעלקער צוגלייך? זיי וועלן אייך באַוואַרפן מיט בלאָטע און שטיי־נער, מיט שפּאָט און צאָרן! זיי וועלן אייך פאַרקירצן די יאָרן! צו וואָס דאַרפט איר דאָס האָבן? ביי די גויים האָט איר זיך דערוואָרבן אַ נאָמען, איר האָט געלט און כבוד! די יידן וועלן אייך פאַרניכטן דאָס לעבן, פאַרביטערן..."

נאָרדוי האָט מער נישט אויסגעהאַלטן, ער איז אויפגעשפּרונגען,

ציטערנדיק פאַר אויפרעגונג און האָט אויסגערופן: „גענוג, פעלד־מאַן, שווייגט! איר זענט אַ מיאוסער יידישער אַנטיסעמיט, איי־נער פון די, צוליב וועלכע מיר ליידן אַזוי פיל!"

פון די נאָענטע טישלעך איז מען זיך צונויפגעלאָפן. פעלדמאַן האָט זיך אָפּגעטראָגן און איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן. הערצל איז ווייטער געבליבן שווייגנדיק, נאָר זיין בלאַסקייט און מידקייט זיינען נאָך בולטער געוואָרן. אָבער זיינע אויגן, די גרויסע און שוואַרצע, האָבן געקוקט מיט אַ טיפן דאַנקבאַרקייט־געפיל אויף דעם דאָזיקן וועלט־באַרימטן שרייבער און דענקער, וועלכער האָט אַמבעסטן און אַמטרייסטן פאַרשטאַנען דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין זיין, הער־צלס נשמה.

נאָרדוי האָט נאָך לאַנג זיך נישט געקענט באַרויקן. ווען ער איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער אָנגעהויבן זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. מיט אַ טיפן געפיל פון צאָרן און צער האָט ער געשיל־דערט הערצלען דעם גייסטיקן איבערברוך, וועלכן ער לעבט איבער זינט יענעם 5־טן יאַנואַר 1895, ווען זיינע אויגן האָבן געזען די שרעקלעכע סצענע, בעת מען האָט עפנטלעך דעגראַדירט דרייפוסן און זיינע אויערן האָבן געהערט דעם צעיושעטן געשריי פון ווילדן המון: „אַ טויט די יידן!". מיט ווייטיק האָט נאָרדוי דערמאָנט די צעשטערטע עמאַנציפּאַציע־ און אַסימילאַציע־אילוזיעס פון זיין דור און האָט פאַרענדיקט זיין טרויעריקן וידוי מיט די ווערטער, וועלכע זיינען שפּעטער אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרן: „מיר זיינען זיך געזעסן במנוחה אין אונזערע קאַבינעטן, בעת פּלוצלינג האָט מען אַריינגע־וואָרפן צו אונז פון דער גאַס שטיינער, וואָס האָבן צעבראָכן די שויבן אין אונזערע פענצטער און אונז דערמאָנט, אַז מיר זיי־נען יידן!".

טעאָדאָר הערצל האָט אויפגענומען נאָרדויס יידיש־נאַציאָנאַלן אני־מאמין מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם. נאָך די ברוטאַל־צינישע און סאַרקאַסטיש־געמיינע דבורים פון פעלדמאַנען, זיינען נאָרדויס האַרציקע ווערטער געווען פאַר אים אַ טרייסט און שטאַרקונג. ער האָט נאָרדויען דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען און טיפן אויפ־ברויז בעתן שרייבן דעם „יודנשטאַט". אין אַ גייסטיקן געראַנגל און אין אַן אמתן שאַפונגס־שמערץ, ווערט געבוירן זיין נייע, יידישע, ציוניסטישע וועלט־אַנשויאונג: „איך שרייב דעם „יודנשטאַט" גיי־ענדיק, שטייענדיק, ליגנדיק, אויף דער גאַס, ביים טיש, אין דער נאַכט ווען עס יאָגט מיך אַרויס פון שלאָף!"

ביז שפּעט נאָך מיטערנאַכט זיינען הערצל און נאָרדוי געזעסן צוזאַמען. אַהיימקומענדיק אין זיין האָטעל־צימער, האָט הערצל

לאנג נישט געעקנט איינשלאָפן. הערצל האָט ארויסגענומען זיינע טאָג-ביכער און דאָרט אריינגעשריבן אונטער דער דאטע פון 6־טן יולי 1895 וועגן דעם נעכטיקן אָוונט מיט נאָרדויען: „נאַטירלעך האָבן מיר גערעדט וועגן דער יידן־פראגע. קיינמאָל האָב איך נישט אזוי שטארק מסכים געווען מיט נאָרדויען, ווי גראָד נעכטן. מיר האָבן פּשוט איינער דעם אנדערן אָפּגעלייענט די געדאנקען. איך האָב אויך מסכים געווען מיט נאָרדויען, אז דער אנטיסעמיטיזם האָט אונז געמאכט צו יידן. נאָרדוי האָט דערקלערט: אין וואָס באשטייט די טראגישקייט פונם יידישן פאָלק? אין דעם, אז דאָס דאָזיקע אמסייסטן קאָנסערוואטיווע פאָלק, וואָס וואָלט געוואָלט לעבן אויף דער אייגענער ערד, איז זינט צוויי טויזנט יאָר אָן א פאַטערלאנד!" אויף איינמאָל איז הערצלען, בעת דעם שרייבן, קלאָר געוואָרן, אז אין נאָרדויען האָט ער געפונען זיין גרעסטן און טרייעסטן פריינט.

אין דער זעלבער נאכט האָט אויך מאקס נאָרדוי נישט געהאַט קיין מנוחה. ער האָט געטראכט וועגן טעאָדאָר הערצלען און וועגן די בימערע, ברוטאלע ווערטער פון פעלדמאנען. ער האָט זיך דער־מאנט וועגן דעם נאָענטן פריינט ד"ר לעווענטאל, וועלכער איז אויסן געווען צו ראטעווען דאָס מזרח־יידנטום דורך דער קאָלאָניזאציע אין ארגענטינע און האָט אליין געענדיקט אזוי טראגיש. מאקס נאָרדוי האָט פון זיך געיאָגט די טרויעריקע מרה־שחורהדיקע גע־דאנקען און רעפלעקסן, און האָט ביי זיך פעסט באשלאָסן, אז וואָס עס זאָל נישט קומען און פאסירן, וועט ער טריי און איבערגעגעבן שטיין און קעמפן אויף דער זייט פון טעאָדאָר הערצלען.

קאַפּיטל כ"ב

„די פּאַראַזיטן מוזן שטאַרבן"

אין דעם דאָזיקן יאָר 1895 און אין דעם נאָענטסטן, 1896, ערב דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט מאקס נאָרדוי זייער אינטענסיוו געארבעט און געשאפן אויפן ליטעראַרישן געביט, ווי ער וואָלט אינסטינקטיוו פאָרויסגעזען, אז מען מוז איצט „אריינ־כאפּן" ווי אמשנעלסטן און ווי אמייסטן, ווייל באלד וועלן קומען יאָרן פון אן אנדערער טעטיקייט, אויף א נייעם געביט, פון געזעל־שאפטלעך־פּאָליטישער פירונג. א גאנצע ריי ביכער, שוין־דערמאָנטע

און נאָך־נישט־דערמאָנטע, זיינען פון אים צו יענער צייט פּלאַנירט און געשריבן געוואָרן. צווישן זיי איז געווען דער באַוווסטער ראָמאַן: „די פּאַראַזיטן מוזן שטאַרבן".

די הויפּט־טעמאַטיק פונם דאַזיקן ראָמאַן באַוועגט זיך אַרום דער בערזע פון אַקציעס און ווערט־פּאַפּירן מיט דעם ספּעקולאַציע־ און שווינדל־שפּיל, וועלכער איז אַזוי אָפט, קאַפּ־, קעשענע־ און כאַראַקטער־ברעכנדיק פאַר די, וואָס ווילן זיין די גליקלעכסטע פּראָפיט־מאַכער און ווערן מייסטנס די אומגליקלעכסטע קרבנות. נאַרדוי שילדערט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן די סביבה פון ליי־דנשאַפטלעכן און ברוטאַלן געיעג נאָך דעם גאָלדענעם עולם־הזה, מיט זיינע פאַרשידנסטע קרייזן און טיפן פון דער פּאַריזער גאַנץ־ און „האַלב"־וועלט. כידוע, איז נאַרדוי אַליין, מיט אַ קורצער צייט צוריק, אַריינגעצויגן געוואָרן דורך זיינעם אַ גוטן פריינט אין אַזאַ ריזיקאַלישן בערזע־שפּיל און האָט דערביי פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַר־מעגן. די דאָזיקע פּערזענלעכע איבערלעבעניש האָט נאַרדויען מער ווי געטאָן פון מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, ווי צוליב דעם אייגענעם מאַטעריעלן פאַרלוסט. ער האָט דערזען דעם מיאוסן, געמיינעם טאַנץ אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב פון דער פּאַ־ריזער ספּעקולאַציע־בערזע מיט אירע מאָדערנע „רויב־ריטער", מיט די פאַרשידנסטע, אָפט ממש געניאַלע קאָמבינאַטאָרן און שווינד־לער, מיט די פאַנטאַסטישע גענג פון מענטשן־מסחר און פרויען־זנות. אַזוי האָט זיך באַקומען אין נאַרדויס ראָמאַן אַ טריי און גאָר אינטערעסאַנט בילד פון פראַנקרייכס סודות־פּולער, זעלטן רומפּו־לער, ספּעציפישער, גאַנץ־מיאוסער, הגם געלט־ און איינפלוס־רייכער „מאָנאַרכיע פון גאָלד און ספּעקולאַציע", וואָס האָט נישט איינמאָל געוואָרפן אַן אימה און טויט־שאָטן אויף דער דריטער רעפּובליק און איר פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכן קיום.

גאַנץ פראַנקרייך האָט גראָד דעמאָלט איבערגעלעבט אַ טיפע און אַלגעמיינע דערשיטערונג צוליב דעם וועלט־באַרימטן פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל. די רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע קרייזן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אָפּערע דרייפוס און די אַנטיסעמיטישע פאָלקס־העצע, האָבן אויסגענוצט דעם פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל, בכדי אָנצוקלאָגן די פירנדיקע מיניסטאָרן און פּאָליטיקער פון דער דריטער רעפּובליק, אין פּשוטער גנבה און געמיינער קאָרופּציע. ליידער, זיינען אין דעם טרויעריקן ענין געווען פאַרמישט אויך אַ פּאָר געשמדטע און כמעט־געשמדטע יידן און דאָס האָט דער רעאַקציאָנערער אַגיטאַציע געליפערט נייע אַנטיסעמיטישע העץ־מאָטיוון. מ'האָט עפנטלעך גע־

וואָרפן שמוץ און בלבולים אויף דעם גאַנצן יידנטום, און נאָרדוי האָט מיט פאַרביטערונג פראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן פאַרברעכערישן בלוט־בלבול וועגן אַ יידישער פאַנאַמאַ־אַפערע!

אינם ליכט פון די דאָזיקע געשעענישן, וועלכע האָבן אויפגעטרייסלט און דערשיטערט די עפנטלעכע מיינונג אין פראַנקרייך און אין גאַנץ אייראָפּע, איז בולט קלאָר געוואָרן די שעדלעכע, געפערלעכע און צעשטערנדיקע ראָל פון דער ספעקולאַטיווער אַקציעס־בערזע, ווו דער פאַנאַמאַ־סקאַנדאַל האָט גענומען זיין אָנהויב. פאַר נאָרדויען, דעם אויפוואַכנדיקן נאַציאָנאַלן ייד, איז גלייכצייטיק מיט נעמען און פאַקטן, אילוסטרירט געוואָרן דער אָנטייל פון יידישע בערזע־ספעקולאַנטן און באַנק־קאָמבינאַטאָרן (מייסטנס דער אָפפאַל פון מענטשן־סאָרט און אָפטריניקע פונם יידנטום!) אין דעם דאָזיקן געפערלעכן שפיל, וועלכער איז עלול געווען דאָס לאַנד צו פאַרניכטן ווירטשאַפטלעך, פּאָליטיש און מאָראַליש.

דער טיטל פון דעם ראָמאַן „די פאַראַזיטן מוזן שטאַרבן", איז נישט געווען קיין צופאַל. דאָס האָט פאַרלאַנגט די לאָגיק פון דער ווירקלעכקייט, ווי זי איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך און ווי זי איז געשילדערט געוואָרן אין נאָרדויס ראָמאַן. אייגנטלעך איז דאָ נישט וויכטיק דער גאַנצער ספור־המעשה פון דער ראָמאַן־דערציילונג, ווי נישט וויכטיק ס'איז אויך די פערזאָן פון דעם הויפט־העלד, דעם דייטשן געלערנטן פראָפעסאָר, וועלכער איז אין פאַריז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פאַרכשופטן און פאַרדאָרבענעם קנויל פון בערזע־ספעקולאַציעס און איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם אייגענעם לייכטזין.

עס גייט וועגן דער סביבה און דער צייט־תקופה, וועלכע דער מחבר איז אויסן צו שילדערן, און וועגן די פרינציפן, פאַר וועלכע ער וויל קעמפן. און דעם דאָזיקן ציל האָט דער ראָמאַן דערגרייכט. נאָרדוי האָט אונז געגעבן אַן אמת בילד, קינסטלעריש פיין געמאָלט, וועגן פאַריזער לעבן אין פאַרגאַנגענע ציטן, ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען דער דעקאַדענטישער שאָטן פון Fin de siècle האָט געוואָרפן זיינע ירידה־שטימונגען אויף דעם אייראָפעאישן געמיט.

מערקווירדיק איז, אַז צו דער זעלבער צייט האָט אויך טעאָדאָר הערצל איבערגעלעבט זיינע, אַזוי צו זאָגן, אַנטי־פלוטאָקראַטישע רעפלעקסן און באַשלוסן, אפשר נאָך אפילו אין אַ גרעסערער מאָס ווי מאַקס נאָרדוי. דער צונויפטרעף און שמועס פון הערצלען מיט דעם גרויסן יידישן פינאַנץ־מאַגנאַט, באַראָן מאָריץ הירש, אָנהויב זומער 1895, האָט שטאַרק אויפגערעגט און פאַרביטערט דעם אוי־

טאָר פון „יידנשטאַט". זיין ווייטערדיקע שלעכטע דערפאַרונג מיט דעם פּאַריזער באַראָן „הנדיב הידוע" און מיט די ראָטשילדס אין ווין און לאָנדאָן, האָט אים נאָך מער אויפגעבראַכט און פיינטלעך געשטימט קעגן די „געלט־ און בויך־יידן". אפילו די אינטערווענץ פון באַרימטן מאַקס נאָרדוי ביי די יידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן, האָט הערצלען גאָרנישט געהאָלפן. ווען נאָרדוי האָט זיך געגרייט צו באַזוכן באַראָן הירשן, כדי ביי אים צו אינטערווענירן, לויט הערצלס בקשה, איז פּלוצלינג דער גרויסער פילאַנטראָפּ אוועקגעשטאָרבן. ווען נאָרדוי איז אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ווידער געגאַנגען, לויט הערצלס ווונטש, צום פּאַריזער באַראָן ראָטשילד, האָט אים דער „הנדיב הידוע" אויפגענומען קאַלט און אפילו נישט געוואָלט הערן פון הערצלס פּלענער.

„דער יידנשטאַט", וועלכער איז דעמאָלט אַרויס פון דרוק, האָט אויף נאָרדויען געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. נאָרדוי האָט מיט ענטוזיאַזם דערקלערט: „דאָס איז אַ גרויסע געשעעניש און אַן אמתע נבואה". שוין לאַנגע חדשים פריער האָט הערצל מיט זיין טיפן, ווונדערבאַרן אינסטינקט, וועלכער וועט אים באַלד מאַכן צום גרעסטן יידישן נביא און מנהיג זינט דעם חורבן ירושלים, אַרויסגעפילט אין נאָרדויען דעם טייערן און גרויסן פריינט (ווי ער האָט זיך אָפּט און מיט שטאָלץ אויסגעדריקט). דעם 17־טן נאָוועמבער 1895 שרייבט הערצל אין זיינע טאָג־ביכער: „איך האָב גערעדט מיט נאָרדויען. ער איז דער צווייטער מענטש, וועלכער האָט תיכף ומיד פאַרשטאַנען דעם עיקר העיקרים פון מיין אידייע. דער ערשטער איז געווען מאָריץ בענעדיקט (דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער „נייער פרייער פּרעסע"). אָבער נאָרדוי האָט מיך פאַרשטאַנען אַלס אַן אָנהענגער, בעת בענעדיקט איז אַ קעגנער. ווי איך גלויב, וועט נאָרדוי גיין מיט אונז אויף פריידן און ליידן".

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. דער „יידנשטאַט" האָט בלויז אין געוויסע קרייזן פון דער יידישער יוגנט און אינטעליגענץ געפונען הסכמה און אַנערקענונג. די קלוגע און ניכטערע יידן האָבן הערצלען און זיין פּובליקאַציע דערקלערט אַלס אַ פּשוטן שגעון. אין דער „בעסערער" יידישער געזעלשאַפט אין ווין, צווישן די פיינע בעלי־הבתים און פירנדיקע זשורנאַליסטן האָט מען אָפּגעחוזקט פון דער „יידישער מלוכה און איר קעניג". הערצלס אויטאָריטעט און השפּעה ביי די אַרויסגעבער און מיטאַרבעטער פון דער „נייער פרייער פּרעסע", איז שטאַרק געפאַלן. באַכער, דער הויפּט־שותף פון פאַרלאַג, האָט מיט בייזקייט דערקלערט הערצלען, בעת ער איז פון פּאַריז צוריק אָפּגערופן געוואָרן קיין ווין: „צו וואָס

האָט דאָס אייך געטויגט ? די יידן וועלן אייך אויפנעמען מיט אַ גרעסערער פיינטשאַפט, ווי די קריסטן; איר וועט ווערן פאַרשריען אַלס אַן אַנטיסעמיט !". מ'האָט אַלגעמיין געהאַלטן, אַז הערצל האָט זיך און די „נייע פרייע פרעסע" קאָמפּראָמיטירט מיט זיין „יידנ־שטאַט", און מען האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווי קומט אַזאַ נאַ־רישקייט צו אַזאַ קלוגן און געבילדעטן אייראָפּעער, ווי ד"ר הערצל.

נאָרדוי איז געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט הערצלען אין ווין, ער האָט באַקומען אויספירלעכע בריוו און באַריכטן סיי פון הערצלען און סיי פון אַנדערע פריינט. די ווערטער פון הערצלס פּרנסה־געבער, באַכער, האָבן אים דערמאָנט די פיינלעכע סצענע מיט פעלדמאַנען אין פּאַריזער קאַפע־הויז פוסע. ער האָט ווידער אַ סך געטראַכט, ווילנדיק, נישט־ווילנדיק, וועגן דעם טרויעריקן גורל פון ד"ר לעווענטאַל, וועלכער איז טראַגיש געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג. לעווענטאַל האָט געוואָלט דאָס יידישע פאָלק ראַטעווען, אָבער זיין שוואַך האַרץ האָט נישט אויס־געהאַלטן ! דער דאָקטאָר נאָרדוי האָט זיך געפּרוווט דערמאָנען, לויט געוויסע סימנים, ווי עס זעט אויס פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט, דאָס האַרץ פון הערצלען. יאָ, אַ מנהיג און דערלייזער פון יידישן פאָלק מוז האָבן אַ געזונט, שטאַרק האַרץ !

שריפטלעך און מינדלעך האָט נאָרדוי זיך באַמיט מיט אַלע מיט־לען צו שטאַרקן און צו דערמוטיקן דעם אויטאָר פון „יידנשטאַט", אין דער דאָזיקער שווערער תקופה פון גרויסע נסיונות און טיפער אַנטוישונג, וועלכע האָבן דעמאָלט געקענט דערדריקן מיט זייער לאַסט און פּיין די אידעלע, צאַרטע געשטאַלט פון גרויסן ציוניס־טישן וויזיאָנער.

ווען אַ נאָענטער יוגנט־פריינט פון הערצלען, אַ געוויסער ד"ר שיף, איז אין הערצלס אַנוועזנהייט אַרויס מיט אַ ביטערן געוויין בעת דעם לייענען פון „יידנשטאַט", ווייל ער האָט געמיינט, אַז דער מחבר איז אַראָפּ פון זינען, האָט נאָרדוי עפנטלעך דערקלערט: „אויב הערצל איז משוגע, זיינען מירביידע משוגעים !".

טעאָדאָר הערצל האָט גובר געווען די דאָזיקע ערשטע און שווע־רסטע אָנהויב־תקופה אין זיין היסטאָרישער שליחות. דאָס איז גע־שען, אין אַ גרויסער מאָס, אַ דאַנק נאָרדויען, וועלכער האָט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט געהאָלפן הערצלען אינם געראַנגל מיט אַלע מעכטיקע פיינטלעכע כוחות. נאָרדוי האָט זיין גאַנצן גרויסן אויטאָריטעט און זיין אַלטע דערפאַרונג געשטעלט אין דינסט פון הערצלס פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישער אַקטיווויטעט. ער האָט אויך, מיט ראַט און טאַט מיטגעאַרבעט ביי דער גרינדונג פון ציוניסטישן

צענטראַלן פּרעסע־אָרגאַן: „די וועלט" און ביי דער אָרגאַניזאַציע פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

נאָרדוים פייערדיקע און התלהבותדיקע ציוניסטישע אמונה איז געוואָרן דער לאַנגישער און עטישער המשך פון זיין ביז־איצטיקער, דעמאָלט שוין איבער 30־יעריקער, שעפערישער טעטיקייט אַלס דענקער, שריפטשטעלער און מעדיצינער. כל ימיו האָט נאָרדוי געקעמפט קעגן דאָס שעדלעכע, אומגעזונטע, פּאַראַזיטישע. קיין שום געזעלשאַפט און קיין שום פאָלק קענען נישט לעבן און זיך אַנטוויקלען, ווען די דאָזיקע דעקאַדענטישע ירידה־סימפּטאָמען ווערן נישט אויסגעוואָרצלט. דער ציוניזם איז פאַר נאָרדויען געווען די גרויסע געזעלשאַפטלעך־עטישע שליחות, וואָס דאַרף אַרויסרייסן פון יידישן לעבן אַלץ, וואָס איז שעדלעך, אומגעזונט און פּאַראַזיטיש, בכדי צו בויען אַ נייע און בעסערע צוקונפט פאַר דעם יידישן פאָלק אין זיין אייגענעם היסטאָרישן פאָטערלאַנד.

קאַפּיטל כ"ג

אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל

אַריינשטייגנדיק אין אַ הייסן זומער־טאָג, סוף אויגוסט 1897, אין דעם שנעל־צוג פּאַריז־באַזעל, איז מאַקס נאָרדוי געווען שטאַרק פאַרמאַטערט און דענערווירט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט זיך דערעפענען אין דער דאָזיקער אַלטער, מאַלערישער שווייצאַרישער שטאָט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. צי וועט ער זיך איינגעבן און געלינגען טראָץ דעם געמיינעם, קאָנצענטרירטן שטורם, וועלכער איז קעגן אים אָרגאַניזירט געוואָרן פון אַלע זייטן, אָנהויבנדיק פון די דענונציאַטאָרישע איזראַעליטיש־דייטשע „פּראָטעסט־ראַבינער" און ענדיקנדיק ביי געוויסע קליינקעפּלדיקע, בטלנישע חובבי־ציוניסטישע גבאים.

« Alea jacta est » „די שפּיל־ביינער זיינען געוואָרפן געוואָרן!" קיין צוריק עקזיסטירט נישט מער. ווי עס האָט אים לעצטנס געשריבן הערצל: „דער דאָזיקער קאָנגרעס איז שוין אַ טאַטזאַך, ער וועט פאַרקומען ביי אַלע אומשטענדן!"

דער שנעל־צוג איז געלאָפן איבער ברייטע פעלדער און קליינע וועלדער, איבער געמיטלעך־אידילישע דערפלעך און פאַרוואָרפענע, ראָמאַנטישע שטעטלעך. בשכנות האָט געדרימלט נאָרדויס רייזע־

באַגלייטער פֿון פּאַריז, דער באַוווּסטער העברעאיש־יידישער שריפֿטשטעלער און זשורנאַליסט אברהם לודוויפּאָל. אַרום איז געווען שטיל און שלעפֿערדיק. נאָרדוי האָט געטראַכט וועגן הערצלען און זיין וווּנדערבאַרער, כמעט איבערמענטשלעכער אַרבעטס־קראַפֿט און דינאַמישער טעטיקייט. פֿון וואַנען נעמען זיך צו דעם דאָזיקן סובטעלן, פּאָעטישן ווינער עלעגאַנט אַזויפֿיל ריזיקע כוחות? אָט איז ער ערשט געווען ביי עפֿנטלעכע פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען און אין געשלאָסענע, פֿאַרטרויליכע זיצונגען אין לאָנדאָן און שוין איז ער ווידער דאָ אין פּאַריז און פֿאַרטאַכלעוועט זיין צייט און ענערגיע ביי דעם באַראָן ראָטשילד און ביי די ייק״א־ישע גבירים און ביוראָקראַטן. האָסט זיך קוים מיט אים פֿאַרשטענדיקט און שוין איז ער ווידער צוריק אין ווין און פּרעזידירט די זיצונגען פֿון דער רעדאַקציע פֿון „דער וועלט״ און פֿון קאָנגרעס־קאָמיטעט. מיינסט, אַז ער איז אין ווין און פּלוצלונג, אין אַ פֿרישן מאָרגן, עפֿנסטו די צייטונג און לייענסט, אַז ד״ר הערצל איז אויפֿגענומען געוואָרן אויף אַן אוידיענץ ביים איינפֿלוסרייכן דייטשן גרויס־הערצאָג פֿון באַדן, אָדער גאָר, אַז ד״ר הערצל געפֿונט זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פֿירט געהיימניספֿולע פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג. נאָרדוי קען זיך נישט באַהערשן פֿון אַ סענטימענטאַלן געפֿיל לגבי דעם שעפֿער פֿון „יידנשטאַט״. גוט האָט ער געטאָן, שרייבנדיק הערצלען פֿאָלגנדיקע ווערטער: „ליבער פֿריינט טעאָדאָר הערצל, ווען איר וואָלט גאָרנישט מער אין אייער לעבן געשריבן און אויפֿגעטאָן, ווי אַרויסגעגעבן דעם „יידנשטאַט״, וואָלט בלויז דאָס דאָזיקע בוך אייך געזיכערט אַן אייביקן פּלאַץ צווישן די גרויסע פֿון דער מענטשהייט!״. און ביי דעם אַלעמען, מוז ער דאָך, דער אָרעמער הערצל, אָפּהיטן זיין פּרנסה ביי די הערן בענעדיקט און באכער. זיין פּאָזיציע אין דער „נייער פֿרייער פּרעסע״ איז צוליב דעם ציוניזם געוואָרן וואַקלדיק און ס׳איז אים נישט מקנא צו זיין דאָס כסדרדיקע אויסטענה׳ען זיך און אַרומרייסן זיך מיט די דאָזיקע איינגעבילדעטע און דיקטאַטאָרישע בעלי־בתים. אגב, אויף הערצלס בקשה, האָט ער זיך איצט, נאָך אַזאַ לאַנגן ברוגז, איבערגעבעטן מיט די שעף־רעדאַקטאָרן פֿון דער „נייער פֿרייער פּרעסע״. צי האָט ער גוט געטאָן? ווי טריומפֿירנדיק דרוקט די דאָזיקע כנופֿיה פֿון בענעדיקט און באכער די רעדאַקציאָנעלע מודעה וועגן דער באַנייטער מיטאַרבעט פֿון „באַרימטן שריפֿטשטעלער און דענקער מאַקס נאָרדוי״. מ׳וועט דאַרפֿן שרייבן פֿאַר דער „נייער פֿרייער פּרעסע״ אַן אויספֿירלעכן באַריכט וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון דער דרייפֿוס־אַפֿערע.

נאָרדויס געדאַנקען זיינען אַריבער צו דעם דאָזיקן אָנ־

געוויטיקטן ענין, וועלכער האט אלץ מער אנגעצונדן די ליידנשאפטן און פארביטערט די געזעלשאפטלעכע שטימונג פון פראנקרייך און פון גאנץ אייראפע. עס האט אים געקאסט א סך געזונט און צייט־פארלוסט, אבער אויך ער, נארדוי, מוז אלץ טון, וואס איז אין זיין יכולת און איבער זיין יכולת, בכדי צו העלפן אין קאמף פאר דער רעהאביליטאציע פון אלפרעד דרייפוס. פון דעם דאזיקן קאמף איז אפהענגיק די צוקונפט פון פראנקרייך, די צוקונפט פון דער אייראפעאישער מענטשהייט און דעמאקראטיע, די צוקונפט פון דער יידישער גלייכבארעכטיקונג. אין נארדויס זכרון האט אויפגעלעבט די סצענע פון זיין באקענען זיך, מיט א קורצער צייט צוריק, מיט עמיל זאלא, דעם קנאישן הויפט־קעמפער פאר דרייפוסעס רעהאביליטאציע און באפרייאונג. פארגעקומען איז עס בעת אן אויפנאמע ביי א נאנטן פריינט. עמיל זאלא האט געווארפן א קריטישן, פארשנדיקן בליק אויף דעם מחבר פון „דעגענעראציע", ווי ער וואלט מיט א פארוווּרף געזאגט: „נו, נארדוי, צי בין איך באמת אזוי דעגענערירט, ווי איר האט דאס פאר דער וועלט אויפגעדעקט אין אייער בוך?" נארדוי האט פאר זיך דערזען א פאר גוטע, קינדעריש־לאכנדיקע אויגן און איידעלע געזיכטס־צוגן פון א דיכטער און קעמפער. ער האט באקומען חרטה אויף זיין שארפן, אטאקירנדיקן טאן אין „דעגענעראציע" און שאקלענדיק פעסט די האנט פון זאלא, האט ער אויפריכטיק אים געזאגט: „מיר וועלן זיין גוטע פריינט!". נארדוי האט דעם גרויסן פראנצויזישן ראמאנעןשרייבער אויסגעדריקט אנערקענונג און באוואונדערונג פאר זיין מוטיקן קאמף לטובת דרייפוסן. זייער געשפרעך איז געווארן א נאנטער און אינטימער. פון די דרייפוס־אנגעלעגנהייטן איז מען אריבער צו די נייעסטע ענינים פון ליטעראטור און פאליטיק. די פאליטישע שמועסן האבן זיי ווידער צוריקגעבראכט צום אקטועלסטן טאג־פראבלעם: די דרייפוס־אפערע. נארדוי האט פלוצלונג געבעטן זאלאן ארויסצוגיין מיט אים אין א באזונדער, זייטיק צימער. דארט האט ער זאלאן מגלה סוד געווען, אז דאס היינטיקע צונויפטרעפן זיך איז נישט געווען קיין צופאל, דאס האט פאר אים ספעציעל אראנזשירט זייער געמיינזאמער פריינט, זשאן פינא, דער גאסט־געבער. נארדוי האט דאן מיטגעטיילט זאלאן וויכטיקע ידיעות און סודות בנוגע דעם דרייפוס־ענין, וועגן וועלכע ער האט זיך דערוווּסט פון דעם דייטשן מיליטער־אטאשע אין פאריז. כידוע, איז נארדוי געווען א לענגערע צייט הויז־דאקטאר פון דייטשן אמבאסאדאר אין פאריז און א דאנק דעם האט ער געהאט א כסדרדיקן קאנטאקט מיט די העכסטע פארשטייער פון דער דייטשער מאנאר־

כיע אין פראַנקרייך. די ידיעות, וועלכע נאָרדוי האָט געבראַכט פאַר עמיל זאָלאַן, זיינען געווען וויכטיקע און האָבן קלאָר און דייטלעך באַוויזן די אומשולד פון יידישן אַרטילעריע־אָפיציר. דאָס איז אַלץ אָבער פאַרבונדן געווען מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און נערוון־דערשעפּונג.

מיד פון די איבערלעבענישן אין דער לעצטער צייט און פון דער שווער־דריקנדיקער געדאַנקען־לאַסט, איז נאָרדוי נאָענט צו באַ־זעל איינגעשלאָפן. אויפגעוועקט האָט אים פון זיין אומרואיקן שלאָף דער רוף פון באַן־קאָנדוקטאָר און די שטים פון אברהם לוד־וויפּאָל.

באַלד אין דער פרי איז נאָרדוי אַוועק פון זיין האָטעל, בכדי אויפצוזוכן הערצלען. מ׳האָט אים אינפאָרמירט, אַז ד״ר הערצל געפינט זיך אין דער שטאָט־סינאַגאָגע. ערשט אָנקומענדיק דאָרט, האָט זיך נאָרדוי אָריענטירט, אַז ס׳איז היינט שבת. אַריינקומענדיק אין דער שול, האָט ער דערזען הערצלען, ווי ער שטייט צווישן די מתפּללים, אָנגעטאָן אין אַ טלית. ס׳איז גראָד געווען בעת קריאת־התורה און מ׳האָט דעם אַריינקומענדיקן נאָרדוי גלייך מכבד גע־ווען מיט אַן עליה. נאָרדוי איז געווען אַזוי איבעראַשט און צע־טומלט, אַז ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט און גלייך אַוועק פון דער סינאַגאָגע. די דאָזיקע פּיינלעכע סצענע האָט נאָרדוי באַשריבן אויספירלעך אין זיין בריוו צו דער פאַמיליע אין פּאַריז, וועלכן ער האָט נאָך דעמזעלבן טאָג אַרויסגעשיקט.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט נאָרדוי ווידער זיך געטראָפן מיט הערצלען. די באַגריסונג צווישן די ביידע גרויסע פריינט איז גע־ווען אַן אויפריכטיקע. פאַר נאָרדויען איז אָבער פאָרגעקומען אַ ביסל מאָדנע דאָס, וואָס הערצל פירט זיך אויף אין באַזעל אַזוי, ווי ער וואָלט געווען דער בעל־הבית פון דער שטאָט. געשטאַנען איז מען פאַר דעם אַלטן, שיינעם בנין פון שטאָט־קאַסינאָ, וווּ דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט פאָרקומען, און ד״ר הערצל האָט מיט שטאָלץ און ווירדע אונטערגעשטראָכן די פיינע סטיל־פאָרמען פון דער אויסערלעכער פאַסאַדע און פון דער אינערלעכער קונסט־באַ־פּוצונג. בשעת מעשה איז נאָרדוי געשטאַנען אין דער זייט און האָט אָבסערווירט די גרופּע ציוניסטן, וועלכע האָט באַגלייט הערצ־לען. עטלעכע פון זיי האָט ער שוין געקענט פערזענלעך. אָט שטייט אַמנאָנטסטן דער פּאַריזער זשורנאַליסט זשאַק באַהאַר, אַ טיכטי־קער צייטונגס־מענטש און ליידנשאַפטלעכער פּראָ־דרייפוס־קעמפער, אַ ייד פון אַלזשיר, וואָס האָט זיך שוין לגמרי איינגעלעבט אין דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע און זעט אויס ווי אַ געבוירענער פּאַ־

ריזער. גלייך נעבן אים באמערקט זיך די עלעגאנטע און פארנעמע געשטאלט פון זיין ווינער פאך־קאלעגע, דעם רעדאקטאר און שריפטשטעלער היינריך יארק־שטיינער, דעם איידלסטן רעפרעזענטאנט פון דעם קולטיווירטן אסימילירטן יידיש־עסטרייכישן אינטעליגענץ־טיפ. מיט זיין פיינעם קינסטלערישן טאלאנט האט יארק־שטיינער געמאלט דעם סקיץ פאר דער דעלעגאטן־קארטע צום ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס, אויף וועלכער עס פיגורירן פון איין זייט דאס בילד פון כותל המערבי און פון דער אנדערער זייט די געשטאלט פון א קרעפטיקן יידישן פויער־קאלאניסט, ווי צוויי סימבאלן. וואס פארא קאלאסאלער קאנטראסט צווישן דעם עלעגאנטן ווינער זשורנאליסט יארק־שטיינער און זיין שכן, דעם פאדגוזשער (ביי קראקוי) חסיד־פילאזאף אהרן מארקוס, וועמענס טראדיציאנעלע בארד־און־פאות ווי אויך די לאנגע טראכט האבן שוין פריער צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון מאקס נארדוי. און באלד ביי אים צוויי אלטע אריגינעלע, כמעט עקזאטישע, געשטאלטן: דער קריסטלעך־אנגליקאנישער גלח וויליאם העכלער, דער הויף־פרעדיקער פון דער ענגלישער אמבאסאדע אין ווין, און אלטער אנהענגער פון שיבת־ציון און יונגער פריינט פון טעאדאר הערצל. אן ערך 10 יאר פאר דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס האט העכלער ארויסגעגעבן א סענסאציאנעל בוך, אין וועלכן ער האט פאראויסגעזאגט נביאות, אז אין יאר 1897 וועט ביי יידן זיך שאפן א שטארקע משיחישע באוועגונג לטובת דעם ציון־געדאנק. העכלערס גוטע, ריינע אויגן און זיין בלישטשענדיקער שטערן זיינען איצט געווען געווענדעט צו דער הויכער, שווארצער פיגור פון הערצלען, און העכלערס ווייסע, לאנגע פאטריארכאלישע בארד האט זיך ריטמיש און ווי פארכישופט באוועגט ביי יעדעס ווארט, וואס איז ארויסגעזאגט געווארן דורך דעם דאזיקן אויסדערווײלטן שליח פון גאט, טעאדאר הערצל. דער צווייטער ווייסער זקן איז געווען הערמאן שאפירא, פראפעסאר פון מאטעמאטיק אויף דער היידעלגער אוניווערסיטעט, אן אויטאדידאקט פון ווייטן תחום המושב אין רוסלאנד, א געוועזענער ישיבה־בחור, א גרויסער געלערנטער און נאך א גרעסערער ציון־ענטוזיאסט.

פון די באטראכטונגען האט נארדויען ארויסגעריסן הערצלס האלב־ערנסטע, האלב־לוסטיקע שטים: „איר זייט שטארק פארטראכט, חשובער פריינט נארדוי, באזעל ווירקט מיט איר ראמאנטישער מאזאאיק. אבער מיר האבן פאר זיך א וויכטיקע, פראק־

טישע אַרבעט!". הערצל האָט גענומען אונטער דעם אָרעם נאָרדויען און איז מיט אים לאַנג געגאַנגען שפּאַצירן איבער די באַזעלער געסלעך. הערצל האָט זיין פּריינט אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע ערב דער דערעפענונג פון קאָנגרעס און וועגן די פאַרשידענע שוועריקייטן, וועלכע ווירקן שטערנדיק אויף דער צוקונפטיקער אייניקייט און צוזאַמענאַרבעט. באַזונדערס קאָמפּליצירט זיך דער ענין פון אידעאָלאָגישן פּראָגראַם, וועלכן דער קאָנגרעס מוז באַשליסן. יידן זיינען גאָר גרויסע מבינים און אָנהענגער פון טעאָריעס, און יעדער צווייטער דעלעגאַט קומט צום קאָנגרעס מיט זיין אייגענער ציוניסטישער וועלט־אַנשויאונג. פון דעם דאָזיקן קאָנגלאָמעראַט צו שאַפן אַ סינטעזע, וואָס זאָל אַלעמען באַפרידיקן, איז די אויפגאַבע, וואָס פאַרלאַנגט גרויסע גייסטיקע און דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן. „קיינער איז דערצו נישט מער באַרופן, ווי איר, נאָרדוי! אייער פליכט איז צו שטעלן זיך בראש פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע!" — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט הערצל רעאַזומירט זיינע לאַנגע אויספירונגען.

מאַקס נאָרדוי האָט געמוזט נאָכגעבן. ער האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע און אַ דאַנק זיין קלוגער און טאַקט־פולער פירונג איז געלונגען צו פאַראייניקן די פאַרשידנסטע און אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען און ריכטונגען אויף איין געמיינזאַמער אידעאָלאָגישער פּלאַטפאָרם פון דעם „באַזעלער פּראָגראַם". בכלל, איז די פראַגע פון פאַראייניקן און פאַרבינדן אין אָרגאַניזאַטאָרישער און אידייאישער אחדות געוואָרן דער צענטראַל־פּראָבלעם פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. מכל תפוצות ישראל זיינען קיין באַזעל געקומען אַן ערך 200 דעלעגאַטן און הונדערטער געסט. זיי האָבן רעפּרעזענטירט דאָס יידישע פאָלק פון די פאַרשידנסטע לענדער און געזעלשאַפטס־קרייזן. ס'איז געווען אַן אמתער קבוץ־גלויות מיט זיין גאַנצער פאַרבן־רייכער, אָפט ממש פאַנטאַסטישער מאָזאַאיק פון די גרעסטע קאָנטראַסטן אין גייסטיקער, סאָציאַלער, פּאָליטישער און פּאַרטייאישער הינזיכט. דער אידייאישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער כאַאָס, וועלכער האָט דעם קאָנגרעס ערנסט באַדראָט (און אויף וועלכן די צאָלרייכע שונאים מכל צד האָבן געוואָרט) איז באַזיגט געוואָרן אַדאַנק הערצלען און נאָרדויען. הערצל האָט דאָס אויפריכטיק דערקלערט עפנטלעך: „אויב איך האָב די פירונג פון קאָנגרעס, איז נאָרדוי די נשמה פון קאָנגרעס".

עס האָבן אויך אויפן קאָנגרעס נישט געפעלט אָפענע און פאַר־

שטעלטע קעגנער, וועלכע האָבן כסדר אויסגעלאַכט און איראָני־זירט איבער דעם פּעליעטאָניסט פון דער „נייער פרייער פּרעסע" און זיין „טעאַטראַלישער רעזשיסעריע" פון קאָנגרעס. הערצל האָט געלייגט אַ סך אַכט אויף דער חיצוניות, אויף דער אויסער־לעכער, פייערלעכער פאָרם. ער האָט פון די דעלעגאַטן פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן צו דער דערעפענונגס־זיצונג קומען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער פראַק־קליידונג. פאַר אַ סך קאָנגרעס־אָנטיילנעמער איז דער דאָזיקער צערעמאָניאַל פאָרגעקומען פרעמד. אפילו נאָרדוי האָט זיך געקווענקלט און נישט געוואָלט אָנטאָן דעם פראַק. אָבער דער אויטאָר פון די „קאָנווענציאָנעלע שקרים" האָט געמוזט נאָכ־געבן. הערצל האָט אים דערקלערט: „מ'מוז זיך דערצו צוגעוווינען, צו זען אין אונזער קאָנגרעס דאָס העכסטע און דאָס פייערלעכסטע!".

די דערעפענונגס־זיצונג פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכע איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 29־טן אויגוסט 1897 פאַר־מיטאָג, האָט אַרויסגערופן ביי אַלע אָנוועזנדיקע אַ געוואַלטיקן ענ־טוזיאַזם און אַ טיפן, אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. זי האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ גרויסער, היסטאָרישער מאַניפעסטאַציע, וואָס וועט תמיד דערמאָנט ווערן מיט התפעלות אין דער געשיכטע פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. זי איז געוואָרן אַ פּערזענלעכער טריומף פאַר הערצלען און נאָרדויען. הערצלס מאַיעסטעטישע געשטאַלט האָט ממש פאַרכישופט דעם גאַנצן קאָנגרעס. אַ סך דעלעגאַטן זייַ־נען אויפגעשפּרונגען און האָבן אין עקסטאַז געריפן: „יחי המלך". אפילו ישראל זאַנגוויל, דער באַרימטער יידיש־ענגלישער שריפט־שטעלער, וועלכער איז צום קאָנגרעס געקומען אַלס גאַסט און האָט מיט אַ סקעפּטישן ביטול געקוקט אויף אַלץ, איז איצט געוואָרן באַגייסטערט ווי אַ קינד, און האָט הערצלען אַפּלאָדירט ליידנ־שאַפטלעך און אומאויפהערלעך. דער איינציקער, וועלכער איז אין זאַל געזעסן רואיק און באַהערשט, איז געווען אחד העם, אָבער זיינע צאָלרייכע תלמידים און אידיי־חברים זיינען מיטגעריסן גע־וואָרן מיט דעם אַלגעמיינעם שטורם פון באַגייסטערונג.

הערצלס דערעפענונגס־רעדע איז געלייענט געוואָרן ווי אַ רע־גירונגס־דעקלאַראַציע, ערנסט און פעסט. אָבער בעת הערצל האָט גערעדט ווי אַ שטאַטס־מאַן, איז נאָרדוי געוואָרן דער נביא פון קאָנגרעס. נאָרדוי האָט פריי גערעדט פון נאָטיצן און זיין גרויסער אָראַטאָרישער טאַלאַנט האָט אויף דער דערעפענונגס־זיצונג דער־שיטערט און מיטגעריסן אַלע, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו הערן דעם דאָזיקן מייסטערהאַפטן רעפעראַט וועגן דעם „אַלגעמיינעם

מצב פון די יידן אויף דער גאַנצער וועלט". דער טיפער, אַנאַלי־טישער צוגאַנג צום יידישן פּראָבלעם און דער נביאישער פּאַטאָס האָבן נאָרדויס ערשטער קאָנגרעס־רעדע געזיכערט אַן אייביקן רום אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. דער גאַנצער קאָנגרעס איז געווען אויסער זיך פאַר התפעלות. הערצל האָט מיט דרך־ארץ געדריקט די הענט פון זיין גרויסן פריינט. ישראל זאַנגוויל האָט געשריען: „איר, נאָרדוי זייט דער גרעסטער רעדנער, וועלכן איך האָב געהערט אין מיין לעבן!".

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט גרויסע, באַגייסטערטע מאַניפעס־טאַציעס. ער האָט געלייסטעט אויך אַ ריזיקע פּראַקטישע אַרבעט. ס'איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און עס זיינען געוויילט געוואָרן אירע אינסטאַנצן. נישט נאָר די טעאָרעטיש־פּראָגראַמאַטישע יסודות פון דער באַוועג־גונג זיינען אין באַזעל 1897 פעסטגעשטעלט געוואָרן. אויך אירע צוקונפטיקע פינאַנציעלע אָרגאַנען ווי דער שקל און דער קרן קימת לישראל, זיינען דאָ באַשאַפן געוואָרן. די דאָ־זיקע גרויסע, היסטאָרישע לייסטונגען פון ערשטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס האָט אַמבעסטן אונטערגעשטראָכן אין זיין רעדע ביים שלום פון קאָנגרעס דער אַלטער פּראָפעסאָר און חובב־ציון פון קיעוו דאָקטאָר מאַנדעלשטאַם, וועלכער האָט גלייכצייטיק געדאַנקט אין נאָמען פון קאָנגרעס דעם מנהיג הערצל און דאַן מאַקס נאָרדויען „דעם יעניקן גרויסן מענטש און ייד, וועלכער האָט פאַרשטאַנען צו געבן דאָ אויפן קאָנגרעס אַזאַ טיפן און האַרציקן אויסדרוק פאַר אונזער צווייטויזנט־יעריקן שמערץ!".

אהיימפאָרנדיק פון קאָנגרעס האָט הערצל אין זיינע „טאָג־ביכער" נאָטירט: „אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די יידישע מלו־כה!". צוריקקומענדיק קיין פּאַריז, האָט נאָרדוי נישט דערזען די פּראַכט פון דער הערלעכער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע. פאַר זיינע גייסטיקע אויגן איז געשטאַנען די טראַגישע, געבראָכענע געשטאַלט פון אייביקן ייד־וואַנדערער אַהאַסוועד, ווי ער האָט זיך מיד און טרויעריק אויסגעטענה'ט מיט אים, דער אויטאָר פון בוך „פון קרעמל ביז צו אַלהאַמבראַ", און געוואָלט אים, נאָרדויען, דווקא באַווייזן, אַז יידן דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד, אַן אייגן פאָטערלאַנד.

קאפיטל כ"ד

דער טריבון פון הערצליאַנישן ציוניזם

אין די נאָענטסטע יאָרן נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, האָט מאַקס נאָרדוי מער צייט און ענערגיע געווידמעט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי זיינע אַלטע באַרופן, דער ליטע־ראַטור און דער מעדיצין. די אַרבעט פאַרן ציוניזם און דער קאַמף פאַר רעהאַביליטאַציע פון דרייפוסן, האָבן נאָרדויען לגמרי אַריינ־געצויגן און באַהערשט זיין נשמה און מוח. די דרייפוס־טראַגעדיע האָט צו יענער צייט דערגרייכט איר הויכפּונקט. עמיל זאָלאַס אָפע־נער בריוו צום פראַנצויזישן מלוכה־פּרעזידענט, אונטער דער לאָ־זונג „זשאַקיוז" („איך קלאָג אָן"), האָט דערשיטערט די נשמה און דאָס געוויסן פון רעפּובליקאַנישן, הומאַניטאַרן פראַנקרייך. די אַקטיוויטעט פון דער ניי־געגרינדעטער „ליגע פאַר מענטשן־רעכט" האָט מאָביליזירט די עפנטלעכע מיינונג לטובת דעם אומשולדיק־פאַראורטיילטן דרייפוס און פאַר דער רעוויזיע פון זיין שווערן פּסק־דין. אינם דאָזיקן קאַמף־פראָנט פאַר גערעכטיקייט און דעמאָקראַ־טיע, האָט נאָרדוי פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע. ער איז געשטאַ־נען אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דעם באַוווסטן יידיש־פראַנ־צויזישן שריפטשטעלער און זשורנאַליסט בערנאַרד לאַזאַר, וועלכער איז געווען דער פאַקטישער שעף פון דעם שטאַב, וואָס האָט אָנגע־פירט מיט דעם קאַמף פאַר דרייפוסן. בערנאַרד לאַזאַר איז געווען אַ פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט; זיינע גייסטרייכע עסייען און די צוויי בענדער וועגן דעם וועזן און דער געשיכטע פון אַנטיסעמי־טיזם, האָבן אים געגעבן אַ נאָמען אין דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור. אַ ליידנשאַפטלעכער, טאַלאַנטירטער רעדנער און זשורנאַ־ליסט, איז בערנאַרד לאַזאַר געווען אַ מעכטיקער קעמפער און איינ־פלוסרייכער פּאָליטיקער. זיין השפעה אין דעם לאַגער פון די לינקע רעפּובליקאַנער און אין דער אַרבעטערשאַפט, איז כסדר געוואַקסן. לאַזאַרס סאָציאַליזם איז ווייט געווען פון מאַרקסיזם, ער האָט זיך מער צוגעפּאַסט צו דעם פראַנצויזישן גייסט און טעמפּעראַמענט, וואָס איז נוטה געווען צו רעוואָלוציאָנערישקייט און אַנאַרכיזם. נאָרדויען האָט מיט לאַזאַרן פאַרבונדן נישט בלויז דער דרייפוס־קאַמף, עס האָט זיי אויך צונויפגעפירט דער ציוניזם. בערנאַרד לאַזאַר איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער, פייערדיקער אָנהענגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט געזען די נאַ־

ציאָנאַלע און סאָציאַלע דערלייזונג פון יידנטום. לאַזאַרס פּערזענ־לעכער מוט בעת זיין וועלט־באַרימטן פּיסטאָלעטן־דועל מיט דעם פראַנצויזישן אַנטיסעמיטן־פירער דרימאָן, איז געוואָרן די טאָג־סענסאַציע און האָט דעם לײדנשאַפטלעכן ציוניסט־סאָציאַליסט גע־געבן אַ ראָמאַנטישן, פּאָפּולערן נאָמען, וועלכער האָט שטאַרק גע־קאָנט נוצן דער ציוניסטישער אַגיטאַציע צווישן דעם אַסימילירטן פראַנצויזישן יידנטום.

גלייכצייטיק מיט זיין אַקטיוון אָנטייל אין דרייפוס־קאַמף, איז נאָרדוי כסדר טעטיק לטובת הערצלס דיפּלאָמאַטישע און פינאַנ־ציעלע פּלענער אין פראַנקרייך. ער באַמיט זיך אין איינפלוסרייכע דייטשע קרייזן וועגן אַן אוידיענץ פאַר הערצלען ביים דייטשן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן. הערצל איז באַשעפטיקט געווען מיטן קאָנקרעטיזירן זיינע פאָרשלאָגן פארן טערקישן סולטאַן און האָט פאַרצווייפלט געזוכט די נויטיקע געלט־סכומים פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אין פּאַריז איז געווען דער שליסל פון דער סיטואַציע, ווייל דאָ האָבן זיך געפונען די גרויסע געזעלשאַפטלעכע יידישע פינאַנץ־אינסטיטוציעס, ווי „ייק"א" און „אַליאַנס איזראַעליט". נאָרדוי איז ווייט געווען פון געלט־ענינים, יעדער באַזוך ביי יידישע גבירים האָט אים געקאָסט געזונט, ער האָט זיך דאַן געפילט געדריקט און צערייצט. טראָצדעם איז נאָרדוי כסדר געגאַנגען אין הערצלס געלט־ענינים צו די יידישע מיליאָנערן, צום באַראָן ראָטשילד און צו די אַנדערע פילאַנטראָפּן. ער האָט פאַרהאַנדלט אין דער דאָזיקער פראַגע מיטן אויבער־ראַבינער פון פראַנקרייך, צדוק כהן און האָט אים מיטגעשלעפּט כסדר צו די יידישע מאַגנאַטן און קהלשע פאַר־זאָרגער.

די באַציאונגען צווישן הערצלען און נאָרדויען זיינען געווען די בעסטע און די פריינטלעכסטע. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז תמיד, ביי יעדער געלעגנהייט און פאַל, זיינען זיי געווען אידילישע. סיי נאָרדוי און סיי הערצל זיינען געווען שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, מיט אויסגעשפּראָכענע מאַרקאַנטע אייגנשאַפטן און אינדיווידועלע כאַראַקטער־שטריכן. נישט אייביק האָבן זיך געלאָזט אויסמיידן אונטערשידן און קאָנפליקטן, בפרט, אַז די לאַגע אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג און אין דער יידישער ווירקלעכקייט איז געווען אָפט צוגעשפּיצט און אָנגעווייטיקט. נאָרדוי איז געווען ענג פאַר־בונדן מיט דער פּאָליטישער און גייסטיקער סיטואַציע אין פראַנק־רייך, דאַקעגן איז הערצל נישט באַשרענקט געווען מיט קיין שום לאָקאַלער איינשטעלונג, זיין ציוניסטישע פירערשאַפט האָט תמיד

פאַר זיך געזען די גאַנצקייט פון די פּאָליטישע אינטערעסן און אירע קאָנסעקווענצן. באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון באַזעלער קאָנגרעס, האָט נאָרדוי געהאַט אַן אינטערוויו מיט די ענגלישע פּרעסע־פאַר־טרעטער, אין וועלכן ער האָט שאַרף אַטאַקירט די רוימיש־קאַטוי־לישע קירכע צוליב איר אַנטי־יידישער שטעלונג בעת דעם דרייפוס־פּראָצעס. הערצל האָט זיך גראָד דעמאָלט באַמיט צו געווינען דעם וואַטיקאַן פאַר זיינע ציוניסטישע פּלענער. פאַרשטענדלעך, אַז נאָר־דויס אינטערוויו האָט דער דאָזיקער הערצלישער באַמיאונג נישט געקאָנט נוצן. סוף־כל־סוף האָט נאָרדוי, אויף הערצלס בקשה, דע־מענטירט זיין אינטערוויו, הגם די זאַך האָט ביי אים איבערגעלאָזן אַ געוויסע פאַרביטערונג.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט ווידער, האָבן זיך נאָך מער צוגע־שפּיצט די באַציאונגען צווישן נאָרדויען און הערצלען. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער פראַגע פון די רומענישע יידן. די קריטישע סיטואַציע אין רומעניע האָט די יידן געטריבן צו אַן אויסוואַנ־דערונג. נאָרדוי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף גלייך אָרגאַניזירן אַן עקזאָדוס פון די רומענישע יידן, און אין דעם זין האָט ער צוגע־שיקט אַן אויפרוף צום דרוקן אין „דער וועלט". הערצל איז געווען דאַקעגן און ער האָט נאָרדויען באַאיינפלוסט צו פאַרציכטן אויף די דאָזיקע שריט, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר ריזיקאַלע. נישט תמיד איז נאָרדוי געווען איבערצייגט וועגן דער ריכטיקייט פון הערצלס שטעלונג, אָבער תמיד האָט ער אים נאָכגעגעבן, ווייל ער האָט טיף געגלויבט אין דער אויפריכטיקייט און איבערגעגעבנקייט פון הערצלען פאַר דער ציוניסטישער אידיי און באַוועגונג. און צוליב דעם האָט נאָרדוי קיינמאָל נישט פאַרשאַרפט זיינע מיינונגס־פאַרשידנהייטן מיט דעם שעפער פון „יידנשטאַט". להיפוך, ער האָט זיך באַמיט גוטמוטיק זיי גובר צו זיין און האָט זיך דערביי געוויצלט, אַז אויך אין דעם בעסטן פאַמיליע־לעבן קומען פאָר קעגנזאַצן און קאָנפליקטן. נאָך אַלעמען און ביי אַלעמען, איז מאַקס נאָרדוי , פון דער ערשטער רגע אָן ביז צו הערצלס טויט, געבליבן זיין בעסטער און טרייעסטער פריינט און מיטקעמפער. נאָרדוי, דער מחבר פון „קאָנווענציאָנעלע שקרים" און דער קנאישער קעמפער פאַר אמת, איז אויך אַלס הערצלס נאָענטסטער פריינט, געבליבן זיך טריי. נישט חנפנען און זאָגן בלויז קאָמפּלימענטן האָט ער געוואָלט הערצלען, נאָר העלפן אים מיט וואָרט און טאַט, מיט אַ גוטער עצה און פריינטלעכער קריטיק. צוליב דעם האָט הערצל אַזוי הויך געשעצט די פריינטשאַפט פון מאַקס נאָרדוי. פאַלשע חונפים און קאָמפּלימענטן־זאָגערס האָבן הערצלען נישט געפעלט. עס האָט

אים געפעלט אַ מענטש מיט אַ גרויסן אויטאָריטעט, מיט אַ שטאַרקן אינטעלעקט און אַ וואַרעם האַרץ, וועלכער זאָל אים באַגלייטן אויף זיין אומגעהויער שווערן וועג פון ציון־פירערשאַפט, מיט אַן אמתער אויפריכטיקער, ערלעך־פריינטלעכער וואָרנונג, בעת ריזיקאַלע און געפערלעכע מאָמענטן, ווען די צוקונפט פון דער באַוועגונג און פון איר מנהיג איז געווען באַדראָט. און די השגחה אַליין האָט הערצלען דעם דאָזיקן מענטש צוגעשיקט אין דער געשטאַלט פון מאַקס נאָרדוי. זיי זיינען ביידע געוואָרן, ווי מ׳האָט דאָס אָפט כאַ־ראַקטעריזירט, די מאָדערנע ציוניסטישע משה ואהרן, וואָס האָבן זיך דערגענצט און געפונען תמיד זייער אחדות אין געמיינזאַמען קאַמף פאַר דער דערלייזונג פון יידישן פאָלק. ס׳איז פאַר נאָרדויען געוואָרן דער גרעסטער שטאָלץ און פרייד צו זיין דער טריבון פון הערצליאַנישן ציוניזם.

אָפט, אין מאָמענטן פון פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג האָט הערצל געבעטן נאָרדויען, אַז ער זאָל איבערנעמען די פירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. הערצל האָט מיט בענקשאַפט גע־טראַכט וועגן זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער ציוניסטישער פירערשאַפט, און האָט געפּלאַנט אַריבערצופירן די צענטראַלע פון דער באַוועגונג פון ווין קיין פּאַריז, ווו נאָרדוי וועט זיך שטעלן בראש פון דער לייטונג. אָבער נאָרדוי האָט הערצלס פּאָרשלאַגן, אין דער דאָזיקער ריכטונג, כסדר אָפּגע־וואָרפן. אין איינעם פון זיינע בריוו צו הערצלען, באַלד נאָך דעם באַזעלער קאָנגרעס, האָט נאָרדוי געשריבן: „קיינער איז נישט געצוווּנגען געווען אָנצוהייבן אַ באַוועגונג ווי ס׳איז די ציוניס־טישע. אָבער האָט מען זי איינמאָל שוין אָנגעהויבן און אַנטוויקלט, דאַן האָט מען נישט מער דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון איר. נאָר דער טויט קאָן באַפרייען פון דער דאָזיקער פליכט, וועלכע מען האָט אַליין אויף זיך גענומען. יעדע אַנדערע פאָרם פון זעלבסט־באַפרייען זיך, איז פאַראַט!“. אַזעלכע ווערטער, מעכטיקע אין שפּראַך און שאַרפע אין געדאַנק, האָט געקאָנט הערצלען שרייבן בלויז דער אויטאָר פון „די קאָנוועניאָנעלע שקרים“ און „פאַראַ־דאָקסן“. און הערצל ענטפערט נאָרדויען אויף זיין בריוו מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אייער בריוו האָט אויף מיר געווירקט, ווי אַן אַלטער וויין. איך בין אַנטציקט צוליב דער פולשטענדיקער האַר־מאָניע צווישן די אנשויאונגען און פּלענער פון מיר און פון אייך, דעם גרויסן מענטשן, וועלכן איך ליב און באַוווּנדער. איר אַנט־וויקלט אונזערע געמיינזאַמע אנשויאונגען, ווי מיר וואָלטן פאַר־בליבן אין אַ טאָג־טעגלעכער פאַרבינדונג!“.

דעם דאָזיקן בריוו האָט נאָרדוי באַקומען אין בערלין, אין אַפּ־ריל 1898, ווו ער איז אויפגעטרעטן מיט אַ גרויסער רעדע אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג. ער האָט גערעדט מיט לאָגיק און ענטו־זיאַזם, וועלכע זיינען ביכולת געווען צו איבערצייגן די האַרטסטע קעפּ און די קעלטסטע הערצער פון די דייטש־איזראַעליטישע אַסי־מילאַטאָרן. די אַסימילאַטאָרן זיינען נישט געקומען צו דער ציוניס־טישער פאַרזאַמלונג, דאַקעגן זיינען געקומען אַ סך מזרח־יידן און זיי זיינען טיף באַגייסטערט געווען פון נאָרדויס רעדע. ווען נאָרדוי האָט פאַרלאָזן דעם לאָקאַל, איז צו אים צוגעלאָפן אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, ווי עס שיינט, איז דאָס געווען אַ רוסישער ייד, און האָט אָנגעהויבן נאָרדויען קושן די הענט. נאָר־דוי איז לכתחילה צעטומלט געוואָרן, דאַן האָט ער צוריקגעצויגן די הענט און געזאָגט דעם אַלטן מיט אַ פאָרוואורף: „דאָס פּאַסט נישט פאַר אייך! אַן אַלטער ייד, ווי איר, דאַרף זיין שטאָלצער!". דער פרעמדער זקן האָט אָנגעקוקט נאָרדויען מיט אַ פּאָר אָנגע־וויטיקטע אויגן און האָט גלייך געענטפערט מיט אַ רואיקער שטי־מע: „יאָ, מיר זיינען שטאָלץ, ווייל מיר האָבן אייך"!.

די דאָזיקע סצענע אין בערלין מיט דעם אַלטן רוסישן ייד, האָט נאָרדוי געגנוי באַשריבן אין זיין בריוו צו דער פרוי. די דערינערונג וועגן דעם דאָזיקן פאָרפאַל איז לאַנג פאַרבליבן אין נאָרדויס זכרון. ער האָט אָפט געזען פאַר זיינע גייסטיקע אויגן די מידע געשטאַלט פון דעם אַלטן ייד, מיט די פאַרבענקטע און פאַרוויינטע אויגן. ער האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט באַהערשן און האָט וועגן דעם גע־רעדט מיט זיינע באַקאַנטע. דער באַוווסטער העברעאישער שריפט־שטעלער און קעמפער אליעזר בן־יהודה, וועלכער האָט צו יענער צייט געוווילט אין פּאַריז און האָט אָפט נאָרדויען באַזוכט, איז נישט איינמאָל געווען אַן עדות, ווי נאָרדוי האָט דערמאָנט יענעם מיסטעריעזן אַלטן ייד אין בערלין. נאָרדוי האָט גערעדט וועגן דעם, ווי שווער ס'איז אים געווען זיך צו באַהערשן ביי יענער סצענע, בעת וועלכער דער אַלטער האָט אים געקושט די הענט, און ווי דאָס הארץ איז אים שיעור נישט געפּלאַצט, קוקנדיק אויף די מאָ־גערע, איינגעפאַלענע געזיכטס־צוגן און אויף די טרויעריקע, פאַר־וויטיקטע אויגן פון דעם רוסישן ייד. „וווּנדערט זיך נישט אויף דעם אַלעמען, ד"ר נאָרדוי, די יידישע מאַסע קוקט אויף אייך ווי אויף אַ נביא" — האָט דערויף געזאָגט בן־יהודה. נאָרדוי האָט געוואָרפן אַ קריטישן, פאָרשנדיקן בליק אויף זיין גאַסט און האָט אים גלייך מיט אַ לייכטן שמייכל געענטפערט: „איך ווייס נישט, צי איך בין אַ יידישער נביא, אָבער איינס ווייס איך, אַז אַ נביא

ביי יידן מוז האָבן נישט נאָר אַ גוטע לונג, נאָר אויך אַ געזונט האַרץ!".

קאַפּיטל כ"ה

אינם קאַמף קעגן אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים

סוף אויגוסט 1898 איז פאָרגעקומען דער צווייטער ציוניסטי־שער קאָנגרעס אין באַזעל. די צאָל דעלעגאַטן איז דאַסמאָל געווען צווייִמאָל אַזוי גרויס, ווי ביים ערשטן קאָנגרעס. במשך דעם יאָר האָט די ציוניסטישע באַוועגונג און פּאָליטיק שטאַרק פּראָגרעסירט. אין זיין פייערלעכער דערעפענונגס־רעדע האָט ד"ר הערצל מיט רעכט אָנגעוויזן אויף די דערפאָלגן ביים אויפבוי פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, ביי די דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע פאַר־האַנדלונגען און ביי דער שאַפונג פון דער יידישער קאָלאָניאַל־באַנק. די לאָזונג, וועלכע הערצל האָט פּראָקלאַמירט אויפן צווייטן קאָנ־גרעס: דעראָבערט די יידישע קהילות! האָט באַגייסטערט און מיט־געריסן די, אין באַזעל פאַרזאַמלטע פאָרשטייער פון יידישן פאָלק. הערצלס לאָזונג האָט אויפגענומען און מיט זיין וואונדערבאַרן רעד־נער־טאַלאַנט באַגרינדעט טעאָרעטיש און מאָראַליש מאַקס נאָרדוי. זיין מעכטיקע קאָנגרעס־רעדע האָט נאָרדוי פאַרענדיקט מיט דער אַפּאָטעאָזע פון ציוניזם, וועלכער איז נישט קיין פּאַרטיי אין יידנ־טום נאָר דאָס יידנטום זעלבסט: „ישראל איז אין אונזער מחנה און אַלץ וואָס שטייט מחוץ אונז איז קליינלעך און נעבעכדיק!". ווי מיט אַ יאָר צוריק, אויף דעם ערשטן קאָנגרעס, האָט אויך דאָס־מאָל נאָרדוי טיף דערשיטערט און באַגייסטערט דעם גאַנצן קאָנ־גרעס. מ'האָט לאַנג און ליידנשאַפטלעך אַפּלאָדירט זיינע אויספּי־רונגען. אַ סך אָנוועזנדיקע האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן און ביים אַראָפּגיין פון פּאָדיום האָבן הונדערטער הענט אַרומגעכאַפּט נאָרדויען מיט אַ הייסן, דאַנקבאַרן געפיל. נאָרדוי, דער מעכטיקער טריבון פון הערצליאַנישן ציוניזם האָט דער ציוניסטישער מאַסע געוואָרפן דעם מאָביליזאַציע־רוף צום קאַמף קעגן אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. און דער גאַנצער קאָנגרעס האָט סאָלי־דאַריש ווי איין מאַן, אויפגענומען נאָרדויס מאָביליזאַציע־רוף מיט דער פולשטענדיקער הסכמה און קאַמף־אַנטשלאָסנקייט. דאָס האָט

מען געזען בולט אויף די גוזיכטער פון אַלע דעלעגאַטן, בעת זיי זיינען צום סוף פון נאָרדויס געוואַלטיקער רעדע אויפגעשטאַנען און האָבן אים היים אַפּלאָדירט. נעבן דעם אַלטיטשקן חובבי־ציוניסטישן רב פון מעמל ד"ר ריליף איז געשטאַנען דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער פון פּאַריז בערנאַרד לאַזאַר און נעבן דעם ניי־באַקערטן ציוניסט נחום סאָקאָלאָוו, דער יונגער סטודענט חיים ווייצמאַן, און ווידער נעבן דעם באַוווסטן אינזשיניער טיאָמקין פון וויטן, פאַרוואָרפענעם רוסישן אינדוסטריע־צענטער האָט מען געזען דעם למדן און רב גאָטהייל פון אַמעריקע. אַלעמען האָט איצט באַהערשט און מיטגעריסן נאָרדויס קאָלאָסאַלע, אָראַטאָרישע קראַפט און זיין טיפע ציוניסטישע אמונה.

נישט אָפּצושאַצן איז געווען נאָרדויס פּאַרמיטלער־ראָלע בנוגע די פאַרשידנסטע קעגנזאַצן און קאָנפליקטן, וועלכע האָבן במשך דעם קאָנגרעס געדראָט דער אייניקייט און אחדות פון דער באַוועגונג. די קולטור־פראַגע, וועלכע איז צוגעשפּיצט און פאַרשאַרפט געוואָרן, פון איין זייט דורך די דאָקטרינערישע אחד־העמיסטן און פון דער אַנדערער זייט דורך די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן, האָט דער ציוניסטישער פירערשאַפט פאַרשאַפט אַ סך זאָרגן און צרות. נאָרדויס גרויסער אויטאָריטעט און זיין רואיקע, מיושבדיקע פּקחות האָבן אָפט געהאָלפן גובר צו זיין די דאָזיקע שוועריקייטן. עס האָט נאָרדויען אַרומגערינגלט אַ נאָענטע פריינטשאַפט פון יונגע און אַלטע, פון מזרח־ און מערב־יידן. צו זיינע נייע ציוניסטישע פריינט האָבן געהערט פראָפ. מאַנדעלשטאַם, די ברידער טיאָמקין, דוד וואָלפזאָהן, הערצלס „רעכטע האַנט" און נאָכפאָלגער, דער יידיש־ענגלישער פּאָליטיקער י. קאָוון, די ברידער מאַרמאָרעק, אָסקאַר (אַרכיטעקט אין ווין) און אַלעקסאַנדער (באַרימטער באַקטעריאָלאָג אין פּאַריז), דער העברעאישער שריפטשטעלער ראובן בריינין, דער ווינער זשורנאַליסט יאָרק־שטיינער און אַ סך אַנדערע.

באַלד נאָכן צווייטן קאָנגרעס, איז נאָרדוי, אויף הערצלס איינלאַדונג, געפאָרן קיין ווין. אויפן וואָקזאַל האָבן אויף אים געוואַרט הערצל מיט דער פרוי יוליע און אַ גרעסערע צאָל פריינט. אין זיינע בריוו צו דער פאַמיליע אין פּאַריז, שילדערט נאָרדוי אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן זיין אויפנטהאַלט אין ווין: „יאָרק־שטיינער איז געקומען צו מיר און מיר זיינען דאַן צוזאַמען געגאַנגען צו הערצלס „פּאַלאַץ". ער וווינט גאַנץ שיין. איך האָב געזען זיינע דריי קינדער. ווען איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין מאַקסאַ (נאָרדויס טעכטערל) זיינען זיי געווען שטאַרק נייגעריק און האָבן מיר געשטעלט פאַרשידענע פראַגן. מיר האָבן דאַן צוזאַמען מיט הערצ־

לען געהאַט אַ זיצונג מיט זעקס אַקציאָנס־קאָמיטעט־מיטגלידער, וועלכע זיינען געקומען פון רוסלאַנד און רומעניע. מ'האָט גערעדט, גערעדט און גערעדט... איך בין שפּעטער געגאַנגען אין דער רעדאַק־ציע פון דער „וועלט". דאָרט אַרבעטן 8־10 מענטשן, צווישן זיי אַן עסטרייכישער קאַלאַנעל, וועלכער האָט זיך נישט געוואָלט שמדן אַפילו צוליב אַ גענעראַל־ראַנגע... אין דער „נייער פרייער פּרעסע" האָט מיך אויפגענומען דער שעף־רעדאַקטאָר בענעדיקט. ער האָט מיך זייער פיין באַהאַנדלט... אין אָוונט איז געווען די ציוניסטישע פאַרזאַמלונג. אָסקאַר מאַרמאָרעק פאַרזיכערט, אַז אָנוועזנדיק זיי־נען געווען 2.000 צוהערער. צווישן זיי רבנים און מיליאָנערן, וועלכע האָבן בעת מיין רעדע ממש זיך געקאָכט און עפּעס געמרו־טשעט. אַזוי דוכט זיך מיר. נאָך מיין רעדע האָט מיר הערצל באַ־גייסטערט געדאַנקט, הגם ער האָט צוגעגעבן, אַז איך האָב גערעדט צו שאַרף, ווי אַ סאָציאַליסט. וואָס זאָל איך טון?... נאָך דעם אַלע־מען איז געווען אַ לוסטיקער באַנקעט אין אַ רייכן ייִדישן רעסטאָ־ראַן. אויף דעם לאַקס זיינען מיט מאַיאָנעז געווען פיין אויסקאַלי־גראַפירט די אָנפאַנגס־בוכשטאַבן פון מיין נאָמען און פאַרנאָמען: M. N. איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן אָראָפּצושלינגען מיין אייגענעם נאָמען. איך בין געוואָרן באַדינט דער ערשטער און איר קאָנט אייך פאָרשטעלן, אַז איך האָב זיך געאיילט צו צעשטערן דאָס דאָזיקע קאַליגראַפישע מייסטער־ווערק".

פון ווין האָט נאָרדויען דער וועג געפירט קיין בערלין, וווּ ער האָט געהאַלטן אַ ציוניסטישן רעפעראַט פאַר אַן ערך 5000 מענטשן. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ שטורמישע און ס'איז געקומען אפילו צו שלעגערייען צווישן די ציוניסטן און די צאַלרייכע קעגנער. נאָר־דוי האָט גערעדט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט. ער האָט דערקלערט פאַר די דייטש־איזראַעליטישע גלויבנס־גענאָסן: „עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דער ציוניזם וועט פאַר אייך, איר שטאָל־צע גערמאַנען, זיין אַזוי נויטיק און וויכטיק, ווי פאַר די דאָזיקע אָרימע „אָסט־יודען", וועלכע איר האַסט און פאַר וועלכע איר האָט מורא. עס וועט קומען אַ טאָג, אין וועלכן איר וועט בעטן אונזער הילף און זוכן אַן אַזיל אין יענעם לאַנד, וועלכן איר פאַראַכטעט איצט. איך וואָרן אייך וועגן אייער צוקונפט!". די דאָזיקע נביאישע רעדע האָט נאָרדוי איבערחזרט אין קעלן, וווּ די פאַרזאַמלונג האָט אויך געהאַט אַ שטורמישן פאַרלויף. אין קעלן האָט נאָרדויען אונ־טערשטיצט דוד וואָלפזאָהן, וועלכער האָט דאָ געוווינט און געהאַט אַ שטאַרקע השפעה. הערצל איז נישט געווען צופרידן מיט נאָר־דויס רעפעראַטן אין דייטשלאַנד, ער האָט געהאַלטן, אַז דער טאָן

און אינהאַלט זיינען געווען צו שאַרף און האָבן אָפּגעשטויסן די דייטשע יידן. אין דעם באַריכט, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין דער „וועלט" וועגן נאָרדויס רעדעס, זיינען די אויבן־ציטירטע זאַצן נישט דערמאָנט געוואָרן. הערצל'ס מיינונג איז געווען, אַז נאָרדויס אויפטריטן אין בערלין און קעלן זיינען געווען בלויז פּער־זענלעכע דערפאָלגן פון נאָרדויען גופא, דאַקעגן האָבן זיי דער באַ־וועגונג געבראַכט אַ שאָדן מיט דעם, וואָס ס'איז אין זיי צופיל גערעדט געוואָרן וועגן דער אייגענער שוואַכקייט און וועגן דעם כוח פון די קעגנער. גראָד זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען ערנסטע פאַרהאַנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג און הערצל האָט געוואָלט און געמוזט דערשיינען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַלס אַ פאַרטרעטער פון אַ שטאַרקער באַוועגונג און נישט פון אַ שוואַכער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט פאַרהאַסט און באַקעמפט דורך יידישע קעגנער, אינערלעכע און אויסערלעכע. צווישן הערצלען און נאָר־דויען איז פאַרשאַרפט געוואָרן די באַציאונג. הערצל האָט נישט געקאָנט פאַרציכטן אויף זיין פּאָליטישער ליניע, אָבער אויך דער מחבר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים" האָט נישט געקאָנט מותר זיין אויף זיין אמת, אויף זיין נביאישן אמת.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען אַ שטאַרקע אָפּאָ־זיציע קעגן הערצלס פירונג און פּאָליטיק. מען האָט הערצלען פאָר־געוואָרפן דיקטאַטאָרישע געלוסטן און ריזיקאַלישע דיפּלאָמאַטישע עקספּערימענטן. אַלטע פאַרביסענע חובבי־ציוניסטישע סעפּאַראַ־טיסטן און פערזענלעכע קעגנער פון הערצלען האָבן געמאַכט יד אחת און אונטערגעגראָבן הערצלס אויטאָריטעט און לייטונג. זיי האָבן גערעכנט און געוואַרט אויף דעם פינאַנציעלן און פּאָליטישן צוזאַמענברוך פון הערצלס פירונג. עטלעכע פון זיי האָבן געפּרוווט אויסצונוצן די מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן הערצלען און נאָר־דויען, בכדי אַריבערצוציען נאָרדויען אויף זייער צד. דאָס איז זיי אָבער נישט געלונגען. ביי אַלע מיינונגס־פאַרשידנקייטן, איז נאָר־דוי געבליבן טריי דער פריינטשאַפט און דער ציון־פירערשאַפט פון טעאָדאָר הערצל. ווען בערנאַרד לאַזאַר, אַ פּראָמינענטער פּאָליטי־קער, אָבער אַנאַרכיסטישער אינדיווידואַליסט, האָט געפּרוווט אין פראַנקרייך מאָביליזירן די אָפּאָזיציע קעגן הערצלען, איז נאָרדוי שאַרף און מיט זיין גאַנצן אויטאָריטעט אַרויסגעטראָטן קעגן די דאָזיקע מאַכינאַציעס.

הערצלס אוידיענץ ביים דייטשן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן און די ארץ־ישראלדיקע רייזע זיינען, אָן ספק, געווען אַ געוויסער דערפאָלג. אָבער קיין ממשות'דיקע רעזולטאַטן האָט מען דערווייל

נישט געזען. דעם אויסוועג האָט הערצל געזוכט אין דער מעגלעכ־קייט צו דערגרייכן דעם יידישן קאָלאָניזאַציע־טשאַרטער אין ארץ־ישראל אויפן וועג פון פינאַנציעלער פאַרבינדונג מיט דער טער־קישער רעגירונג. צו דעם צוועק איז הערצל כסדר געקומען קיין פּאַריז, און נאָרדוי האָט געמוזט, ברצון אָדער בהכרח, ווידער גיין צו די י"ק"א־ און „אַליאַנס"־גבירים. ערב דעם דריטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין זומער 1899 האָט הערצל געוויילט אַ לענגערע צייט אין פּאַריז און זיין פריינטשאַפט מיט נאָרדויען איז ווידער געוואָרן אויפריכטיק און טיף ווי אין די בעסטע צייטן. נאָרדוי איז געווען שטאַרק פאַרמאַטערט צוליב זיין אינטענסיווער, אומדערמידלעכער טעטיקייט. די ציוניסטישע אַגיטאַציע־רייזעס, לעצטנס אין האָלאַנד, האָבן אים שטאַרק דערשעפּט. דער רעוויזיע־פּראָצעס פון דרייפוסן, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרן אין דער שטאָט רען האָט אויך פון נאָרדויען פאַרלאַנגט געגוג צייט און מי.

דעם 29־טן יולי 1899 האָט מאַקס נאָרדוי געפייערט זיין 50־יעריקן געבורטס־טאָג. אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט איז נאָרדויס נאָמען ווידער דערמאָנט געוואָרן מיט כבוד און אָנערקע־נונג. באַזונדערס האָט די יידישע, די ציוניסטישע עפנטלעכקייט אַרויסגעוויזן לגבי דעם גרויסן אייראָפּעאישן דענקער און יידישן מנהיג איר טיפע צוגעבונדנקייט און דאַנקבאַרקייט. אין אַ האַרציקן בריוו האָט הערצל געשריבן צו נאָרדויען: „טייערער פריינט! איך וועט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו צו אייער 50־טן געבורטס־טאָג און איך וויל רעדן צו אייך אַ ביסל וועגן מיין טיפער און דאַנק־באַרער פריינטשאַפט לגבי אייך. מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַ מדבר און באַגריסט זיך ווי ברידער. מיר האָבן נישט געזוכט קיין נוצן דערביי און זיינען געוואָרן ענג פאַרבונדן אין אַן עלטער, ווען מ'גיט זיך שוין נישט אונטער בלויז אימפּולסן. היינט זאָל מיר זיין דערלויבט, צו דריקן אייער האַנט אַלס אַ מאַן און אַלס אַ ייד, און צו בעטן גאָט, אַז איר זאָלט לאַנג דערהאַלטן ווערן פאַר מיר!".

אין אויגוסט 1899 איז זיך צונויפגעקומען דער דריטער ציו־ניסטישער קאָנגרעס. ווידער אין באַזעל, דער טראַדיציאָנעלער שטאָט פון ציוניסטישע קאָנגרעסן. גלייכצייטיק האָט זיך אָנגע־הויבן אין רען דער רעוויזיע־פּראָצעס פון דרייפוסן. נאָרדוי האָט געמוזט אַלס באַריכטסגעבער פון דער „פּאָסישער צייטונג" זיין אָנוועזנדיק אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס. ער איז געקומען בלויז צו דער דערעפענונגס־זיצונג פון דריטן קאָנגרעס און האָט געהאַלטן זיין רעפעראַט וועגן דער לאַגע פון יידנטום אין דער גאַנצער וועלט. ווידער האָט די יידישע און נישט־יידישע וועלט געהערט אַ פּאַטע־

טישע אָנקלאָגע און אַ נביאישע שטראָף־רעדע קעגן אַלע אינער־לעכע און אויסערלעכע שונאים פון נאַציאָנאַלן יידנטום, פון ציור־ניזם. מיט אַ שאַרפן, אומברחמנות׳דיקן קאַמף־רוף האָט נאָרדוי פאַרענדיקט זיין גלענצנדיקע רעדע אויפן דריטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, דערקלערנדיס: „ס׳איז אונזער פליכט אָפּצורעכענען זיך קודם־כל מיט אונזערע יידישע שונאים, ווייל קיין אַנדערע קעגנער אויסער די יידישע, האָט איצט נישט דער ציוניזם!״.

קאַפּיטל כ״ו

דער קדיש נאָך דער מאַמען און דער הספּד

נאָך היינען

דער רעוויזיע־פּראָצעס פון דרייפוסן אין רען, האָט נאָרדויען אָפּגעקאָסט אַ סך צייט און כוח. נאָרדוי האָט אַלס פּרעסע־פאַר־טרעטער פון אַ גרויסער אייראָפּעאישער צייטונג געהאַט די מעג־לעכקייט גענוי צו אָבסערווירן די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן דעצידירט נישט נאָר וועגן דעם גורל פון יידישן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן. דער הארבסט 1899 איז פּריצייטיק אָנגעקומען און אַלע אַלייען און וועגן פון דער קליינער פראַנצויזישער שטאָט האָבן זיך שוין אין סעפּטעמבער באַדעקט מיט הויפנס געלע, פאַרוועלקטע בלע־טער. אָפּט גייענדיק גאַנץ פרי צום געריכטס־בנין, איז נאָרדוי באַ־הערשט געוואָרן פון עלעגישע שטימונגען. ער האָט געטראַכט וועגן דעם הארבסט, וואָס מאַניפעסטירט זיך פאַר זיינע אויגן אַזוי בולט איצט אין רען און וועגן זיין 50־יאָריקן געבורטס־טאָג, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק, געפייערט געוואָרן. ווי אַ סימבאָל און וואָרנונג זיינען אים פאַרגעקומען די הויפנס געלע, פון זון און רעגן אָפּגעלאַקירטע בלעטער. פון די הבל־הבלימדיקע רעפלעקסן, האָט אים אַרויסגעריסן דער געדאַנק וועגן זיין מאַמען. זי איז אַלט און שוואַך און לעצטנס ערנסט קראַנק, נאָרדוי האָט באַשלאָסן ווי אַמשנעלסטן צוריקצופאָרן קיין פּאַריז.

דער פּראָצעס אין רען האָט לײדער אַנטוישט די האָפענונגען פון דעם לאַגער, וועלכער האָט געקעמפט פאַר גערעכטיקייט און פאַר דרייפוסן. הגם די דאָקומענטן, וועלכע זיינען געווען דער יסוד פון דער אָנקלאָגע קעגן דרייפוסן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַ־

בריצירטע און פּאַלשע, האָט דאָך דער מיליטערישער קריגס־טרי־
בונאַל אין רען ווידער פאַראורטיילט דרייפוסן, אָבער דאָס מאָל
„בלויז" אויף צען יאָר תפיסה. ווי אַ פּאַרצווייפלטער געשריי און
אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג האָט געקלונגען אין די אויערן און גע־
מאָנט דאָס געוויסן פון פראַנקרייך, די פּובליקאַציע פון דרייפוסן,
וואָס איז גראָד דעמאָלט אַרויס פון דרוק אונטער דעם טיטל:
„בריוו פון אַן אומשולדיקן". (« Lettres d'un innocent ») דער
שטורעם לטובת דרייפוסן, וועלכער איז געוואַקסן אין לאַנד און אין
גאַנץ אייראָפּע, האָט געצוווּנגען דעם פראַנצויזישן מלוכה־פּרעזי־
דענט צו באַגנעדיקן דעם פאַראורטיילטן און צו באַפרייען אים פון
דער תפיסה. מיט דעם האָט זיך אָבער נישט צופרידנגעשטעלט די
עפנטלעכע מיינונג, וועלכע האָט פאַרלאַנגט, אַז דער פּראָצעס פון
דרייפוסן זאָל נאָך איינמאָל באַנייט ווערן און זיין באַפרייאונג זאָל
באַשטעטיקט ווערן דורך אַ געריכטס־אורטייל. דער קאַמף פאַר גע־
רעכטיקייט איז ווייטער געגאַנגען, אַרויסרופנדיק נאָך כסדר ליידנ־
שאַפטלעכע, פּאַרטייאישע און פּערזענלעכע צוזאַמענשטויסן אין
פראַנקרייך.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר 1900, דאָס לעצטע
פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס נייע יאָר
פאַר נאָרדויען מיט אַן אומאָנגענעמער פּאָלעמיק צווישן אים און
דעם לאַגער פון אחד־העם. אַרום דעם גרויסן העברעאישן שרייבער
און דענקער אחד־העם האָבן זיך געזאַמלט פאַרביסענע קעגנער פון
הערצליאַנישן ציוניזם, וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם אויטאָרי־
טעט פון זייער „המורה" און דערצו נאָך יעדע געלעגנהייט, בכדי
צו אַטאַקירן און אַרונטערצורייסן די באַדייטונג פון פּאָליטישן
ציוניזם. איינער פון די דאָזיקע אחד־העמיסטישע עקסטרעמיסטן,
אַ געוויסער לוביצקי, האָט אין זשורנאַל „השלוח" דערלויבט זיך
צו פאַרגלייכן די מאָדערנע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו די באַ־
וועגונגען פון די פּאַלשע משיחים שבתי צבי און יעקב פראַנק, און
האָט פאָראויסגעזאָגט דעם יידנטום שרעקלעכע צרות, נאָכדעם ווי
דער הערצליאַנישער פּאָליטישער ציוניזם וועט האָבן זיין דורכפאַל.
די דאָזיקע כסדרדיקע אַטאַקעס מצד אחד העם און זיינע געלונגענע
און נישט־געלונגענע תלמידים, האָבן שטאַרק פאַרביטערט הערצ־
לען און זיינע אָנהענגער. נאָרדוי, שוועך פאַרמאַטערט צוליב זיין
אינטענסיווער אַרבעט און צוליב פאַרשידענע היימישע זאָרגן, האָט
זיך געמוזט אַריינלאָזן אין אַ פּאָלעמיק, וואָס איז נישט געווען באַ־
זונדערס אָנגענעם, נישט פאַר אים גופא און נישט פאַר זיינע קעג־
נער. אָנפאַנגס 1900 פּובליצירט נאָרדוי אין „דער וועלט" אַן אָפּע־

נעם בריוו צו אחד העם, אין וועלכן ער שרייבט: ...„און וואָס וועט ווערן ווען דער פּאָליטישער ציוניזם וועט לײַדן אַ דורכפאַל, וואָס דאַן? גוט, לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע מעגלעכקייט. מיר גלויבן נישט אין קיין דורכפאַל, אָבער מיר לייקענען אויך נישט, אַז אַזאַ דורכפאַל איז מעגלעך. ווער וועט אָבער אין דעם פאַל באַקלאָגן זײַן מפּלה? בלויז מיר אַליין, די מיטאַרבעטער פון פּאָליטישן ציו־ניזם זײַט זײַן אָרגאַניזירן זיך. מיר וועלן האָבן פאַרטאַכלעוועט, אויב דאָס וועט זײַן אַ דורכפאַל, אונזערע בעסטע יאָרן און אונ־זערע כוחות, מיר וועלן זײַן געבראָכענע מענטשן, אויסגעלאַכטע, באַשמוצטע, פאַראַכטעטע, און אונזערע שונאים וועלן מיט פרייד, ווי זינגער, אָרויפשטעלן זייער פוס אויף אונזערע נאַקנס. דאָס איז מײַן תשובה אויף דער אומגלויבלעכער פראַגע: „וואָס וועט ווערן, ווען דער פּאָליטישער ציוניזם וועט לײַדן אַ דורכפאַל?" ווען דער גאַנצער ענין וואָלט נישט געווען פאַר מיר אַזוי הייליק־ערנסט, וואָלט איך די גאַנצע זאַך געפּטרט מיט אַ פּאַלגנדיקן לוסטיקן אַנעק־דאָט: איינעם אַ שמוציקן, קרעציקן יונגנמאַן האָט דער שדכן פאַר־געשלאָגן צו טרעפן זיך מיט אַ סימפּאַטיש מיידל ווענגן אַ שידוך. דער שדכן האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז דער יונגערמאַן זאָל פאַר דער „זעאונג" נעמען אַ באָד. דערויף האָט דער צוקונפטיקער חתן שאַרף פּראָטעסטירט: „אַזוי גאָר? און וואָס וועט זײַן אויב פון שידוך וועט גאָרנישט ווערן?" וואָס וועט געשען, ווען דער ציוניזם וועט זיך נישט אײַנגעבן? אין דעם פאַל, וועלן מאַנכע יידן האָבן זיך אויסגעבאָדן און אויסגעהיילט זייערע קרעץ!".

פון די געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט נאָרדויען אויף אַ געווי־סע צייט, אָוועקגעריסן דער טויט פון זײַן אַלטער, הײס־געליבטער מוטער. די 87־יאָריקע רויזע שרה זידפעלד, איז געווען מיט איר גוטמוטיקייט און איבערגעגעבנקייט, אַ מוסטער פון אַ טראַדיציאָ־נעלער עכט־יידישער מאַמע. זי איז אין פּאַריז, אין דער היים פון איר גרויסן און באַרימטן זון געבליבן די זעלבע, ווי זי איז געווען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, אין דעם געטאָ־געסל פון פּעסט. איר מוטערלעכע, טרייע ליבע צום 51־יאָריקן מאַקס נאָרדוי איז ביז צום לעצטן לעבנס־אָטעם געווען אַזוי פריש און שטאַרק, ווי אין יענע אַלטע, האַלב־פאַרגעסענע צייטן, ווען איר מאַן, ר' גבריאל זידפעלד האָט נאָך געלעבט און איר קליינער בן־יחיד שמחה מאיר איז געווען איר גאַנצע זאָרג און האָפנונג.

אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג איז מאַקס נאָרדוי געשטאַנען בײַם פרישן קבר פון זײַן אַלטער מאַמע. איר טויט האָט אים ווי אַמ־טיפסטן דערשיטערט. נאָרדוי האָט געוווסט, אַז זײַן מוטער האָט

דערלעבט אַ הויכן לעבנס־עלטער, און אַז ער, נאָרדוי אַליין, איז אויך שוין נישט מער יונג. זיין לעבנס־האַרבסט דערנענטערט זיך און נישט־ווייט איז אויך דער ווינטער, דער אייז־קאַלטער און דער אייביקער. אָבער שטייענדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, ווייס־גרויען קאָפּ ביים קבר, בעת די ליפּן האָבן געשעפּטשעט דעם קדיש נאָך דער מאַ־מען, האָט נאָרדוי, דער ראַציאָנאַליסט, געלעבט בלויז מיט עמאָציאָ־נעלע זכרונות און האַרציקע רעפלעקסן. אין זיין אָנגעווייטיקטער נשמה האָבן אויפגעלעבט אַלטע סענטימענטן פון פאַרגאַנגענע צייטן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין פאָטער ר' גבריאל זידפעלד, דעם באַ־שיידענעם, ווייניק־גליקלעכן און הויך־געבילדעטן תלמיד־חכם, וועל־כער איז אַזוי יונג געשטאָרבן און ליגט שוין אַ דריי צענדליק יאָר אין דער ווייטער, אונגאַרישער ערד. זיין גאָט־זעליקער פאָטער האָט טיף געגלויבט אין דער אייראָפּעאישער קולטור און ציווילי־זאַציע און האָט געקעמפט פאַר „השכלה". ווו נעמט מען זיין בלינדן, פאַרליבטן גלויבן אין פּראָגרעס פון דער מענטשהייט! דער פאָטער האָט געחלומט וועגן דער נאָענטער גליקלעכער צייט, ווען אַלע מענטשן, אָרעמע און רייכע, וועלן זיין גלייך פאַר גאָט און פאַר מענטשן! ווען וועט קומען, און צי בכלל, וועט זי קומען, די דאָזיקע צייט?

צוליב זיין שטאַרקער דעפּרעסיע און מידקייט, האָט נאָרדוי געמוזט האָבן אַן אָפּרו. ער האָט גענומען זיין ווייב און זיין קליין טעכטערל מאַקסאַ און איז מיט זיי אַרויסגעפאָרן אויפן אינדזל קאָרסיקע. דאָ האָט ער פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן פון אויסרו און האָט געשטאַרקט זיין גוף און נשמה. די ליבע צו דער פרוי אַננאַ און צום איינציקן קינד מאַקסאַ האָבן אים געטרייסט און געגעבן פרישן לעבנס־מוט. וווּנדערבאַר איז געווען זיין ליבע צו מאַקסאַ און גאַנצע לעגענדעס ווערן וועגן דעם דערציילט. נאָרדוי האָט ממש פאַרגעטערט זיין קליין טעכטערל און האָט זי דערצויגן ווי אַ פּרינ־צעסין. דער אויטאָר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים" און פון „די פּאַראַדאָקסן" האָט ספּעציעל פאַר זיין מאַקסאַ אָנגעשריבן הער־לעכע מעשהלעך, וועלכע פאַרנעמען ביז היינט אַ חשובן פּלאַץ אין דער קינדער־ליטעראַטור. די דאָזיקע צוואַנציק דערציילונגען, וואָס זיינען שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך־פאָרם, זיינען צו־געפּאַסט געווען צו דער פאַנטאַסטישער און עסטעטישער וועלט פון דער קינדער־נשמה, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געהאַט אין זיך אַ געוויסע עטישע לער־טענדענץ, וועלכע האָט געדאַרפט און געמוזט באַאיינפלוסן די יונגע, פרישע קינדערישע געמיטער. אויך אין די דאָזיקע פאַנטאַסטישע קינדער־מעשהלעך איז נאָרדוי גע־

בליבן זיך טריי. ווי אין זיינע ווערק פאַר דערוואַקסענע קאָן ער נישט גיין דעם באַקוועמען וועג פון „קונסט לשם קונסט". זיינ׳ לעצטע מעשהלע, וואָס איז קירצער פון אַלע און צוגעפּאַסט נישט נאָר פאַר קינדער, ענדיקט זיך מיט אַ פאָלגנדיקן זאַץ: „אַ לאַנג לעבן, אַ קורץ לעבן, וואָס איז דער אונטערשיד, עס דאַרף זיין אַ שיין לעבן!".

נאָך זיין צוריקקומען קיין פּאַריז, האָט נאָרדוי מיט אַ פרישן מוט און נייע כוחות גענומען זיך צו זיינע מעדיצינישע, ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען. עס איז געווען פרילינג 1900 און די תחית־המתים־אויפגעשטאַנענע נאַטור מיט איר גאַנצער פּראַכט און לעבנס־פרייד אין דער פּאַריזער וועלט־מעטראָפּאָליע, האָט פאַריאָגט די ווינטערדיקע, אייז־קאַלטע רעמיניסצענצן און טויט־שאָטנס. גלייך, אין די ערשטע פרילינגס־טעג, האָט נאָרדוי אין Salon d'Automne ווו ער איז געווען אַן ערן־מיטגליד, געהאַלטן אַ גלאַנצנדיקן רעפעראַט וועגן „אַ יאָרהונדערט פון דער פראַנצויזישער קונסט". אויסערדעם איז נאָרדוי שטאַרק באַשעפטיקט געווען מיט דער קאָרעספּאָנדענץ אין צוזאַמענהאַנג מיט די, אין נאָענטן זומער צוגעגרייטע פּאַראַנשטאַלטונגען: די נייע וועלט־אויסשטעלונג אין פּאַריז און דער פערטער ציוניסטישער קאָנ־גרעס אין לאָנדאָן. אויך די ענדערונג פון דער דירה האָט פאַרלאַנגט פון אים צייט און מי. די אַלטע וווינונג אויף דער אַוועני דע וויליע האָט אים כסדר אומהיימלעך דערמאָנט דעם טויט פון דער גע־ליבטער מוטער. די נייע וווינונג אויף רי לעאָני 8 (היינט רי הענגע) אין דער ראָמאַנטישער סביבה פון מאָנמאַרטר, צווישן פרישע בלומען און יונגעביימלעך, האָט געשאַפן די שטימונג פאַר אַ רואיקער ארבעט און אַ גליקלעכן פאַמיליע־לעבן. אויך אין דער נייער דירה, האָט וווייטער געוווינט נאָרדויס שוועסטער שאַרלאָט, וועלכע איז נאָך דעם טויט פון דער מוטער געבליבן נאָך מער איינזאַם און פאַריתומט, ווי פריער. מאַקס נאָרדוי האָט זיך באַמיט, אַז זיין שוועסטער, וואָס איז אים איצט איינציק פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפּחה, זאָל זיך אויך אין דער נייער וווינונג פילן גוט און היימיש.

נאָך אַן הפסקה פון אַ פּאָר יאָר, האָט זיך ווידער איצט געגרייט צום דרוק אַ ניי ווערק פון מאַקס נאָרדוי. דאָס איז געווען אַ זאַמ־לונג פון אָפּהאַנדלונגען וועגן דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור. מיט אַ באַזונדערער פאַראינטערעסירונג און נייגונג האָט זיך נאָרדוי אָפּגעשטעלט אויף דער געשטאַלט און שעפערישקייט פון גרויסן פראַנצויזישן שריפטשטעלער און דענקער אַנאַטאָל

פראַנס. דער גייסטרייכער, טאַלאַנטירטער און קעמפערישער אַנאַ־טאָל פראַנס האָט נאָרדויס טיפע סימפּאַטיע געוווּנען אין די שטור־מישע טעג פון דרייפוס־פּראָצעס. אַנאַטאָל פראַנס האָט צוזאַמען מיט עמיל זאָלאַ צונויפגעזאַמלט אַ פּראָטעסט־ליסטע קעגן דער פאַר־אורטיילונג פון דרייפוסן, ער איז געקומען זאָגן עדות לטובת זאָלאַן, ווען מען האָט אים געמשפּט און האָט מוטיק און שטאָלץ צוריקגע־שיקט זיין „ערן־לעגיאָן"־אָפּצייכן, ווען מען האָט דעם מחבר פון „זשאקיז" אויסגעשטראָכן פון „ערן־לעגיאָן". אויף גרויסע פאָלקס־מיטינגען לטובת דער רעוויזיע פון דרייפוס־פּראָצעס, האָט נעבן די יידיש־פראַנצויזישע פּאָליטיקער בערנארד לאַזאר און דזשאָזעף ריינאַך, גערעדט מיט פּאַטאָס און איבערצייגונג, אַנאַטאָל פראַנס, און זיין רוף: „מיר זיינען דאָ פאַרזאַמלט, בכדי צו קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט" האָט מיטגעריסן און באַגייסטערט טויזנטער צוהערער. אַנאַטאָל פראַנס, אַלס שרייבער און דענקער, מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל פון הבל־הבלימדיקן פילאָזאָף־סקעפּטיקער און מיט זיין ווארימן האַרץ־געפיל פאַר אַלץ וואָס איז גוט און יושר־דיק, איז גייסטיק און עטיש געשטאַנען נאָענט צו נאָרדויס ליטע־ראַרישער שאַפונג און וועלט־אָנשויאונג.

ווידער איז נאָרדויען באַשערט געווען צו געפינען זיך אויף אַ פּאַריזער בית־עלמין. אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון היינע־פאַרערער האָט געזאַמלט געלט־מיטלען און אויפגעשטעלט דעם אומגליקלעכן דיכטער, אויף דעם בית־עלמין פון מאָנמאַרטר אַ מאָ־נומענט, אַ הערלעך ווערק פון אַ גרויסן דענישן סקולפּטאָר. ביי דער פייערונג זיינען פאַרזאַמלט געווען באַרימטע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער. מען האָט גערעדט וועגן היינען און וועגן גליק פון פאָלקס־הערשאַפט, וועגן דעם דיכטער און זיין אומ־שטערבלעכקייט. נאָרדוי האָט געטראַכט וועגן דער בייסיקער, וויצי־קער איראָניע פון דעם דיכטער, אויף וועמענס קבר מען שטעלט איצט דעם מאָנומענט. ער האָט זיך דערמאָנט אין היינעס אפּי־קורסישן געדאַנק: „דאָס גרויסע יתום־קינד, דאָס פאָלק, האָט שוין ווידער אַרויסגעצויגן פונעם גליק־קאַסטן פון דער רעוואָלוציע, פּוסטע נומערן!" נאָרדוי האָט אין זיין נשמה איבערגעלעבט און פאַרשטאַנען די טראַגישע איינזאַמקייט פון יידיש־קריסטלעכן דיכ־טער, וועמען מען האָט ביי זיין טויט נישט געקלונגען מיט קירכ־לעכע גלאָקן און נישט געזאָגט קיין קדיש. עס האָט נאָרדויען באַהערשט אַ טיפער געפיל פון טרויער און עס איז אים נישט לייכט געווען צו רעדן, ווען מען האָט אים געהייסן מספּיד זיין דעם גרויסן, אומגליקלעכן דיכטער. וואָס זאָל ער זיי, די דאָזיקע אינטער־

נאַציאָנאַלע היינע־פאַרערער און קאָסמאָפּאָליטישע מענטשהייט־באַ־גליקער דערציילן וועגן דער האָפנונגסלאָזער צעריסנקייט פון יידישן ווייטיק, וואָס האָבן באַהערשט און באַזינגט היינען! צי קאָן און דאַרף ער — נאָרדוי — צעשטערן אויך דאָ אויפן בית־עלמין, די קאָנווענציאָנעלע אילוזיעס פון קאָסמאָפּאָליטישע קינסטלער און וועלט־רעפאָרמאַטאָרן?

נאָרדוי האָט געזאָגט אַ פּאָר גייסטרייכע ווערטער וועגן היינען דעם דיכטער און טרוימער, וועלכער געהערט צו דער גאַנצער וועלט און קיין שום נאַציאָנאַלע אָדער מלוכה'שע גרענעץ קאָן נישט פאַר־שטעלן דעם וועג צו זיין אַלגעמיינער וועלט־באַרימטקייט. דער דאָ־זיקער הספד איז געפעלן געוואָרן אַלע אָנוועזנדיקע, בלויז נאָרדוי איז נישט געווען צופרידן מיט זיך. צי האָט ער נישט געדאַרפט אויך דאָ, פאַר די דאָזיקע יידישע און גוייִשע קאָסמאָפּאָליטן, אויפרייסן אומברחמנותדיק, די ווונדן פון דער יידישער היינע־טראַגעדיע און בולט ברענגען צום אויסדרוק דעם אייגענעם ציוניסטישן אני־מאמין. פאַר נאָרדויען איז געווען קלאָר, אַז ווען היינע וואָלט גע־בוירן געוואָרן מיט צוויי דורות שפּעטער, וואָלט ער געבליבן אַ שלימותדיקער יידישער דיכטער, אָן זיין צעריסנקייט און אָן זיין שמד־מאַסקאַראַדע. נאָרדוי האָט געטראַכט מיט צווייפל און אומרו: צי בין איך יוצא מיט דעם, וואָס איך זאָג דאָס אויף יעדן ציוניס־טישן קאָנגרעס? צי איז נישט מיין פליכט, אַלס ייד און מענטש צו זאָגן דאָס אָפן און ערלעך אומעטום, אפילו אויף דעם מאָנ־מאַרטער בית־עלמין? און זאָל מען אפילו מיך שפּעטער אין גע־וויסע קרייזן פאַרשעלטן און באַשמוצן אַלס אַ ציוניסטישן, שאָווי־ניסטישן דעמאַגאָג!

קאַפּיטל כ"ז

מיט ישראל זאַנגוויל אויפן לאָנדאָנער ציוניסטישן קאָנגרעס

אָנהויב אויגוסט 1900 איז נאָרדוי געפאָרן צום פערטן ציו־ניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז דאָסמאָל צונויפגערופן געוואָרן קיין לאָנדאָן, נאָך אָן הפסקה פון 26 יאָר, האָט נאָרדויס פוס ווידער באַטראָטן די ענגלישע ערד. לאָנדאָן האָט אויך דאָס מאָל אימפּאָ־

נירט נאַרדויען מיט זיין שנעלן בוי־פּאַרנעם און אימפּעריאַלער מאַכט־אַנטוויקלונג, וואָס זיינען זיך אויסגעוואַקסן און געשטיגן אין לעצטן פערטל־יאָרהונדערט. דיזראַעלי האָט שוין צוויי יאָרצענדליקער נישט געלעבט, אָבער זיין מעכטיקער, שעפערישער גייסט האָט נאָך געלעבט און געהערשט אין דער גאַנצער בריטי־שער אימפּעריע און אין די צענטראַלע רעגירונגס־אַמטן אין לאָנדאָן. דאָס איז אויך געקומען בולט צום אויסדרוק אין דער באַציאונג פון דער ענגלישער געזעלשאַפט און רעגירונג לגבי דעם ציוניזם, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס. סיי די פּרעסע און סיי די עפנטלעכע מיינונג האָבן מיט אַ גרויסער סימפּאַטיע גערעדט וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר פירערשאַפט, מיט הערצלען און נאַרדויען בראש. דער ענגלישער פּרעמיער סאַ־ליסבורי האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער האַלט דעם געדאַנק פון אַ „יידנשטאַט" פאַר רעאַל און נוצלעך.

מיט סאַטיספאַקציע האָט נאַרדוי געטראַכט וועגן דעם, אַז אין לאָנדאָן וועט ער זיין אַ גאַסט ביים גרויסן יידיש־ענגלישן שריפט־שטעלער ישראל זאַנגוויל. זייער נאָענטע באַקאַנטשאַפט איז גע־שלאָסן געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק. הערצל האָט זיך, ערב דעם ערשטן קאָנגרעס, פאַרגעשטעלט פאַר זאַנגווילן, מיט נאַרדויס ענ־טוזיאַסטישן בריוו. זאַנגוויל איז צו יענער צייט נאָך געווען אַ יונ־גער מענטש, סך־הכל 36 יאָר אַלט, אָבער זיין שריפטשטעלערישער נאָמען האָט שוין דעמאָלט ווייט געקלונגען אין ענגלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט. זיינע ראָמאַנען: „אַ טאָג־בוך פון אַ משומד", „דער קעניג פון די שנאָרערס" און „די קינדער פון געטאָ", זיינע וווּנדערבאַרע פּאָעזיעס און היסטאָרישע סקיצן („די טרוימער פון געטאָ") האָבן זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט און זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ סך שפּראַכן. זאַנגוויל, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון יידישע עמיגראַנטן פון פּוילן, האָט אויף אַ מייסטערהאַפטן, שפּראַכלעך און קינסטלעריש־אויסגעצייכנטן אופן געשילדערט די סביבה פון די יידיש־פּוילישע און יידיש־רוסישע עמיגראַנטן און פון זייערע אַסימילירטע, אַנגליזירטע יונגערע דו־רות. דער ענגלישער לייענער־פּובליקום האָט צום ערשטן מאָל פון זאַנגווילס ראָמאַנען זיך דערוווּסט וועגן דעם לעבן און קולטור־שטיי־גער פון דער יידישער מאַסע אין ווייטשעפּל, בנוגע וועלכן ער איז ביז איצט ווייניקער געווען אינפאָרמירט, ווי וועגן דעם לעבן פון די ווילדע אין אַפריקע. דעם טיפן איינדרוק פון די ענגלישע לייענער האָט אָמבעסטן אויסגעדריקט דער באַרימטער מלוכה־מאַן און מיניסטער גלאַדסטאָן, שרייבנדיק אין זיין בריוו צו זאַנגווילן וועגן די שטאַרקע

געפילן און איבערלעבעניש בעת „דעם לייענען די דאָזיקע ראָמאַ־נען וואָס שילדערן די קינדער און די טרוימער פון לאַנדאַנער געטאָ".

ערב דעם קאָנגרעס, האָבן די ענגלישע ציוניסטן איינגעאָרדנט צוויי גרויסע אימפּרעזן: אַ מאַסן־מיטינג און אַ גאָרטן־פּעסט לכבוד די אויסלענדישע אָנטיילנעמער. אויף דער ריזיקער פאַרזאַמלונג אין איינעם פון די גרעסטע לאָנדאָנער זאַלן, ווו אַן ערך 10 טויזנט צו־הערער האָבן אָנטיילגענומען, זיינען די הויפּט־רעדנער געווען: הערצל, נאָרדוי און זאַנגוויל. די אָרעמע ארבעטס־יידן פון איסטענד און ווייטשעפּל האָבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער באַגייסטערונג געשלונגען יעדעס וואָרט פון די ציוניסטישע מנהיגים. אויך דער גאָרטן־פּעסט אין דעם קעניגלעכן באָטאַנישן פּאַרק האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. די הערלעכע פּאַרק־בלומען און די היימישע יידי־שע ניגונים, געשפּילט פון מוזיק־קאַפּעלן, האָבן באַגייסטערט און באַצויבערט די טויזנטער קאָנגרעס־אָנטיילנעמער. מיט אַן אויסער־וויינלעכן דרך־ארץ און ליבע־געפיל האָט די פאַרזאַמלטע ציוניס־טישע מאַסע באַגריסט הערצלען, בעת ער איז צום פּעסט געקומען, גייענדיק געאָרעמט מיט ישראל זאַנגווילן.

הגם הערצל איז געווען פאַרמאַטערט, ער איז ערשט אויפגע־שטאַנען פון קראַנקן־בעט, האָט ער דאָך נאָכגעגעבן דעם ווונטש פון זיינע פריינט און איז לאַנג פאַרבליבן בעת דעם פּעסט, מייסטנס אין דער געזעלשאַפט פון נאָרדויען און זאַנגווילן. אין אַ ווינקל ווייט פון דער צעיובלטער מאַסע, האָבן די דריי ציון־פירער, באַרימטע שריפטשטעלער און גייסט־מענטשן, געפונען די געלעגנ־הייט צו אַן אינטימן שמועס. מען איז געזעסן ביי אַ פיינעם, מיט וויין און פרוכטן סערווירטן טיש, אין אַ פאַרכישופטער אַליי פון וווּנדערבאַרע, עקזאָטישע פלאַנצן און בלומען, און זיך דורכ־געשמועסט וועגן היימישע און אַלגעמיינע ענינים. פון דער פּאָליטיק איז מען אַריבער צו דער ליטעראַטור און טעאַטער־קונסט, און דאַן, ווען די שטימונג איז געוואָרן אַ וואַרעמע און הארציקע, האָט מען זיך געטיילט מיט זכרונות און ווייטע רעמיניסצענצן. הערצל האָט אין אַ וויציקן טאָן דערציילט וועגן זיינע סטודענטישע יאָרן אין ווין. נאָרדוי האָט מיט אַ גייסטרייכן הומאָר זיך דערמאָנט אין קאָ־מישע פּאַסירונגען, בעת זיין יוגנט־צייט אין פּעסטער יידן־קוואַר־טאַל. זאַנגווילס רעפלעקסן זיינען שוין געווען ערנסטער, מיט אַן עכט־יידישן לאַכן דורך טרערן. דער באַרימטער ענגליש־יידישער שריפטשטעלער האָט דערציילט אויף אַן אופן, וואָס איז געווען מער טרויעריק ווי לוסטיק, אָבער כסדר גייסטרייך, וועגן זיין היים

און יוגנט אין דער סביבה פון יידיש־רוסישע עמיגראַנטן. זאַנגוויל איז געוואָרן דערביי עלעגיש געשטימט און שטאַרק בארעדעוודיק. אפשר האָבן דאָס גורם געווען דער עקזאָטיש־ראָמאַנטישער פּאַרק־ווינקל און די ארומיקע זעלטענע אַטמאָספער, און אפשר האָבן אויך זייער ווירקונג דאָ געהאַט די פּאָר גלעזלעך וויסקי, וועלכע זאַנגוויל האָט לאַנגזאַם אָבער סיסטעמאַטיש געטרונקען. הערצל און נאָרדוי זיינען געבליבן זיצן שווייגנדיק, ווי פאַרטראַכט, און האָבן זיך מיט פאַראינטערעסירונג צוגעהערט צו די סענטימענטאַלע און אויך סאַרקאַסטישע דערציילונגען פון זייער לאָנדאָנער פריינט. זאַנג־וויל האָט ווידער דערמאָנט זיין אָרימע היים און יוגנט, די יידיש־ענגלישע פאָלקס־שול, ווו ער האָט באַקומען זיין ערשטע דערצי־אונג און ווו ער האָט שפּעטער פאַרדינט זיין באַשיידענע שכירות אַלס איינער פון די לערער. אין קעגנזאַץ צו הערצלען און נאָרדויען, וועלכע האָבן פאַרענדיקט אַ מיטל־שול און אַן אוניווערסיטעט, איז זאַנגוויל געווען אייגנטלעך אַן אויטאָדידאַקט. אין שלאָפלאָזע נעכט, ביי שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען האָט ער אַ סך געלייענט און געלערנט, ביז ער האָט דערוואָרבן זיין ערנסטע בילדונג, און אָנגע־הויבן שרייבן די ווערק, וואָס האָבן אים געגעבן אַ וועלט־רום. זאַנג־וויל האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל גערעדט וועגן זיין שבועה, וועלכע ער האָט אַלס אַן אַכט־יעריק קינד געשווירן צו ווערן אַ גרויסער שריפטשטעלער, און וועגן די נאָטיצן, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לויט זיינע יוגנטלעכע אָבסערוואַציעס פון דער יידיש־עמיגראַטישער סביבה. דאַן האָט ער כלאחר־יד דערמאָנט די פאַרשידענע שוועריקייטן און קאַמפן, וועלכע ס'איז אים אויס־געקומען גובר צו זיין אויף זיין וועג צום שריפטשטעלערישן נצחון.

ס'איז געוואָרן שפּעט און מאָרגן אינדערפרי האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן דער קאָנגרעס. די דריי פּראָמינענטע אייראָפּעאישע שריפט־שטעלער און ציון־פירער האָבן שנעל געמוזט איבעררייסן זייער אינ־טימען און אינטערעסאַנטן חברישן שמועס.

די דערעפנונג פון פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז פאָרגעקו־מען אין אַ באַזונדערס פייערלעכער פאָרם. הערצל האָט אין זיין רעדע דעמאָנסטראַטיוו אונטערגעשטראָכן, אַז „ענגלאַנד, דאָס גרויסע ענגלאַנד, דאָס פרייע ענגלאַנד, וואָס הערשט איבער אָקעאַנען, וועט אונז און אונזערע שטרעבונגען פאַרשטיין!" ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די ביז־איצטיקע אָריענטאַציע אויף דייטשלאַנד איז אויפגעגעבן געוואָרן לטובת אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָ־ענגלישער ריכטונג. נאָך הערצלען באַקומט דאָס וואָרט מאַקס נאָרדוי צו זיין טראַדי־ציאָנעלן קאָנגרעס־רעפעראַט. ווי ביז־איצט, איז אויך דאָס מאָל

זיין רעדע געווען א געוואַלדיקע, דערשיטערנדיקע לייסטונג, סיי לויט איר אינהאַלט און סיי לויט איר אָראַטאָרישער קראַפט. נאָרדוי האָט ווידעראַמאָל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טראַגישער לאַגע פון מזרח־יידנטום, באַזונדערס לעצטנס אין רומעניע און האָט פאָראויסגעזען א וויטערדיקע, כסדרדיקע פאַרשאַרפונג פון דער לאַגע. לסוף פון זיין רעדע, האָט נאָרדוי אַפּעלירט צו די פירער פון אָפיציעלן יידנטום, די ראשי־הקהילות און די רבנים, מיט פּאַלגנדיקע פּאַטעטישע ווערטער: „זעט די ווירקלעכקייט, עפנט די אויגן, דערוועקט אייער געוויסן, לערנט פון דער רומענישער קאַטאַסטראָפע!".

דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט סך־הכל געדויערט פיר טעג, אָבער זיין לייסטונג איז געווען א ריזיקע. ער האָט דורכגעפירט א פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דעבאַטע און פעסטגעשטעלט די יסודות פון דער יידישער קאָלאָניאַל־באַנק און פון יידישן נאַציאָנאַלן פאָנד (קרן קימת לישראל). ער האָט אַרומגערעדט די צוקונפטיקע גייסטיקע און ווירטשאַפטלעכע אַרבעט פון דער באַוועגונג. פּראָפ. מאַנדעלשטאַמ׳ס גייסטרייכער רעפעראַט וועגן דער „פיזישער באַנייאונג פון יידישן פאָלק" האָט געוויזן דעם וועג צו דער קערפּערלעכער רעגענעראַציע, וועלכע נאָרדוי האָט פּראָקלאַמירט אַלס דאָס „מוסקל־יידנטום".

דעם לעצטן אָוונט אין לאָנדאָן, נאָך דעם שלום פון קאָנגרעס, האָט מאַקס נאָרדוי פאַרבראַכט אין געזעלשאַפט פון ישראל זאַנגוויל. מען איז געגאַנגען שפּאַצירן איבער די גאַסן און געסלעך פון יידישן פערטל. זאַנגוויל איז געווען צופרידן מיטן פאַרלויף פון ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גרויסער און איינדרוקספולער מאַניפעסטאַציע לטובת דעם ציון־געדאַנק. אין א נאָענטן גאָרטן, מיד פון לאַנגן שפּאַציר, האָבן זיך זאַנגוויל און נאָרדוי אַנידערגעזעצט, בכדי א ביסל אויסצורוען. ס׳איז געווען א הייסער, שטיקנדער אויגוסט־אָוונט און דער גאָרטן איז געווען איבערפולט מיט באַזוכער פון ווייטשעפּל און זיין סביבה. נאָרדוי האָט דערמאָנט זאַנגווילס בוך „די טרוימער פון געטאָ" און אָנגעוויזן אויף פאַרשידענע געשטאַלטן וואָס זיינען געזעסן און אַרום געשטאַנען דאָ אין פאָלקס־גאָרטן. ער האָט צוגעגעבן: „איר האָט נישט ווייט געדאַרפט זוכן די פּראָטאָטיפּן פון אייערע געטאָהעלדן". זאַנגווילס געדאַנקען זיינען אָבער געווען דאָסמאָל ווייט פון איסט־ענד און ווייטשעפּל. ער איז נאָך כסדר געשטאַנען אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון זיין ארץ־ישראלדיקער נסיעה און האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן ירושלים און אַנדערע הייליקע

מקומות. די נייע יידישע קאָלאָניעס האָבן אים געוויזן אַ בילד פון באַנייטן יידישן מענטש, וועלכער איז גייסטיק און פיזיש שטאַרקער און טיפער איינגעוואָרצלט אין דער רעאַלערווירקלעכקייט, ווי די קינדער פון די רוסיש־יידישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן. זאַנגוויל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין ניי בוך וועגן דער „פּאַלעסטינער וואַנדערונג" און האָט צוגערעדט נאָרדויען צו באַזוכן ווי אַמ־שנעלסטן דאָס לאַנד פון אונזער נאַציאָנאַלער בענקשאַפט. נאָרדוי האָט טיף אָפּגעזיפצט: „איר, זאַנגוויל, האָט עס בעסער פאַר מיר, איר האָט בלויז איין פּראָפעסיע, די שריפטשטעלערישע, און איך, וואָס מוז איך אַלץ נישט טאָן? און אויסערדעם, דער עיקר, זייט איר דאָך יינגער מיט 15 יאָר. גאָט ווייסט, ווען מיר וועט אויס־קומען צו באַזוכן אַמאָל ארץ־ישראל, איך בין אַזוי שטאַרק פאַר־יאָגט, אפשר, מיין ליבער פריינט, וועט עס מיר אויסקומען ערשט נאָך מיין טויט !".

קאַפּיטל כ"ח

אין געראַנגל מיט סאָציאַלע און גייסטיקע קאָנפליקטן

צוריקקומענדיק פון לאָנדאָנער קאָנגרעס, איז מאַקס נאָרדוי ווייטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין ברען פון געזעלשאַפטלעך־פּאָלי־טישער אַרבעט. ווידער האָט די ליטעראַרישע טעטיקייט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן, אויף אַ לענגערער צייט. די אָפּאָזיציאָנעלע אַגיטאַציע פון בערנאַרד לאַזאַר און זיינע חברים, האָט אויפגערו־דערט און באַדראָט מיט אַ שפּאַלטונג די ציוניסטישע מחנה אין פראַנקרייך. לאַזאַר, אַ ליידנשאַפטלעכער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיס־טישער טריבון, האָט געוואָלט דעם ציוניזם געבן אַ בולטן, שאַרפן ראַדיקאַל־סאָציאַלן פּרצוף. אָבער סיי דער אינהאַלט און סיי די פאָרם פון זיינע סאָציאַלע לאָזונגען זיינען נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער יידישער און ציוניסטישער ווירקלעכקייט און האָבן אַרויס־גערופן געפערלעכע קאָנפליקטן מיט דער אָנפירונג פון דער באַווע־

גונג. הערצל האָט געהאַט אַ טיפן זין און פאַרשטענדעניש פאַר די סאָציאַלע באַדערפעענישן און פּאָסטולאַטן פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלקס־מענטש. וועגן דעם זאָגן עדות „דער יידנשטאַט״ און אַנ־דערע זיינע פּובליקאַציעס. אָבער הערצל האָט גראָד דעמאָלט גע־קעמפט פאַר דער דערגרייכונג פון אַ מלוכה'שן „טשאַרטער״ אין ארץ־ישראל און דערצו איז אים נויטיק געווען די געלט־הילף פון די רייכע יידן. נישט די פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־קעגנזאַצן אינם ציוניזם, נאָר די באַשאַפונג פון די נויטיקע, ריזיקע געלט־סכומים, איז געוואָרן די אויפגאַבע פון דער באַוועגונג און איר פירערשאַפט. אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט האָט זיך אויך געשטעלט מאַקס נאָרדוי.

אָן צווייפל איז מאַקס נאָרדוי באַאיינפלוסט געווען פון די מאָדערנע סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע ריכטונגען אין דער פּאָליטיק און אין דער ליטעראַטור. זיין באַציאונג צום פּראָלעטאַריאַט, אויך צום יידישן פּראָלעטאַריאַט, איז געווען נישט בלויז אַ פּאָזיטיווע, זי איז נישט־ווייט געווען פון אַן ענטוזיאַסטישער אַפּאָטעאָזע. זיין שטעלונג צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט האָט נאָרדוי אַמבעסטן אויסגעדריקט אין זיין באַרימטער רעדע, אין וועלכער ער האָט דער־קלערט: „אויב מיר האָבן זיך נישט איבערגענומען מיט די פּראָ־טעסט־ראַבינער און מיר זיינען נישט נתפּעל געוואָרן מיט דער פיינטשאַפט מצד די יידישע קאַפּיטאַליסטן, איז אָבער יאָ פאַראַן אַ קעגנערשאַפט צוליב וועלכער עס בלוטיקט אונזער האַרץ. דאָס איז די קעגנערישע שטעלונג צום ציוניזם מצד דער יידישער אַר־בעטערשאַפט. ווען אויך דער יידישער פּראָלעטאַריער זאָל אונז ענטפערן אַזוי ווי עס האָבן אונז דערקלערט די פּראָטעסט־ראַבינער און די קאַפּיטאַליסטן, דאַן איז פאַר אונז ציוניסטן אַלץ פאַרלוירן. דאַן מוזן מיר זיך זוכן אַ נייעם אידעאַל, צוליב וועלכן ס'וואָלט כדאי געווען ווייטער צו לעבן. ווייל, אויב אונזער באַוועגונג טויג נישט פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, טאָ מוזן מיר אונז שטעלן די פראַגע: פאַר וועמען אייגנטלעך איז באַשאַפן געוואָרן דער ציוניזם?״

נאָרדוי האָט לכתחילה אייפעריק אונטערשטיצט די טעטיקייט פון בערנאַרד לאַזאַר אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט־געהאָלפן דעם יידיש־פראַנצויזישן זשורנאַל „לע פלאַמבאָ״ („די פאַקעל״), וועלכן לאַזאַר האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צוזאַמען מיט דעם באַוווסטן זשורנאַליסט באַהאַר. אָבער ווען לאַזאַרס אַגי־טאַציע איז געוואָרן שעדלעך, האָט נאָרדוי מיט זיין גאַנצער קראַפט און אויטאָריטעט זיך אַנטקעגנגעשטעלט איר השפּעה.

אין זומער 1901 איז הערצל געקומען קיין פּאַריז אויף זיין צו־ריק־רייזע פון לאָנדאָן. ער איז געווען שטאַרק פאַרמאַטערט און פאַרביטערט. וועגן דעם זאָגן עדות די ווערטער, וועלכע ער האָט צו יענער צייט אַריינגעשריבן אין זיינע טאָגביכער: „איך בין אַלט געוואָרן 41 יאָר. ס'ווערט באַלד זעקס יאָר, ווי איך האָב אָנגעהויבן די דאָזיקע באַוועגונג, וועלכע האָט מיך געמאַכט אַלט, מיד און אָרעם". די אויפנאַמע ביים טערקישן סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, וועלכע איז פאָרגעקומען אָנהויב מאַי 1901, האָט פאַר הערצלען ברייט געעפנט די שאַנסן צו באַקומען דעם דערוואַרטעטן „טשאַרטער", אָבער אַלץ איז איצט אָפּהענגיק געווען פון די גרויסע געלטער, מיט וועלכע דער דאָזיקער פּאַלעסטינע־טשאַרטער האָט געדאַרפט באַצאָלט ווערן. צו דעם צוועק, איז הערצל פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל גלייך אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, צו די יידישע פינאַנץ־מאַגנאַטן. אָבער אויך דאָס מאָל האָט די יידישע פּלוטאָקראַטיע אָפּגעזאָגט איר הילף דעם מנהיג פון פּאָליטישן ציוניזם. אַ פאַר־צווייפלטער פאָרט הערצל קיין פּאַריז, אפשר וועט אים דאָ געלונגען אַרויסצוקריגן די נויטיקע קאַפּיטאַלן. ער נאָטירט ביי זיך די ווער־טער: „דערווייל איז מיין איינציקע זאָרג: געלט! גרויסער גאָט, פון וואַנען נעמט מען עס?!"

אין פּאַריז איז הערצלס גרויסע האָפנונג אויף נאָרדויען. ער מוז אים העלפן מיט זיין אויטאָריטעט ביי די רייכע פראַנצויזישע יידן! אויב פּאַריז וועט אָפּזאָגן, איז די גאַנצע יאָרלאַנגע און מי־פולע אַרבעט לטובת דעם טשאַרטער, פאַרלוירן געגאַנגען, וואָס ווייס צי נישט אויף אייביק! לאַנגע שעהן זיצט הערצל מיט נאָר־דויען כדי אַרומצורעדן די סיטואַציע און צונויפשטעלן דעם אַר־בעטס־פּלאַן אין פּאַריז. נאָרדוי איז פּעסימיסטיש געשטימט. ער זאָגט צו הערצלען: די אוידיענץ ביים סולטאַן איז אָן ספק געווען אַ גרויסער פּאָליטישער דערפאָלג. אָבער מען טאָר נישט שפּילן va banque, ווייל דאָס קאָן ווערן געפערלעך. דער סולטאַן האָט באַקומען אַ פאַלשע מיינונג וועגן אונזערע פינאַנציעלע מעג־לעכקייטן. ער וויל דעם טשאַרטער פאַרקויפן פאַר גרויסע געלטער, און מיר זיינען אָרעם, פון וואַנען וועלן מיר נעמען די דאָזיקע רי־זיקע סכומים? די רייכע יידן זיינען קעגן אונז, נישט נאָר אין ענג־לאַנד, נאָר אויך אין פראַנקרייך און איבערהויפּט אין דער גאַנ־צער וועלט!

נישט געקוקט אויף זיין צווייפל, איז נאָרדוי דאָך געגאַנגען מיט הערצלען צו די פאָרשטייער פון די רייכע יידישע געזעלשאַפטן און האָט אַליין ענערגיש אינטערווענירט ביים באַראָן ראָטשילד

(„הנדיב הידוע״) און ביי אַנדערע געלט־ און איינפלוס־רייכע פּער־זענלעכקייטן. ס׳איז אָבער פון דעם אַלעמען, ווי נאָרדוי האָט ריכ־טיק פאָרויסגעזען, גאָרנישט געוואָרן. נישט דער באַראָן ראָטשילד און נישט די פאָרשטייער פון דער רייכער י״ק״א, האָבן נישט אַרויסגעוויזן וועלכע ס׳איז ערנסטע פאַראינטערעסירונג פאַר הער־צלס פּלענער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אוידיענץ ביים טערקישן סולטאַן. צדוק כהן, דער באַוווּסטער אויבער־ראַבינער און חובבי־ציון, וועמענס השפּעה ביי די יידישע גבירים אין פראַנקרייך האָט געקענט עפּעס העלפן, איז געבליבן בלויז ביי הבטחות. צוליב דעם איז געקומען צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן נאָרדוי און צדוק כהן. הערצלס אינטערווענץ האָט באַרואיקט די צערייצטע גע־מיטער אָבער ביי דעם איז עס געבליבן. די פראַגע פון געלט־באַ־שאַפן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. הערצל איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פון פּאַריז, ווי פריער פון לאָנדאָן, איז נישט מער צו דערוואַרטן קיין ישועה. ער האָט אָבער שוין אַ נייעם פּלאַן און אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען מכוח דעם פאַר נאָרדויען: די לאָנדאָנער און פּאַריזער געלט־יידן זיינען אַסימילירט און פרעמד צום יידנטום. אַנדערש איז אָבער די לאַגע ביי די רוסישע יידן. די רייכע רוסישע יידן וועלן שאַפן די נויטיקע געלטער פאַרן טשאַר־טער, מען מוז זיי אָבער איבערצייגן, אַז די זאַך איז אַן ערנסטע. צו דעם צוועק וועט נויטיק זיין אַ באַלדיקע אוידיענץ ביים רוסישן צאַר. ער (הערצל) האָט זיך שוין אָנגעהויבן ווענן דעם צו באַמיען דורך דעם גרויס־הערצאָג פון באַדן און ס׳איז צו האָפן, אַז די אוידיענץ ביים צאַר וועט באַלד צושטאַנדקומען.

אויך דאָס מאָל איז נאָרדוי געבליבן סקעפּטיש געשטימט. ער האָט דאָס בפירוש און אָפן געזאָגט הערצלען: יידישע גבירים זיי־נען איבעראַל די זעלבע. די אוידיענץ ביים צאַר וועט אפשר צו־שטאַנדקומען אָבער קיין געלט וועט דערפון נישט ווערן. ס׳איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע! נאָרדויס פעסימיסטישע איינשטעלונג האָט דענערווירט הערצלען, וועלכער האָט זיך אין די לעצטע טעג געפילט שוואַך און דעפּרעמירט. הערצל האָט באַשלאָסן אַ ביסל אויסצורוען, ער האָט גענומען אַ דראָזשקע און געהייסן זיך פירן אין בולאָנער וועלדל. אָבער בעת דער שפּאַציר־נסיעה אין דער דאָ־ראָזשקע איז אים שלעכט געוואָרן. הערצל איז געפאַלן אין אָנ־מאַכט און עס האָט לאַנג געדויערט, ביז ער איז ווידער צו זיך גע־קומען. באַלד האָט אים באַזוכט נאָרדוי און אים גענומען אונטער זיין אַרצטלעכער אויפזיכט. צו די פּאָליטישע פליכטן לגבי הערצלען זיינען איצט צוגעקומען אויך מעדיצינישע.

א געוויסע נייע האָפנונג האָט ביי הערצלען און נאָרדויען אַרויסגערופן דער באַזוך פון איינפלוסרייכן, ציוניסטישן עסקן פון ענגלאַנד סער פּרענסיס מאָנטעפיאָרע. לכבוד דעם חשובן גאַסט, האָט הערצל איינגעאָרדנט אַ פּרישטיק אינם לוקסוס־האָטעל טשאַ־טעם. אויסער דעם גאַסט און דעם גאַסט־געבער זיינען אָנוועזנדיק געווען: נאָרדוי און דער באַוווסטער פּאַריזער מיליאָנער און באַנ־קיר בעגאָ רייטלינגער, וועלכער איז געשעפטלעך געווען ענג־פאַר־בונדן מיט דער טערקישער רעגירונג און מיט דעם סולטאַנישן הויף. בעת דעם פּרישטיק זיינען באַרירט געוואָרן וויכטיקע ענינים אין צוזאַמענהאַנג מיט הערצלס טשאַרטער־פּלאַן. געענדיקט האָט זיך די צוזאַמענקונפט מיט אַ כאַראַקטעריסטישער סצענע, וועלכע הערצל שילדערט אין זיינע „טאָג־ביכער" אויפן פאָלגנדיקן אופן: „דאָס אינטערעסאַנטסטע בעת דעם פּרישטיק, וואָס איז אגב זייער פיין איינגעאָרדנט געווען, איז דאָס מזומן־בענטשן (ברכת־המזון) פון ה' רייטלינגער, אויף נאָרדוס באמת הארציקן פאָרשלאָג. זי־כער האָבן קיינמאָל די געלע דמשק־מעבל פון דעם דאָזיקן עלע־גאַנטן האָטעל, נישט געהערט אַזא מין ברכה".

באַגלייטנדיק שפּעטער נאָרדויען אַהיים, האָט הערצל אין אַן אינטימען טאָן גערעדט וועגן זיין שווערער לאַגע און וועגן די פאַרצווייפלטע קאַמפן, וועלכע ער דאַרף איצט פירן. ער האָט דאַן צוגעגעבן: „מיינע פריינט מוזן איצט שטאַרק אויף מיר אויפפּאַסן און מיך שאַנעווען. איך בין ענלעך צו אַ קונצן־מאַכער, וואָס וויזט זיינע שטיק, גייענדיק אויף אַ דינעם דראָט. מען טאָר אים נישט צעטומלען!" נאָרדוי האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון זיין פריינט, זייענדיק אַ ביסל פאַרטראַכט און פאַרמאַטערט. די כסדרדיקע קאָנפערענצן און באַזוכן אין צוזאַמענהאַנג מיט הערצלס אויפענטהאַלט אין פּאַריז, האָבן אים געקאָסט אַ סך צייט און כוחות. אפשר אומבאַוווסט האָט ער איצט געענטפערט הערצלען: „הכלל, ליבער פריינט, וואָס זאָלן מיר טון, אפשר נאָכלויפן אייך מיט אַ דעק?". די דאָזיקע שאַרפע תשובה האָט הערצלען שווער געטראָפן. ער איז געוואָרן בלאַס און טרויעריק. נאָרדוי האָט זיך גלייך גע־כאַפּט, אַז זיין תשובה איז געווען צו אויפריכטיק און דראַסטיש אַרויסגעזאָגט. ער האָט געפּרוווט אָפּצושוואַכן דעם שלעכטן איינ־דרוק מיט הארציקע, גוטע ווערטער, אָבער דאָס איז אים נישט איינ־גאַנצן געלונגען. מיט אַ שווערן געמיט האָט הערצל פאַרלאָזט פּאַריז.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָבן זיך די צוויי גרויסע יידישע מנהיגים ווידער געטראָפן ביים פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. דאָסמאָל איז דער קאָנגרעס אויסנאַמסוויז פאַרגעקומען אין

ווינטער. (דעצעמבער 1901). דער קאָנגרעס איז געשטאַנען אונטער
דעם צייכן פון אַ וואַקסנדיקער אָפּאָזיציע מצד גרויסע טיילן פון
דער באַוועגונג. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זיך אָרגאַניזירט
די אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטישע פראַקציע", וועלכע איז באַ־
הערשט געווען פון אחד־העמיסטישע און רעאַל־פּאַלעסטינעזישע
שטרעבונגען און איז אָנגעפירט געווען פון לעאָן מאָצקין, חיים וייצ־
מאַן, וויקטאָר יאַקאָבזאָן, כהן־בערנשטיין, דוד טריטש און אַנדערע
עסקנים. די אָפּאָזיציע האָט אין נאָמען פון דער מכלומרשט באַ־
עוולטער יידישער קולטור־ און פּאַלעסטינער־אַרבעט געפּרווט מאָ־
ביליזירן דעם קאָנגרעס קעגן הערצלס לייטונג. דער 22־יאָריקער
פילאָזאָפיע־סטודענט מאַרטין בובער האָט געוואָלט איבערצייגן די
ציוניסטישע עפנטלעכקייט, אַז נישט דער פּאָליטישער ציוניזם און
הערצלס „יידנשטאַט" זיינען אַ לעבנס־פראַגע פאַרן יידנטום נאָר
זיינע (בובערס), גייסטיק־דערהויבענע און טעאָרעטיש־קאָמפּלי־
צירטע וועלט־אָנשויאונגען.

די יידישע שטודירנדיקע יוגנט, וואָס איז געווען באַאיינפלוסט
דורך דער אידעאָלאָגיע פון אחד העם, האָט מאַרטין בובערס אויס־
פירונגען אויפגענומען ווי אַ נייע תורה מסיני. עס איז געקומען
אויפן קאָנגרעס צו לײדנשאַפטלעכע אויפטריטן און שטורמישע
סצענעס. בעת די דאָזיקע קאַמפן מיט דער אָפּאָזיציע, איז נאָרדוים
אַלטע און טרייע פריינטשאַפט לגבי הערצלען פאַרטיפט און באַ־
פעסטיקט געוואָרן. נאָרדויס קאָנגרעס־רעפעראַט איז דאָס מאָל גע־
ווען אויף דער טעמע: „קערפּערלעכע, גייסטיקע און ווירטשאַפט־
לעכע הויבונג פון יידישן פאָלק". נאָרדויען איז דער רעפעראַט
גלענצנדיק געלונגען, דאָס איז געווען אַ מייסטערהאַפטע לייסטונג
סיי לויט דעם אינהאַלט און סיי לויט דער פאָרם. נאָרדוי האָט גע־
געבן אַ קריטישן, געניויען קווערשניט איבער דעם ווירטשאַפטלעכן
קיום פון וועלט־יידנטום און האָט באַוויזן, אַז דאָס יידישע פאָלק
איז צוליב זיין נישט־סטאַבילער עקאָנאָמישער באַזע („לופט־
מענטשן") דאָס אָרעמסטע אין דער וועלט. סיי די פיזישע און סיי
די גייסטיקע באַנייאונג פון יידישן מענטש איז אָפּהענגיק קודם
כל פון דער ווירטשאַפטלעכער פאַרבעסערונג. אם אין קמח, אין
תורה. און צוליב דעם מוז מען זיך היטן פאַר די קולטור־דרשנים,
וואָס ווילן מיט אַ פראַזן־רעטאָריק פאַרטומלען זיך און אַנדערע.

פאַרשטענדלעך, אַז נאָרדוים ווערטער זיינען נישט געפעלן גע־
וואָרן דער אָפּאָזיציע. אין זיין רעפּליק האָט מאַרטין בובער זיך באַ־
נוצט מיט פאָלגנדיקע אויסדרוקן: „דער אופן, ווי מאַקס נאָרדוי
האָט דאָ באַהאַנדלט די פראַגן פון יידישן גייסט, איז געווען אַ פאַר־

לעצונג פון אונזער טיפן געפיל און פון אונזער גייסטיקן צוזאמענ־האנג מיטן ציוניזם"! די דאָזיקע ווערטער האָבן ארויסגערופן א קעגנערשאפט פון דער קאָנגרעס־מערהייט, וועלכע איז פון אָנהויב ביז צום סוף, געשטאַנען געאייניקט אויף דער זייט פון הערצלען און נאָרדויען.

דער דאָזיקער קאָנפליקט מיט דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט גע־קעמפט אין נאָמען פון אבסטראקטע קולטור־ און גייסט־דאָגמען, איז בלויז געווען א פּראָלאָג צו דער לײדנשאפטלעכער פּאָלעמיק און קאמף־אנטיקוולונג אין דער צייט צווישן דעם פינפטן און זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

קאפּיטל כ"ט

אין די טראגישע טעג פון אוגאנדא־קאמף

זייט דעם פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט זיך די לאגע אין דער באוועגונג און ארום דער באוועגונג כסדר פארשארפט און צו־געשפּיצט, ביז זי האָט געפונען איר לײדנשאפטלעכן אויסברוך בעת דעם אוגאנדא־קאָנפליקט. טעאָדאָר הערצל איז געשטאנען צו יענער צייט אין כסדר'דיקע, וויכטיקע פארהאנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג, פון איין זייט, און מיט דעם ענגלישן קאָ־לאָניאַל־מיניסטער דזשאָזעף טשעמבערלען, פון דער אנדער זייט. ברייטע קרייזן פון דער פארשידנארטיקער אָפּאָזיציע אין דער ציו־ניסטישער באוועגונג און אָרגאניזאציע האָבן אָבער ארויסגעוויזן ווייניק פארשטענדעניש פאר דער קאָמפּליצירטער פּאָליטישער סי־טואציע און פאר דעם ממש טראגישן ראַנגלען זיך פון גרויסן ציוניסטישן מנהיג. נאָרדוי איז געווען כסדר און געגנוי אינפאָר־מירט וועגן די פארהאנדלונגען אין לאָנדאָן און קאָנסטאנטינאָפּאָל, און אין זיינע בריוו צו הערצלען האָט ער זיך באמיט, צוצוגעבן אים מוט און צו שטארקן זיין גייסט. מיט קאטעגאָרישע ווערטער אונטערשטרייכט נאָרדוי, אז די אָנגריפן פון די קעגנער רופן ביי אים ארויס געפילן פון מעכטיקן צאָרן לגבי די אינטריגאנטן און שטערער, און גלייכצייטיק טיפע סענטימענטן פון פריינטשאפט און טריישאפט פאר דעם שעפער פון „יידנשטאַט".

אין הארציקע ווערטער און מיט א שטארקן אויפריכטיקן האנט־דרוק, האט נארדוי באגריסט הערצלען, ווען ער איז זומער 1902, געקומען מיט א קורצן באזוך קיין פאריז, אויף זיין וועג קיין לאנדאן. הערצל איז איינגעלאדן געווארן אלס עקספערט צו דער זיצונג פון דער ענגלישער פארלאמענטארישער קאמיסיע אין די ענינים פון יידישער עמיגראציע. די דאזיקע איינלאדונג איז דורכגעזעצט געווארן קעגן דעם ווילן פון איינפלוסרייכן אין ענג־לאנד לארד ראטשילד, און האט געעפנט פאר הערצלען ברייטע מעגלעכקייטן צו א נאענטן באקענען זיך מיט פראמינענטע ענג־לישע פארלאמענטאריער און מיניסטארן. ס'איז אויך פארויסגעזען געווארן א צוזאמענטרעף און א שמועס מיט דעם קעגנערישן לארד ראטשילד. דאס האט געקאנט ברענגען צו א גרויסער ווענדונג אין דער פאליטישער און פינאנציעלער לאגע פון דער ציוניסטישער באוועגונג. הערצל האט געוואלט אויך דאס מאל הערן די מיינונג פון זיין נאענטן און אויפריכטיקן פריינט מאקס נארדוי, וועלכער איז געווען באהאוונט אין א סך ענינים פון דער פאליטיק און דיפ־לאמאטיע.

די לאנדאנער נסיעה איז פארוואנדלט געווארן אין א גרויסן פאליטישן דערפאלג פון הערצלען. דערצו האט אויך בייגעטראגן נארדויס הילף. הערצלס אויפטרעטן און דערקלערונגען אויף די זיצונגען פון דער ענגלישער פארלאמענטארישער קאמיסיע האבן אים צוגעגעבן גרויס חשיבות און אויטאריטעט. די פארהאנדלונגען מיט דעם קאלאניאל־מיניסטער טשעמבערלען וועגן דער יידישער קאלאניזאציע אויף דעם האלב־אינזל סיני (על־אריש) און אויף דעם אינזל קפריסין (ציפערן) האבן אנגענומען ערנסטע פארמען. באלד פארט הערצל ווידער קיין קאנסטאנטינאפאל און ווערט אויפ־גענומען דורכן סולטאן. הערצלס דיפלאמאטישע טאקטיק איז גע־גאנגען אין דער ריכטונג, ארויסצורופן אין קאנסטאנטינאפאל א געוויסן פחד פאר דער ענגלישער קאנקורענץ און מיט דעם לייכ־טער צו געווינען די הסכמה פון סולטאן אויף א יידישן טשארטער אין ארץ־ישראל.

בעת דער פאליטישער ציוניזם האט זיינע גרויסע האפנונגען פארבונדן מיט הערצלס פארהאנדלונגען אין לאנדאן און קאנסטאנ־טינאפאל, האט די ציוניסטישע אפאזיציע מאביליזירט צום קאמף אירע כוחות. אין סעפטעמבער 1902 איז פארגעקומען אין מינסק דער גראנדיעזער צוזאמענפאר פון די רוסישע ציוניסטן, אויף וועלכן די אפאזיציאנעלע גרופירונגען האבן דעצידירט. אויף דעם צוזאמענפאר האט אחד העם רעפערירט וועגן דער קולטור־ארבעט

און זיין גייסט האָט באהערשט דעם פאַרלויף און די באַשלוסן פון דער דאָזיקער מעכטיקער מאַניפעסטאַציע אין מינסק. די אַנטשיידנ־דיקע ראָל פון אחד העמען, וועלכער האָט דעמאָנסטראַטיוו זיך אָפּ־געזאָגט, זייט יאָרן, אויסצוקויפן אַ ציוניסטישן שקל, האָט געמוזט ביי הערצלען און זיין לאַגער ארויסרופן געפילן פון פּראָטעסט. די אינערלעכע קעגנזאַצן זיינען כסדר פאַרשאַרפט געוואָרן און דאָס איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון הערצלס „אַלט־ניילאַנד".

הערצלס ציוניסטישער ראָמאַן איז געווען אַ פּרוּוו צו שילדערן אויף אַ ליטעראַרישן אופן די צוקונפט פון ארץ־ישראל אין 20 יאָר אַרום. די טענדענץ איז אייגנטלעך געווען אַן אַגיטאַטאָרישע, וועגן דעם זאָגט עדות שוין דער מאָטטאָ: „ווען איר ווילט, דאַן איז עס נישט קיין לעגענדע!". פאַרשידנאַרטיק איז געווען דער איינדרוק, וועלכן „אַלט־ניילאַנד" האָט אַרויסגערופן, סיי פון ליטע־ראַרישן און סיי פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. אין הערצליאַנישן לאַגער האָט מען דעם ראָמאַן באַגריסט מיט באַגייסטערונג, הגם עס האָבן נישט געפעלט אויך קריטישע באַמערקונגען. ישראל זאַנגוויל למשל, האָט געהאַלטן, אַז „אַ ראָמאַן פון אַ פּאָליטישן פירער וועגן זיין באַוועגונג שוואַכט אָפּ סיי דעם כוח פון דער באַ־וועגונג און סיי די השפּעה פון פירער, וויל שליסלעך באַצויבערט אַמבעסטן דאָס אומבאַקאַנטע, דער ספינקס. הערצלס ראָמאַן וויל אָבער קלאָר מאַכן דעם גאַנצן עתיד פון דער ציוניסטישער פאַר־ווירקלעכונג".

אָבער די באַוווּסטע קריטיק פון אחד העמען וועגן „אַלט־ניי־לאַנד" האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון אויפרעגונג אין דעם לאַ־גער פון פּאָליטישע ציוניסטן. די קריטיק איז געווען אויסערגע־וויינלעך שאַרף און האָט מיט איר איראָנישן טאָן אונטערגעגראָבן הערצלס אויטאָריטעט. אַלס פּאַרטיידיקער פון פּאָליטישן ציוניזם און זיין אַטאַקירטן מנהיג איז אַרויסגעטראָטן מאַקס נאָרדוי. זיין תשובה אויף אחד העמס קריטיק פון „אַלט־ניילאַנד", האָט זיך געדרוקט אין דער „וועלט" און איז געווען אומברחמנותדיק. זי האָט מיט איר שאַרפקייט איבערגעשטיגן דעם טאָן און אינהאַלט פון אחד העמס אַרטיקל. נאָרדוי האָט אַטאַקירט פּערזענלעך אחד העמען און מבטל געמאַכט זיין ליטעראַרישע און ציוניסטישע באַ־דייטונג. ער האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט נישט קיין פאַר־שטענדעניש פאַר די ציוויליזאַטאָרישע און אַל־מענטשלעכע צילן פון ציוניזם. אחד העם, וועלכער איז פאַר דעם גרעסטן טייל פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ און יוגנט, געווען דער אויטאָרי־

טאטיווער פּאָן־טרעגער פון גייסטיק־נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן רעגעסאַנס פון יידישן פּאָלק, איז אין נאָרדויס ענטפער, קוואַליפי־צירט געוואָרן אַלס דער ערגסטער שונא פון ציוניזם. אחד העם, האָט געשריבן נאָרדוי, האָט נישט קיין רעכט צו רופן זיך מיט דעם נאָמען ציוניסט, ער איז אייגנטלעך בלויז אַ וועלטלעכער פּראָ־טעסט־ראַבינער, ער טרייבט אַ פאַלשן שפּיל, ווען ער באַהויפּטעט, אַז זיין קעגנערשאַפט איז נוגע בלויז דעם פּאָליטישן ציוניזם. ווייל ס׳איז נישטאָ קיין ציוניזם אָן דער פּאָליטיק, ווי ס׳איז נישטאָ קיין ציוניזם מחוץ דעם פּאָליטישן.

נאָרדויס שאַרפע רעפּליק האָט אַרויסגערופן נייע פּראָטעסטן אין דער יידישער און העברעאישער פּרעסע. די וואָרט־זאָגער פון קולטור־ציוניזם מאַרטין בובער, בערטאָלד פייוועל, חיים ווייצמאַן און אַנדערע, פאַרעפנטלעכן אין „הזמן״ אַ דערקלערונג קעגן נאָר־דויס אַרטיקל. אונטער דער דערקלערונג זיינען געזאַמלט געוואָרן אונטערשריפטן פון באַוווּסטע ציוניסטישע טוער און שריפטשטע־לער, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען פאַר אחד העמס כבוד. די יידישע און ציוניסטישע עפנטלעכקייט איז אַ לענגערע צייט געווען אויפ־געדרודערט צוליב דעם דאָזיקן וואָרט־דועל צווישן אחד העם און נאָרדויען און די שטימונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ליידנשאַפטלעך צערייצט געוואָרן.

הערצלען האָבן דערוויל באַאומרואיקט און באַשעפטיקט נייע זאָרגן און צרות. די עקספּעדיציע קיין על־אריש איז צוריקגעקומען מיט שלעכטע באַריכטן און די פאַרהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד האָבן פאַרלוירן זייער אינהאַלט. אין זיינע „טאָג־ביכער״ שרייבט הערצל אין מערץ 1903 : „אַ גרויסע שולד אין דעם דורכפאַל האָט מיין מידקייט. איך בין נישט געווען אין פולן באַזיץ פון מיינע כוחות!״ אין אַ שנעלן, ממש בליצאַרטיקן טעמפּאָ אַנטוויקלען זיך איצט די געשעענישן. בעת דער אויפנאַמע ביים קאָלאָניאַל־מיניס־טער טשעמבערלען, ווערט הערצלען אָפיציעל פאָרגעשלאָגן פאַר דער מלוכה׳ש־יידישער קאָלאָניזאַציע, דאָס גרויסע בריטישע קאָלאָ־ניאַלע לאַנד אין מזרח־אַפריקע אוגאַנדאַ. הערצל איז איבעראַשט, אָבער ער אונטערשטרייכט גלייך, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל. דערוויל קומען אָן פון רוסלאַנד שלעכטע ידיעות. אין די פּסח־טעג פון יאָר 1903 איז אין קישע־ניעוו אויסגעבראָכן אַ בלוטיקער אַנטי־יידישער פּאָגראָם. די גאַנצע יידישע וועלט איז טיף דערשיטערט און פּראָטעסטירט מאַסנהאַפט קעגן דער צאַריסטישער באַרבאַריי. הערצל פאָרט שנעל קיין רוס־לאַנד, ער ווערט אויפגענומען דורך מיניסטאָרן און באַזוכט דעם

גרויסן יידישן ישוב אין ווילנע. דער ציוניסטישער מנהיג איז טיף באאומרואיקט און דערשיטערט און פאר די ווילנער ציוניסטן אי־בערחזרט ער כסדר די פראגע: „ווי קאנט איר אזוי לעבן?"

צוריקפארנדיק פון רוסלאנד קיין ווין און פון דארט צום זעקסטן ציוניסטישן קאנגרעס, איז ביי הערצלען רייף געווארן דער באשלוס צו אקצעפטירן אוגאנדא, אלס א פראוויזאריש קאלאני־זאציע־לאנד פאר דעם מזרח־יידנטום, וואס איז געפערלעך באַ־דראט אין זיין פרימיטיווסטן קיום. הערצל האט זיך אפגעגעבן א דין וחשבון דערפון ווי אזוי זיין אוגאנדא־פארשלאג וועט אויפגע־נומען ווערן אין דער ציוניסטישער באוועגונג, ביי דער וואקסנ־דיקער אפאזיציאנעלער שטימונג. ער האט אבער גערעכנט אויף דער טרייער איבערגעגעבנקייט פון די פאליטישע ציוניסטן, בפרט פון מאקס נארדוי.

נארדוי איז געווען קעגן דעם אוגאנדא־פראיעקט, סיי צוליב אידעאלאגישע און סיי צוליב טאקטישע טעמים. מיט א שווער הארץ איז ער געפארן קיין באזעל, ענדע אויגוסט 1903, צום 6־סטן ציוניסטישן קאנגרעס. ווער צעמען זאל ער דא מקריב זיין? די איבער־צייגונג אדער דעם מנהיג, זיין נאענטן פריינט, וועלכן ער האט שטארק געאכטעט און ליב באקומען. ערב דעם קאנגרעס, האט נאר־דויען באזוכט א גרופע פון פירנדיקע יונג־טערקן, וועלכע האבן אין פאריזער גלות צוגעגרייט אן איבערקערעניש קעגן זייער דעם־פאטישן סולטאן אבדול האמיד. מיט גרויס אינטערעס און סימ־פאטיע האט זיך נארדוי באצויגן צו די דאזיקע טערקישע רעוואלו־ציאנערן, וואס חלומען און קאנספירירן אויף די ברעגעס פון סעק־וואנע וועגן דער באנייאונג פון זייער אטאמאנישער אומה און מלוכה. זיין פאליטישער אינסטינקט האט אים געזאגט, אז דאס זיינען נישט סתם בעלי־חלומות נאר די צוקונפטיקע הערשער פון דער טערקישער אימפעריע. די יונג־טערקישע עמיגראנטן־קאנספי־ראטארן האבן, בעת זייער באזוך ביי נארדויען, גערעדט מיט פייער און פלאם וועגן קאמף פאר די פרינציפן פון יושר און דעמאקרא־טיע. זיי האבן פאר נארדויען אויסגעמאלט א באצויבערנדיק בילד וועגן דער נייער טערקיי, וואס וועט זיין באפרייט פון דעספאטישן רעזשים און וועט אלע אירע בירגער, אן אונטערשיד פון רעליגיע און נאציע, באגליקן מיט א מאדערנער, פראגרעסיווער פאלקס־הערשאפט. אויך די ציוניסטישע אספיראציעס וועלן מקוים ווערן. נארדוי האט געטראכט וועגן הערצלס שווערע פארהאנדלונגען מיט דעם געלט־גייציקן און אריענטאליש־ווילדן אבדול האמיד. זיין ווארימע סימפאטיע אלס מענטש און ציוניסט, האט באגלייט די

דאָזיקע יונג־טערקישע טרוימער און קעמפער, וואָס ווען דער מענטשהייט און אויך דעם יידנטום עפענען נייע אספּעקטן אין דעם אָפּגעשטאַנענעם, באַרבאַרישן מזרח. צו וואָס זיינען נויטיק די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיטן סולטאַן וועגן אַ יידישן טשאַרטער אין ארץ־ישראל? צו וואָס דאַרף מען האָבן דעם גאַנצן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, ווען נאָענט איז די שעה פון דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע!?

אָבער אויפן קאָנגרעס גופא, האָט נאָרדוי געענדערט זיין מיינונג. ער האָט דערזען דעם מנהיג אין זיין טראַגישן ראַנגלען זיך און האָט פאַרשטאַנען, ווידער אפשר מער אינסטינקטיוו ווי לאָגיש, הערצלס טיפן אומרו־געפיל, וועלכער האָט אים כסדר געיאָגט צו אַ שנעלער דערלייזערישער טאַט. נאָרדוי האָט באַשלאָסן, נישט געקוקט אויף זיין אידעאָלאָגיש־פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צו אוגאַנדאַ, אַלץ צו טון, בכדי צו העלפן הערצלען אין זיין שווערער, טראַגישער סיטואַציע. נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער, וועלכע דער עסטרייכיש־יידישער פּאָליטיקער, זשורנאַליסט און ראַבינער בלאָך, האָט מיט יאָרן צוריק, דערקלערט הערצלען: „הער דאָקטאָר, אַ משיחישע באַוועגונג, וועלכע שטיצט זיך אויף יידישע צרות, קאָן נישט האָבן גאָטס ברכה!". יאָ, זיי די דאָזיקע פאַרשיידענע בלאָכס קאָנען וואַרטן. אָבער גיי זאָג דעם פאַרפּייניקטן, נאָך קישיניעוו אָנגעשראָקענעם רוסישן יידנטום, אַז עס זאָל ווייטער וואַרטן?!

אין דער דאָזיקער שטימונג איז פאָרגעקומען נאָרדויס פּאָליטישער קאָנגרעס־רעפעראַט. זיין הויפּט־מאָטיוו איז געווען דער געדאַנק, אַז האָפנטלעך וועט באַלד קומען די צייט פון ציוניסטישער רעאַליזאַציע אין ארץ־ישראל, דערווייל אָבער קאָן די יידישע נויט נישט וואַרטן און פאַר איר מוז מען געפינען אַ שנעלע לייזונג אין אַ פּראָוויזאָרישן מקום מנוחה, אין אַ נאַכט־אַזיל אַלס אַ סטאַציע קיין ארץ־ישראל. נאָרדויס גייסטרייכער סלאָגאַן וועגן אוגאַנדאַ אַלס אַ פּראָוויזאָרישער נאַכט־אַזיל איז געוואָרן דער שלאַכט־רוף פון הערצליאַנישן, פּאָליטישן לאַגער אויפן קאָנגרעס. ווי אַלע ביזאיצטיקע ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָט אויך דער זעקסטער געהאַט אַ לאַנגע און רייכע טאָג־אָרדנונג. אָבער דאָס מאָל איז אַלץ אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוליב דעם הויפּט־פּראָבלעם: פאַר־אָדער־קעגן אוגאַנדאַ. הערצל האָט אַלץ געטאָן, בכדי צו באַרואיקן די אויפגערעגטע געמיטער. ער האָט געשוווירן טריישאַפט דער אידיי פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל און האָט פייערלעך און קאַטעגאָריש אונטערגעשטראָכן, אַז „אוגאַנדאַ איז נישט ציון און

קען עס קיינמאָל נישט ווערן!" אָבער די לײדנשאַפטלעכע אוגאַנדאַ־דעבאַטע האָט פאַרויסגעזאָגט אַ שטורם. ווידער האָט געמוזט אויפטרעטן נאָרדוי און מיט זיין געוואַלטיקער רעפליק ראַטעווען די סיטואַציע. דער אָפּאָזיציע איז אויסגעקומען צו הערן זייער שווערע פאָרוואורפן: בעת הערצלס לייטונג באַמיט זיך מיט אַלע כוחות אויפצובויען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און צו ראַטעווען דעם באַדראָטן יידישן קיום, וואָס טוט די ציוניסטישע אָפּאָזיציע? נאָרדוי רופט מיט אַ דערהויבענעם קול צו די אָפּאָזיציאָנעלע אָנפירער: „אין וואָס באַשטייט אייער גאַנצע ציוניסטישע אַגיטאַציע? איר קומט אַהער און מאַכט אַ טומל, מער גאָרנישט!" אַנדערע ווידער, פיינע קולטור־קעמפער און שיינע־גייסטער, ווילן אונז לערנען, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן די יידן, נאָר וועגן יידנטום. סאַרקאַסטיש ענטפערט זיי נאָרדוי: „יאָ, דאָס איז אַ יידנטום אָן יידן! מיר קענען גוט די דאָזיקע פראַזעאָלאָגיע! גייט מיט די דאָזיקע פראַזן אין אַ פאַרזאַמלונג פון ספּיריטיסטן! צווישן מענטשן לעבעדיקע, וועלכע קעמפן פאַר זייער לעבן, וועט איר מיט דעם קיין סך נישט פועלן!"

נאָרדויס רעפליק האָט אַרויסגערופן לײדנשאַפטלעכע שטורם־סצענעס. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַ פּראָלאָג צו דעם הוראַגאַן, וועלכער האָט באַהערשט דעם קאָנגרעס בעת און נאָך דער אָפּשטימונג וועגן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. די געשרייען און די ספּאַזמאַטישע געוויינען אין זאַל און אויף די קאָרידאָרן האָבן אַלע דערשיטערט. מען האָט געפילט, אַז די „הבוכים" לעבן איבער אַ טיפן טרויער און אַ מוראַדיקע טראַגעדיע. הערצל האָט בעת דער אָפּשטימונג געזיגט, אָבער זיין פּנים איז געווען טויט־בלאַס. דאָס געוויין נאָך דער אָפּשטימונג האָט אויף אים געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. קעגן אַ ווידערשטאַנד האָט ער געקאָנט קעמפן מיט אַן אייזערנער ענערגיע, אָבער לגבי אַזאַ עלעמענטאַרן יאוש־אויסברוך איז ער געווען שוואַך. הערצל איז געגאַנגען צו דער פאַרזאַמלונג פון די ניין־זאָגער און האָט צו זיינע קעגנער גערעדט מיט גוטע, פאָטערלעכע ווערטער. אין זיין שלום־רעדע, זיין לעצטער קאָנגרעס־רעדע, האָט הערצל ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן זיין טיפע טרייַשאַפט צו ציון און האָט פאַרענדיקט מיט דער פייערלעכער שבועה: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני!"

נאָרדוי האָט פּרעזידירט בעת די שטורמישע געשעענישן. ער איז געווען שטאַרק פאַרמאַטערט און טיף דערשיטערט. ער האָט געפילט דעם האַס פון די אוגאַנדאַ־קעגנער און זיין האַרץ האָט גע־

בלוטיקט, ווייל גרויס איז געווען זיין ליבע צו ציון און צו די דאָזיקע פאַרביסענע ציון־קעמפּער. „ס׳איז דער טראַגישער מאָמענט פון מיין לעבן", האָט ער דערקלערט זיין פרוי, וועלכע איז צוזאַמען מיט אים געווען אויפן קאָנגרעס. הערצלען איז געלונגען צו באַרואיקן דעם שטורם, אָבער פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דער טראַגישער אוגאַנדאַ־קאָנפליקט איז מיט דעם נאָך נישט דערליידיקט. אַן אומהיימלעכער, טרויעריקער געפיל האָט באַהערשט די קאָנגרעס־אָנטיילנעמער. מיט אַ שווערן געמיט איז נאָרדוי צוריקגעפאָרן קיין פּאַריז.

קאַפּיטל ל׳

די רעוואָלווער־שאָסן אויף

דעם פּאַריזער חנוכה־באַל

לאַנגע וואָכן און חדשים נאָך דעם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז אין נאָרדויס זכרון געבליבן די סצענע, ווען צום שלום פון קאָנגרעס האָט זיך הערצל אוועקגעזעצט אין אַ זייטיקן צימער מיט זיינע נאָענטסטע פריינט: נאָרדוי, זאַנגוויל און קאָווען (אַ באַוווּסטער זשורנאַליסט און ציוניסטישער טוער אין ענגלאַנד) און האָט פאַר זיי זיך אָראָפּגערעדט פון הארצן. דער מנהיג האָט דערקלערט, אַז ביז צום זיבעטן קאָנגרעס מוז ער דערגרייכן זיין ציל און אויב נישט, איז זיין פעסטער באַשלוס צוריקצוטרעטן פון דער ליטונג. די אויגן פון די אָנוועזנדיקע האָבן זיך געווענדעט צו נאָרדויען. מען האָט געוווּסט, אַז אין פאַל, ווען הערצל זאָל צוריקטרעטן, איז זיין איינציקער נאָכפאָלגער — מאַקס נאָרדוי. וואָס מער די טעג און די וואָכן נאָך דעם קאָנגרעס, זיינען געלאָפן, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן נאָרדויען, אַז עס דערנענטערט זיך די אַנטשיידונגס־שעה נישט נאָר פאַר דער באַוועגונג, נאָר אויך פאַר אים, נאָרדויען, גופא.

ווי מען האָט פאַרויסגעזען, איז דער שלום ביים שלום פון

קאָנגרעס געווען בלויז אַ מאָמענטאַנער. באַלד האָט זיך אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אָנגעהויבן אַ פאַרשאַרפטער קאַמף אַרום די אוגאַנדאַ־באַשלוסן. בראש פון דער אָפּאָזיציע האָט זיך געשטעלט מ. מ. אוסישקין, וועלכער איז בעת דעם זעקסטן קאָנגרעס געווען פאַרנומען אין ארץ־ישראל, און איצט, צוריקגעקומען פון דאָרט, האָט ער זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע און קראַפט גענומען צו אָרגאַניזירן די באַוועגונג קעגן די אוגאַנדאַ־באַשלוסן און קעגן דער הערצל־ליטונג. אוסישקינס אָפענער בריוו צו די דעלעגאַטן פון זעקסטן קאָנגרעס איז געשריבן געוואָרן אין אַ שאַרפן, אַגרעסיוון טאָן און האָט דערקלערט, אַז ער אָנערקענט נישט די באַשלוסן פון ציוניסטישן קאָנגרעס בנוגע דעם מזרח־אַפריקאַנישן פּראָיעקט. באַלד איז אין כאַרקאָוו פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די פירנדיקע רוסישע ציוניסטן, אויף וועלכער עס זיינען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן פון אולטימאַטיוון כאַראַקטער. די ציוניסטישע ליטונג האָט די דאָזיקע באַשלוסן און פאָדערונגען געשטעמפּלט אַלס אַן אָפענעם דיסציפּלין־ברוך און אַלס אַן אויפפאָדערונג צו אַ רעבעליע קעגן דער דעמאָקראַטיש־געווייַלטער פירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויף דער זייט פון דער הערצל־ליטונג האָבן זיך אויך אין רוסלאַנד געשטעלט וויכטיקע ציוניסטישע פערזענלעכקייטן און גרופּירונגען. דער אינערלעכער קאַמף האָט אָנגענומען ריקזיכטלאָזע פאָרמען און האָט געדראָאַט מיט אַ שפּאַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג.

ביי דער דאָזיקער לייִדנשאַפטלעך־אָנגעשטרענגטער לאַגע און שטימונג, האָט געווירקט ווי אַ דונער־בליץ די ידיעה, אַז מען האָט אין פּאַריז געשאָסן אויף מאַקס נאָרדויען. דעם 19־טן דעצעמבער 1903 האָט דער פּאַריזער פאַריין „מבשרת ציון" איינגעאָרדנט אַ חנוכה־אָוונט פאַרבונדן מיט אַ באַל. ערן־פּרעזידענט פון דעם אָוונט האָט געדאַרפט זיין נאָרדוי. עס האָט זיך אין זאַל פון בולוואַר הויזמאַן, וווּ דער חנוכה־באַל איז פאָרגעקומען, צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער יידישער עולם מיט די ציוניסטישע פירער פון פראַנקרייך בראש. 11 אַזייגער אין אָוונט איז אָנגעקומען נאָרדוי צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער. באַלד איז צו אים צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן און געבעטן ווידמען אַ פּאָר מינוטן פאַר אַ געשפּרעך. נאָרדוי, וועלכער איז פאַרטון געווען אין אַ וויכטיקן שמועס מיט זיין פריינט ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק, האָט געהייסן דעם יונגנמאַן אַ ביסל צווואַרטן. דערויף האָט דער אומבאַקאַנטער אַרויסגע־

צוינגן אַ רעוואָלווער און שרייענדיק: „אַ טויט נאָרדויען, דעם אַפּ־ריקאַנער! נידער מיטן אַפריקאַנער יידנשטאַט", האָט ער צוויי מאָל אויסגעשאָסן אויף נאָרדויען. ד"ר מאַרמאָרעק איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אויף דעם אָנפאַלער און האָט אים אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער פון דער האַנט. נאָרדוי איז גע־בליבן נישט פאַרלעצט, דאַקעגן האָט איין קויל פאַרוווּנדעט אַ יונגן פראַנצויזיש־יידישן אַרטיסט אין פוס. אין זאַל איז געוואָרן אַ פּאַ־ניק. נאָרדוי איז געבליבן באַהערשט און קאַלטבלוטיק און מיט זיין רואיקייט האָט ער באַווירקט די אויפגערעגטע געמיטער און געהאָלפן צוריקשטעלן די אָרדנונג. נאָרדוי האָט פעסט געהאַלטן דעם אַטענ־טאַטאָר, געלאָזט אים אַרעסטירן און האָט אויך געגעבן דעם פאַר־וווּנדעטן די מעדיצינישע הילף.

געשאָסן האָט אויף נאָרדויען אַ געוויסער חיים זעליג לובאַן, אַ 24־יעריקער יידישער סטודענט פון רוסלאַנד. ער האָט פריער שטודירט כעמיע אויף דעם אוניווערסיטעט אין בערן און איז איצט ערשט אַ קורצע צייט געווען אין פראַנקרייך. לויט זיינע איבערצייַ־גונגען איז ער געווען אַ ציוניסט און האָט אָפט באַזוכט די פאַר־זאַמלונגען פון דער אַנטי־אוגאַנדישער ריכטונג. אָבער בעת זיין פאַרהער אויף דער פּאָליציי האָט ער געהאַלטן משונהדיקע רעדעס, האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי איינער, וועמען דער גורל איז איבערגע־געבן געוואָרן אויסצופירן אַ טויט־אורטייל קעגן נאָרדויען. ס'איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ מאַניאַק, אַ גייס־טיק־געשטערטן פאַנאַטיקער.

די גאַנצע פּאַריזער פרעסע האָט געבראַכט אויספירלעכע באַ־ריכטן וועגן דעם אַטענטאַט אויף דעם באַרימטן אייראָפּעאישן שריפטשטעלער און ציוניסטישן פירער. אומצאָליקע פריינט זיינען געקומען אין נאָרדויס הויז, בכדי אויסצודריקן זייערע האַרציקע געפילן. וואָגנלאַנג זיינען פון דער גאַנצער וועלט אָנגעקומען בריוו און טעלעגראַמען, וועלכע האָבן נאָרדויען, אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַטענטאַט געווונטשן אַ לאַנג לעבן און אַ סך גליק. הערצל האָט גלייך טעלעגראַפירט און דאַן געשריבן אַן אויספירלעכן בריוו צו נאָרדויען, אין וועלכן ער האָט אויסער זיינע פערזענלעכע סענטי־מענטן, געבראַכט צום אויסדרוק די פּאָליטישע מאָמענטן פון לו־באַנס אַטענטאַט. ס'איז פון הערצלען אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער פאַרסמטער אַטמאָספער, וועלכע קאָן ברענגען צו דעם ערגסטן.

די אויפרעגונג אין דער גאַנצער יידישער און ציוניסטישער

עפנטלעכקייט צוליב דעם אַטענטאַט אויף נאָרדויען איז געווען אַ גוואַלדיקע. דער ציוניסטישער צענטראַל־אָרגאַן „די וועלט" האָט געשריבן אין איר לייט־אַרטיקל: „מאַקס נאָרדוי האָט באַקומען אַ האַנט־געלט אויף דער דאַנק־קאָנטאָ פון יידישן פאָלק, פאַר זיין טרייער אַרבעט, אין געשטאַלט פון די צוויי רעוואָלווער־קוילן, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאַר אים... ווי אומגליקלעך איז אונזער פאָלק, וואָס דערלאָזט צו אַזעלכע מעשים!"

נאָרדוי האָט זיך, פאַרשטענדלעך, נישט געלאָזט אָפּשרעקן דורך די רעוואָלווער־שאָסן אויף דעם פּאַריזער חנוכה־באַל. ער איז וויי־טער מוטיק און אַנטשלאָסן געגאַנגען אויף דעם ציוניסטישן וועג, וועלכן ער האָט, לויט זיין בעסטן ווילן און געוויסן, געהאַלטן פאַר דעם ערלעכן און נויטיקן. באַלד נאָך דעם אַטענטאַט איז נאָרדוי אויפגעטראָטן אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג מיט אַ גרויסער רעדע, אין וועלכער ער האָט ווידער קאַטעגאָריש אונטערגעשטראָכן די איינציקייט צווישן דער באַוועגונג און דער ציון־אידעאָלאָגיע, אָבער גלייכצייטיק האָט ער אויך אָנגעוויזן אויף דער וואַקסנדיקער יידישער נויט, וועלכע פאַרלאַנגט אַ שנעלע, ראַדיקאַלע לייזונג אויף אַ מלוכה'ש־טעריטאָריאַלן אופן.

די פּאַריזער רעוואָלווער־שאָסן האָבן דראַסטיש און בולט באַ־לויכטן די געפערלעכע סיטואַציע, אין וועלכער די ציוניסטישע באַ־וועגונג און אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געפונען נאָך דעם זעקסטן קאָנ־גרעס, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „כאַרקאָווער רעבעליע". ס'איז געווען דער לעצטער וואָרנצייכן, אַז די באַוועגונג שטייט פאַר דעם אָפּגרונט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשאַפענער לאַגע, האָבן נאָרדויען באַזוכט פאַרשידענע ציוניסטישע עסקנים, אויך פון דער אָפּאָזיציע, צווישן זיי חיים ווייצמאַן.

אין פרילינג (אַפּריל 1904) האָט הערצל צונויפגערופן קיין ווין דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט. הערצל איז שוין געווען שרעקלעך פאַר־מאַטערט און טויט־קראַנק. ווי שאַקאַלן האָבן די פאַרשידנסטע שונאי־ציון געוואַרט אויף דער שפּאַלטונג און ברודערלעכן קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צו דער ווינער זיצונג זיינען געקומען אַלע פירער פון דער רוסישער אָפּאָזיציע. אַ דאַנק הערצלס באַמיאונגען, זיין טאַקט און פעסטן ווילן, איז געלונגען צו ראַטע־ווען די איינציקייט פון דער אָרגאַניזאַציע און צו שליסן אַ שלום, און זאָל עס זיין אפילו אַ פּראָוויזאָרישן, מיט די „ניין־זאָגערס".

קאפיטל ל"א

נאָך הערצלס טויט, מאַקס נאָרדוים

ציוניסטישע גורל־צייט

הערצלס טויט אין זומער 1904, האָט טיף דערשיטערט און צע־טומלט די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע איז צוליב דעם אוגאַנדאַ־קאָנפליקט געווען אינערלעך אויפגערודערט און געטיילט אין קעגנערישע, לײַדנשאַפטלעך מיט זיך קעמפנדיקע שטרעמונגען. די אייניקייט און די צוקונפט פון דער באַוועגונג און איר אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען פאַר אַ שווערן קריזיס. ביים קבר פון אומפאַרגעסלעכן מנהיג, האָט זיך געטראָגן דער אומהיימלעכער שאָטן פון אַ שפּאַלטונג, וועלכע איז עלול געווען צו צעברעכן דאָס גרויסע ווערק פון „יידנשטאַט"־שעפער. אַלע האָפנונגען פון דער פאַריתומטער באַוועגונג האָבן זיך געצויגן קיין פּאַריז, ווו עס האָט געלעבט און געווירקט הערצלס נאָענטסטער און שטאַרקסטער פריינט, מאַקס נאָרדוי.

נאָרדוי האָט נאָך אַ פּאָר טעג פאַר הערצלס טויט באַקומען פון אים אַ קורצן בריוו. ווי פאַר דער גאַנצער באַוועגונג, איז אויך פאַר נאָרדויען דער טויט פון דעם ציוניסטישן מנהיג, געווען אַ פּלוצלונגער. אַלס אינטימער פריינט און אַרצט, האָט זיך נאָרדוי געגנוי אָריענטירט אין דעם שווערן געזונט־צושטאַנד פון הערצלען. און דאָך איז דער שנעלער טראַגישער פינאַל מיט־איין־מאָל, ווי אַ דונער פון העלן הימל, אַראָפּגעפאַלן און ווי אַמטיפסטן דערשיטערט נאָרדויס נשמה. דער סקעפּטישער פילאָזאָף און אַנאַליטישער דענקער, וועלכער האָט אַזוי אָפט, אַלס דאָקטאָר און שריפטשטעלער, אַנטפּלעקט און געזעען דעם טויט (ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק, אין זיין נאָענטסטער משפחה), איז איצט אַ לאַנגע צייט געבליבן פאַרטרויערט און צעבראָכן. הערצלס טויט איז פאַר אים געווען נישט בלויז דער ערדישער סוף פון אַ יחיד, פון אַ גרויסער און טייערער פּערזענלעכקייט. ס'איז ביי אים אויסגעוואַקסן צו אַ מין סימבאָל. נאָרדוי האָט אין הערצלס גורל און טראַגישן פינאַל דערזען דעם ליידן־וועג און די באַשטימונג פון אַ יידישן פאָלקס־מנהיג. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין יוגנט־פריינט, ד"ר לעווענטאַל, וועלכער האָט איבערגעלאָזט דאָ

אין פּאַריז זיין גלענצנדיקע, רייכע קאַריערע און איז געגאַנגען קיין אַרגענטינע, בכדי דאָרט איינצואָרדנען פאַר די גערייגטע יידישע מאַסן אַ נייע קאָלאָניזאַציע, בויען אַן אייגענע היים, ביז זיין האַרץ האָט דאָרט געפּלאַצט צוליב דאגות און צרות. נאָרדוי האָט פאַר זיינע טיף־פאַרטרויערטע אויגן דערזען קלאָר און מוראדיק, אין זייער פאַרצווייפלטן געראַנגל, די אַכט יאָר, וועלכע הערצל האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון זיין ציוניסטישער פירערשאַפט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער, וועלכע ער האָט אַמאָל אין פּאַריז געזאָגט הערצלען, בעת איינעם פון זיינע האַרץ־אַטאַקן: „געדענקט טייערער פריינט, אַז אַ פירער פון יידישן פאָלק דאַרף האָבן נישט נאָר בלויז געזונטע לונגען, — ער מוז קודם־כל האָבן אַ שטאַרק, געזונט האַרץ!"

אין אַן אומעטיקן אָוונט האָט נאָרדוי באַזוכט אויף די בולוואַרן דאָס קאַפע־הויז פּוסע, ווו ער פלעגט זיך מיט יאָרן צוריק אַזוי אָפט צונויפטרעפן מיט הערצלען און מיט אַנדערע פּראָמינענטע פאַר־שטייער פון דער אויסלענדישער פּרעסע. אין דעם קליינעם ווינקל־צימער ווו ס'איז אַמאָל געווען אַזוי טומלדיק און געדיכט, האָט איצט געהערשט אַ מעלאַנכאָלישע פּוסטקייט און אין חלל פון ליידיקע טיש־לעך און בענקלעך זיינען צו נאָרדוים אויערן דערגאַנגען, ווי אַ וויי־טער אָפּקלאַנג, די סאַרקאַסטישע, ציינישע דיבורים פון זיגמונט פעלד־מאַן, דעם געשמדטן ווינער זשורנאַליסט, ווי ער איז דאָ געשטאַנען, מיט אַכט יאָר צוריק בעת דעם דערשיינען פון „יידנשטאַט", און האָט מיט זיין שאַרפער און שרייענדיקער שטימע גערופן צו הערצ־לען:

„צו וואָס דאַרפט איר דאָס האָבן, ד"ר הערצל? גלויבט מיר, איר קענט נישט די יידן! איר ווילט פאַר זיי בויען אַ יידישע מלוכה? איר ווילט זיי מאַכן מיט פעלקער צוגלייך? זיי וועלן אייך באַוואַרפן מיט בלאָטע און שטיינער, מיט שפּאָט און צאָרן! זיי וועלן אייך פאַרקירצן די יאָרן! צו וואָס דאַרפט איר דאָס האָבן? ביי די גויים האָט איר זיך דערוואָרבן אַ נאָמען, איר האָט געלט און כבוד! די יידן וועלן אייך פאַרביטערן דאָס לעבן!"

נאָרדויען האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט אַ טייוולאָניש־לאַכנ־דיקע שטים פון פעלדמאַנען:

— „נו, ד"ר הערצל, בין איך נישט געווען גערעכט?"

ער האָט שנעל פאַרלאָזט „פּוסעס" לאָקאַל. אין דרויסן האָט גע־רעגנט מיט דראָבנע, נודנע טראָפּנס. עס איז געווען אַ הייסע יולי־נאַכט, אָבער נאָרדויען האָט אַרומגענומען עפּעס אַ מאָדנער, קאַלטער שוידער. פון דער דאָזיקער פיינלעכער זוויזע מיט פעלדמאַנס בייסי־קער, סאַרקאַסטיש־לאַכנדיקער שטים, האָט זיך נאָרדוי נישט געקענט

באפרייען אויך אין נאָענטסטן טאָג, אפילו אין אָוונט, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג פון די פאַריזער ציוניסטן און האָט גערעדט וועגן הערצלען און זיין היסטאָרישער שליחות. נאָרדוים שטימע האָט געדונערט, אַז: „הערצלס גרויסע שליחות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דעם מערב־יידנטום געגעבן אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט און דעם מזרח־יידנטום האָט ער געוויזן די קלאָרקייט פון זיין וועג!". אָבער אין דער נשמה פון נאָרדוי האָט בעת מעשה געוויטיקט אַ שווערער צער. נאָרדוי האָט געוווּסט און געפילט, אַז איצט נאָך הערצלס טויט, האָט געשלאָגן זיין שעה, עס איז געקומען זיין, נאָרדויס ציוניסטישע גורל־צייט. אַ שווערע לאַסט פון רעפלעקסן און צווייפל, פון געראַנגל און אינערלעכן קאַמף, האָט באַהערשט די נשמה און דעם קאָפּ פון דעם גרויסן אייראָפּעאישן דענקער און שרייבער, פון ציוניסטישן טריבון און פירער.

באַלד נאָך הערצלס טויט, האָבן אָנגעהויבן באַזוכן נאָרדויען פאַרשידענע פּראָמינענטע ציוניסטישע עסקנים, בכדי זיך מיט אים צו באַראַטן וועגן דער געשאַפענער סיטואַציע אין דער באַוועגונג. צווישן די באַזוכער זיינען געווען מענטשן פון אַלע ריכטונגען. נאָך ד"ר חיים ווייצמאַן איז געקומען דער באַוווּסטער העברעאישער שרייבער און טוער ראובן בריינין. און דאַן זיינען קיין פּאַריז געקומען און האָבן אָפּגעהאַלטן מיט נאָרדויען לאַנגע קאָנפערענצן די פירנדיקע פּאָליטישע ציוניסטן, הערצלס נאָענטע פריינט און מיטאַרבעטער דוד וואָלפזאָן, יוחנן קרעמענעצקי (פון ווין) און יאַקאָבוס קאַהן (פון האאג). אַלע האָבן צוגערעדט נאָרדויען, אַז ער זאָל איצט, נאָך דעם מנהיגס טויט, איבערנעמען די לייטונג. מ'האָט אַפּעלירט צו זיין ציוניסטישן געוויסן און יידישן האַרץ. מ'האָט ווידער איבערגעחזרט די פּאָפּולערע, באַקאַנטע פראַזע וועגן דעם, אַז הערצל איז געווען דער משה רבנו פון ציוניזם און ער, נאָרדוי, איז זיין ברודער אהרון. נאָרדוי האָט געשמייכלט און געענטפערט,אַז „דער לעבעדיקער הערצל איז, גאָט צו דאַנקען, נישט געווען קיין כבד־פּה און האָט זיך אָן עצה געגעבן אָן אים, דעם „ציוניסטישן אהרון". און איצט, ווען הערצל איז טויט, וואָס קאָן ער, דער אהרון שוין אויפטון אָן דעם ציוניסטישן משה!". די פירער פון די פּאָליטישע ציוניסטן האָבן צו נאָרדויען אַפּעלירט, אַז ער זאָל ביז רמה אויפנעמען די ממשלה אין דער פּאַריתומטער באַוועגונג. נאָרדוי האָט פאַרשטאַנען דעם ערנסט פון דער געשאַפענער לאַגע און די אויפריכטיקע זאָרג פון הערצלס טרייע מיטקעמפער. ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך מישב זיין און זיכער אַליין טון, בכדי אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון הערצלס גרויסער ציוניסטישער ירושה.

די שווערע איבערלעבענישן און דער שלעכטער געזונט־צושטאַנד האָבן נאָרדויען געצוואונגען צו זוכן היילונג אין קאַרלסבאַד. נאָרדוי איז אַלט געוואָרן 55 יאָר און די כמעט שוין 40־יאָריקע אינטענסיווע טעטיקייט אויף די פאַרשידנסטע געביטן האָט אים שטאַרק דער־שעפּט און פאַרמאַטערט. אָבער אויך אין קאַרלסבאַד איז אים נישט באַשערט געווען פולשטענדיק זיך אויסצורוען. נאָרדוי אַליין באַ־ריכטעט וועגן דעם מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„גראָד בין איך געזעסן און געשריבן אַ בריוו צו בלאַסקאָ איבאַ־נעז (דעם באַרימטן שפּאַנישן שריפטשטעלער), ווי מ'האָט געקלאַפּט אין מיין טיר. עס זיינען אַריינגעקומען וואָלפזאָן און קאַהן. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי קומען אַלס פאַרשטייער פון דעם ציו־ניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, בכדי מיר פאָרצושלאָגן די פרעזידענט־שאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען די גאַנצע נאַכט געפאָרן און מוזן גלייך היינט אָוונט ווידער צוריקפאָרן קיין ווין, צו דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז ספּעציעל צוליב מיר, איבערגע־ריסן געוואָרן. יעדער פון זיי האָט לאַנג גערעדט און מיך צוגערעדט. דאָס האָט אַזוי געדויערט צוויי־און־אַ־האַלבע שעה. איינס אַזייגער זיינען מיר געגאַנגען עסן. זיי האָבן ממשיך געווען זייערע אויספֿי־רונגען אויך ביים טיש. איידער זיי האָבן נאָך געהערט מיין הסכמה, האָבן זיי פון מיר פאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן פאַרשידענע פּראָקלאַמאַ־ציעס, פּראָגראַם־פּובליקאַציעס און רעזאָלוציעס בנוגע דעם ענין פון אוגאַנדאַ און דער שטעלונג פון רוסישן יידנטום אין דער דאָזיקער קריטישער פראַגע. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן באַריכות וועגן פאַר־שידענע בריוו און באַריכטן. איך האָב זיך געפילט ממש פאַרלוירן. ענדלעך, נאָך דעם ווי אונזער געשפּרעך האָט דערגרייכט זיין דראַמאַ־טישן הויך־פּונקט, איז געקומען צו אַן הסכם, וועלכער וועט, ווי איך האָף, ראַטעווען מיין לעבן. איך האָב געגעבן מיין צושטימונג צו זיין פרעזידענט פון נאָענטסטן קאָנגרעס און אָנצופירן מיט אַ טריאומוויראַט פון מיר, וואָלפזאָן, און (וואַרשיינלעך) אָטאָ וואַר־בורג, אַלס די צוקונפטיקע לייטונג פון דער באַוועגונג".

די קאַרלסבאַדער קור האָט נאָרדויען ווייניק געהאָלפן. ער איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז אָפּגעשוואַכט און מיד. אָבער גלייך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן זיין שווערע טאָג־טעגלעכע אַרבעט. די מעדי־ צינישע פּראַקטיק האָט פון אים פאַרלאַנגט אַ סך צייט און כוחות. נישט געקוקט אויף דעם האָט זיך נאָרדוי איצט ווידער גענומען ענערגיש צו באַנייען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. זייט אַ פּאָר יאָר איז נישט מער דערשינען קיין שום נייַ בוך פון מאַקס נאָרדוי, און דאָס אייראָפּעאישע לייענער־פּובליקום, וואָס האָט זיך צוגעוווינט צו

די כמעט יאָר־יערלעכע פּובליקאַציעס פון באַרימטן שרייבער און דענקער, האָט איצט מיט שפּאַנונג דערוואַרט אַ ניי וואָרט פון דעם אויטאָר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים", „פּאַראַדאָקסן" און „דע־גענעראַציע". ביים סוף פון יאָר 1904 איז דערשינען אַ נייער ראָמאַן פון מאַקס נאָרדוי און פאַר דעם יאָר 1905 זיינען צוגעגרייט גע־וואָרן אין דרוק זיינע דריי נייע ביכער.

זייענדיק שטאַרק פאַרנומען מיט דער דאָזיקער אינטענסיווער ליטעראַרישער אַרבעט, מיט דער מעדיצינישער פּראַקטיק און קודם־כל מיט דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט, האָט מאַקס נאָרדוי קוים באַמערקט ווי דער ווינטער איז פאַרגאַנגען, דער פרילינג איז פאַרביי און דער זומער איז אָנגעקומען. אויף ענדע יולי 1905 איז קיין באַזעל צונויפגערופן געוואָרן דער ד־טער ציוניסטישער קאָנגרעס. די פּאָליטישע סיטואַציע אין דער אַלגעמיינער און יידישער וועלט האָט זיך דעמאָלט זייער פאַרשאַרפט. אין פרילינג 1905 איז אין רוסלאַנד, נאָך דער מפּלה אינם קריג מיט יאַפּאַן, אויסגעבראָכן די ערשטע רו־סישע רעוואָלוציע. אַ שטורם פון ענטוזיאַסטישן אימפּעט האָט באַ־הערשט נישט נאָר די גרויסע צאַרישע אימפּעריע. אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך איצט אויפגעהויבן אַ באַגייסטערטע, קעמפערישע כוואַליע פון ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע לאָזונגען. אויך די יידישע גאַס איז געוואַלדיק פּאָליטיזירט געוואָרן. אומעטום איז די ציוניסטישע יוגנט און אינטעליגענץ מיטגעריסן געוואָרן דורך די ליידנשאַפטלעכע, פּאַטעטישע גאולה־שטימונגען פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט גראַד דורכגעמאַכט אַ שווערן אוגאַנדאַ־קריזיס און איז באַדראָט גע־ווען פון אַ געפערלעכער פאַר איר ווייטערדיקן קיום, שפּאַלטונג, האָבן זיך איצט געשטעלט נייע ברענענדיקע פּראָבלעמען און שוועריקייטן.

פאָרנדיק צום 7־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט נאָרדוי זיך באַ־מיט צו באַהערשן זיין פּאָליטישע ליידנשאַפט און צו באַרואיקן זיין געזעלשאַפטלעכן גייסט מיט ענינים, וואָס זיינען נענטער געשטאַנען צו דער ליטעראַטור ווי צו דער פּאָליטיק. נאָרדוי האָט געטראַכט וועגן דעם באַרימטן יידיש־דייטשן שריפטשטעלער קאַרל עמיל פראַנ־צאָז, וועלכער איז גראָד דעמאָלט, כמעט גלייכצייטיק מיט הערצלען געשטאָרבן. אָבער ווי פאַרשידנאַרטיק זיינען געווען זייערע וועגן! בעת הערצל האָט פון דעם ווינער סאַלאָן אַרויס, געזוכט און געפונען זיין וועג צו דער יידישער גאַס און איר פּראָבלעמאַטיק, האָט קאַרל עמיל פראַנצאָז פון זיין גאַליציש־יידישער געטאָ־היים זיך „דער־הויבן" צו דער מדרגה פון אַ דייטשן שריפטשטעלער און באַוווסטן

רעדאַקטאָר אין ווין און בערלין. אָנגעהויבן האָט פּראַנצאָז מיט דערציילונגען פון יידישן געטאָ און געענדיקט האָט ער אַלס אַ קעמפּער פאַר דער וועלט־מענטשהייט, וואָס ווייסט נישט פון ראַסע־ און רעליגיע־אונטערשיידן און וויל אַלע מענטשן, די יידן בתוכם, אויסלייזן. נאָרדוי האָט לאַנג מיטגעאַרבעט אין די צייטונגען, וועלכע ק. ע. פּראַנצאָז האָט רעדאַגירט. אָבער שוין לאַנג איז ער גייסטיק אוועק פון דער קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישער וועלט, אין וועלכער זיין פריינט פּראַנצאָז האָט געקעניגט מיט אַזויפיל כבוד און צום גרויסן שטאָלץ פון די רייכע, זאַטע יידן אויף דעם ווינער פּראַנץ־יאָזעף־קעי און אויף דעם בערלינער קורפירסטענדאַם.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס מיט זיין אָנגעגליטער, ליידנשאַפטלעכער פּאָליטישער אַטמאָספער האָט נאָרדויען גלייך אָפּגעריסן פון די ווייטע, פאַרגאַנגענע צייטן. די גאַנצע יידישע ווירקלעכקייט מיט איר אָנגעוויטיקטער, פאַרשאַרפטער פּראָבלעמאַטיק האָט נאָרדויען ווידער אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און פאַרלאַנגט פון אים גלייך אויפן אָרט אַ קלאָרע, פּאָזיטיווע תשובה. די פייערלעכע דערעפענונגס־זיצונג, בעת וועלכער נאָרדוי האָט געהאַלטן זיין הערלעכע אָפּטעראָזע־רעדע פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם מנהיג הערצל, איז געווען בלויז אַ פּראָלאָג צו דעם שטורמישן, טומלדיקן פאַרלויף פון 7־טן ציוניסטישן קאָנגרעס. די מערהייט פון די דעלעגאַטן, אָרגאַניזירט אַלס „ציוני־ציון", האָט אין פּרינציפּ און אין טאַקטיק אָפּגעוואָרפן יעדן געדאַנק וועגן אַ יידישער מלוכהשער מאַסן־קאָלאָניזאַציע מחוץ ארץ־ישראל. די מינדערהייט אָנגעפירט פון ישראל זאַנגוויל, האָט לסוף פאַרלאָזט דעם קאָנגרעס און די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און האָט געגרינדעט אַ באַזונדערע טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג (י"ט"א). די שפּאַלטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכער מ'האָט אַזוי לאַנג געציטערט, איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט, צום שאָדן פון אַלע ציוניסטן און צום פרייד פון אַלע שונאי־ציון.

אפילו נאָרדויס גרויסער אויטאָריטעט, וועלכער איז בשלמות אָנערקענט געוואָרן דורך ביידע צדדים, דורך דער מערהייט און דער מינדערהייט, איז געבליבן מאַכטלאָז לגבי דער צעריסנקייט, וועלכע האָט זיך געשאַפן סיי אין דער באַוועגונג און סיי אויפן קאָנגרעס. דאָס האָט נאָרדויען געצוווּנגען צו מאַכן אַ גרינטלעכן און אויפריכטיקן חשבון הנפש מיט זיך און מיט דער ציוניסטישער ווירקלעכקייט. נאָך דעם דאָזיקן ישוב הדעת האָט נאָרדוי באַשלאָסן נישט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג, וועלכן מ'האָט אים געמאַכט וועגן דעם, אַז ער זאָל זיך אויף סטאַביל אַריבערציען פון פּאַריז קיין באַ־

זעל און דאָרט זיך שטעלן בראש פון דער ציוניסטישער לייטונג־דירעקטאָריום. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום בקשות און אפּעלן, אַז „נאָרדוי איז דער איינציקער, וועלכער איז ראוי צו פאַרנעמען הערצלס פּלאַץ!”. נאָרדויס באַשלוס איז געווען און געבליבן אַ דעצידירטער און נעגאַטיווער לגבי אַלע פּאָרשלאַגן וועגן זיין פּרעזידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

נאָך נאָרדויס חשבון הנפש און ישוב הדעת, האָט זיין דעציזיע נישט געקאָנט אַנדערש זיין. דאָס איבערנעמען די פּרעזידענטשאַפט און לייטונג פון דער באַוועגונג וואָלט געהייסן צו פאַרציכטן אויף פּאַריז, אויף דער אינטענסיווער ליטעראַרישער טעטיקייט, אויף דעם גאַנצן ביז־איצטיקן לעבנס־שטייגער. אָן ספק, וואָלט דאָס געווען פאַר נאָרדויען אַ גרויסער פּערזענלעכער קרבן! אָבער צי איז דער דאָזיקער קרבן דורכאויס נויטיק און נוצלעך געווען פאַר דעם ציוניזם? וועגן דעם איז זיך די מיינונג פון נאָרדויען גופא פונאַנדערגעגאַנגען מיט דער מיינונג פון ציוניסטישע פּאַרטיי־פירער. די לייטונג פון אַ וועלט־באַוועגונג פאַרלאַנגט אַ סך כוחות און ענערגיע, אַ שטאַרקן פּראַקטישן חוש פאַר פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, אַ פעסטע האַנט און פירונג און אַ דיאַלעקטישע, טאַקטישמאַנעווירנדיקע קונסט אין די טאָג־טעגלעכע פאַרהאַנדלונגען און סכסוכים. די דאָזיקע נויטיקע קוואַליפיקאַציעס פאַר אַ פּאָליטישן פּאָלקס־פירער זיינען זעלטן צו געפינען ביי אַ שריפטשטעלער און גייסט־מענטש. הערצל האָט געהערט צו די ווייניקע, זעלטענע אויסנאַמען אין דער דאָזיקער הינזיכט. נאָרדוי האָט טאַקע יאָרנלאַנג באַוואונדערט הערצלען, און ביי זיך אָפט געצווייפלט, צי ער אַליין וואָלט דאָס אויך געקאָנט מאַכן. הערצל איז געווען יונג, געזונט און רייך און דאָך האָבן אים די 8 יאָר פון זיין פירונג געמאַכט אַלט, קראַנק און אָרעם, און לסוף אים צעבראָכן. צי קאָן ער, נאָרדוי, נישט זייענדיק מער יונג, געזונט און רייך, וואַגן צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע ריזן־אויפגאַבע, מיט וועלכער אפילו הערצל האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן? צי וועט ער נישט צעבראָכן ווערן אונטער איר לאַסט און צוזאַמען מיט אים די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך גראָד איצט געשפּאָלטן און לעבט איבער אַ געפערלעכן קריזיס? נאָרדוי האָט געטראַכט וועגן ד״ר לעאָן פּינסקער, דעם אויטאָר פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע”, דעם איידעלן דענקער, אַרצט און ציוניסטישן טוער, וועלכער האָט זיך ביים סוף פון זיין לעבן געלאָזט צורעדן און איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג, מיט דעם איינציקן טראַגישן רעזולטאַט, אַז סיי ער און סיי די באַוועגונג זיינען צוגעפירט געוואָרן צום ראַנד פון יאוש.

נאָרדוי האָט ענדלעך געפונען אויפן קאָנגרעס אַן אויסוועג, אַן אויסגעצייכנטן און איינציק־מעגלעכן, לויט זיין מיינונג און איבער־צייגונג. ער האָט די פירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע איבערגעגעבן אין די טרייע און פעסטע הענט פון דוד וואָלפזאָהן, הערצלס נאָענטסטן און איבערגעגעבנסטן פריינט און תלמיד. וואָלפזאָהן, דער רייכער און טיכטיקער קאָמערסאַנט אין קעלן־אַם־ריין, האָט געשטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעל־יידישער משפחה אין ליטע. ער האָט אין זיך פאַראייניקט די מעלות פון מזרח־ און מערב־יידנטום, ער איז געווען באַליבט סיי ביי די פּאָליטישע ציו־ניסטן ווי אויך ביי די אַמאָליקע חובבי־ציון. זיין קאַנדידאַטור איז געשטיצט געוואָרן סיי דורך די דייטשע און סיי דורך די רוסישע ציוניסטן. וואָלפזאָהן איז געווען און געבליבן כל ימיו אַ יידישער פּאָלקס־מענטש, אַ דעמאָקראַט אין זיין גאַנץ וועזן און דערביי אַן איבערצייגטער און ענטוזיאַסטישער הערצליאַנער. אין דעם שטאַב פון ציוניסטישע פירער, וועלכער איז באַשטאַנען פון געבילדעטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, ראַבינער, שריפטשטעלער און זשורנאַ־ליסטן, איז וואָלפזאָהן געווען אַ יחיד במינו, אַ פּשוטער סוחר, ממש אַן „עמך"־מענטש. אָבער די נייע צייט, די דעמאָקראַטישע און שטורמישע, האָט פאַרלאַנגט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ פּראַקטישן, ניכטערן, ענערגישן, אומדערשראָקענעם פירער. און דאָס איז טאַקע געווען דוד וואָלפזאָהן.

אַ באַרואיקטער און צופרידענער איז מאַקס נאָרדוי צוריקגע־פאָרן צו זיך אַהיים, קיין פּאַריז. דער גרויסער פּאָלקס־טריבון און געניאַלער אָראַטאָר האָט איבערגעלעבט אַ טיפע סאַטיספאַקציע צוליב דעם, וואָס ער איז געווען ביכולת זיך אַליין גובר צו זיין און האָט פאַרציכטעט אויף דעם גלאַנץ און כבוד צו זיין פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איצט וועט ער זיך ווידער קאָנען איבערגעבן בלב ונפש זיין שריפטשטעלערישן באַרוף און שליחות. נייע ליטעראַרישע פּלענער, אינטערעסאַנטע טעמען און טיטלען, פרישע אינטואיציעס און איינפאַלן האָבן זיך באַלעבט און באַוועגט אין נאָרדוים נשמה און קאָפּ. ער האָט זיך געפילט פאַריונגערט און געשטאַרקט, ווי ווען אַ שווערע לאַסט וואָלט אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיינע מידע פּלייצעס. נאָרדוי האָט געפילט אין זיך איצט אַ פרישן צופלוס פון כוחות און קאַמף־לוסט, ווי אין יענע צייטן, מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט דער וועלט געוואָרפן זיינע מוטיקע, ריק־זיכטלאָזע לאָזונגען און אָנקלאַגן אין „די קאָנווענציאָנעלע שקרים", „פּאַראַדאָקסן" און „דעגענעראַציע".

קאפיטל ל״ב

דער רופא פון יידישע נשמות און דער דאָקטאָר

פון יידישע גופים

אפילו בעת זיינע שווערסטע ציַיטן און לייִדנשאַפטלעכסטע קאַמפן, האָט מאַקס נאָרדוי קיינמאָל נישט אויפגעגעבן אָדער פאַר־נאַכלעסיקט זיין מעדיצינישע פאָרשונג און פּראַקטיק.

ס׳איז זיכער נישט געווען קיין צופאַל, וואָס מאַקס נאָרדוי האָט אויסגעוויילט, נאָך זיין מאַטורע־עקזאַמען, ביים אַריינטריט אויפן אוני־ווערסיטעט — דאָס שטודירן מעדיצין. זיין גאַנץ וועזן איז געווען דער אויסדרוק פון כוח און געזונטקייט. נאָרדויס געשטאַלט פון דער יינגסטער קינדהייט ביז צו זיין לעצטן 74־טן לעבנס־יאָר איז געווען, ווי אַ פּערזאָניפיצירונג פון פיזישער און גייסטיקער געזונטקייט. זיין גאַנץ לעבן האָט נאָרדוי רעגלמעסיק, טאָג־טעגלעך, געמאַכט ספּאָרט־איבונגען, די פאַרשידנסטע און שווערסטע, און האָט געזאָרגט פּע־דאַנטיש פאַר דער ריינקייט און געזונטקייט פון זיין קערפּער. די קלאַסישע לאַטיינישע לאָזונג: „אין אַ געזונטן קערפּער אַ געזונטער גייסט״! — האָט פאַר אים געהאַט אַ ממשותדיקע, פּאַקטישע באַ־דייטונג, נישט לשם פּראַזעאָלאָגיע, נאָר אין זיין טאָג־טעגלעכער, נאַטירלעכער ווירקלעכקייט.

אויך די מעדיצין איז פאַר נאָרדויען נישט געווען בלויז אַ ציל פאַר זיך אַליין, נאָר אַ מיטל צום צוועק. און דער צוועק איז באַשטאַ־נען אין דעם, ווי צו פאַראייַדלען די מענטשהייט און דורך איר פּי־זישער און גייסטיקער געזונטקייט — פאַרבעסערן איר קיום.

זיין מעדיצינישן דאָקטאָראַט האָט נאָרדוי באַקומען צווערשט אין דער אונגאַרישער הויפּטשטאָט, בודאַפּעשט, ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, און צום צווייטן מאָל — מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער — אין פּאַריז, וואָס איז געוואָרן זיין ניי פאָטערלאַנד במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

זיין ספּעציאַליטעט אין דער מעדיצין איז געוואָרן דאָס געביט פון פּסיכיאַטריע און נערוון־קראַנקייטן. אויך דאָס איז מן־הסתם נישט געווען קיין צופאַל. נאָרדוי, דער שריפטשטעלער און דענקער, דער קעמפער פאַר אמת און יושר, דער פילאָזאָף און רעפאָרמאַטאָר,

האָט געמוזט פאַרשן גרינטלעך און ביז צום יסוד די וואָרצלען פון שלעכטס, פון ירידה און דעקאַדענטיזם סיי אין אונזער קאָלעקטיוון ווי אויך אין אינדיווידועלן לעבן. דאָס האָט אים געפירט צו דער פאַרמאַסקירטער, ווייניק באַקאַנטער, קאָמפּליצירטער און אָפּט אומ־היימלעכער וועלט פון אונזער נשמה'דיקן אונטערבאַוווּסטזיין, ווו עס דרימלען די פאַרשידנסטע מענטשלעכע און אוממענטשלעכע אינסטינקטן מיט אַלע נאָרמאַלע און נישט־נאָרמאַלע דערשיינונגען, און ווו די נערוון־קראַנקייטן האָבן אָפּט זייערע אייגנטלעכסטע טיפ־סטע סיבות. זיין גרויסער רבי אין דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען דער באַרימטער יידיש־איטאַליענישער געלערנטער, פּראָפ. טשעזאַרע לאָמבראָזאָ, וועמענס וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און ווערק וועגן פאַרבינדונג צווישן שגעון און זשעני און וועגן שייכות פון פאַר־ברעכן צו קראַנקייט — האָבן אויפגערודערט די מעדיצינישע און געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דער גאַנצער וועלט.

זיין גרויס ווערק „דעגענעראַציע", אין וועלכן ס'איז אויספירלעך און אומברחמנותדיק אונטערגעשטראָכן געוואָרן מיט בפירוש'דיקע נעמען און פאַקטן, די ענגע קעגנזייטיקע השפעה צווישן קינסטלער, שרייבער, גייסטיקע אָנפירער, און דער פּאַטאָלאָגיע פון שגעון און פאַרברעכן — האָט נאָרדוי געווידמעט זיין גרויסן לערער לאָמבראָזאָ. דאָס דאָזיקע בוך, ווי אויך אַנדערע נאָרדוים פריערדיקע און שפּע־טערדיקע שאַפונגען, ווי „די קראַנקייט פון יאָרהונדערט" (ראָמאַן), „אַנאַליזע פון נשמות" (דערציילונגען) א. א. וו. — האָבן אויף אַ גייסטרייכן אופן באַהאַנדלט אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס זיינען דעמאָלט ארויסגעשוווּמען אין דער נייער וויסנשאַפטלעכער ריכטונג פון פּסי־כאָ־אַנאַליזע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, איז וויכטיק געוואָרן די ראָל פון היפּנאָזע און איר אָנווענדונג צו הייל־צוועקן. נאָרדוי איז אויך אין דער דאָזיקער פראַגע געבליבן ביי אַ ניכטערער, לאָגיש־אויסגעהאַלטענער אָפּשאַצונג. ער האָט די היפּנאָזע נישט נעגירט, אָבער גלייכצייטיק האָט ער שטאַרק געוואָרנט פאַר איר איבערשע־צונג און פאַר די שאַרלאַטאַנען, וועלכע ווילן מיט איר כישוף אויפ־טון מכלומרשט גרויסע וווּנדער.

זיין מעדיציניש וויסן האָט נאָרדוי אומאויפהערלעך באַרייכערט מיט טעאָרעטישן שטודירן און פּראַקטישן אָנווענדן. זיינע באַליבטע לערער זיינען לאַנג געווען די פּראָפעסאָרן בידען און שאַרקאָ. אַ סך האָט ער דערפאַרן פון די היפּנאָטישע עקספּערימענטן פון בערילאָן. נאָרדוים ערנסטער, וויסנשאַפטלעכער און סאָציאָלאָגישער צוגאַנג צו דער מעדיצין און אירע דערגרייכונגען — האָט אים פאַרשאַפט אָנער־קענונג מצד פּראָמינענטע מעדיצינישע אויטאָריטעטן. דער דערמאָנ־

טער פּראָפעסאָר לאָמבראָזאָ האָט דערקלערט, אַז במשך פון זיין לאַנג לעבן האָט ער געטראָפן בלויז צוויי מענטשן, וועלכע זיינען געבענטשט געוואָרן נישט נאָר מיט אַ גרויסן גייסט, נאָר גלייכצייטיק אויך מיט אַ הערלעך גוט האַרץ, און איינער פון די דאָזיקע צוויי מענטשן איז מאַקס נאָרדוי. לאָמבראָזאָ האָט צוגעגעבן, אַז נאָרדוי איז גערעכט און גוט, אַ זשעני אין דעם בעסטן זין פון וואָרט, וואָס האָט זיין לעבן געווידמעט צו העלפן אונטערדריקטע און ליידנדיקע מענטשן, און דערביי האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט אפילו אויף איין שעה זיין פאָרשונגס־אַרבעט.

קיינמאָל האָט נאָרדוי נישט באַטראַכט זיין מעדיצינישן וויסן און פּראַקטיק אַלס אַ קוואַל פון פּרנסה. אַלס דאָקטאָר האָט ער זיין צייט און מי אוועקגעגעבן מייסטנס אָרעמע פּאַציענטן, הגם ער האָט געקאָנט האָבן אָנערקענונג און גוט־באַצאָלטע האָנאָראַרן אין די רייכע און אַריסטאָקראַטישע קרייזן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען הויז־דאָקטאָר ביים דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז און איז געווען געזוכט אַלס אַרצט אין די פּאָרנעמסטע און רייכסטע הייזער. אָבער ד״ר נאָרדוי האָט זיך אַמבעסטן געפילט אין זיין אייגענער וווינונג, צוערשט אויף אַווענו ווילִיע (ביז צום יאָר 1900), און שפּעטער (ביז צום וועלט־קריג) אין שכנות פון מאָנמאַרטר, ווו דריי מאָל אַ וואָך, פון פינף ביז זיבן נאָכמיטאָג, פלעגט ער אויפנעמען יעדן, וועלכער האָט געזוכט ביי אים קערפּערלעכע אָדער גייסטיקע היילונג.

די שבתדיקע נאָכמיטאָגן זיינען ספּעציעל געווען געווידמעט פאַר בחינמ׳דיקע פּאַציענטן. ד״ר נאָרדוי פלעגט אַלע זיינע באַזוכער, און זיי זיינען געווען פון די פאַרשידנסטע קרייזן און נאַציאָנאַליטעטן — אויפנעמען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט. דאָס איז נישט תמיד געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל צום וועלט־באַרימטן שריפטשטעלער און דענקער, גוטן מענטש און דאָקטאָר, פלעגן קומען אויך די פאַרשידנסטע מאַניאַקן און חולי־רוח. און דער מין האָט נישט געפעלט קיינמאָל אין אַזאַ ריזיקער אינטערנאַציאָנאַלער מעטראָפּאָליע, ווי ס׳איז פּאַריז.

מיט זיין פּערזענלעכקייט האָט ד״ר נאָרדוי פולשטענדיק באַשטעטיקט די פּאָפּולערע מיינונג, אַז נאָר אַ גוטער מענטש קאָן זיין גלייכצייטיק אַ גוטער דאָקטאָר. זיין באַהאַנדלונג פון קראַנקע און הילף־זוכנדיקע פּאַציענטן האָט זיך נישט געשטיצט אויף קיין שום אָנגענומענע מעכאַנישע כּללים. יעדער קראַנקער איז ביי ד״ר נאָרדוי געווען אַ ספּעציפישער פאַל, אַ באַזונדערער מענטש, וועלכן מ׳דאַרף אינדיווידועל באַטראַכטן און היילן. דערביי האָט אים זיין גרויס און טיף מענטשן־קענטעניש, זיין פאַרנעמע און גוטע קלוגשאַפט, זיין

האַרציקער און אויפריכטיקער צוגאַנג, געהאָלפן אין די שווערסטע, פּיינלעכסטע פאַלן. אַ גאַנץ בוך וואָלט זיך געלאָזט אָנשרייבן וועגן נאָרדוי אַלס דאָקטאָר, וועגן זיינע פאַרשידנסטע, אומצאָליקע און אינטערעסאַנטע פּאַציענטן. אין דעם דערמאָנטן בוך, וועלכן ס'האָבן פאַרעפנטלעכט די פרוי פון מאַקס נאָרדוי, אַננאַ, און זיין טאָכ־טער מאַקסאַ, געפינען מיר אַ פּאָר אַזעלכע ביישפּילן פון ד"ר נאָר־דויס מעדיצינישער פּראַקטיק:

אַ פּרימאַדאָנע פון פּאַריזער אָפּערע, וואָס איז געווען באַפריינדעט מיט ד"ר נאָרדוי, האָט איינמאָל אין איר פאַרצווייפלונג געזוכט ביי אים אַן עצה. דער פאַל איז געווען אַ דראַסטישער. איר מיט־זינגער בעת די פאָרשטעלונגען, אַ באַרימטער טענאָר, האָט נישט ליב גע־האַט צו וואַשן זיך דאָס מויל. בעת דעם געזאַנג איז זייער נישט אָנ־גענעם געווען צו שטיין אין זיין שכנות, בפרט בעת די נאָענטע ליי־בעס־סצענעס. די פּרימאַדאָנע האָט שטאַרק דערפון געליטן, זי האָט כסדר צוליב דעם באַקומען קאָפּ־ווייטיק און איז געווען פשוט פאַר־צווייפלט. פאַרשטענדלעך, אַז עפּעס זאָגן דערפון דעם באַרימטן טע־נאָר האָט זי נישט געוואַגט. ד"ר נאָרדוי האָט צוגעשיקט דעם טענאָר אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן צו באַזוכן אים, ווייל ער מוז אים, אַלס אַרצט, עפּעס גאָר וויכטיקס מיטטיילן. ווען דער טע־נאָר איז געקומען, האָט ד"ר נאָרדוי אים זייער פריינטלעך אויפגע־נומען און דערציילט, אַז ער איז די טעג געווען אין דער אָפּערע בעת דעם טענאָרס אויפטריט, און הערנדיק אים זינגען, איז ער געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט צוליב דעם קלאַנג פון זיין שטימע. זיין איינציקע עצה איז, אַז דער טענאָר זאָל אָפּט און גרינטלעך שווענקען זיין האַלדז, און דאָס וועט די שטימע ראַטעווען פון דער הייזעריקייט, וועלכע דראָט איר. פאַרשטענדלעך, אַז דער טענאָר איז געווען זייער דאַנקבאַר צוליב נאָרדויס פריינטלעכער, אַרצטלעכער עצה און די פּרימאַדאָנע האָט אויף דעם דאָזיקן פיינעם אופן דערגרייכט איר ציל.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין ד"ר נאָרדויס מעדיצינישער פּראַקטיק זיינען געווען די פּאַציענטן צווישן די ליטעראַטן, פּאָעטן, קינסטלער און אַנדערע אינטעלעקטואַליסטן. נאָרדוי איז געווען באַרימט סיי אַלס שריפטשטעלער און סיי אַלס דאָקטאָר און זיינע פאַך־קאָלעגן האָבן געזוכט אָפּט און גערן זיין מעדיצינישע הילף. די סובטעלע קינסטלערישע נשמה פון די דאָזיקע אינטעלעקטואַליסטן איז נישט תמיד געווען לייכט צו פאַרשטיין און צו היילן. נאָרדוי, דער טיפער מענטשן־קענער און גרויסער קינסטלער, איז גייסטיק און פּסיכיש נאָענט געשטאַנען צו די נשמה־איבערלעבענישן פון עלטערע און יינגערע קאָלעגן, און האָט זיך אַן עצה געגעבן, אַלס זייער דאָקטאָר,

אויך אין אזעלכע פאַלן, ביי וועלכע אַנדערע דאָקטוירים וואָלטן גע־בליבן אפשר מאַכטלאָז.

זלמן שניאור, דער באַרימטער יידיש־העברעאישער דיכטער און שריפטשטעלער, דערציילט, אַז איינמאָל, ווען ער האָט זיך זייער שלעכט געפילט און זיין מעלאַנכאָלישע דעפּרעסיע האָט אים דער־פירט ממש צו אַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד, איז ער געגאַנגען מיט אַ באַזוך צום ד״ר נאָרדוי. ער האָט זיך פאַר אים אָראָפּגערעדט פון האַרצן. נאָרדוי האָט געדולדיק זיך צוגעהערט און דאַן געזאָגט: „שרייבט אַ טאָג־בוך״! שניאור איז שטאַרק דערשטוינט געוואָרן און האָט געענטפערט: „און וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען!״ דערויף האָט אים נאָרדוי אויפגעקלערט, אַז ער דאַרף שרייבן זיין טאָג־בוך לגמרי אויפריכטיק, אָן יעדן פּרוּוו פון וועלן פאַרטושן עפּעס, אָן פּראַזן, מיט דער גאַנצער וואָרהייט און ערלעכקייט לגבי זיך. און שרייבן זאָל ער טאָג־פאַר־טאָג, אָן אַ הפסקה און מיט דעם פעסטן באַ־שלוס, אַז דאָס, וואָס ער שרייבט אַריין אין זיין טאָג־בוך, דאַרף קיינ־מאָל נישט קומען צום לייענער, צו דער עפנטלעכקייט. דאָס טאָג־בוך זאָל בלייבן אין זיין באַזיץ, ער זאָל עס כסדר לייענען, און דאַן, ווען ער וועט געזונט ווערן — זאָל ער עס צערייסן. שניאור האָט די דאָ־זיקע „רעצעפּט״ אויפגענומען מיט גרויסע ספקות, אָבער ער האָט דאָך געפאָלגט און געטון ווי נאָרדוי האָט אים געהייסן. ווי דער דיכ־טער פאַרזיכערט, איז נאָרדויס הייל־מעטאָדע פאַר אים געווען באמת אַן אויסגעצייכנטע, און האָט אים געזונט געמאַכט.

נאָרדויס באַקענטניש צום ציוניזם און זיין אינטענסיווע טעטי־קייט אַלס יידישער מנהיג, אַלס איינער פון די בעסטע און איבערגע־געבנסטע פירער, האָט, ווי געזאָגט, נישט איבערגעריסן זיין מעדי־ציניש פּראַקטיק. גראַד להיפך, צו די ביז־איצטיקע בחינמדיקע פּאַ־ציענטן זיינען צוגעקומען אָרעמע יידן, עמיגראַנטן פון מזרח, אָדער דורכרייזנדיקע, אָפט זיינען דאָס געווען קרבנות פון פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען. זיי זיינען געקומען צו מאַקס נאָר־דוי, נישט נאָר ווי צו אַ דאָקטאָר, נאָר ווי צו אַ גרויסן און באַרימטן יידישן מנהיג. זיי האָבן געזוכט און תמיד געפונען ביי אים די נויי־טיקע מעדיצינישע הילף, מאַטעריעלע אונטערשטיצונג און האַרציקע טרייסט־ווערטער. די דירה פון מאַקס נאָרדוי און איר סביבה איז אַ סך מאָל פול געווען מיט די דאָזיקע אומגליקלעכע, אָרעמע גע־שטאַלטן, די קרבנות און די טרוימער פון די ווייטע רוסישע, רומע־נישע און פּוילישע געטאָס.

דער וועג פון מאַקס נאָרדוי צום נאַציאָנאַלן יידנטום און ציו־ניזם איז זיכער, אין אַ גרויסער מאָס, געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין

וועלט־אַנשויאונג, וועלכע האָט זיך באַזירט, קודם־כל אויף דעם פּרינציפּ פון געזונטקייט, סיי פיזישער און סיי גייסטיקער. פאַר ד״ר נאָרדוי איז דער ציוניזם געווען דער רעטונגס־וועג קעגן דעגענעראַציע פון יידישן גוף און נשמה. אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און ליטעראַטור, איז נאָרדוי געווען דער, וועלכער האָט פּראָפּאַגירט די פיזישע אויפלעבונג (רעגענעראַציע) פון יידישן פאָלק. זיינע לאָזונגען און רעדעס וועגן דעם „מוסקל־יידנטום" האָבן געשאַפן אַזוי־צו־זאָגן די אידעאָלאָגיע פון יידישן ספּאָרט און געזונטקייטס־וועזן. זיינע ווערטער וועגן די שוואַכע יידישע יינגלעך, וואָס דאַרפן ווערן שטאַרקע יונגע יידן, זיינען געוואָרן אַ פּראָגראַם און אַ שליחות. בזה האופן איז מאַקס נאָרדוי געוואָרן דער רופא פון יידישע נשמות און דער דאָקטאָר פון יידישע גופים.

קאַפּיטל ל״ג

אין דער היימישער סביבה און אין פּאָליטישן קאַמף

נאָכן פאַרענדיקן דעם זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס און נאָך אַ לענגערן אָפּרו אין דער שווייץ, איז מאַקס נאָרדוי קיין פּאַריז צוריקגעקומען אָנהויב אָקטאָבער 1905. עס איז געווען וואַרעם און שיין, אָבער פריער ווי אין די פּאַריקע יאָרן, האָט זיך אין דער לופט געפילט דער ריח פון אָנקומענדיקן הארבסט. שטאַרקע ווינטן האָבן איבער די גאַסן געיאָגט אָראָפּגעפאַלענע בוים־בלעטער און אַוועקגעוואָרפענע צייטונגס־פּאַפּירן. ס׳איז געווען שוין אָוונט און נאָרדוי איז שטיין געבליבן פאַרן וואָקזאַל, אויף אַ רגע, ווי צעטומלט, צוליב דעם גרויס־שטאָטישן גערויש און צוליב דעם ים פון ליכט, וואָס האָט בשלמות באַהערשט פּאַריז. וואָס פאַרא קאָנטראַסט צווישן דער ריזיקער מעטראָפּאָליע און די שטילע, אידילישע שווייצאַרער שטעט און שטעטלעך !. נאָרדוי האָט אין זיך אָריינגעאָטעמט די היימישע אַטמאָספער פון דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט, ער איז מלא־שמחה געווען

צוליב איר אַזוי מעכטיקן און אויפברויזנדיקן לעבנס־טעמפּאָ, און איז ווי פאַרשכורט געוואָרן פון דעם ספּעציפישן, וווּנדערבאַרן אַראָ־מאַט, וואָס איז צו אים דערגאַנגען פון די סעקוואַנע־ברעגעס. די רואיקע, פלעגמאַטישע שווייץ, מיט איר ריינער באַרג־לופט און גע־מיטלעכער סביבה, איז נאָרדויען פאַרגעקומען איצט ווייט און פרעמד, קאַלט און אומהיימלעך לגבי דער דאָזיקער הערלעכער, האַר־ציקער פּאַריזער שטאָט, וואָס איז שוין זייט אַ פערטל יאָרהונדערט געוואָרן זיין געליבטע היים און פאָטערלאַנד. פאַרנדיק צו זיך, אין דער נייער רחבותדיקער וווינונג, איבער די אַלטע ראָמאַנטישע געס־לעך פון מאָנמאַרטר, האָט נאָרדוי ווידער אַמאָל זיך פאַרטראַכט איבער דעם מערקווירדיקן פּאָעט־וואַגאַבונד, וועמענס לידל: „פּאַ־ריז, פּאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ!" האָט מען דאָ אָפט געזונגען און געשפּילט, אין די קליינע קאַפע־הייזלעך און אויף די ברייטע טאַנץ־פּלעצער.

דעם נאָענטסטן טאָג, קוים אויפגעשטאַנען, האָט נאָרדוי איבער־געלעבט אַ מערקווירדיקע סצענע. אין פאָדערצימער איז אַריינגע־דרונגען אַ פרעמדער משונה'דיקער באַזוכער — אַ הויכע געשטאַלט מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד און מיט אַ פּנים, וואָס האָט דער־מאָנט עוואַנגעלישע קריסטלעכע הייליקע אָדער אַלט־יידישע נזירישע מקובלים, און האָט פאַרלאַנגט בקול רם דעם „נביא נאָרדוי!".

דאָס דינסט־מיידל האָט זיך מיט דעם פרעמדן מאַנספּאַרשוין געאַמ־פּערט, בעת נאָרדוי, אַלאַרמירט דורך דעם געשריי, איז אַריין אין פאָדערצימער. דער משונה'דיקער באַזוכער האָט זיך ספּאָנטאַן געוואָרפן צו די קני פון נאָרדויען, זיי אַרומגענומען און גענומען בעטן מיט אַ תחנונים־לשון: „איר זייט מיין נביא, מיין גרויסער נביא! פון ווייטע לענדער בין איך צו אייך עולה־געווען, כדי צו באַקומען אייער ברכה! בענטשט מיך, גרויסער נביא, גיט מיר אויף מיין לעצטן לעבנס־וועג אייער ברכה!". נאָרדוי האָט נישט געוווּסט, צי ער האָט צו טון מיט אַ פאַנאַטיקער אָדער מיט אַ חסר־דעה, צי איז דאָס אַ ייד אָדער אַ קריסט. באין ברירה, האָט ער אויסגעצויגן די הענט איבער דעם קאָפּ פון דעם באַזוכער און ווי אַ פאַרשעמטער האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט די אַלטע יידישע ברכה „יברכך", וועלכע נאָרדוי האָט נאָך אַלס קינד אַזוי אָפט גע־הערט אין דער פעסטער שטוב פון זיין פאָטער, ר' גבריאל זידפעלד.

אַזעלכע באַזוכער און ענלעכע משונה'דיקע, אָפט עקזאָטישע געסט האָבן נאָרדויען נישט געפעלט. מכל תפוצות העולם, פון אַלע לענדער, ראַסן און רעליגיעס זיינען זיי געקומען זוכן ביי נאָרדויען ראָט און הילף, אָדער סתם אַ פּאָר קלוגע טרייסט־ווערטער. פאַר־

שטענדלעך, אַז אויסער די משנה׳דיקע און עקזאָטישע געסט, זיינען טאָג־טעגלעך צו נאָרדויען געקומען מיט אַ באַזוך מיושבדיקע, פּאַרנעמע אייראָפּעער, זיינע טרייע לייענער און באַגייסטערטע אָנהענגער. ס׳איז פאַר זיי נישט געווען גענוג נאָרדוי שבכתב, זיי האָבן געזוכט און געפונען אויך דעם נאָרדוי שבעל־פּה. ס׳איז ממש צו באַוואונדערן, ווי נאָרדוי, זייענדיק אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט און פאַריאָגט מיט זיינע פאַרשידנסטע פּראָפעסיעס, האָט דאָך געפונען צייט און געדולד פאַר זיינע געסט. די דאָזיקע באַזוכער פון אַלע פאָלקס־קרייזן און קולטור־סביבות האָבן געשאַפן אַ לעבעדיקע גייסטיקע בריק צווישן דעם גרויסן אייראָפּעאישן דענקער און שריפטשטעלער און דער ריזיקער מחנה פון זיינע לייענער און פאַרערער. נאָרדוי האָט געזען און געפילט, אַז זיין שאַפונג איז נישט קיין קול קורא במדבר, ווייל מיליאָנען מענטשן וואַרטן אויף זיין וואָרט, אויף זיין פרישער נבואה!

די רוסישע רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. שטורמישע דעמאָקראַטישע פאָלקס־באַוועגונגען האָבן באַגייסטערט און צום קאַמף מאָביליזירט מיליאָנען מענטשן, פון ווייטן אוראַל אין מזרח ביז צו די פּירענייען אין מערב. נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע לאָזונגען זיינען צום שטאַרקן אויסדרוק געקומען נישט נאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך די ליטעראַטור און די פּרעסע האָבן באַקומען נייע אימפּולסן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ תשובה, אַ שלימות־דיקע און שנעלע, מצד די אייראָפּעאישע גייסטיקע פירער און קאָריפייען. און צווישן זיי האָט מאַקס נאָרדוי פאַרנומען אַ פּלאַץ גאָר אַ וויכטיקן, אויבנאָן. נאָרדוי פילט דעם הייסן אָטעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַרשטייט די פּאָסטולאַטן פון דער נייער, דעמאָקראַטישער צייט. ער טראַכט אַ סך וועגן זיי און גרייט זיך צו שרייבן נייע ווערק, וואָס דאַרפן, סיי אין דער פאָרם פון סאָציאָלאָגישע טראַקטאַטן און סיי אין דער פאָרם פון פּאָפּולערע ראָמאַנען, אַרומנעמען די גאַנצקייט פון דער אַקטועלער אייראָפּעאישער פּראָבלעמאַטיק און געפינען אַן אויסוועג פאַר איר לייזונג. בעת אַנדערע אייראָפּעאישע דענקער און שרייבער ווערן מיטגעריסן פון דער רוסישער רעוואָלוציע און גלויבן ערלעך און טיף, אַז פון מזרח וועט קומען די ישועה פאַר דער מענטשהייט — EX ORIENTE LUX ! — בלייבט נאָרדוי סקעפּטיש געשטימט לגבי די דאָזיקע גאולה־שטימונגען. אין זיין זכרון זיינען נאָך פאַרבליבן די איינדרוקן, וועלכע ער האָט, מיט אַ 30 יאָר צוריק, איבערגעלעבט, בעת ער

איז געשטאַנען אין מאָסקווע, אויף דעם מעכטיקן פּלאַץ פון קרעמל, אַרומגערינגלט מיט די ריזיקע באַגאָלדענע צערקוועס און מיט דער אומהיימלעכער, פּאַראַדאָקסאַלער רוסישער ווירקלעכקייט, און האָט געפּרוווט צו פאַרשטיין די קאָמפּליצירטע, קאָנטראַסטן־פולע נשמה פון רוסישן מענטש און לאַנד. נאָרדויס געדאַנקען און האָפענונגען זיינען געגאַנגען אין אַן אַנדערער ריכטונג און זיי האָבן באַלד געפונען זייער אויסדרוק אין דעם ווערק: „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע".

אָבער נאָרדוי האָט קיינמאָל נישט געהערט צו די יעניקע דענקער און שרייבער, וואָס פאַרשליסן זיך אין די ד' אמות של הלכה און באַגנוגענען זיך בלויז מיט אַ טעאָרעטישער תורה. נאָרדוי איז כל ימיו געווען קודם כל אַ קעמפער און זיין גייסטיקע שאַפונג איז נישט געווען סתם אַ תורה לשמה. זיינע ווערק זיינען געוואָרן אַ שווערד, אַ קאַמף־ווערקצייג אין די הענט פון אַ קעמפער. אַזוי איז ער געווען אַלס אַ ייד און אַזוי איז ער געבליבן תמיד אַלס אַן אייראָפּעאישער נביא און גייסט־מענטש. קוים צוריקגעקערט פון באַזעל, פון זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווו ער האָט די לאַסט פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט אַרויפגעלייגט אויף די שטאַרקע און סאָלידע פּלייצעס פון דוד וואָלפזאָן, און שוין שטייט נאָרדוי ווידער אויף דעם קאַמף־פראָנט פון דעם דרייפוס־לאַגער. מיט אַ פרישן מוט און אימפּעט שטורמען די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער די אָקאָפּעס פון דער „הייליקער דרייאייניקייט" (ראָיאַליסטן, קאַטוילישער קלער און רעאַקציאָנערע גענעראַלן־קליקע). זייער רעגירונג מיט זשאָרזש קלעמאַנסאָ בראש נעמט איבער די מאַכט אין פראַנקרייך. מ'טיילט אָפּ די קירך פון דער מלוכה, די קלויסטערס ווערן אויפגעלייזט און זייער פאַרמעגן קאָנפיסקירט, דער גענעראַל־שטאַב ווערט גערייניקט, די מאַכט פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער רעאַקציע ווערט געבראָכן. אין זומער 1906 קומט פאָר דער לעצטער אַקט פון דער דרייפוס־טראַגעדיע. דאָס העכסטע מלוכה־געריכט באַפרייט לגמרי דעם יידישן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס. ס'איז דער טריומף פון מענטשלעכער גערעכטיקייט און פון פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע. דרייפוס אַוואַנסירט און ווערט צוריק אָנגענומען אין דער אַרמיי אַלס אַ מאַיאָר. פראַנקרייכס פּאָליטישע און גייסטיקע אַטמאָספער איז גערייניקט געוואָרן פון די פאַרפּעסטעטע לופטן. די דריטע רעפּובליק האָט אויפגעאָטעמט, זי איז געווען געראַטעוועט. אין דעם דאָזיקן שווערן, פאַרביטערטן קאַמף און אין זיין נצחון האָט מאַקס נאָרדוי געהאַט זיין ווייכטיקן און

הערָאישן ביישטייער. אָבער בעת אַנדערע האָבן זיך בלינד באַגייסטערט מיט דעם נצחון פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין פראַנקרייך און האָבן אין די איידעלע און פאַטעטישע ווערטער פון אַנאַטאָל פראַנס ווענן און קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, געזען די גאַראַנטיע פאַר דעם יידישן עתיד צווישן די אייראָפעאישע פעלקער, איז מאַקס נאָרדוי ווייטער געבליבן דער קריטישער מבין, דער פעסימיסטישער העלזעער, דער ציוניסטישער מאַקסימאַליסט. דער נצחון פון דעם דרייפוס־לאַגער האָט אים נישט פאַרשכורט, ער האָט אין אים געזען בלויז אַן עפיזאָד פון דער געשיכטע, אַ דערפאָלג, וואָס איז געווען לעבנס־נויטיק פאַר פראַנקרייך, אָבער וועט מיט גאָרנישט ענדערן און קאָן מיט גאָרנישט ענדערן די גלות־לאַגע פון יידישן פאָלק. די גרויסע ליבע, וועלכע האָט מאַקס נאָרדויען באַהערשט לגבי פראַנקרייך, איר עבר, הווה און עתיד, האָט אים געשטויסן צום קאַמף אויף די באַריקאַדן פון דרייפוס־לאַגער. אָבער דאָס האָט אים גאָרנישט פאַרשמעלערט אָדער רעדוצירט זיין פעסימיזם לגבי דעם עתיד פון אייראָפעאישן יידנטום.

נאָרדוי איז אויך ווייטער געבליבן קודם־כל דער ציוניסטישער טעאָרעטיקער און קעמפער. ער האָט פאַרציכטעט אויף דעם הויכן פרעזידענטן־אַמט, אָבער אויף קיין רגע נישט, ביז צו זיין לעצטן לעבנס־אָטעם, האָט ער נישט פאַרציכטעט אויף זיין ציוניסטישער אמונה און טעטיקייט. זיין קאַמף־פאַראָל: „דאָס יידנטום וועט זיין ציוניסטיש אָדער עס וועט בכלל נישט זיין!" איז ביי אים נישט געווען סתם אַ גייסטרייכע פראַזע. דאָס איז געוואָרן זיין טיפסטער גלויבן, זיין ערלעכסטער CREDO. זיין שלימותדיקער פראָגראַם. אין דעם גייסט פון דעם דאָזיקן מאַקסימאַלן, פאָליטיש־הערצליאַנישן ציוניזם אַנטוויקלט נאָרדוי, אויך נאָך הערצלס טויט, אַן אומדערמידלעכע טעטיקייט אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענפאָרן און אין ציוניסטישע צייטונגען און פובליקאַציעס. זיין מעכטיקן איינפלוס אין דער ציוניסטישער מחנה האָבן אַמייסטן מקנא געווען און אויך אַמשאַרפסטן באַקעמפט און אונטערגעגראָבן די אַלע „פראַקטישע" און „נישט־פראַקטישע" עפיגאָנען, וואָס האָבן זיך געגרייט איבערצונעמען הערצלס ירושה און צוריקצופירן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אויף די אַלטע, קליינלעכע וועגן פון חיבת־ציון. זיי, די קעגנער און באַקעמפער פון הערצלען, האָבן אָפט מיט אַ געמאַכטער תמימות ציטירט די ווערטער פון פאַרשטאָרבענעם מנהיג: „נאָרדוי וועט זיין דער בעסטער פרעזידענט פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אָדער דער אונטעריכטס־מיניס־

טער אין אונזער צוקונפטיקן יידן־שטאט!". זיי זיינען צופרידן און גליקלעך געווען, וואָס נאָרדוי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין פּרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אים מיט אַ גרויסן נחת איבערגעלאָזט די דערהויבענע וועלט פון גייסט און ליטעראַטור, אַבי ער זאָל זיך ווייטער נישט מישן אין די פּראָזאַ־אישע ענינים פון ציוניסטישער פּאָליטיק און פּאַרטיי־הערשאַפט. מיט דעם נייעם פּרעזידענט דוד וואָלפזאָן האָבן זיי געהאָפט זיך לייכט און שנעל אָן עצה צו געבן.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַלשער חשבון. ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט און שנעל זיך אָן עצה צו געבן מיטן נייעם פּרעזידענט! דוד וואָלפזאָן, דער פּשוטער, פּראַקטישער סוחר האָט זיך אַרויסגע־וויזן אַלס אַ גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, טאַלאַנטירטער רעדנער און אויסגעצייכנטער פּאָליטיקער. ער האָט געוווסט וואָס ער וויל, און האָט פאַרשטאַנען זיין ווילן דורכצוזעצן. מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט ער אָפּגעהיטן הערצל'ס גרויסע ירושה. אַ סך האָט אים אין דער דאָזיקער הינזיכט געהאָלפן נאָרדויס השפּעה און אויטאָ־ריטעט. דער מנהיג פון פּאָליטישן ציוניזם האָט זיך נישט געלאָזט פאַריאָגן, ער איז נישט געבליבן פאַרשלאָסן אין פּאַריזער ביכער־און מעדיצין־וועלט, גראָד להיפּוך, זיין לייבן־שטים האָט זיך גע־לאָזט הערן בקול רם אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און פאַרזאַמלונ־גען, און זיין שאַרפע פעדער האָט די קעגנער פון הערצליאַנישן ציוניזם שווער געמאַכט זייער קאַמף פאַר דער באַהערשונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער דאָזיקער קאַמף צווישן די פּאָליטישע און „פּראַקטישע" ציוניסטן האָט שוין אָנגענומען שאַרפע פאָרמען אויפן אַכטן ציו־ניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין זומער 1907 אין האַאַג. נאָרדוי, וואָלפזאָן און ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק האָבן פאַרטרעטן אויפן קאָנגרעס די הערצליאַנישע ריכטונג, בעת אוסיש־קין, טשלענאָוו און חיים וויצמאַן זיינען געווען די וואָרט־זאָגער פון דעם „פּראַקטישן" ציוניזם, וועלכער האָט איצט, לויט פּראָפ. וויצמאַנס דערקלערונג, געזוכט אַ סינטעזע צווישן דעם אַלטן חובבי־ציוניזם און דעם פּאָליטישן ציוניזם. דער קאַמף איז געווען אַ האַר־טער אָבער נאָך ווייט פון דער אַנטגילטיקער פאַזע.

אַ מידער און דערשעפּטער איז נאָרדוי צוריקגעקומען קיין פּאַ־ריז. דער פּלוצלונגער טויט פון זיין געליבטן שטיף־זון האָט אים

טיף דערשיטערט. נאָרדוי איז געשטאַנען אַ צעבראָכענער ביים קבר פון יונגן מענטשן און האָט קוים געפונען ווערטער, בכדי צו טרייסטן די אומגליקלעכע מאַמע, זיין פרוי אננאַ. מענטשן, וואָס זיינען נאָענט געווען צו נאָרדוים פאַמיליע־לעבן, האָבן דערציילט מיט דער גרעסטער אָנערקענונג און באַוווּנדערונג וועגן זיין אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט און ליבע צו זיין פרוי און זיינע קינדער. אויסער זיין טעכטערל מאַקסאַ, זיינען אין שטוב געווען פיר קינדער פון זיין פרוי׳ס ערשטן מאַן, און אויך די שוועסטער שאַרלאָט. די וווּנדערבאַרע פערזענלעכקייט פון נאָרדויען איז בולט צום אויסדרוק געקומען נישט נאָר אין זיינע באַרימטע ווערק און עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, נאָר אויך אין זיין ריין־פּריוואַטן, באַשיידענעם פאַמיליע־לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען, ווי צו באַגייסטערן און צו שאַפן אַ טיפע צוגעבונדנקייט צווישן זיך און אַלע אין דער היים, סיי ביי די דערוואַקסענע און סיי ביי די קינדער. דאָס געמיינזאַמע עסן ביי מיטאָג און אין אָוונט איז פאַר די קינדער געוואָרן אַן אמתע פרייד. נאָרדוי האָט אַלע אונטערהאַלטן מיט זיין לעבעדיקן, גייסטרייכן און טעמפּעראַמענט־פולן הומאָר. די ימים טובים זיינען געפייערט געוואָרן לויט דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער, און צום טיש זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַ סך נאָענטע און ווייטע קרובים און אויך פריינט און באַקאַנטע. נאָרדוים דערציילונגען ביים טיש זיינען געווען קונסט־ווערק פון פּשטות און געדאַנקען־טיפקייט, פון אָראַטאָרישער שיינקייט און בילדערישער שפּראַך, פון לייכטן וויץ און ערנסטער מאָראַל. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז נאָרדוים טאַלאַנט פאַר דעם נאַטירלעכן, גוטמוטיקן הומאָר. אומצאָליקע מוסטערן דערפון וועלן מיר געפינען אין דעם בוך פון אננאַ און מאַקסאַ נאָרדוי. אָט, למשל, קומט אריין צו נאָרדויען אין שטוב איינער פון זיינע פּלימעניקעס, און אַ צעיאַכמעטער דערקלערט ער פאַר די בני־בית, אַז „ער איז אומגליקלעך פאַרליבט און ער מוז אָדער הייראַטן זיין געליבטע אָדער באַגיין זעלבסט־מאָרד!”. מיט אַ גוט־מוטיקן, סקעפּטישן שמייכל, האָט אים נאָרדוי גלייך באַרויִקט, זאָגנדיק: „דו קאָנסט אויסוויילן וואָס צו טאָן, הגם קיין גרויסער אונטערשיד איז דאָ נישטאָ!”. אַלע האָבן האַרציק געלאַכט און מיט זיי צוזאַמען דער „טראַגישער” יונגערמאַן.

אין זיין וואַרימער, היימישער סביבה האָט מאַקס נאָרדוי, אָפּט געפונען טרייסט און מנוחה, ווען ער איז אַהיימגעקומען נאָך שווערע, ליידנשאַפטלעכע, געגנוג ביטערע און דערדריקנדיקע פּאָליטישע קאַמפן.

קאַפּיטל ל"ד

„די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע"

דאָס יאָר 1909 איז אין נאָרדויס לעבן רייך געווען אין געשעענישן. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר נייע אויפלאַגן פון זיינע שוין באַרימט־געוואָרענע ביכער. ס'איז גראָד דעמאָלט אַקטועל געוואָרן דער קאַמף פון די פרויען פאַר זייער פּאָליטישער און מענטשלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און די אַגרעסיווע טאַקטיק פון די ענגלישע סופראַזשיסטקעס האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין גאַנץ אייראָפּע. נאָרדויס גערעכטע און געפילפולע באַציאונג צו דער פרוי און אירע טאָג־טעגלעכע ליידן און קאַמפן, האָט אים געשאַפן צענדליקער טויזנטער טרייע לייענערינס. אין נאָרדויס ראָמאַנען און קורצע דערציילונגען טרעפן זיך אָפט פרויען־געשטאַלטן, פאַר וועלכע דער מחבר ווייזט אַרויס אַ טיפע סימפּאַטיע און אַ גרינטלעכע קענטניש פון דער ווייבלעכער נשמה. אַלס אַ פּסיכיאַטאָר און דאָקטאָר האָט נאָרדוי כסדר געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן און צו פאַרשטיין די ספּעציפישע באַזונדערקייטן פון דער פרויען־פּסיכאָלאָגיע, וואָס זיינען בעיקר אַ פועל־יוצא פון די באַזונדערע פיזישע און רעכטלעך־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע די אַזוי־גערופענע „בעסערע און שענערע העלפט פון דער מענטשהייט" לעבט זייט לאַנגע דורות.

אויסערגעוויינלעך פאַרשידן און פאַרבן־רייך איז די גאַלעריע פון פרויען אין נאָרדויס שילדערונגען. אָט האָט איר אַ טיפּ פון אַ פרוי, וואָס וויל אויספילן דאָס לעבן פון איר מאַן בשלמות, נישט איבערלאָזנדיק אים קיין רגע און קיין מעגלעכקייט פאַר זיין זעלבסטשטענדיקן, אייגענעם „איך". און דער מאַן געהערט גראָד צו יענעם מין פון אינטעלעקטואַליסטן, ביי וועלכע די פרוי איז נאָר אַ מיטל צום צוועק, אָבער נישט דער צוועק אַליין. ער האָט אין זיין „באַשערטער" געזוכט אַ פּראָזאַאישע פרוי, וואָס זאָל זיין אַ גוטע בעל־הביתטע און אַ טרייע געליבטע. געפונען האָט ער אָבער אַ „סענטימענטאַלן מלאך" מיט אַ שטאַרקן סעקס־אַפּיל און מיט אַן אייביק־פאַרחלומטן ליבעס־אידעאַל, וואָס וויל אים, דעם מאַן בשלמות

באהערשן און מיט אירע ברייטע פליגלען ארומנעמען, תמיד און אומעטום. דער דאַזיקער זיוווג איז נישט מן השמים און דער קאָנ־פליקט צווישן דער פרוי און דעם מאַן איז אומפאַרמיידלעך. פאַר דעם מחבר האָט די שילדערונג פון דער דאָזיקער פּאָר און פון זייער וואַקסנדיקן פיזישן און פּסיכישן קאָנפליקט, געגעבן די גלענצנדיקע געלעגנהייט צו באַווייזן דעם פאַרנעם פון זיין פּסיכאָלאָגיש־מעדי־צינישן און ליטעראַרישן טאַלאַנט.

אין אַן אַנדערער דערציילונג, וואָס רופט זיך „ווי די פרויען ליבן", גיט אונז ווידער נאָרדוי אַן אויסגעצייכנט, מיט אַן אמתער פּסיכאָלאָגיע־קענטעניש געמאָלט בילד וועגן די ליבעס־אויסדרוקן פון דער ווייבלעכער נשמה. וואָס פאַראַ משונה'דיקע פאַרשידנהייטן און קאָנטראַסטן שאַפן זיך אָפּט אין דער פּסיכיק פון די געשילדערטע פרויען־טיפּן, בעת זיי זוכן און קעמפן פאַר זייער ליבעס־אידעאַל. אַ פּאַראַטענע, פאַרלאָזענע פרוי לעבט איבער אַ געפערלעכן פּסי־כישן קריזיס, וואָס באַדראָט איר ווייטערדיקן לעבן מיט זעלבסט־מאָרד אָדער מיט שגעון. זי וויל זיך אָבער דורכאויס ראַטעווען און געפינט דעם אויסוועג אין אַ פאַנטאַסטישער איינבילדונג, אַז איר געליבטער מאַן איז געשטאָרבן. יעדן טאָג גייט זי אויפן בית־עלמין און ביי אַן אומבאַקאַנטן קבר גיסט זי אויס אירע האַרציקע טרערן און ליבע־געפילן. דאָס ווייטערדיקע לעבן פון דער דאָזיקער פאַר־לאָזטער, אומגליקלעכער פרוי באַוועגט זיך אין אַן איינגערעדטער, נישט־רעאַלער וועלט, אָבער עס באַוועגט זיך דאָך. און אפשר וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען די פיקציע וועט באַקומען אַ נייע רעאַלע געשטאַלט, און די פאַרשטאָרבענע, פאַנטאַסטישע ליבע וועט באַנייט ווערן אין אַ פרישערווירקלעכקייט.

אַן אַנדערע פרוי אין נאָרדויס דערציילונגען, וואָס האָט אויך פאַרלוירן איר געליבטן, דאָסמאָל דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל, זוכט זיך צו ראַטעווען פאַר דעם יאוש, דורך מענער־באַקאַנט־שאַפטן, וואָס ווערן אין איר פאַנטאַסטישער אויטאָ־סוגעסטיע פאַר־וואַנדלט אין טרייע קאָפּיעס פון דעם פאַרלוירענעם געליבטן.

*

* *

צו מאַקס נאָרדויס 60־סטן געבורטס־טאָג, וועלכער האָט זיך דערנעענטערט, זיינען דערשינען אין דעם באַוווסטן „יידישן פאַר־לאַג" אין קעלן־אַם־ריין, זיינע „ציוניסטישע שריפטן", אַ זאַמלונג פון נאָרדויס נאַציאָנאַל־יידישע פּובליקאַציעס און רעדעס. כמעט

גלייכצייטיק מיט די „ציוניסטישע שריפטן" איז ארויס פון דרוק דאָס נייע נאָרדויאישע ווערק: „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע".

כל ימיו האָט מאַקס נאָרדוי ארויסגעוויזן א נאָענטע פאַראינטערעסירונג לגבי דער געשיכטע און איר וויסנשאַפט. היסטאָריע איז ביי נאָרדויען נישט געווען סתם איינע פון די געלערנטע לימודים, מיט וועלכע מ'האָט צו טון אין דער שול און אין די ביבליאָטעקן. ס'איז ביי אים געווען א תורת החיים, די וויסנשאַפט פון דעם קאָלעקטיוון מענטשלעכן לעבן, פאַר וועלכן ער האָט געזוכט א זין און א געשיכטלעכן תכלית. אויך אין דער הינזיכט איז צום שאַרפן אויסדרוק געקומען נאָרדויס קריטישער, אַנאַליטישער שכל, וואָס איז געווען א ירושה פון זיין פאָטער ע"ה, דעם גרויסן תלמודיסט און געלערנטן, און א רעזולטאַט פון זיין סקעפּטישן וועלטבאַנעם. נאָרדוי האָט פאַרשטאַנען און געזען די טענדענציעזע, סוביעקטיווע און אָפט פשוט געפעלשטע ארבעט פון א סך באַרופסהיסטאָריקער. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף זייער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און אויף זייער היסטאָרישער גערעכטיקייט. פון זייערע טעזן און אויספירונגען האָט דער אויטאָר פון די „קאָנווענציאָנעלע שקרים" אומברחמנות'דיק אראָפּגעריסן דעם גלענצנדיקן, באַפּוצטן לבוש און האָט אויפגעדעקט דעם נאַקעטן, פּשוטן אמת. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס ווערק „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע".

ווי א לייטמאָטיוו צו זיין נייעם בוך, ציטירט נאָרדוי די באַרימטע ווערטער פון א גרויסן געלערנטן: „במשך פון דריי יאָרהונדערטער איז דאָס געשיכטע־שרייבן געוואָרן א קאָנספּיראַציע קעגן דעם היסטאָרישן אמת!". אין דער עטנאָגראַפיע, אין דער פולשטענדיקער און פונדאַמענטאַלער אויספאָרשונג פון דער פאָלקסווירקלעכקייט, פון דעם נאַציאָנאַלן עבר און געשיכטלעכן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, ליגט דער שליסל צו דעם היסטאָרישן סוד פון יעדער נאַציע!. אין קאַמף קעגן אויסערלעכע סכנות און שונאים, שאַפט זיך די פאָלקס־געמיינשאַפט. דער מחבר אונטערשטרייכט און באַטאָנט כסדר די דעצידירנדיקע ראָל פון יחיד אין געשיכטלעכן געשטאַלטונגס־פּראָצעס פון יעדן קאָלעקטיוו. די עטיק איז א פועל יוצא פון דער מענטשלעכער שוואַכקייט, און איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם יחיד, וואָס האָט געקעמפט קעגן די רבים, און דורך דעם שוואַכן, וואָס איז באַדראָט געווען דורך דעם שטאַרקן. די פאַרטיידיקונג פון די שוואַכערע, פון דער עטיק, איז טאַקע די הויפּט־אויפגאַבע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

ווי מיר זעען, באזירט זיך נאָרדויס היסטאָרישע וועלט־אַנשוי־אונג אויף עטישע פּרינציפּן. זי שטייט אין אַ פולשטענדיקן קאָנטראַסט צו דער דעמאָלט פּאָפּולערער מאַכט־פילאָזאָפיע פון פרידריך ניטשע. ס'איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס נאָרדוי, איינער פון די גרעסטע אייראָפּעאישע דענקער און שריפטשטעלער, האָט זיך אַזוי שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט דעם ניטשעאַנישן קולט פון כוח און איבערמענטשטום, וועלכער איז געוואָרן, ווי מיר ווייסן היינט, דער פּרעקורסאָר און דער „גייסטיקער" פאָטער פון די היטלערישע מאָרד־באַנדעס. נאָרדוי, דער ווירדיקער יורש פון די יידיש־סעמיטישע נביאים און זייער תורה, האָט די געשיכטע און איר פילאָזאָפיש־מאָראַלישן זין געמוזט לגמרי אַנדערש אינטערפּרעטירן ווי דער דייטש־אַרישער מאַכט־פּריידיקער.

דעם פראָגרעס פון דער מענטשהייט זעט נאָרדוי מער אין דער מענטשלעכער עוואָלוציע ווי אין דער רעוואָלוציע. ער האַלט, אַז אין אַלגעמיינעם ענדערט די רעוואָלוציע וויניק אַחוץ די היעראַרכיע פון פּערזאָנען. די אַנטוויקלונג פון דער פאָרמעלער, מאַטעריעלער ציוויליזאַציע האָט דעם מענטש נישט געמאַכט בעסער אָדער גליקלעכער. אין דער גייסטיקער און מאָראַלישער פאַרבעסערונג ליגט די רעטונג און די צוקונפט פון דער מענטשהייט. די נייע וועלט, די בעסערע און גערעכטערע, דאַרף געבויט ווערן אויף יושר, שכל און אחדות.

דאָס איז, אין אַ פּאָר קורצע זאַצן אויסגעדריקט, דער אינהאַלט און דער גייסטיקער מהות פון נאָרדויס ניי און גרויס ווערק: „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע". ווי געזאָגט, זיינען נאָרדויס אַנשויאונגען און דאָס בוך באַהערשט בשלמות פון דעם עטישן, נביאישן פּאַטאָס, וואָס קעמפט מיט קנאות פאַר אמת און יושר. דאָס בוך וועגן דער אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע איז דערשינען אין יאָר 1909, דעמאָלט, ווען אייראָפּע האָט איבערגעלעבט כמעט אידילישע צייטן פון פעלקער־שלום און די ציוויליזאַציע האָט פאַרשכורט אַלעמען מיט איר אויסערלעכער גלאַנצנדיקער פּראַכט. אָבער סך־הכל אַ פּאָר יאָר האָט אָפּגעטיילט די אייראָפּעאישע מענטשהייט פון דער מוראַדיקער שחיטה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און איר שפּעטערדיקן, נאָך גרויזאַמערן המשך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיט זיין שאַרפן, וועיט־זעעוודיקן אָדלער־בליק האָט מאַקס נאָרדוי דערזען דעם שרעקלעכן תהום, פאַר וועלכן די אייראָפּעאישע מענטשהייט, איינגעוויגט אין זיסע און אָפּטימיסטישע אילוזיעס, איז געשטאַנען. ווי זיינע ביז־איצטיקע ווערק, איז אויך „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע", געוועזן אַ פּאָטער־

לעבע וואָרנונג און אַ פאַרצווייפלטער רעטונגס־געשריי פון אַ גרויסן שרייבער און טיפן דענקער, דעם נביא פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט. ס'איז נישט די שולד פון מאַקס נאָרדוי, וואָס זיין פּראָפעטישע שטימע איז געוואָרן אַ קול קורא במדבר.

זייט דעם דערשיינען פון „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע", וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען די לעצטע וואָרנונג צו דער אייראָפּעאישער מענטשהייט ערב איר צוזאַמענברוך, האָט נאָרדוי איבערגעלעבט אַ סך ביטערע און שווערע אנטוישונגען. די ערשטע פון זיי האָט אים געבראַכט די יונג־טערקישע רעוואָלוציע. אין זומער 1908 איז אויסגעבראָכן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ מיליטערישער אויפשטאַנד קעגן דער קאָרומפּירטער און פאַרפוילטער הערשאַפט פון דעספּאָטישן סולטאַן אבדול חאַמיר. די יונג־טערקישע רעוואָלוציאָנערן, אָנגעפירט פון זייער קאָמיטעט „איינהייט און פּראָגרעס", האָבן איבערגענומען די רעגירונגס־מאַכט אין לאַנד, האָבן דעטראָניזירט דעם סולטאַן און זיינען צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זייער פּראָגראַם, וועלכער איז אויסן געווען צו מאָדערניזירן די אָפּגעשטאַנענע טערקיי.

אַ גאַנץ יאָר איז שוין פאַרגאַנגען זייט דעם נצחון פון דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע און מ'האָט שוין געקאָנט פעסטשטעלן דעם פּרצוף פון נייעם רעזשים. נאָרדוי האָט זייט אַ פּאָר יאָר געהאַט אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די יונג־טערקישע פירער, ווען זיי זיינען נאָך געווען פּאָליטישע עמיגראַנטן און האָבן אויף די ברעגעס פון דער סעקוואַנע בלויז געחלומט וועגן אַ נייער, דעמאָקראַטישער טערקיי. נאָרדוי האָט, נאָך לאַנג פאַר זייער נצחון, אַרויסגעפילט אין זיי די צוקונפטיקע מושלים פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. ער האָט זיי באַהאַנדלט מיט גרויס סימפּאַטיע און זיי געגעבן הילף, סיי פּאָליטישע און סיי מאַטעריעלע. מיט ענטוזיאַזם און מיט גרויסע האָפנונגען האָט דער גאַנצער ציוניסטישער לאַגער באַגריסט דעם זיג פון דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע. באַזונדערס איז גרויס געווען די פרייד פון מאַקס נאָרדוי. ער האָט געגלויבט אין די הבטחות, וועלכע די היינטיקע טערקישע זיגער און נעכטיקע פאַרייזער קאָנספּיראַטאָרן האָבן אים צוגעזאָגט פּייערלעך און באמונה שלימה. נאָרדוי האָט זיך געגרייט צו באַזוכן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און צו באַגריסן פּערזענלעך זיינע גוטע באַקאַנטע, די מענטשן, וואָס האָבן איצט געבויט די באַנייטע, דעמאָקראַטישע טערקיי.

אָבער פון דעם באַזוך איז גאָרנישט געוואָרן, ווי ס'איז גאָר־

נישט געוואָרן פון אַלע יונג־טערקישע האָפנונגען און הבטחות. די נייע הערשער האָבן שנעל פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט. זייער הערשאַפט איז געוואָרן אַ שטרענגער מיליטאַריסטיש־צענטראַליסטי־שער רעזשים, וואָס האָט נאָך ווייניקער געהאַט פאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווי די אַלטע סולטאַנישע רעגירונג. די שטעלונג פון די יונג־טערקן לגבי דעם ציוניזם און דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז גע־וואָרן אַ פיינטלעכע. שוין אַ יאָר נאָך זייער מאַכט־באַהערשונג איז דאָס פאַר אַלעמען געווען קלאָר און דייטלעך. מאַקס נאָרדוי האָט איבערגעלעבט אַ טיפע אַנטוישונג און פאַרביטערונג. ווידער האָט ער זיך איבערצייגט וועגן דער ווירקלעכקייט פון דער גע־שיכטע,וואָס ווערט אַזוי געמיין געפעלשט דורך שיין־באַפּוצטע פראַזן. אַנדערש ריידן די רעוואָלוציאָנערן פאַר זייער נצחון, און אַנדערש האַנדלען זיי נאָך זייער נצחון. נעכטיקע הבטחות ווערן ציניש אויסגעלאַכט און קיין שום עטיש געזעץ קרעמפּירט נישט די, וואָס באַזיצן די מאַכט. אויך דאַסמאָל האָט דאָס גרויסע אייראָ־פּעאישע לייענער־פּובליקום געקאָנט פעסטשטעלן, ווי גערעכט זיי־נען געווען די היסטאָרישע אַנשויאונגען און אורטיילן פון מאַקס נאָרדוי אין זיינע אַלטע ווערק און באַזונדערס אין זיין נייעם בוך: „די אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע".

קאַפּיטל ל"ה

„היט אָפּ הערצלס ציוניסטישע ירושה!"

דעם 29־טן יולי 1909, איז מאַקס נאָרדוי אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. די גאַנצע קולטור־וועלט און בעיקר די ייִדישע און ציוניס־טישע וועלט האָבן דעם דאָזיקן יובל געפייערט מיט איבערגעגעבנ־קייט און דרך ארץ פאַר דעם באַרימטן מייסטער פון דער אייראָפּע־אישער ליטעראַטור און דעם אומדערשראָקענעם טריבון פון הערצ־ליאַנישן ציוניזם. אויף נאָרדויס אַדרעס זיינען אָנגעקומען טעלע־גראַמעס און געבורטס־טאָג־מתנות פון דער גאַנצער וועלט. די וועלט־פּרעסע, און באַזונדערס די פראַנצויזישע, האָט ווידעראַמאָל דערמאָנט מיט אָנערקענונג און לויב די ליטעראַרישע, וויסנשאַפט־

לעבע, מעדיצינישע און געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פון 60־יעריקן בעל־יובל. דער ציוניסטישער צענטראל־אָרגאַן „די וועלט" האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן, גרויסן נומער, געווידמעט נאָרדויען, און דער „יידישער נאַציאָנאַלפאָנד" (קרן קימת לישראל) האָט געלאָזט דרוקן אַ מאַרקע מיט נאָרדויס בילד. אין אַלע ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציעס און אינסטיטוציעס בכל תפוצות ישראל איז דער 60־יערי־קער געבורטס־טאָג פון פּאַריזער ציוניסטישן מנהיג געפּייערט גע־וואָרן מיט אַן אימפּאָנירנדיקער ערנסטקייט און ליבשאַפט.

מער ווי אַלע צאָלרייכע, קאָסטבאַרע מתנות, האָט מאַקס נאָר־דויען דערפרייט דאָס באַשיידענע בילדל, וואָס איז אים איבערגע־געבן געוואָרן אין געבורטס־טאָג דורך זיין געליבט טעכטערל מאַק־סאַ און אירע שוועסטערלעך. דאָס איז געווען אַ מין דיפּלאָם, גע־צייכנט מיט טאַלאַנט און גייסטרייכן וויץ. די צוקונפטיקע באַוווסטע מאָלערין מאַקסאַ נאָרדוי האָט שוין אין דעם דאָזיקן „יוגנט־ווערק" באַוויזן אירע קינסטלערישע פעאיקייטן. אויף דעם דיפּלאָם האָט מען געזען אַ פּאָר פרויען, גייענדיק אויף דעם וועג קיין ירושלים, און צוזאַמען מיט זיי האָבן קינדער, שפּרינגנדיק און לאַכנדיק, באַגריסט די אַלט־נייע הויפּט־שטאָט פון ישראל. ציוניסטישע פּי־רער פילן זיך אָפט אײנזאַם און פאַראַטן אין זייער ציון־אידעאַל צווישן די נאָענטסטע בני־בית. אויך נאָרדויען האָט יאָרנלאַנג געפּייניקט די מורא, וועלכע איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיי־נונג אין די שטובן פון ציוניסטישע מנהיגים. דער טריבון פון ציו־ניסטישע קאָנגרעסן האָט ביי זיך אין דער היים נישט געפירט קיין אידייאישע פּראָפּאַגאַנדע. מיט סובטעלע דערציאונגס־מיטלען האָט ער באַאיינפלוסט און דערצויגן זיינע קינדער. דער 29־טער יולי 1909 איז געוואָרן זיין גרעסטער טריומף, אַ נצחון, וועלכן ציוניס־טישע פירער האָבן, ווי געזאָגט, זעלטן צו פאַרצייכענען. נאָרדויס קינדער האָבן אין זייער באַשיידענעם דיפּלאָם אַרויסגעוויזן אַ טיפע טרייקייט און ליבשאַפט צו ארץ־ישראל און צו דעם ציון־אידעאַל פון זייער פאָטער. נאָרדוי האָט דאָס באַצייכנט אַלס דאָס בעסטע און שענסטע געשענק צו זיין 60־יעריקן יובל.

אין אָוונט האָבן זיך אין אַ באַקאַנטן רעסטאָראַן אויף שאַנז־עליזעי פאַרזאַמלט, צו אַ פייערלעכן, הגם אינטימען, באַנקעט די נאָענטסטע פריינט און משפחה־מיטגלידער. מ׳האָט גוט געגעסן און געטרונקען און אויך געהאַלטן רעדעס מעניני דיומא. נאָרדויס שטי־מונג איז געווען אַן אויסגעצייכנטע. ער האָט געפילט אַרום זיך די האַרציקע אַטמאָספער פון טרייע, איבערגעגעבענע מענטשן. די

איינזאַמקייט, וואָס האָט אים אַ סך מאָל פאַרפאָלגט און געפּייניקט, איז איצט, ווי אויף תמיד, פאַרשוואונדן. ער האָט אַרום זיך געזען בלויז צעשטראַלטע, באַגייסטערטע פּנימער, און זיין ענטוזיאַסטישע, דיכטערישע נשמה האָט זיך געפרייט מיט דער נאָענטקייט פון אַזוי פיל גוטע און טרייע פריינט. ס'איז געווען אַ הייסע און שטיקנדיקע אויגוסט־נאַכט און דורך די אָפענע פענצטער האָט מען געזען די גלאַנציקע פּאַנאָראַמע פון די פּאַריזער הויפּט־גאַסן, האַלב־טונקל אין די ווינקלען, און ווי צום קאָנטראַסט, מיט ליכט־שפּע באַגאָ־סענע פּראָמענאַדע־וועגן. נאָרדויען האָט באַהערשט אַ געפיל פון פרייד און גליק: ס'איז דאָך די שטאָט פון ליכט, די האַרציקע פּאַ־ריזער מעטראָפּאָליע, וווּ ער האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט זיין רום און גרויסקייט.

מאַקס נאָרדוי האָט געוואָרפן אַ צעשמייכלטן, דאַנקנדיקן בליק אויף זיינע ליבע געסט, וואָס האָבן זיך גראָד אַלע, ווי אויף אַ באַ־פעל, אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער, און האָבן אַ ביסל טומלדיק, מיט ווערטער און געזאַנג, געווונטשן דעם בעל־יובל הונדערט אָדער הונדערט־צוואַנציק לעבנס־יאָר, אַלץ לפי זייער ווייטהאַרציקייט און קאָנפעסיאָנעלער טראַדיציע. יידן און קריסטן זיינען געזעסן צוזאַמען אין אַן האַרמאָנישער, ברודערלעכער אייניקייט, און די גלעזער, אָנגעפילט מיט שאַמפּאַן האָבן צוגעגעבן דער זעלטענער שמחה אַ טעמפּעראַמענטפולן קאָלאָריט. פּלוצלונג איז געשען אַן אומאַנגענעמער אינצידענט. נאָרדויס שוועסטער שאַרלאָטע, האָט גע־חלשט און איז אַוועקגעפאַלן אַ טויט־בלאַסע. די מאַדאַם נאָרדוי און די פרוי פון ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק, וואָס איז געווען פון באַרוף אַ דאָקטאָרין, האָבן די פאַרחלשטע אַרויסגעפירט אין אַ נעבן־צימער. דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַך איז גאָר־נישט קיין ערנסטע. שאַרלאָט, אַן עלטערע שוין דאַמע, האָט פּשוט לכבוד דעם באַנקעט פון איר ברודער, אָנגעטאָן דעם אַלטמאָדישן קאָרסעט, וועלכער האָט איר איצט, ביי דער שטיקנדיקער היץ, אָנ־געטון צרות און לסוף אַוועקגעלייגט אַ פאַרחלשטע. די קראַנקע איז באַלד צו זיך געקומען און די געסט האָבן ממשיך געווען זייער שמחה.

אָבער מאַקס נאָרדויס שטימונג איז געווען ווי פאַרענדערט. עפּעס אַן אומהיימלעכער געפיל האָט אים באַהערשט. צי איז דאָס אַלץ אַרום אים, נישט מער ווי אַ חוזק־שפּיל, איינער פון די אָנגע־נומענע קאָנווענציאָנעלע שקרים? נאָרדוי, דער ראַציאָנאַליסט, דער שכל־מענטש, וועלכע האָט אין זיינע ווערק און עפנטלעכע פאָרלע־

זונגען, באַקעמפט די מעטאַפיזיק, איז אַליין אין זיין פּערזענלעכן לעבן געווען נוטה צו פאַטאַליסטישע שטימונגען און האָט אָפט געגלויבט אין זאַכן, וואָס זיינען באַשערט, הגם זיי לייגן זיך נישט אויפן שכל הישר. אַהיימפאָרנדיק אין אַ פּראַכט־פולן קאָטש מיט זיינע נאָענטסטע בני־בית, האָט נאָרדוי שוין נישט מער געטראַכט וועגן דעם באַנקעט און וועגן זיינע צאָלרייכע פריינט. ער האָט נישט געזען די שיינקייט פון דער פּאַריזער מעטראָפּאָליע, הגם אויך איצט, אין די שפּעטע נאַכט־שעהן איז געלעגן אַ ווונדערבאַרער חן און כישוף אויף די דאָזיקע ברייטע פּלעצער און רחבותדיקע גאַסן. פאַר נאָרדויס גייסטיקע אויגן זיינען געשטאַנען צעבראָכענע גע־שטאַלטן, טרויעריקע באַזוכער בעת זיינע בחנמדיקע אויפנאַם־שעהן, טראַגישע קרבנות פון די לעצטע רוסישע פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך פון צאַריסטישן גיהינום, דורך אומצאָליקע גרענעצן און שווע־ריקייטן דורכגעריסן ביז קיין פּאַריז, בכדי דאָ, פאַר דעם באַרימטן דאָקטאָר און יידישן מנהיג, אויפצודעקן די ווונדן פון זייער קער־פּער און נשמה. צי קאָן מען איצט פּראַוון באַנקעטן און פרייען זיך מיט דעם לעבן, ווען אַ פאָלק, דיין פאָלק, שטייט פאַרן אָפּ־גרונט פון שרעקלעכער נויט און פאַרצווייפלונג? ! ווי מיט יאָרן צוריק, דעמאָלט אויך אין אַ הייסן, שטיקנדיקן אויגוסט־אָוונט, האָט נאָרדויען באַהערשט אַ מאָדנער אומעטיקער געפיל, וועלכער האָט אים אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט איינשלאָפן און אויך די נאָענטסטע טעג געפּייניקט און צעבראָכן.

נאָרדוי איז איצט אָפט געגאַנגען אין די אָרעמע געסלעך, בשכ־נות פון בעלוויל און סען־פּאָל, ווו עס האָבן וועגעטירט אַ סך יידיש־רוסישע עמיגראַנטן. אויף די פּאַרטרוקנטע, מיט וויניקע ביימלעך באַפּוצטע סקווערן און אין קליינע קאַפע־הייזלעך האָט נאָרדוי גע־פירט שמועסן מיט די דאָזיקע „פרעמדע און ווייטע" און דאָך אַזוי באַקאַנטע און נאָענטע. זיי האָבן זעלטן געוווסט, מיט וועמען זיי ריידן און האָבן אָפן און אויפריכטיק דערציילט וועגן זייערע פאַר־גאַנגענע יסורים און איצטיקע דאגות. נאָרדוי האָט באַקומען אַ פּלאַסטיש, קלאָר בילד, געמאָלט אָן שיינע פראַזן און אָן טראַגישע געסטן, וועגן דער פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד נאָך דער מפּלה אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן און אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער באַזיגטער רעוואָלוציע. די בלוטיקע אַנטי־יידישע אַקציע, אָרגאַניזירט דורך דער צאַריסטישער רעגירונג און אָנגעפירט דורך די כוליגאַנעס פון „עכט־רוסישן פאַרבאַנד", האָט גורם געווען צענדליקער טויזנטער יידישע קרבנות און האָט צע־

טרייסלט דעם מענטשלעכן און ווירטשאפטלעכן קיום פון רוסישן יידנטום. ווי אָפט האָט נאָרדוי געזען און געפילט אין די אויגן פון די אַנטלאָפענע רוסישע יידן זייער טיפן צער און טראַגישע האָפנונגסלאָזיקייט! זעלטן האָט ער פון זיי געהערט, מיט אַ שטאָלצער סאַטיספאַקציע, מוטיקע ווערטער וועגן דעם יידישן „זעלבסטשוץ", וואָס האָט מיט געוואַלד אין דער האַנט פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד און דאָס לעבן פון די פּאָגראָמירטע ברידער.

נאָרדוי האָט ערשט איצט באַנומען הערצלס „יידנשטאַט"־פּלאַן אין זיין גאַנצער ברייטקייט און געניאַלקייט. די דאָזיקע 7 מיליאָנען רוסישע יידן, וואָס שטייען ביים תהום פון זייער ווייטערדיקן קיום קאָן מען נישט ראַטעווען מיט אַ קליינלעכער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. ווי לעבערלעך אומבאַהאָלפן איז דער אויסוועג, וועלכן עס פּרעדיקן די חובבי־ציון און די אַנדערע קעגנער פון פּאָליטישן ציוניזם. דאָס איז אַזוי, ווי מען וואָלט אַ שטורמישן מבול, וואָס באַגיסט און פאַרניכטעט אַלץ, געוואָלט אויסשעפּן מיט אַ קליינעם, נעבעכדיקן גלאָז. ראַטעווען קען מען דאָס פאַרצווייפלטע מזרח־יידנטום בלויז מיט אַ גראַנדיעזן, מעכטיקן מלוכה־פּלאַן, וואָס וועט דערמעגלעכן אַ שנעלע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון מיליאָנען יידן. נאָרדוי האָט אַרויסגעפילט די מוראדיקע טראַגישקייט פון הערצלען, בעת ער איז אין זומער 1903 געשטאַנען צווישן די ווילנער יידן און האָט זיי צוגעוואָרפן די שרעקלעכע פראַגע: „ווי קאָנט איר אַזוי לעבן?!". און איצט ווילן זיי, די דאָזיקע קליינלעכע מענטשן און מינימאַליסטישע ציוניסטן, איבערנעמען די ממשלה אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דורך הערצלען געשאַפן און אויסגעבויט געוואָרן. זיי ווילן אָראָפּזעצן וואָלפזאָנען און ליקווידירן דעם פּאָליטישן ציוניזם, בעת דאָס אייראָפּעאישע יידנטום שטייט פאַר אַ צוזאַמענבראָך!

נאָרדוי איז געגאַנגען אויף ציוניסטישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען און זיין לייבן־שטימע האָט געדונערט: „מיר, די פּאָליטישע ציוניסטן, וועלן בשום אופן נישט לאָזן פאַרטאַכלעווען הערצלס גרויסע ירושה!" נאָרדויס גייסטרייכע און שאַרפע פּעדער האָט געבליצט אויף די שפּאַלטן פון ציוניסטישע צייטונגען מיט אַ קאַמף־לאָזונג: „נאָר דער פּאָליטישער ציוניזם קאָן ראַטעווען דאָס וועלט־יידנטום!".

נאָרדויס אַרויסטרעטונגען, סיי מינדלעכע און סיי שריפטלעכע, האָבן אָנגעזאָגט אַ שטורם אויף דעם נאָענטסטן, ניינטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז צונויפגערופן געוואָרן אויף סוף דעצעמבער 1909 קיין האַמבורג.

די דאָזיקע פּאָליטישע אויפֿרעגונגען און אָנשטרענגונגען האָבן מאַקס נאָרדויען שטאַרק דענערווירט און פֿאַרמאַטערט. אויף דעם פֿאַרלאַנג פֿון זיינע נאָענטסטע פֿריינט און זיין פֿרוי אַננאַ, לאָזט ער אַלץ שטיין און פֿאָרט סוף זומער 1909 אויף אַ דערהאָלונגס־רייזע קיין איטאַליע. אויסרוענדיק זיך אין אַ פּרעכטיקער רואיקער סביבֿה, באַקומט נאָרדוי פּלוצלונג אַ בריוו פֿון טשעזאַרע לאָמבראָזאָ. דער גרויסער געלערנטער און טרייער ייִד האָט זיך דורכויס געוואָלט טרעפֿן און דורכשמועסן מיט מאַקס נאָרדויען, וועלכן ער האָט שטאַרק געשעצט און ליב באַקומען. אין זיין בריוו צום פּאַריזער פֿריינט שרייבט לאָמבראָזאָ, אַז ער האָט עפּעס אַ מאָדנעם, כּמעט מיסטישן פֿאָרגעפֿיל וועגן זיין נאָענטן טויט. נאָרדוי האָט מיט אַ געוויסער שטוינונג פֿעסטגעשטעלט, אַז אויך דער דאָזיקער וועלט־באַרימטער מעדיצינישער אויטאָריטעט לאָזט זיך באַאיינפֿלוסן פֿון מעטאַפֿיזישע אמונות און מיסטישע שטימונגען. נאָרדוי האָט גלייך אָנגענומען לאָמבראָזאָס איינלאַדונג און האָט אים באַזוכט אין זיין ווילע ביי דער אָזערע לאַגאָ מאַדזשאָרע.

טשעזאַרע לאָמבראָזאָ, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון אַ מיוחס־דיקער איטאַליעניש־ייִדישער משפּחה פֿון רבנים און געלערנטע, איז שוין געווען אַ זקן פֿון 73 יאָר. זיכער איז ער געווען איינער פֿון די טיפֿסטע און אָריגינעלסטע גייסטער פֿון 19־טן יאָרהונדערט. זיינע מעדיצינישע און אַנטראָפּאָלאָגישע ווערק האָבן אים געשטעלט אין דער ערשטער ריי פֿון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפֿטלער־פּלעיאַדע. אַלס אַ דירעקטאָר פֿון אַ גרויסן אַנשטאַלט פֿאַר גייסטיק־קראַנקע און שפּעטער אַלס אוניווערסיטעטס־פּראָפֿעסאָר פֿאַר פּסיכיאַטריע און געריכטלעכער מעדיצין, האָט לאָמבראָזאָ זיך דערוואָרבן אַ ריזיקע דערפֿאַרונג אין די דאָזיקע פֿאַך־געביטן. זיינע לאַנגיעריקע איבערלעבענישן צוזאַמען מיט זיין עכט־ייִדישער פּכחות האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ וווּנדערבאַרן קענער פֿון דער מענטשלעכער נאַטור און נשמה.

ביז צום ערשטן סעפּטעמבער 1909 איז נאָרדוי געבליבן צוזאַמען מיט לאָמבראָזאָ. ס'איז געווען זעקס וואָכן פֿאַר לאָמבראָזאָס טויט. דער אַלטער איטאַליעניש־ייִדישער גאון האָט אַרום זיך געפֿילט, מיט אַ מערקווירדיקער אינטואיציע, די שאָטנס פֿון טויט. נאָרדוי האָט אים געפּרוווט צו טרייסטן, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט די קלוגסטע און בעסטע מעטאָדן, וועלכע זיין יאָר־צענטליקער־לאַנגע פּראַקטיק, אַלס פּסיכיאַטאָר און דענקער, האָט אים געקענט געבן. לאָמבראָזאָ האָט מעלאַנכאָליש געשמייכלט, ווי ער וואָלט גע־

זאָגט: „ליבער קאָלעגע, מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן מיט דיינע דאָק־טאָרישע קונצן, איך קען דאָס פּאַך נישט ערגער, ווי דו!".

לאָמבראָזאָ האָט אָפּט גערעדט וועגן דעם טויט. אין דרויסן האָט געשיינט די הייסע, ברענענדיקע איטאַליענישע זון און אַרום דער אָזערע איז געלעגן ברייט און פאַרשווענדעריש צעשפּרייט די גן־עדן־פּראַכט פון דער נאַטור. עס האָט געשמעקט מיט בלומען און פּאַלמען, און פון דער נאָענטקייט זיינען, ווי קלאַנגען פון זילבערנע גלאָקן, דערגאַנגען די לוסטיק־זינגנדיקע שטימעלעך פון פויערישע קינדער. אַלץ האָט דאָ, אין דער ווונדערבאַרער סביבה, געאָטעמט מיט געזונטקייט און לעבנס־פרייד, און דער הימל, דער קלאַסישער, אָפּט באַשריבענער און באַזונגענער, איז געווען בלוי־ריין, אָן דעם קלענסטן וואָלקן.

אָבער וואָלקנס, שווערע, בלייערנע, זיינען געלעגן אויף די נשמות פון די דאָזיקע צוויי יידישע זקנים, אַלטע אין יאָרן און באַלאָדן מיט לעבנס־דערפאַרונג, וויסן און חכמה. זייערע הבל־הבלים'־דיקע געדאַנקען און געפילן, זיכער אַ ירושה פון לאַנגע יידישע דור־רות, האָבן פאַרשטעלט די בלוי־העלע ליכט פון איטאַליענישן הימל און האָבן אומברחמנות'דיק פאַריאָגט די ערדישע פּראַכט. דער וועלט־באַרימטער פּראָפעסאָר פון טורינאָ, וואָס האָט געזאָלט אין נאָוועמבער 1909 פייערן זיין 73־סטן געבורטס־טאָג, און דער גרויסער אייראָפּעאישער שריפטשטעלער און דענקער פון פּאַריז, וואָס האָט ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געפייערט זיין 60־סטן געבורטס־טאָג, זיינען צום סוף פון אַלע געשפּרעכן וועגן מעדיצין, פּסיכיאַטריע, ליטעראַטור און פּאָליטיק, געקומען תמיד צום אייביקן פינאַל, דעם סוד פון מענטשלעכן טויט. אויף די ברעגעס פון דער הערלעכער אָזערע זיינען לאַנגע שעהן אָפּגעזעסן צוויי חכמי־ציון, פאַרטאָן אין זייערע געדאַנקען אָדער געשפּרעכן, און אַרום זיי האָט זיך געשלייכט מיט שטילע, טרויעריקע טריט דער מלאך המות.

נאָר איינמאָל האָט משעזארע לאָמבראָזאָ גובר געווען זיין מעלאַנכאָלישע שטילקייט און איז אַריבער צו אַ טעמפּעראַמענטפולן אויפברויז. דאָס איז געשען, ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן יידנטום און ציוניזם. דער אַלטער געלערנטער האָט דערמאָנט מיט באַגייסטערונג די געשטאַלט און די טעטיקייט פון טעאָדאָר הערצל. ער האָט באַדויערט טיף און אויפריכטיק, אַז ס'איז אים נישט באַשערט געווען אָנטיילצונעמען אין ציוניסטישע קאָנגרעסן, הגם ער

האָט זיי באַגריסט מיט טעלעגראַמעס. לאָמבראָזאָ האָט אַרויסגע־וויזן אַ באַהאַוונטקייט אין ציוניסטישע ענינים און האָט זיך גוט אָריענטירט אין דער אינערלעכער לאַגע פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע. „נאָר דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אַ באַדייטונג פאַר דער יידישער פראַגע און איר לייזונג", האָט ער אַ פּאָר מאָל אי־בערגעחזרט פאַר נאָרדויען. לאָמבראָזאָ באַדויערט, וואָס די איטאַ־ליענישע יידן שטייען ווייט פון ציוניזם: „מיר זיינען אפילו אַ קליי־נער קיבוץ פון אַ פּאָר צענדליקער טויזנטער נפשות און פילן זיך אַלס פרייע און גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. אָט איז אונזערער אַ ייד פּרעזידענט פון דער שטאָט רוים און אַן אַנדערער ייד פירט אָן מיט דער רעגירונג. אָבער וואָס ווייסט מען? מיר וועלן אפשר מער דאַרפן האָבן ארץ־ישראל, ווי ארץ־ישראל וועט אונז דאַרפן האָבן!".

בעת דעם געזעגענונגס־אָוונט, האָט נאָרדוי דערמאָנט לאָמבראָ־זאָס בוך „דער אַנטיסעמיטיזם און די וויסנשאַפט", וואָס איז דער־שינען מיט אַ 15 יאָר צוריק, און האָט זיין האַרציקן גאַסט־געבער צוגערעדט צו שרייבן אַ נייַ בוך וועגן מאָדערנער יידישער פּראָבלע־מאַטיק פון ריין־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. נאָרדוי האָט אויך איינגעלאַדן לאָמבראָזאָ צום ניינטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אַ פּאָר חדשים אַרום. לאָמבראָזאָ האָט געשמייכלט מיט אַן אומעטיקן חן, ווי ער וואָלט געזאָגט: „עס איז צו שפּעט, ליבער חבר!" און דאַן האָט ער מיט שטילע ווער־טער צוגעגעבן: „גריסט דעם ציון־קאָנגרעס און היט אָפּ הערצלס ציוניסטישע ירושה!".

דאָס איז געווען דאָס לעצטע געשפּרעך צווישן די צוויי גרויסע יידישע אייראָפּייער. סוף אָקטאָבער איז צו נאָרדוי דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה וועגן לאָמבראָזאָס טויט. נאָרדוי האָט לעצטנס אָפּט געטראַכט וועגן די דאָזיקע מערקווירדיקע געשפּרעכן ביי דער אָזערע לאַגאָ מאַדזשאָרע. ער האָט זיך לאַנג נישט געקענט באַפרייען פון די אומעטיקע איבערלעבענישן.

ערב דעם ניינטן קאָנגרעס, איז פאַרשאַרפט געוואָרן, מיט יעדן טאָג אַלץ מער, דער אינערלעכער קאַמף אין דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע. פון די פּאַרטייאישע פאַרזאַמלונגען און פון די אומצאָ־ליקע פּריוואַטע בריוו, איז צו נאָרדויען דערגאַנגען, ווי אַ ווידער־קול פון לאָמבראָזאָ'ס שטאַרבנדיקער שטימע, דער רוף: „היט אָפּ הערצלס ציוניסטישע ירושה!".

קאַפּיטל ל"ו

בעת דעם ציוניסטישן געראַנגל אויף קאָנגרעסן

און אין דער אָרגאַניזאַציע

ווידער האָבן שטורמישע געשעענישן אין פּאָליטישן לעבן פון פראַנקרייך אָבסאָרבירט מאַקס נאָרדויען און דערווייטערט אים, אויף אַ ווײַלע, פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. פון דעם בית־עלמין אויף מאָנמאַרטר האָט מען אריבערגעפירט צום פּאַנטעאָן די ביינער פון באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער און קעמפער עמיל זאָלאַ. די דאָזיקע אריבערפירונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער, אימפּאָנירנדיקער מאַניפעסטאַציע פון אַלע רעפּובלי־קאַנישע און פרייהייטלעכע פּאַרטייען און מענטשן. די רעגירונג און דאָס פּאָלק פון פראַנקרייך האָבן דעם גרויסן נפטר געוואָלט באַצאָלן די מאָראַלישע שולד, וועלכע האָט געפּייניקט דאָס פראַנ־צויזישע געוויסן זייט יענע דראַמאַטישע טעג, ווען זאָלאַ איז צוליב זיין קאַמף לטובת דרייפוסן פאַראורטיילט געוואָרן צו תפיסה.

בעת דער צערעמאָניע אין פּאַנטעאָן איז אָנוועזנדיק געווען מאַיאָר אַלפרעד דרייפוס. פּלוצלונג האָט מען אויף אים געשאָסן און פאַר־וואונדעט אין דער האַנט. דורך אַ צופאַל איז נאָרדוי געזעסן אין דער נאָענטסטער שכנות פון אַטענטאַטאָר. נאָרדוי האָט זיך אויף אים געוואָרפן און אים מיט דער גאַנצער קראַפט געשטויסן צו דער ערד, זיינע פינגער האָבן אָנגעכאַפּט דעם מערדערישן פאַנאַטיקער ביים האַלז און אים אוממעגלעך געמאַכט דאָס ווייטערדיקע שיסן. ווי נאָרדוי האָט שפּעטער דערציילט, האָט ער בעת מעשה געפילט צוליב זיין אָנשטרענגונג, אַזאַ געוואַלדיקן צופלוס פון כוחות, אַז לייכט איז אים געווען צו דערשטיקן צום טויט דעם אַטענטאַטאָר, נאָר עפּעס אַן אינערלעכער קול האָט אים צוריקגעהאַלטן און נישט געלאָזט עובר זיין אויף דעם געבאָט: „לא תרצח!". דער אַטענ־טאַט ווי אויך אַנדערע דעמאָנסטראַטיווע געשעענישן אין לאַנד, האָבן קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז דער אַנטיסעמיטיש־רעאַקציאָ־נערער לאַגער אין פראַנקרייך איז נאָך נישט לגמרי צעשמעטערט, הגם ער איז באַזיגט און פון דער רעגירונגס־מאַכט דערווייטערט.

כידוע, איז נאָרדוי געווען נאָענט באַפריינדעט מיט עמיל זאָלאַ

און זיין איידעלער פרוי. ווען דער געניאַלער פראַנצויזישער ראָמאַ־ניסט איז אין יאָר 1902 פּלוצלונג אומגעקומען (דורך אַ באַנאַלן צופאַל מיט אַ גאַז־אויוון), איז זיין אלמנה געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין נאָרדויס שטוב. דאָס איז געווען אַ זייער אינטעליגענטע און פיינע פרוי און איר פריינטשאַפט מיט די נאָרדויס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַלס ערלעך און אויפריכטיק אויך שפּעטער, אין די שווער־סטע צייטן. נאָרדוי האָט איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס אַ דאַנק איר, האָט ער זיך איבערגעבעטן און נאָענט באַפריינדעט מיט איר מאַן, דעם גרויסן פראַנצויזישן גייסט־מענטש און קעמ־פער, וועלכן ער האָט, מיט יאָרן צוריק אַזוי שאַרף אַטאַקירט אין זיין בוך „דעגענעראַציע". לאַנגע אָוונטן איז מען מיט זאָלאַס אלמנה אָפּגעזעסן אין נאָרדויס הויז, דערמאָנענדיק יענע צייטן פון שטורמישע קאַמפן און דראַמאַטישע געשעענישן.

דעם פּאָרפּאַל מיט דעם אַטענטאַטאָר בעת דער צערעמאָניע אין פּאַנטעאָן, האָט שוין נאָרדוי כמעט־לגמרי פאַרגעסן. אַנדערע ענינים און זאָרגן האָבן איצט פאַרנומען זיין אויפמערקזאַמקייט. דערמאַנט האָט אים וועגן דעם ווידער איינער פון די דעלעגאַטן בעת דעם נייעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַמבורג. דאָס איז געווען אַ פרו־מער, אין טראַדיציאָנעלער טראַכט געקליידעטער עלטערער ייד פון דרום־אוקראַאינע, דוכט זיך אַ רב. נאָרדוי האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער איז צוגעקומען און געווונטשן נאָרדויען אריכת־ימים צוליב זיין 60־יעריקן גע־בורטס־טאָג און צוליב דעם גליקלעכן ניצול־ווערן בעת דער שיסע־ריי אין פּאַנטעאָן. די ציטערדיקע שטימע פון אוקראַאינישן רב האָט עפּעס שטיל צוגעגעבן ברכות און נאָרדויען האָט זיך אויף אַ רגע געדוכט, אַז אָט שטייט פאַר אים זיין פאָטער ע"ה, ר' גבריאל זידפעלד, און בענטשט גומל צוליב אַ גליקלעכן צופאַל.

אָבער גאָר ווייניק הנאה האָט נאָרדוי געהאַט, ווען אַ פּאָר שעה שפּעטער איז אין די קולוארן פון קאָנגרעס־בנין, צוגעקומען צו אים אַן אַנדערער דעלעגאַט, דאָסמאָל שוין אַ באַרימטער רוסישער ציוניסט, איינער פון די אָנפירער פון די „פּראַקטישע", און האָט אים, נאָרדויען, געווונטשן צו זיין 60־יעריקן יובל, צוגעבנדיק מיט אַ שמייכל און כלאחר־יד: „בן־ששים לזקנה !". נאָרדוי האָט אינסטינקטיוו אַרויסגעפילט, אַז דער דאָזיקער פיינער פסוק איז דאָס מאָל נישט באַנוצט געוואָרן צופעליק, ס'איז זיכער געווען דערביי אַן ערנסטע פּאָליטישע כוונה. מ'האָט זיין, נאָרדויאיש־טראַ־דיציאָנעלע קאָנגרעס־רעדע אויסגעהערט מיט דרך ארץ און התלה־בות, און איצט וויל מען אים בכבודיק משלח זיין, ווי זיס פּאַסט

פאַר אַ זקן, וואָס דאַרף זיך נישט מישן אין די שטורמישע און ליידנשאַפטלעכע קאָנגרעס־קאַמפן.

נאָרדוי האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געפילט, נישט געוואָלט פילן אַלס זקן. גראָד להיפוך. מיט אַ יוגנטלעכן כוח און טעמפּעראַמענט האָט ער זיך באַטייליקט אין די קאָנגרעס־פאַרהאַנדלונגען און אין די פאַרביטערטע קאַמפן, וועלכע האָבן זיך דאָ געפירט, פאַר און קעגן וואָלפזאָן, פאַר און קעגן דעם פּאָליטישן ציוניזם. די „פּראַקטישע ציוניסטן" מיט אַלע זייערע חובבי־ציוניסטישע און אחד־העמיסטישע אָנהענגער, זיינען געקומען צום האַמבורגער קאָנגרעס מיט דעם פעסטן באַשלוס, צו ליקווידירן וואָלפזאָנס פּרעזידענטשאַפט און איבערצונעמען די ירושה פון הערצלען. זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטן, אומדערוואַרטעטן ווידערשטאַנד. וואָלפזאָן האָט נישט געהערט צו די שוואַכע און ווייכע נאַטורן. אויף דעם פאָרשלאַג פון דער אָפּאָזיציע אין קאָנגרעס, אויסצודריקן דער לייטונג אַ מיסטרויאונגס־וואָטום, האָט פּרעז. וואָלפזאָן געענטפערט מיט אַ שאַרפער רעפּליק, וועלכע האָט אַרויסגערופן ליידנשאַפטלעכע פּראָטעסטן און אַ טומל. וואָלפזאָן האָט נישט געשאָנעוועט זיינע קעגנער און זיין שטים האָט געדונערט: „מ׳קעמפט קעגן דער לייטונג מיט מיאוסע מיטלען, מיט אינטריגעס און שקרים. דאָס טוען די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן הערצלען פאַרביטערט דאָס לעבן. ס׳איז דער צעשטערנדיקער גייסט פון כאַרקאָוו, וועלכער טרייבט די אָפּאָזיציע צום קאַמף קעגן אונז! אויפריכטיק איז זיך איינער פון די אָפּאָזיציע־פירער מודה געווען אין אַ פּערזענלעכן געשפּרעך מיט מיר, דערקלערנדיק: איר, וואָלפזאָן, זענט אונז אַ צו שטאַרקע פּערזענלעכקייט! איך וועל אָבער נישט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל די ירושה פון הערצלען פאַרטאַכלעווען מיט אַנאַרכיע און הפקרות. זאָל מען פון דעם נישט מאַכן קיין ענין פון מזרח־און־מערב־יידנטום. איך פיל זיך נאָך בשלמות אַלס אַ רוסישער ייד. מיין לייטונג האָט אינם ציוניזם ווידער איינגעפירט אָרדענונג און אַרבעט, זי האָט איר פליכט דערפילט!".

די פּאָליטישע ציוניסטן, מיט נאָרדויען בראש, האָבן מיט אַלע כוחות געשטיצט וואָלפזאָנען אין זיין קאַמף אויפן נייַנטן קאָנגרעס. וואָלפזאָנס לייטונג איז געבליבן ביי דער מאַכט. אָבער זיין „נצחון" איז געשטאַנען אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. כמעט די העלפט פון קאָנגרעס האָט געשטימט קעגן אים. דאָס האָט געשאַפן, סיי פאַר דער באַוועגונג און סיי פאַר וואָלפזאָנען גופא, אַן אומהאַלטבאַרע סיטואַציע. די אָנטיילנעמער פון האַמבורגער קאָנגרעס זיינען אַוועקגעפאָרן מיט פיינלעכע געפילן. אַ סך דעלעגאַטן האָבן דערקלערט

מיט פאַרביטערונג: „אַזאַ קאָנגרעס, ווי אין האַמבורג, קענען מיר זיך נישט מער דערלויבן!".

ווי ס'איז געווען פּאָרויסצוזען, האָבן זיך גלייך נאָכן ניינטן קאָנגרעס ווידער אָנגעהויבן אינערלעכע קאַמפן אין דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וועגן דער צוקונפטיקער אידעאישער ריכטונג און מאַכט־באַהערשונג. געשען איז דאָס אין אַ צייט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע האָט זיך כסדר פאַרשאַרפט צוליב דער וואַקסנדיקער קאָנקורענץ צווישן ענגלאַנד און דייטשלאַנד אין נאָ־ענטן מזרח. ס'האָט זיך אַנטוויקלט איינער פון די הויפּט־קאָנפליקטן, וועלכער האָט געפירט, אַ פּאָר יאָר שפּעטער, צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער צונויפטרעף צווישן דעם ענגלישן קעניג עדוואַרד דעם זיבעטן און דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן אין רעוואַל, האָט געחתמ'ט אַ פּאַקט צווישן די דאָזיקע צוויי מלוכות קעגן דעם געפערלעכן דייטשן אָריענט־קאָנקורענט. אָבער דייטשלאַנד האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ געלונגענעם מאַנעווער. זי האָט אויף איר זייט אַריבערגעצויגן די יונג־טערקישע מושלים, וואָס זיינען זיינער־צייט געקומען צו דער מאַכט, אַ דאַנק ענגלאַנד'ס פּאָליטישער און מאַטעריעלער הילף.

די פּראָ־דייטשע ענדערונג אין דער טערקיי איז געווען אַ שטאַר־קער קלאַפּ פאַרן ציוניזם. די פּאָליטישע און מיליטערישע פאַקטאָרן אין דייטשלאַנד האָבן נישט געהאַט דאָס קלענסטע פאַרשטענדעניש פאַר ציוניסטישע פּאָסטולאַטן. דער יונג־טערקישער רעזשים האָט באַקומען אַ קלאָרע אַנטי־ציוניסטישע ריכטונג. ביי דער דאָזיקער לאַגע איז געווען די מיינונג פון פירנדיקע פּאָליטישע ציוניסטן, אַז מ'מוז זיך גלייך פאַרבינדן מיט ענגלאַנד, ווייל מ'שטייט פאַר אַ וועלט־מלחמה. די „פּראַקטישע ציוניסטן" האָבן אָבער דאַקעגן גע־האַלטן, אַז מ'טאָר זיך נישט אַנגאַזשירן אויף קיין שום צד און מ'מוז ממשיך זיין דערווייל, ביי אַלע באַדינגונגען, די קאָלאָניזאַ־טאָרישע קליין־אַרבעט אין ארץ־ישראל, וואָס איז אַ טערקישע פּראָ־ווינץ.

די בלוטיקע באַלקאַן־מלחמות אין די יאָרן 1912—1913, בעת וועלכע די טערקישע אַרמיי האָט געליטן שווערע מפּלות, האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט דעם צענטראַליסטיש־שאָוויניסטישן רעזשים פון די יונג־טערקן. די לאַגע פון ציוניזם און פון דער יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל איז געוואָרן נאָך אַ סך שווערער און פיינלעכער. די אומצופרידנהייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געוואַקסן און די אָפּאָזיציע האָט פאַרשאַרפט אירע אַטאַקן קעגן דוד וואָלפ־זאָנס לייטונג. די ציוניסטישע מנהיגים האָבן אָפּגעהאַלטן לאַנגע

און אַפּטע קאָנפערענצן. נאָרדויען האָבן באַזוכט וואָלפזאָן, די ענג־לישע ציון־פירער קאָווען און גרינבערג, יאַקאָבוס קאַהן פון האאג און באַוווסטע עסקנים פון רוסלאַנד און גאַליציע. סטאַבילע הויז־באַזוכער ביי נאָרדויען זיינען געווען: ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָ־רעק און פּראָפ. מרים שאַך, די פּראָמינענטע פּאַריזער ציוניסטן. מ׳איז געזעסן גאַנצע טעג און נעכט און געזוכט בכובד ראש אַן אויסוועג פון דער קריטישער לאַגע, וועלכע האָט זיך געשאַפן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע.

זומער 1910 איז געפאַלן די אַנטשיידונג. דוד וואָלפזאָן האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם קאַמף און צו פאַרציכטן אויף דער ווייטערדיקער פּרעזידענטשאַפט. וואָלפזאָן, דער שטאַרקער און פּראַקטישער מענטש, איז שוין געווען פאַרמאַטערט פון דעם גע־ראַנגל. אָבער נישט דאָס האָט דעצידירט, נאָר דער ציוניסטיש־פּאַ־טריאָטישער מאָטיוו. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען נאָך אויפגעטרייסלט און אָפּגעשוואַכט צוליב דער שפּאַלטונג פון די טע־ריטאָריאַליסטן. אַ ווייטערדיקע אויפטרייסלונג און שפּאַלטונג וואָלט באַדראָט דעם קיום פון דער אָרגאַניזאַציע אין איר אייגנט־לעכן יסוד. דאָס ווערק פון טעאָדאָר הערצל איז געווען טייער און הייליק פאַר זיינע תלמידים. נאָרדוי, וואָלפזאָן און די אַנדערע מנ־היגים פון פּאָליטישן ציוניזם האָבן באַשלאָסן איבערצולאָזן די לייטונג אין די הענט פון די „פּראַקטישע״. קיין אַנדערן אויסוועג פון דער קאָמפּליצירטער און פאַרצווייפלטער לאַגע האָבן זיי נישט געזען. ווען געוויסע פּאָליטישע ציוניסטן האָבן פאַרלאַנגט פון נאָר־דויען, אַז ער זאָל דאָך ממשיך זיין דעם קאַמף און נישט פאַר־ציכטן אויף דער לייטונג, האָט זיי דער גייסטרייכער מנהיג געענט־פערט, אַז מ׳מוז אַזוי האַנדלען, ווי עס האָט געהאַנדלט די אמתע מאַמע בעת דעם באַוווסטן משפּט פאַר שלמה המלך.

דער צענטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל (אויגוסט 1911) האָט רעכטלעך און פּאַרלאַמענטאַריש סאַנקציאָנירט די נייע מאַכט־סיטואַציע אינם ציוניזם. דאָס איז געווען דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין וועלכן מאַקס נאָרדוי האָט זיך באַטיי־ליקט און געפירט דעם פּאָרזיץ. נאָרדויס טראַדיציאָנעלע קאָנגרעס־רעדע, די צענטע און די לעצטע, איז ווידער געווען אַ מייסטער־שטיק פון זיין אָראַטאָרישער קונסט, און האָט פאַר דעם יובל־קאָנ־גרעס אַרויסגערופן דעם אומשטערבלעכן גייסט פון טעאָדאָר הערצל און זיין פּאָליטיש־ציוניסטישער שיטה. דער צענטער קאָנגרעס האָט געהאַט אַ רואיקן פאַרלויף, מ׳האָט מיט אָוואַציעס געדאַנקט פּרעז. וואָלפזאָן פאַר זיין לאַנג־יעריקער טעטיקייט און לסוף האָט מען

געוויילט אַ נייע פינף־קעפּיקע ליטונג פון לויטער „פּראַקטישע", אין וועלכער דער פּאַרנעמער און באַשיידענער בערלינער באָטאַניק־פּראָפעסאָר אָטטאָ וואַרבורג איז געווען דער פאָרמעלער, נייער פּרעזידענט. אזא אָביעקטיווער באאורטיילער, ווי דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, האָט דעמאָלט געשריבן: „אויפן צענטן קאָנגרעס האָט דער פּאָליטישער ציוניזם באמת קאַפּיטולירט פאַר דעם „פּראַקטישן" און „קולטורעלן" ציוניזם, פאַר דער אַלטער חיבת־ציון און פאַר אחד־העמיזם".

צוריקפאָרנדיק פון קאָנגרעס קיין פּאַריז, אין באַגלייטונג פון דיכטער אַנדרע שפּירע, דעם דעלעגאַט פון די פּאַריזער ציוניסטן, האָט נאָרדוי גערעדט מיט אַ יוגנטלעכן ברען וועגן דעם וויטערדיקן קאַמף פאַר הערצלס פּאָליטישער ירושה. „ס'איז נישט קיין קאַפּיטולאַציע, ס'וועט קומען אַ המשך פון דעם קאַמף, און מיר, די פּאָליטישע ציוניסטן, וועלן סוף־כל־סוף זיגן!" — האָט ער דערקלערט מיט אַ קאַטעגאָרישער און אַנטשלאָסענער שטימע. נאָרדוי האָט זיין וואָרט בשלמות געהאַלטן. אפילו אויף איין רגע פאַרציכטעט ער נישט אויף זיין ציוניסטישער וועלט־אַנשויאונג און אויף זיין שליחות. קוים צוריקגעקומען קיין פּאַריז, און שוין טרעט ער אויף צוזאַמען מיט אַנדערע מנהיגים פון פּאָליטישן ציוניזם (וואָלפזאָהן, קאָוועץ, זשאַן פּישער, מאַרמאָרעק און אַנדערע) אויף אַ ציוניסטישן מאַסן־מיטינג און פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער עפנטלעכקייט די פּאַראָלן פון מלוכה'שן, הערצליאַנישן ציוניזם. נאָרדויס אַרטיקלען אין דער ציוניסטישער פּרעסע מאָביליזירן די ציוניסטישע מאַסן און מאָנען דאָס ציוניסטישע געוויסן.

אין דעצעמבער 1912 קומט עס צום ערשטן עפנטלעכן קאָנפליקט צווישן דער נייער ציוניסטישער ליטונג (אין בערלין) און מאַקס נאָרדוי. אין לאָנדאָנער וועלט־בלאַט „טיימס" דרוקט זיך אַ בריוו פון נאָרדויען, אונטערגעשריבן אַלס פּרעזידענט פון 10־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין וועלכן נאָרדוי פּאַרלאַנגט, אַז די דעמאָלט צונויפגערופענע באַלקאַן־קאָנפערענץ זאָל נעמען אין באַטראַכט די ציוניסטישע פּאָסטולאַטן. דער דאָזיקער בריוו האָט ווידער פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די „פּאָליטישע" און „פּראַקטישע" ציוניסטן. די בערלינער ליטונג האָט מורא געהאַט פאַר פּרישע גזירות מצד דער טערקיי און האָט דערקלערט, אַז אפילו מאַקס נאָרדוי טאָר נישט אָנהויבן אויף דער אייגענער האַנט פּאָליטישע שריט. פאַרשטענדלעך, אַז די פּאָליטישע ציוניסטן האָבן זיך געשלאָסן געשטעלט אויף דער זייט פון זייער מנהיג און האָבן פאַרגעוואָרפן דער ליטונג, אַז זי איז באַגאַנגען אַ גרויסן היסטאָרישן

פּעלער מיט דעם, וואָס זי האָט נישט אויסגענוצט די באַלקאַן־קאָנ־פערענץ, בכדי אויף דעם אייראָפּעאישן פאָרום אַוועקצושטעלן דעם גאַנצן יידישן פּראָבלעם.

ווידער האָט זיך אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַרשאַרפט דער אינערלעכער גראַנגל צווישן בײדע הויפּט־לאַגערן, און דאָס האָט געפונען זיין אויסדרוק, אָפט אַ לײדנשאַפטלעכן, אין דער פּאַרטײ־פּרעסע און אין די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. פּאָליטישע ציוניסטן האָבן מיט פאַרביטערונג קריטיקירט דעם קאָלאָניזאַציע־סיסטעם אין ארץ־ישראל און זיינע נישט־פּראַקטישע, פאַרשווענ־דערישע ארבעטס־מעטאָדן. ערב דעם עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין זומער 1913, האָט נאָרדוי געהאַלטן אין פּאַריז, בעת דער הערצל־פייערונג, אַ גאָר שאַרפע רעדע קעגן דער בערלינער לייטונג, וועלכער ער האָט פאָרגעוואָרפן פּאָליטישע אומפּעאיקייט און אַ שלעכטע ווירטשאַפט.

ס'איז געווען אַ יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. סיי אויף דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן האָריזאָנט און סיי אויף אונ־זער אייגענעם ציוניסטישן הימל, האָבן זיך דעמאָלט געזאַמלט וואָלקנס און אָנגעזאָגט אַ נאָענטן שטורם.

קאַפּיטל ל"ז

אויף דער שוועל פון דער וועלט־מלחמה

אין יאָר 1911, בעת זיין אינטענסיווער געזעלשאַפטלעך־ציוי־ניסטישער טעטיקייט, האָט מאַקס נאָרדוי פאַרענדיקט צוויי ביכער. דאָס ערשטע פון זיי, אַ טראַגעדיע מיטן נאָמען „רחב" איז קיינ־מאָל נישט געוואָרן געדרוקט און איז ביז היינט געבליבן אין מאַ־נוסקריפּט. די פּערזאָן פון דער תנ"כישער רחב, דער כנענישער קורטיזאַנע פון יריחו, האָט שוין לאַנג צוגעצויגן די פּאַראינטערע־סירונג פון דראַמאַטורגן און ראָמאַנען־שרייבער. אויף דער קאַנווע פון דער ביבלישער דערציילונג, האָט אונז נאָרדוי געשילדערט די טראַגעדיע פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער און שיינער פרוי, וואָס האָט יידן געהאָלפן צו דעראָבערן די שטאָט יריחו און האָט זיך שפּעטער געפונען אין דעם מיליטער־לאַגער פון יהושע. רחב

קאָן זיך אָבער נישט אריינפּאַסן אין דער נייער סביבה. די פּרויען האַסן זי און די מענער פאַרפאָלגן זי מיט זייערע גלוסטן. א רגע דוכט זיך, אַז די טראַגעדיע וועט זיך ענדיקן מיט א פרייילעכן עפּי־לאָג, מיט א באַנאַלער חתונה. איינער פון יהושוע׳ס בעסטע סאָל־דאַטן פאַרליבט זיך אין רחב, ער זאָגט זיך אָפּ צוליב איר פון זיין כלה און וויל דורכאויס חתונה האָבן מיט דער דאָזיקער פרעמדער פּרוי פון יריחו. אָבער רחב פילט, אַז זי געהערט צו אַן אַנדערער וועלט, צו דער כנעניש־געצנדינערישער, פון וועלכער זי שטאַמט. רחב וויל נישט אומגליקלעך מאכן איר יידישן געליבטן און זי באַגייט זעלבסטמאָרד.

מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען נאָר־דוי׳ס טראַגעדיע, זיינען אַנטציקט געווען מיט דער דראַמאַטישער קונסט און דער קאָלירפולער מאָדעלירונג פון די געשילדערטע גע־שטאַלטן. די סצענישע אַקציע איז לעבעדיק און וואָלט נאָרדוי׳ס „רחב" געזיכערט א גרויסן טעאַטער־דערפאָלג. די דעציזיע פון אוי־טאָר איז אָבער געבליבן א פעסטע, ער האָט זיין מאַנוסקריפּט באַ־האַלטן אין שרייבטיש. נאָרדוי האָט מורא געהאַט, אַז זיין טעאַטער־שטיק וועט אויסגענוצט ווערן צו אַן אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע, צוליב דעם קאָנטראַסט, וועלכער קומט דאָ שאַרף צום אויסדרוק צווישן צוויי וועלטן, דער יידישער און דער געצנדינערישער.

כמעט גלייכצייטיק מיטן פאַרענדיקן די טראַגעדיע „רחב" האָט נאָרדוי צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אין דרוק „די פאַרכשופטע דערציילונגען", א זאַמלונג פון פּראַכטפולע מעשה׳לעך, וועלכע ער האָט במשך פון יאָרן דערציילט, פאַרשטענדלעך בעל־פּה, זיין טעכ־טערל מאַקסאַ. ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער וועגן דער אוי־סערגעוויינלעכער צוגעבונדנקייט פון נאָרדויען צו מאַקסאַ. די מעשה׳לעך, וועלכע דער באַרימטער שרייבער און דענקער (און תמיד פאַריאָגטער ציוניסטישער מנהיג), האָט דערציילט און אַרויס־געגעבן אין א בוך־פאָרם, זיינען א מענטשלעך־רירנדיקער דאָקומענט פון נאָרדויס וווּנדערבאַרער נשמה־ריינקייט. אַזעלכע „פאַרכשופטע דערציילונגען" האָט געקענט אויסטראַכטן נאָר א מענטש מיט א הערלעכן גייסט און מיט א גוטן, באַגייסטערטן, ממש־קינדעריש־ריינעם האַרץ.

די דאָזיקע, שוין כמעט לעגענדאַרע ליבע פון נאָרדויען צו זיין איינציקן טעכטערל מאַקסאַ איז געקומען צום אויסדרוק אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ביי יעדער געלעגנהייט און מעגלעכקייט. אָפט זיצנ־דיק פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און ביכער, האָט נאָרדוי דאָך תמיד דערהערט פון ווייטנס דאָס קלינגנדיקע שטימעלע פון זיין

בת־יחידה (ווען זי איז לאַנגזאַם און מיט מי אַרויפֿגעגאַנגען אין זײַן צימער, קלעטערנדיק אויף די שטיגן) און איז געלאָפֿן בחפֿזון צו עפֿענען איר די טיר. שפּעטער, ווען מאַקסאַ איז שוין אַרויסגעוואַקסן אַביסל פֿון אירע קינדער־יאָרן, האָט דער שטאַרק־באַשעפֿטיקטער, תמיד־פֿאַרמאַטערטער און נישט מער יונגער טאַטע געפֿונען צײַט, געדולד און כוח, בכדי צו שפּאַצירן מיט זײַן מאַקסאַ איבער די באַרימסטע פּלעצער און וויכטיקסטע מוזעאומס פֿון פּאַריז. אָפֿט האָט מען אין לוווּר אָדער אין פּאַליי לוקסעמבורג געזען נאָרדויען אין דער איינציקער געזעלשאַפֿט פֿון דעם יונגן מיידל מאַקסאַ, ווי זיי האָבן צוזאַמען שטודירט די אָנגעזאַמלטע דאָ קולטור־אוצרות און זײַנען לגמרי פֿאַרטאָן געווען אין שמועסן און וויכוחים וועגן היסטאָרישע און קינסטלערישע פּרטים. צוזאַמען מיט איר פֿאָטער האָט מאַקסאַ באַזוכט די בעסטע און שענסטע אויסשטעלונגען פֿון מאָלעריי און סקולפּטור. די שפּעטערדיקע קאַריערע פֿון מאַקס נאָרדויס טאָכטער אַלס קינסטלערין און מאָלערין, איז זיכער געווען, אין אַ גרויסער מאָס, אַ רעזולטאַט פֿון איר פֿאָטערלעכער דערציאונג און גייסטיקער השפּעה.

די שוין דערוואַקסענע מאַקסאַ נאָרדוי האָט מיט איר פֿײַנער קינסטלערישער און דיכטערישער נאַטור, געשאַפֿן אין דער היימישער סביבה, אַ דערגענצונג צו דער גאַסטפֿרײַנטלעכער שטוב פֿון איר גרויסן און וועלט־באַקאַנטן פֿאָטער. נאָרדוי איז אָפֿט פֿאַרמאַטערט געווען פֿון די כסדרדיקע באַזוכער, וואָס זײַנען געקומען פֿון אַלע זייטן און קרייזן. ס׳וואָלט זיך געשאַפֿן איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע קאַטאַלאָגן, ווען מ׳וואָלט געפּרוווט צונויפֿשטעלן די בילדער־גאַלעריע פֿון מאַקס נאָרדויס טעגלעכע געסט און באַזוכער. דאָס זײַנען געווען מענטשן פֿון די פֿאַרשידנסטע, אָפֿט אַפֿילו פּאַראַדאָקסאַלע קאָנטראַסטן. אָט קוים האָט זיך צוגעמאַכט די טיר נאָך דעם באַזוך פֿון אַ רבניש־פּאַטריאַכאַלישער געשטאַלט, פֿון אַ באַוווסטן „מזרחי"־פֿירער, וועלכער האָט וווּילנדיק אין פּאַריז, געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו מאַכן אַ וויזיט, צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי, אַן עכט מזרח־יידישער אשה צנועה, ביים באַרימטן ציוניסטישן מנהיג, ווי נײַע געסט, פֿון גאָר אַן אַנדערער, לגמרי עקסטרעמער וועלט, האָבן זיך באַוויזן אין נאָרדויס וווינונג. צוויי שפּאַנישע מענער און אַ יונגע, פּראַכט־ און טעמפּעראַמענט־פֿולע שיינקייט, האָבן מיט זייער עולם־הזה׳דיקער, אַ ביסל הפקר׳דיקער פֿרייִלעכקייט, אויף איינמאָל פֿאַרטריבן די מאַסיווע, דורות־שווערע און מיט צעקנייטשטע שטערנס דערדריקנדיקע געשטאַלטן פֿון דעם רבנישן פּאָר. קאַרמען דע בורגאָס, אַ גלענצנדיקער שפּאַנישער שרײַבער און פֿרויען־

ליבהאָבער, צוזאַמען מיט זיין שיינער, באמת אַנטציקנדיקער טאָכ־טער און בלאַסקאַ איבאַנעז, דער באַרימטער שריפטשטעלער און נאָרדוים גאָר ליבער פריינט, זיינען געווען די דאָזיקע נייע געסט. וואָס פאַרא געוואַלדיקער קאָנטראַסט אין אויסערלעכן באַנעם און אין גייסטיקן מהות צווישן די, וואָס זיינען גראָד אַוועק, און די, וואָס זיינען ערשט פריש צום באַזוך געקומען! וויפל טאַקט און קולטור האָט זיך פאַרלאַנגט פון נאָרדויען און זיינע נאָענטסטע בני־בית, כדי די אַלע דאָזיקע באַזוכער, אָפט אַזוי קאָנטראַסט־פולע און אַמאָל אַפילו שטאַרק עקזאָטישע, אויפצונעמען פריינטלעך און מענטשלעך, און אויך זיי אַוועק... צושיקן, ווען און ווי מ׳דאַרף עס טון.

ס׳איז שוין געוואָרן דערמאָנט וועגן דעם, אַז צווישן די צאָל־רייכע געסט און באַזוכער אין נאָרדוים וווינונג, זיינען אָפט געווען פאַרשידענע מערקווירדיקע געשטאַלטן און פשוטע אָנשיקענישן. ס׳האָט זיך פאַרלאַנגט אַ סך גוטסקייט און נאָך מער געשיקלעכקייט, כדי זיך אַן עצה צו געבן מיט די דאָזיקע משונה׳דיקע אורחים, וועמענס צאָל איז כסדר פּראָפּאָרציאָנעל געוואַקסן צוזאַמען מיט נאָרדוים אַלגעמיינער און ציוניסטישער באַרימטקייט. פון די אומ־צאָליקע פאַסירונגען, זאָל אונז נאָך דאָ דערלויבט זיין צו דערציילן בלויז וועגן איין איינציקן פאַל, וועלכער וועט גענוג אילוסטרירן דעם מצב.

אין אַ העלן (אפשר נישט לגמרי העלן!) טאָג, איז געקומען אין נאָרדוים וווינונג אַ יונגער רוסישער ייד מיט אַ בריוו פון ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק, וועגן מאַטעריעלער הילף פאַר דעם באַ־זוכער. נאָרדוי, וועלכער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף די רוס־סיש־יידישע עמיגראַנטן, זעענדיק אין זיי קרבנות פון פּאָגראָמיס־טישן רוסלאַנד, האָט דעם יונגנמאַן געפרעגט פריינטלעך, מיט וואָס ער קאָן אים העלפן. דער באַזוכער האָט געענטפערט קאַטעגאָריש, אַז ער וויל נישט קיין נדבה, נאָר אַרבעט. אָט למשל, וועט ער אים, נאָרדויען, אויפנייען אַ נייעם אַנצוג. דאָס האָט נאָרדוי אַפילו נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק האָבן אָבער כדי צו דערפילן די בקשה פון אָרעמאַן, האָט ער מסכים געווען. דער יונגערמאַן האָט דערויף שיין געדאַנקט און געוואָלט שוין אַוועקגיין.

„נו, און די מאָס? פאַרוואָס נעמט איר נישט די מאָס?" — האָט אים נאָרדוי צוריקגערופן.

„איך דאַרף נישט נעמען קיין מאָס. אין דריי טעג אַרום וועט איר האָבן דעם אַנצוג" — איז געקומען די אומדערוואַרטעטע תשובה.

די זאַך איז אַפילו נאַרדויען פאַרגעקומען זייער מאָדנע. וואָס עפּעס אויפנייען אַן אַנצוג אַן אַ מאָס־נעמען? אָבער, אין זיין תמי־מות, האָט ער זיך געטראַכט: אַ קשיה אויף די רוסישע יידן! זייע־רע שניידער זענען מסתמא אַזוי טיכטיק, אַז זיי נייען, נישט נעמענ־דיק קיין מאָס.

נאָך דריי טעג איז דער יונגערמאַן געקומען מיט דעם פּאַרטיקן אַנצוג. נאַרדוי האָט גענומען פּרווון אָנצוטאָן, אָבער ס'איז אַרויס־געקומען אַ חוזק־שפּיל, די הויזן האָבן נישט געוואָלט אַרויף אויף די פיס און דער רעקל האָט מיט די לאַנגע אַרבל און פלייצעס אַראָפּגע־האַנגען מעשה קאַריקאַטור.

„וואָס איז דאָס, אַזוי נייט אַ שניידער?" — האָט נאַרדוי גע־פרעגט, שוין מיט אַן אויפגערעגטן טאָן. דערויף האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט, אַ ביסל פאַרשעמט:

„אוי, ווען איך וואָלט געווען אַ שניידער, וואָלט דאָך מיר גוט געווען! איך בין אָבער אַ היטלמאַכער!".

באין ברירה האָט נאַרדוי באַצאָלט דעם רוסיש־יידישן „שניידער" פאַר זיין שכר־טרחה, איבערלאָזנדיק אים נאָך דערצו, אַלס מתנה דעם נישט־געלונגענעם אַנצוג. נאַרדויס הארץ האָט צו יענער צייט, ווי געזאָגט, שטאַרק געבלוטיקט צוליב דעם טראַגישן גורל פון דעם רוסישן יידנטום. צו די אַלטע צרות און פּורעניות איז צוגעקומען אַ פריש אומגליק. אין פרילינג 1911 האָבן די צאַריסטישע מושלים אַרעסטירט אין קיעוו אַ ייד מיטן נאָמען מענדל ביילים, אונטער דער באַשולדיקונג פון אַ ריטואַל־מאָרד. אין דער גאַנצער רוסישער אימ־פּעריע האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראַדיקע העצע קעגן די יידן. די סכנה פון אַ נייער בלוטיקער פּאָגראָם־כוואַליע איז קלאָר און בולט געוואָרן. דאָס וועלט־יידנטום האָט אויפגעציטערט צוליב חרפּה און צאָרן, די באַנייטע עלילת־דם־באַשולדיקונג האָט דערנידריקט און באַ־ליידיקט דעם יידישן זעלבסט־באַוווסטזיין. די געפאַר, וואָס האָט ווי־דער געדראָט דעם רוסישן יידנטום, איז געוואָרן אַן ערנסטע זאָרג און אַ שווערער פּחד פאַר אַלע יידן בכל תפוצות העולם. אומעטום זיינען פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס לטובת דעם אומשולדיק־אַרעסטירטן מענדל ביילים און צום שוץ פון דעם געפּערלעך באַדראָטן רוסישן יידנטום. ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1912—1914, האָט זיך פאַרשאַרפט דער געראַנגל אַרום דעם ענין ביילים, וואָס איז אין רוסלאַנד גופא נאָך מער צוגעשפּיצט געוואָרן צוליב דעם אַטענטאַט אין קיעווער טעאַטער (סעפּטעמבער 1911) בעת וועלכן דער יידישער יונגערמאַן באָגראָוו האָט אין אָנוועזנהייט פונם צאַר און זיינע מיניסטאָרן, דערשאָסן דעם בלוטיקן שונא־ישראל פּרע־

מיער סטאָליפּין. ווי זיינערצייט, מיט אַ דור צוריק, דער דרייפוס־ענין, אַזוי איז איצט, אויף דער שוועל פון דער וועלט־מלחמה, דער ענין־בײליס געוואָרן די שיידונגס־ליניע צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע, צווישן גערעכטיקייט און אַנטיסעמיטיזם. דער שטורם פון וועלט־יידנטום און פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, צוזאַמען מיט דעם קאַמף פון דעמאָקראַטישן און רעוואָלוציאָנערן לאַגער אין רוסלאַנד גופא, האָט געצוווּנגען די צאַרישע סאַטראַפּן נאָכצוגעבן און צו באַפרייען בײליסן, נאָכדעם ווי בעת דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג (אין אָקטאָבער 1913) האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזן די פולשטענדיקע אומשולד פון דעם יידישן אָנגעקלאָגטן. אָבער טראָץ דער באַפרייאונג פון בײליסן און דעם דורכפאַל פון דער צאַריסטישער עלילת־דם־העצע, איז די לאַגע פון די 7 מיליאָן רוסישע יידן, דעם רוב מנין ורוב בנין פון וועלט־יידנטום, ווייטער געבליבן אַ קאַטאַסטראָפאַלע, און האָט כסדר געדראָט מיט אַ שרעקלעכן אויסברוך פון בלוטיקע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען. די פאַרסמטע אַנטיסעמיטישע באָיקאָט־אַקציע אין קאָנגרעס־פּוילן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס וואַרשעווער יידן האָבן געשטימט ביי די דומאַ־וואַלן קעגן אַ פּוילישן שונא־ישראל און פאַר דעם סאָציאַליסט יאַגעלאָ, האָט קלאָר באַוויזן, אַז די אַנטי־יידישע מגפה האָט פאַרכאַפּט אפילו אונטערדריקטע פעלקער, וואָס האָבן אליין געליטן פון דער רוסיש־צאַריסטישער הערשאַפט.

אונטער דעם שווערן איינדרוק פון דער וואָקסנדיקער זאָרג לגבי דעם גורל פון רוסישן און פּוילישן יידנטום, איז געשטאַנען דער עלפטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך אָנהויב סעפּטעמבער 1913 פאַרזאַמלט אין ווין. די טראַגישע לאַגע פון מזרח־יידנטום און אירע פעסימיסטישע האָראָסקאָפּן להבא, האָבן געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין נחום סאָקאָלאָוו׳ס רעדע, אין יענעם קאָנגרעס־רעפעראַט, וועלכער איז ביז איצט אויף אַלע 10 פאַריקע קאָנגרעסן, געהאַלטן געוואָרן, אויף אַ פייערלעכן און טראַדיציאָנעלן אופן, דורך מאַקס נאָרדויען. אַ גרויסער טייל פון די פּאָליטישע ציוניסטן, מיט מאַקס נאָרדוי בראש, איז צום ווינער קאָנגרעס נישט געקומען. ס׳איז געווען באַוווּסט, אַז די „פּראַקטישע ציוניסטן" ווילן אויפן קאָנגרעס ליקווידירן די לעצטע השפעה פון די „פּאָליטישע" און איבערנעמען די לייטונג פון די ציוניסטישע פינאַנץ־אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ביז איצט פאַרבליבן אין די הענט פון די „פּאָליטישע". ביי דער געשאַפענער לאַגע, ווען די בערלינער לייטונג האָט געהאַט פון פאָרויס אַ געזיכערטע גרויסע מערהייט פון די דעלעגאַטן, האָבן אָנפירנדיקע פּאָליטישע ציוניסטן

געהאַלטן, אַז ס'האָט נישט קיין זין זיך צו באַטייליקן אין קאָנגרעס. דאָס איז געווען די מיינונג פון אַזעלכע פּראָמינענטע הערצליאַנער, ווי נאָרדוי, ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק, אינז. י. קרעמענעצקי און אַ סך אַנדערע. אָבער אַ באַדייטנדיקער טייל פון די פּאָליטישע ציוניסטן, מיט דוד וואָלפזאָן בראש, האָט געהאַלטן, אַז מ'מוז זיך יאָ באַטייליקן אין קאָנגרעס, כדי נישט צו דערלאָזן צו אַ פולשטענדיקער הערשאַפט פון די „פּראַקטישע", בפרט אין די פינאַנץ־אינסטיטוציעס.

אויף דעם קאָנגרעס גופא, האָבן זיך ביי די „פּראַקטישע" ציוניסטן אויסגעקריסטאַליזירט צוויי ריכטונגען, איינע אַן עקסטרעמע (אָנגעפירט פון מ. מ. אוסישקין), וועלכע האָט פאַרלאַנגט אַ ריקזיכטלאָזן קאַמף קעגן די „פּאָליטישע", און די צווייטע, אַ געמעסיקע (אָנגעפירט פון ד"ר טשלענאָוו), וועלכע האָט נישט געוואָלט פאַרשאַרפן די לאַגע און האָט געזוכט אַ קאָמפּראָמיס מיט די „פּאָליטישע". נאָרדוי האָט צום קאָנגרעס צוגעשיקט אַ בריוו, וועלכער איז פאַרגעלייענט געוואָרן און האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די שטימונג פון קאָנגרעס. זיין אינהאַלט איז געווען פאָלגנדיקער:

„הויכגעשעצטער קאָנגרעס! הגם זייער וויכטיקע סיבות האָבן מיר, צום ערשטן מאָל זייט דער שאַפונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אוממעגלעך געמאַכט צו באַטייליקן זיך אינם 11־טן קאָנגרעס, וויל איך דאָך פון וויטן שיקן אייך מיין גרוס. איך וועל דעם פאַרלויף פון קאָנגרעס אָבסערווירן מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אינטערעס און יעדעס וואָרט אויף די קאָנגרעס־זיצונגען וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין מיין נשמה. איך ווינטש אייך, אַז דער קאָנגרעס, וועלכער קומט פאָר אין הערצלס שטאָט, זאָל האָבן אין זין הערצלס אויפפאַסונג פון ציוניזם. זאָל דער קאָנגרעס אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן, אַז אַן ארבעט, וועלכע באַצוועקט בלויז פאַרצובאַרייטן ארץ־ישראל צו דער אויפנאַם פון אַ גרעסערער צאָל יידן, האָט נישט דעם נויטיקן נוצן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, אויב מ'דערציט נישט גלייכצייטיק די ווייטעסטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין דעם שטרעבן, צו געפינען אַן אויפנאַם אין ארץ־ישראל. זאָל אויסערדעם דער קאָנגרעס געדענקען, אַז אונזערע פינאַנציעלע כלי־זין, וועלכע זיינען מיט אַזויפיל מי געשאַפן געוואָרן, האָבן נישט די נויטיקע האַרטקייט, בכדי אויסצוהאַלטן אַן אומפאָרזיכטיקע אָדער ריקזיכטסלאָזע באַהאַנדלונג. זייער צוזאַמענברוך קאָן ווערן אַ טויט־סכנה, אויב נישט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק,

טאָ דאָך פאַר דער הײנטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און לסוף זאָל דער קאָנגרעס נישט פאַרגעסן, אַז מ׳קאָן נישט דער גרויסער זאַך ברענגען נוצן סתם דורך רעזאָלוציעס, אויב די פאַרווירקלעכונג איז דערווייל אוממעגלעך. איך ווינטש פון טיפסטן האַרצן, אַז דער 11־טער קאָנגרעס זאָל דעם ציוניזם — צו זײַן דערהויבענעם ציל נענטער ברענגען מיט אַן אָנגעזעענער וועג־שטרעקע, און איך

פאַרבלײַב מיט דרך ארץ
ד״ר מ. נאָרדוי

נאָרדוים אָפּוועזנדיקייט אויפֿן קאָנגרעס האָט געמאַכט אַ שווערן אײַנדרוק אויף אַ סך „פּראַקטישע" ציוניסטן פון רוסלאַנד. דער פּראָמינענטער ציוניסטישער עסקן פון מינסק, ש. ראָזענבוים, האָט אין זײַן קאָנגרעס־רעדע דערקלערט: „נאָרדוי איז דער סימבאָל פון ציוניזם; די גאַנצע באַוועגונג און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האַלטן נאָרדויען פאַר איינעם פון די הויפּט־שעפער פון ציוניסטישן געדאַנק!". לעאָן חאַזאַנאָוויטש, דער באַקאַנטער פּועלי־ציוניסטישער פירער, האָט אין זײַן רעדע, בעת דעם קאָנגרעס, געזאָגט: „מ׳טאָר נישט אַזוי באַהאַנדלען נאָרדויען, ווי עס האָט געטון די בערלינער לייטונג אין איר פּרעסע. די מענטשן פרעגן זיך מיט זאָרג: „אויב מען באַהאַנדלט אַזוי נאָרדויען, אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע איז אין ציוניזם געוועזן אויף דער מדרגה פון טעאָדאָר הערצל, ווי וועט מען ערשט באַהאַנדלען אַנדערע אָפּאָזיציאָנערן?". אַן אַנדערער פּועלי־ציוניסטישער פירער, ד״ר נחמן סירקין האָט דער לייטונג און איר מערהייט אויפֿן קאָנגרעס געזאָגט פאָלגנדיקע ביטערע ווערטער: „די ציוניסטישע אידיי איז פון אַ גרויסער וועלט־אידיי רעדוצירט געוואָרן צו אַ קליינער געשעפטס־באַוועגונג. דער ציוניסטישער באַוועגונג פעלט איצט דער ווייטער האָריזאָנט, מיר פאַרמאָגן נישט דעם אַמאָליקן אָדלער־שווונג און אָדלער־בליק. מיר באַזיצן קליינע געלט־אינסטיטוציעס און קליינע חשבונות. אין דער ציוניסטישער באַוועגונג הערשט דער מערקאַנטילער גייסט. מיר האָבן פון דער לייטונג כסדר געהערט: גיט געלט, געלט און ווידער געלט! עס איז פאַרשווונדן דער ציוניסטישער געדאַנק, זײַנע כהנים זײַנען געוואָרן געלט־גבאים. עס דראָט אַ סכנה דעם ציוניזם! פאַרוואָס האָבן מיר איצט דעם ביזנעס־ציוניזם? ווײַל מיר האָבן אין דער באַוועגונג אויפגעגעבן דעם אַמאָליקן גלאַנץ און גראַנדיעזן פאַרנעם. די מיטגלידער פון דער בערלינער לייטונג זײַנען גאַנץ גוטע פאַרוואַלטער,

אָבער זיי דאַרפן נישט זיין קיין פּאַרוואַלטער, נאָר פירער. מיר האָבן, ליידער, נישט קיין מנהיגים !".

א גרויסער טייל פון די דעלעגאַטן, אויך פון די „פּראַקטישע", האָט געהאַט פאַר זייערע אויגן די טראַגיק פון רוסישן יידנטום, און האָט אינסטינקטיוו געפילט דעם וועלט־שטורעם, וואָס דערנענטערט זיך. מ'האָט אָפּט געמוזט מודה זיין, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז אָראָפּגעפירט געוואָרן פון ברייטן, מלוכה'שן, הערצליאַנישן שליאַך אויף זייטיקע ענגע וועגן פון אַמאָליקער חובבי־ציוניס־טישער קליין־קאָלאָניזאַציע און גבאישער ווירטשאַפט. די ריכטונג פון ד"ר טשלענאָוו האָט לסוף באַהערשט דעם קאָנגרעס און דורכ־געפירט באַשלוסן, וועלכע האָבן געדאַרפט באַרויקן די צערייצטע געמיטער און די אומצופרידענע „פּאָליטישע" ציוניסטן. מ'האָט די באַנקן ווייטער איבערגעלאָזט אין די הענט פון די „פּאָליטישע" און בראש פון דער נייער בערלינער לייטונג איז געווייִלט געוואָרן ד"ר טשלענאָוו, וועלכער איז באַליבט געווען אויך ביי די „פּאָליטי־שע". נאָך מיט יאָרן צוריק האָט וואָלפזאָן דערקלערט, אַז טשלענאָוו איז דער איינציקער פון די „פּראַקטישע", וועלכער איז ראוי אי־בערצונעמען די לייטונג נאָך אים.

ד"ר יחיאל טשלענאָוו האָט פאַרציכטעט אויף זיין רייכער מעדי־צינישער פּראַקטיק אין מאָסקווע און איז אויף סטאַביל אַריבער קיין בערלין. אין דער נייער לייטונג האָט ער פאַרנומען דעם פּלאַץ אויבנאָן. מ'האָט געהאָפט, אַז ער וועט אָנהויבן א נייעם קורס אין דער אָרגאַניזאַציע און אַרויספירן די באַוועגונג אויף ברייטערע וועגן. ס'איז געווען א האָפנונג, אַז די נייע לייטונג וועט זיך באַ־מיען צו געפינען א געמיינזאַמע פּאָליטישע ליניע מיט מאַקס נאָר־דוי און זיין הערצליאַנישן לאַגער. מ'האָט אָבער נישט פאָרויסגעזען, אַז אין א פּאָר חדשים אַרום וועט זיך שוין אָנהויבן א בלוטיקער וועלט־קריג.

שטייענדיק אויף דער שוועל פון דער וועלט־מלחמה, האָט דאָס אייראָפּעאישע יידנטום איבערגעלעבט א פאַרשאַרפטן געראַנגל צווישן דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג און די פאַרשידענע אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען. הגם דער אַנטיסעמיטיזם איז כסדר גע־וואַקסן און האָט געפּערלעך באַדראָט דעם ווייטערדיקן יידישן קיום, איז די אַסימילאַציע געבליבן ביי אירע אַלטע אילוזיעס. באַזונדערס איז דאָס בולט געקומען צום אויסדרוק אין דייטשלאַנד, ווו אַפילו פירנדיקע ציוניסטן, ווי למשל פּראָפ. אָפּענהיימער, האָבן זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון דייטש־נאַציאָנאַלע פּראַזן. אָבער, בעת אין מערב־אייראָפּע איז דער קאַמף צווישן דעם נאַציאָנאַלן יידנטום און זיינע

אסימילאַטאָרישע קענגער, געפירט געוואָרן בעיקר טעאָרעטיש, האָט אין מזרח־אייראָפּע דער געראנגל מיט דער אסימילאַציע אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען. אין צוזאמענהאנג מיט די וואַלן צום עסט־רייכישן פּאַרלאַמענט אין זומער 1911, האָבן די ציוניסטישע מאַסן, קעמפנדיק קעגן דער הערשאַפט פון דער פוילישער שלאַכטע און אירע יידיש־אַסימילאַטאָרישע משרתים, געשטורמט רעגירונגס־אַמטן, ווי מ׳האָט אָפן געפעלשט און צוגעגנב׳ט די שטימען פון די יידיש־נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטן. אין דער גאַליצישער שטאָט דראָהאָביטש זיינען אין אַ בלוטיקן קאַמף קעגן דעם קאָרופּטן פּריציש־אַסימילאַטאָרישן רעזשים דערהרגט געוואָרן 24 יידן און צוויי מאָל אַזויפיל זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

די בלוטיקע געשעענישן בעת דער הערשאַישער וואַל־קאַמפּאַניע פון די גאַליצישע ציוניסטן, האָבן טיף דערשיטערט מאַקס נאָרדויען. ער האָט מיט אַ שוידער דערזען, צו וואָס עס זיינען פעאיק די יידישע אַסימילאַטאָרן. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זיין קעגנערשאַפט און זיין עקל צו די דאָזיקע, ווי ער האָט זיי גערופן, דעזערטערן. נאָרדוי האָט די יידיש־פראַנצויזישע אַסימילאַטאָרן געוואָרפן אין פּנים אַריין, ווי אַ קאַמף־פּאַראָל, די שאַרפע ווערטער, וועלכע הערצל האָט מיט יאָרן צוריק, געשריבן וועגן „ד״ר קאָהן״, נאָרדויס פּיעסע: „מ׳קען אַנטלויפן פון אַ פּאַרטיי אָדער פון אַ קלאַס צו וועלכער מען געהערט, אָבער מ׳קען נישט אַנטלויפן פון אַ פאָלק, צו וועלכן מען באַלאַנגט!״. אין געשפּרעכן מיט באַרימטע יידיש־פראַנצויזישע אינטעלעקטואַליסטן, האָט נאָרדוי זיי באַדויערט, וואָס זיי שטייען ווייט פון ציוניזם, און האָט כסדר מיט שטאָלץ אונטערגעשטראָכן: „דער ציוניזם האָט פאַר מיינעם לעבן געגעבן אַ זין און אַן אינהאַלט!״.

באַזונדערס שאַרף האָט נאָרדוי באַקעמפט די יידיש־סאָציאַליסטישע אַסימילאַטאָרן. פון סאָציאַליסטן, וואָס פּריידיקן יושר און אמת, האָט ער קודם־כל פאַרלאַנגט יושר און אמת לגבי דעם אייגענעם פאָלק. נאָרדוי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין און מוחל זיין, וואָס אַזעלכע פּאָליטישע קעמפער, ווי ד״ר וויקטאָר אַדלער, דער פירער פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטן, און פּויל זינגער, דער פירער פון די דייטשע סאָציאַליסטן, שעמען זיך מיט זייער יידישן אָפּשטאַם און ווילן נישט הערן וועגן יידישע רעכט און פּאָסטולאַטן. וועגן זיי האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט פאַרביטערונג: „ דאָס זיינען דעקאַדענטישע יידן,פאַרפוילט ביז צום מאַרך פון זייערע ביינער, שקלאַפן פון פרעמדער אימיטאַציע!״. נאָרדויס האַרץ האָט געווייטיקט, אַז פאַר דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג גייען פאַרלוירן אַ סך אײדעלע און טאַלענטירטע כוחות, וואָס זיינען זיך בשלמות מקריב פאַר

פרעמדע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. נאָרדוי האָט זיי געמאָנט און גערופן צום ציוניסטישן לאַגער, שרייבנדיק: „מיר דאַרפן האָבן די דאָזיקע ענטוזיאַסטישע סאָציאַליסטן. זיי האָבן אַן אידעאַל. זיי גלויבן אין פּראָגרעס און צוקונפט. זיי האָבן אַן עטישן צוגאַנג צום לעבן, זיי זיינען טאַלענטירט און אַרבעטס־פעאיק. דאָס איז גראָד דאָס, וואָס אַ ציוניסט דאַרף האָבן! צו זיי רופן מיר און זאָגן: אַזעלכע, ווי איר, האָבן זייער פּלאַץ אין ציוניזם. אַזוי, ווי איך צווייפל נישט, אַז אייער אָפּזאָגן זיך פון יידנטום וועט אייך אַמאָל ביטער אַנטוישן, אַזוי בין איך אויך זיכער, אַז אין ציוניזם וועט איר געפונען די פולע מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אייערע אידעאַלן, צום וווּל און נוצן פון אַלמענטשלעכן פּראָלעטאַריאַט!".

אַ סך סאָציאַליסטן האָבן פון נאָרדויען אָפּט געהערט די קאַטע־גאָרישע ווערטער, וועלכע ער האָט פּראָקלאַמירט אויפן אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס: „ווי לאַנג עס עקזיסטירט אַ יידישע פראַגע און ווי לאַנג יידן באַקומען נישט זייערע רעכט, אַזוילאַנג זיינען אַלע קאָנ־פערענצן וועגן מענטשלעכער און סאָציאַלער גערעכטיקייט, בלויז אַן אָנשטעל!".

נאָרדוי האָט זיך כסדר באַמיט צו געווינען פאַרן ציוניזם פירנדיקע סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן. ער האָט וועגן דעם אַ סך געטראַכט און פּלענער אויפגעשטעלט. דער פּלוצלינגער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט אַ סוף געמאַכט אויך צו די דאָזיקע באַ־מיאונגען.

דריטער טייל

מאַקס נאָרדוי אין זיין לעצטער לעבנס־תקופה

„אַ לאַנג לעבן, אַ קורץ לעבן, וואָס איז דער אונטערשיד,
עס דאַרף זיין אַ שיין לעבן !". **מ. נאָרדוי**



קאפּיטל ל״ח

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און

נאָרדויס גירוש פון פּאַריז

אין מאַי 1913 איז געשלאָסן געוואָרן אַ שלום צווישן די באַל־קאַן־מלוכות און דער באַזיגטער טערקיי. די קריסטלעך־אייראָפּע־אישע וועלט האָט דערגרייכט איר ציל, וועגן וועלכן זי האָט גע־חלומט זייט לאַנגע דורות: די טערקיש־מוזולמאַנישע אימפּעריע איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אייראָפּע און נאָר אַ זייער שמאָ־לער לאַנד־פּאַס אַרום דער הויפּט־שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געבליבן ביי די יורשים פון סולטאַן, ווי אַ זכר לחורבן פון אַמאָ־ליקער מאַכט און פּראַכט. מאַקס נאָרדוי, וועלכער איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען אַ פריינט פון דער פּראָגרעסיווער, דעמאָקראַטי־שער טערקיי, האָט מיט אַן אויפריכטיקן צער דערקלערט אַ יונג־טער־קישן דיפּלאָמאַט אין פּאַריז: „אייער מפּלה איז אַ רעזולטאַט פון אייער פּאַראַט לגבי די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישער פרייהייט און נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט, אַ דאַנק וועלכע איר זייט געקומען צו דער מאַכט, און וועלכע איר האָט, ליידער, אַזוי שנעל פאַרגעסן !״.

מיט דער טערקישער מפּלה, איז לחלוטין נישט פאַרענדיקט גע־וואָרן די געפערלעכע סיטואַציע אויפן באַלקאַן. באַלד איז צווישן די זיגערישע קריסטלעך־באַלקאַנישע מלוכות גופא, געקומען צו אַ בלו־טיקן קריג וועגן דער פאַרטיילונג פון דער דעראָבערטער ירושה. און הגם ביים סוף פון יאָר 1913, האָט ענדלעך די שלום־אינטער־ווענץ מצד די אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן אָפּגעשטעלט דעם זעלבסט־מערדערישן פעלקער־קאַמף אויף דעם באַלקאַן, איז דאָך די לאַגע דאָרט ווייטער געבליבן אַ געשפּאַנטע און געפערלעכע. „דער אומרו־איקער באַלקאַן־קעסל״ (ווי מ׳האָט דאָס דעמאָלט גערופן) האָט כסדר געדראָט מיט נייע אויסברוכן, וואָס זיינען עלול געווען אַריינצוּוואַרפן גאַנץ אייראָפּע אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן וועלט־קריג.

די באַלקאַנישע מלחמות זיינען געווען בלויז אַ רינג אין דער קייט פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן, וואָס האָבן זיך, מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרשאַרפט אויף דער גאַנצער, לאַנגער

וועלט־פּאָליטישער ליניע, פון וויטן און נאָענטן מזרח, ביז צו מערב־און דרום־אייראָפּע. די ב.ב.ב. (בערלין־באַגדאַד־באַן) געבויט דורך דייטשע אינזשעניערן און מיט דייטשן געלט, איז געווען נישט בלויז א טעכניש־פּאָליטישער ענין, זי האָט געטראָגן אַ בולטן מיליטעריש־סטראַטעגישן כאַראַקטער. דער דעמאָנסטראַטיווער באַזוך פון דייטשן פּאַנצער־שיף „די פּאַנטערע" ביי די ברעגעס פון צפון־אַפריקע, אין דעם מאַראָקאַנישן פּאָרט אַגאַדיר, האָט פאַר דער גאַנצער וועלט אונ־טערגעשטראָכן די געפערלעכע אימפעריאַליסטישע טענדענצן פון דער דייטשער מאַכט־פּאָליטיק. דאָס איז כסדר געקומען צום אויסדרוק אין די חוצפּהדיקע, ווייל־יונגעריש־אַגרעסיווע דעקלאַראַציעס און „דרשות", וועלכע דער דייטשער קייזער, ווילהעלם דער צווייטער, פלעגט האַלטן ביי יעדער פּאַסיקער, און נאָך מער ביי יעדער נישט־פּאַסיקער געלעגנהייט. טראָץ דער טערקישער מפּלה האָט זיך דייטש־לאַנד ווייטער געפירט און געפילט, ווי דער פּראָטעקטאָר פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה, און איז גרייט געווען אָנצוהייבן אַ וועלט־שחיטה, בכדי צו פאַרווירקלעכן אירע דעראָבערישע, אימפעריאַליס־טישע צילן. דערפאַרענע פּאָליטיקער און צייטונגס־מענטשן האָבן פאָרויסגעזען, אַז דער „באַלקאַן־קעסל" וועט זיין דער אָנהויב פון דייטשלאַנדס וועלט־אַגרעסיע. דער נאָמען פון דעם דייטשן פּאַנצער־שיף „די פּאַנטערע" איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר דער רויבערישער, מערדערישער כוונה פון די יונקעריש־דייטשע גענעראַלן און מיניס־טאָרן.

די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע האָט פאַרלאַנגט אַן אינטענסיווע טעטיקייט מצד דעם פּאָליטישן ציוניזם. נאָרדוי איז כסדר געשטאַ־נען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט פּראָמינענטע מלוכה־מענער און זשורנאַליסטן, און האָט אויף זיי משפּיע געווען אין גייסט פון די ציוניסטיש־פּאָליטישע פּאָסטולאַטן. אין נאָוועמבער 1913 האָט נאָר־דוי צוזאַמען מיט ד"ר יחיאל טשלענאָוו באַזוכט דעם פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער פּישאָן. עס איז געגאַנגען אין דעם, צו איבער־צייגן קודם־כל די פירנדיקע פראַנצויזישע פּאָליטיקער, אַז דער ציו־ניזם איז נישט און וויל נישט זיין קיין ווערקצייג אין די הענט פון די דייטשע אימפּעריאַליסטן. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל די צענטראַלע פון די העכסטע ציוניסטישע אינס־טאַנצן האָט זיך געפונען, כידוע, אין דייטשלאַנד, און די דייטשע שפּראַך און סביבה זיינען געווען דאָמינירנדיק אין דער גאַנצער ציו־ניסטישער באַוועגונג, אָנהויבנדיק מיט די קאָנגרעסן און ענדיקנ־דיק מיט די אָפיציעלע פּרעסע־אָרגאַנען און פּאָליטישע דעקלאַראַציעס.

נאָרדויס פּאָליטישע אַרבעט, צוזאַמען מיט דעם פאָרשטייער פון

דער בערלינער ליטונג ד״ר טשלענאָוו, איז געווען אַ פּרינציפּיאַנטשאַפט־לעכע און האַרמאָנישע, און האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פון אַן אויסגלייך צווישן די „פּאָליטישע״ און „פּראַקטישע״ ציוניסטן. דאָס איז געווען, אין אַ גרויסער מאָס, אַ פּערזענלעכער פאַרדינסט פון טשלענאָוון, וועמען סיי נאָרדוי און סיי אַנדערע פּראָמינענטע הערצ־ליאַנער האָבן הויך געשעצט, צוליב זיינע מענטשלעכע און אינטע־לעקטועלע מעלות. ווער ווייס, ווי די אַנטוויקלונג אינם ציוניסטישן לאַגער וואָלט שפּעטער אויסגעזען, ווען נישט דער פּריצייטיקער טויט פון ד״ר טשלענאָוו, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

צו יענער צייט האָט נאָרדוי פּראָפּאַגירט אַ נאָנטע פאַרבינדונג צווישן דעם ציוניזם און פראַנקרייך, ער האָט אפילו געטראַכט וועגן אַ פראַנצויזישן פּראָטעקטאָראַט אין ארץ־ישראל. אויף פּריוואַטע און אָפיציעלע צוזאַמענקונפטן מיט איינפלוסרייכע פראַנצויזישע מלוכה־מענער, ווי דער דערמאָנטער אויסערן־מיניסטער פּישאָן, אַריסטיד בריאַן, אַנאַטאָל דע מאָנזיע, פּויל פּענלעווע און אַ סך אַנדערע, האָט נאָרדוי סיסטעמאַטיש געקעמפט קעגן דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע פון געוויסע אַנטיסעמיטן און שונאי־ציון וועגן דעם, אַז די ציוניסטן זיינען דייטשע אַגענטן און גרייטן צו אַ דייטשע אינוואַזיע אין נאָענטן מזרח. דער פאַרביסענער קאַמף, וועלכן דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט גראָד דעמאָלט אָנגעהויבן קעגן דער דייטשער אונטער־ריכט־שפּראַך אין חיפהער טעכניקום, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינ־דרוק אין די פּאָליטישע קרייזן.

דאָס איז פאָרגעקומען באַלד נאָכן עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער „הילפס־פאַריין פון דייטשע יידן״, בראש פון וועלכן עס זיינען געשטאַנען באַוווסטע אַסימילאַטאָרישע עסקנים אין בערלין, האָט אויסגענוצט זיין פינאַנציעלע און פּאָליטישע השפּעה, בכדי אויפצו־צווינגען דעם ניי־געגרינדעטן חיפהער טעכניקום די דייטשע אונטער־ריכט־שפּראַך. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ מעכטיקן פּראָטעסט־שטורם סיי ביים ארץ־ישראלדיקן ישוב און סיי אין דער גאַנצער ציוניסטי־שער וועלט־באַוועגונג. דער ישוב האָט דורכגעפירט אַ באָיקאָט פון די „הילפס־פאַריין״־שולן אין ארץ־ישראל און איז צוגעטראָטן צו שאַפן אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־העברעאישן שול־ווערק, מיט דער פינאַנציע־לער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער שטורם אַרום דעם חיפהער טעכניקום, סך הכל אַ פּאָר חדשים פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, האָט געהאַט נישט נאָר אַ קולטורעל־דערציערישע באַדייטונג, נאָר אויך אַ שטאַרקע פּאָליטישע טענדענץ, וואָס איז ערשט שפּעטער לגמרי קלאָר געוואָרן. מאַקס נאָרדוי האָט מיט זיין גאַנצן אויטאָריטעט געשטיצט דעם דאָזיקן קאַמף פאַר העברעאיש.

אגב, איז נאָרדויס באַציאונג לגבי דער אויפֿלעבנדיקער העברעאישער שפּראַך געווען אַן ענטוזיאַסטישע. נאָך אין הערצלס צייטן האָט נאָר־דוי קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז העברעאיש זאָל און מוז ווערן די לע־בעדיקע שפּראַך פֿון באַנייטן יידישן פֿאָלק.

אין סאַמע ברען פֿון דער גזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט, האָט נאָרדוי געפֿונען צייט און כוח צו אַ קורצן באַזוך אין איטאַליע. ס'איז נישט געווען סתם אַ פֿאַרגעניגנד־רייזע. אין מילאַנאָ האָט מען אָרגאַניזירט, צום הונדערט־יעריקן געדענק־טאָג פֿון ווערדי, דעם גרויסן איטאַליענישן קאָמפּאָזיטאָר, אַ נאַציאָנאַלע צערעמאָניע, בעת וועלכער נאָרדוי איז איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן ● רעפֿעראַט אויף דער טעמע: „ווערדי, דער איטאַליענער". ס'איז שוין דערמאָנט גע־וואָרן נאָרדויס נאָנטע פֿאַראינטערעסירונג און ליבשאַפֿט פֿאַר דער מוזיק. ווערדי איז געווען איינער פֿון זיינע אַממייסטן באַליבטע קאָמ־פּאָזיטאָרן. נאָך דער צערעמאָניע איז פֿאָרגעקומען אין מילאַנאָ אַ פֿאַראַד פֿון די „רויט־העמדן", אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן און איז באַהערשט געווען דורך די רעוואָלוציאָנערע טראַדי־ציעס פֿון גרויסן איטאַליענישן פֿרייהייטס־קעמפֿער גאַריבאַלדי. די דעמאָנסטראַנטן האָבן ליידנשאַפֿטלעך באַגריסט נאָרדויען, דעם באַ־רימטן שריפֿטשטעלער און קנאות'דיקן פֿריידיקער פֿון יושר און אמת.

אָבער די מילאַנער רייזע איז פֿאַר נאָרדויען געווען בלויז אַ קור־צער און שנעלער אויספֿלוג אין דער איידעלער און דערהויבענער וועלט פֿון מוזיק און קונסט. די ווירקלעכקייט, די טרויעריקע און געפֿערלעכע, האָט אים צוריקגערופֿן, אויסגעניכטערט און געמאָנט. אין די לעצטע חדשים פֿאַרן אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה, איז נאָרדוי באַהערשט געווען פֿון אומהיימלעכע און אומרואיקע געפֿילן. ער, דער סקעפּטיקער און פּעסימיסט, קאָן אָבער נישט פֿאַרלירן די האָפֿנונג, די אָפּטימיסטישע ירושה פֿון לאַנגע יידישע דורות. זיין ענ־טוזיאַסטישע, דיכטערישע נשמה וויל בשום אופֿן נישט פֿאַרציכטן אויף דעם לעצטן גלויבן אין דער אייראָפּעאישער מענטשהייט. אָבער זיין נביאישע אינטואיציע איז שטאַרקער פֿאַר אַלעמען, ער פֿילט אינסטינקטיוו דעם שטורעם, וואָס דערנענטערט זיך אומברחמנותדיק. נאָרדויס גייסט ציטערט פֿאַר דער וועלט־שריפֿה, וואָס ווערט, יעדן טאָג און כמעט יעדע שעה, סיסטעמאַטיש צוגעגרייט.

צום נייעם יאָר, דעם ערשטן יאַנואַר 1914, דרוקט נאָרדוי אַ גרויסן אַרטיקל אין דעם פּאָפּולערן שפּאַנישן טאָגבלאַט פֿון אַרגענ־טינע „לאַ נאַסיאָן" און אין דער ווינער „נייער פֿרייער פּרעסע", אין וועלכן ער רעדט אַרום די קריטישע פּאָליטישע און מיליטערישע וועלט־לאַגע און קומט צו גאָר פּעסימיסטישע אויספֿירונגען בנוגע

דער נאָנטסטער צוקונפט: „אייראָפּע איז משוגע צוליב אַ מיליטאַריסטישער און אימפּעריאַליסטישער פאַרניכטונגס־מאַניע. די מאָראַל און די גערעכטיקייט האָבן פאַרלוירן יעדע השפּעה, די ציוויליזירטע מענטשהייט שטייט פאַר אַן אָפּגרונט, וואָס דראָט איר מיט אַ פולשטענדיקן צוזאַמענבראָך. ווו זאָל מען זוכן אַ רעטונג פאַר דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס דערנענטערט זיך מיט שנעלע שריט?".

די דאָזיקע טיפע זאָרגן און ברענענדיקע אומרואיקייט באַהערשן נאָרדויען אויך בנוגע דער יידישער צוקונפט. ער זאָגט עס ליידנשאַפטלעך אַרויס אין ציַיטונגס־אַרטיקלען און אויף מאַסן־מיטינגען. אין אַפּריל 1914, אויף אַ גרויסער ציוניסטישער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז, רעדט ער וועגן די געפאַרן, וואָס דראָען דעם יידנטום אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשפּאַנטער פּאָליטישער וועלט־לאַגע. נאָרדוי רופט צו וואַכזאַמקייט און צו אַקטיוויטעט פון פּאָליטישן ציוניזם, ווייל די סיטואַציע ווערט אויך גלייכצייטיק רייף פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע פאָדערונגען.

אפשר קיינמאָל איז פּאַריז נישט געווען אַזוי לעבעדיק און לוסטיק, ווי גראָד דעמאָלט, אין פרילינג 1914. דאָס וועטער איז געווען שיין און דער עולם האָט זיך משמח געווען מיט אַן אויסערגעווייטלעכער עולם הזה'דיקער הנאה. מ'האָט ווייניק געטראַכט וועגן די נאָנטע מלחמה־געפאַרן און געוואָלט, ווי געטריבן דורך אַ לעבנס־אינסטינקט, אַריינכאַפּן וואָס אַמערסטן, איידער עס וועט זיין צו שפּעט. מענטשן האָבן פיבערהאַפט געקויפט נייע זאַכן און זיך עלעגאַנט אָנגעטון, פריש אויסמעבלירט די דירות און פיין אויסגעפּוצט די הייזער. די רעסטאָראַנען און אונטערהאַלטונגס־לאָקאַלן זיינען געווען איבערפולט טאָג־און־נאַכט מיט אַ צעבאַלעוועטער, פרייליכער מאַסע, וואָס האָט אַ סך געגעסן פונם בעסטן און שענסטן, און נאָך מער געטרונקען, היימישע און אויסלענדישע וויינען. די נייע טענץ, וואָס זיינען גראָד דעמאָלט אימפּאָרטירט געוואָרן פון אַמעריקע, האָבן מיט זייערע דזשאַז־ און טאַנגאָ־קונצן באַגייסטערט און מיטגעריסן דעם טאַנץ־לוסטיקן עולם. ס'איז געווען אַ טאַנץ אויף דעם ווולקאַן.

נאָרדויען האָט דער דאָזיקער אויסברוך פון אַ משונהדיקער מאַסן־פרייטלעכקייט נישט פאַרפירט. זיינע אויגן האָבן קלאָר געזען און זיין אינסטינקט האָט אים געוויזן די נאָנטע קאַטאַסטראָפע. אין אַ פרעכטיקן פרילינגס־טאָג פון יאָר 1914, איז ער אַלאַרמירט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז זיין געליבטער קאַשטאַנען־בוים, וואָס איז אין אייגענעם גאָרטן געפּלאַנצט געוואָרן מיט יאָרן צוריק דורך זיין טעכטערל, איז פּלוצלונג פאַרטרוקנט געוואָרן און אָפּגעשטאָרבן. נאָרדוי איז געווען צוליב דעם שטאַרק דעפּרימירט. ער האָט אין דעם צופאַל

מיט דעם קאַשטאַנען־בוים געזען מער ווי אַ טויט פֿון אַ בוים, ס׳איז פֿאַר אים געוואָרן אַ צייכן פֿון אַ גרויס אומגליק, וואָס דערנענטערט זיך. דער טיפֿער דענקער און ראַציאָנאַליסט, דער קריטישער סקעפּטיקער און אַנאַליטיקער, האָט נישט געקענט גובר זיין אין זיך דעם אומרואיקן אינסטינקט, וועלכער איז איצט, צוליב דעם פֿאַרפֿאַל מיט דעם קאַשטאַנען־בוים, געוואָרן נאָך מער צערייצט און פֿאַריאושט.

אין אָוונט פֿון 28 יוני 1914, איז נאָרדוי מיט זיין פֿרוי צוריקגעקומען קיין פּאַריז פֿון אַ באַזוך ביי נאָנטע פֿריינט אויפֿן דאָרף. די קינדער זיינען געווען אין דער זומער־ווילע, וועלכע נאָרדוי האָט געדונגען ביים ים. נאָרדוי און זיין פֿרוי האָבן געוואָלט דעם אָוונט פֿאַרברענגען ביי אַ פֿאָרשטעלונג פֿון טריסטאַן בערנאַר אין דעם „טעאַטער־פֿראַנסע", און דעם נאָנטסטן טאָג זיינען זיי גרייט געווען אַרויסצופֿאָרן צו די קינדער אויף וואַקאַנס. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט אויף די גאַסן פֿון פּאַריז שרייענדיקע קולות פֿון צייטונגס־יינגלעך. זיי האָבן פֿאַרקויפֿט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע, וועלכע האָט געבראַכט די סענסאַציאָנעלע טעלעגראַפֿישע ידיעה: „דער עסטרייכיש־אונגאַרישער יורש עצר, פּירשט פֿערדינאַנד, איז דערשאָסן געוואָרן דורך סערבישע פֿאַנאַטיקער". נאָרדוי איז געוואָרן טויטבלאַס, ער האָט פֿאַרשטאַנען: דאָס וועט ברענגען די מלחמה!

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿאַרשידנסטע קריגס־דערקלערונגען, און גאַנץ אייראָפּע איז געשטאַנען אין פֿייער פֿון אַ בלוטיקן וועלט־קריג. אַ ליידנשאַפֿטלעכע כוואַליע פֿון פּאַטריאָטישער קנאות האָט באַהערשט די פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿט און די פּרעסע. מ׳האָט שאַרף אַטאַקירט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן פֿון דער דייטשער פּרעסע און בכלל אַלע זשורנאַליסטן און שריפֿטשטעלער, וואָס ווינען אין פֿראַנקרייך און שרייבן אין דער דייטשער שפּראַך. אומעטום האָט מען פֿאַרדעכטיקט און געזוכט שפּיאָנען און פֿאַררעטער. די אַטמאָספֿער פֿאַר אַן אויסלענדער איז געוואָרן פּיינלעך און ריזיקאַליש.

נאָרדוי האָט אין פּאַריז שוין געוווינט 36 יאָר, ער האָט זיך געפֿילט לגמרי פֿאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן פּרעכטיקן פֿראַנצויזישן לאַנד, וואָס איז געוואָרן זיין יאָרצענטער, זיין אייגנטלעך פֿאָטערלאַנד. אָבער פֿאָרמעל איז ער געבליבן אַן אונטערטאַן פֿון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, וועלכע האָט איצט צוזאַמען מיט דייטשלאַנד דערקלערט קריג פֿראַנקרייך. פּלוצלונג איז אַלזאָ נאָרדוי געוואָרן אַ „פֿיינטלעכער אויסלענדער". נאָרדויען האָבן אין פֿראַנקרייך נישט געפֿעלט קיין שונאים. די אַנטיסעמיטן, וועמענס צאָל און

השפּעה איז נישט געווען קליין, האָבן אים געשווירן נקמה פאַר זיין לײדנשאַפטלעכן קאַמף בימי־דרייפוס קעגן די שונאי־ישראל מכל המינים. פראַנצויזישע שאָוויניסטן און מיליטאַריסטן האָבן זייט אַ לאַנגער צייט, געקוקט קרום אויף דעם דאָזיקן פּראָמינענטן שריפט־שטעלער און דענקער, וועלכער שטאָלצירט אָפן מיט זיין יידנטום און פּראָפּאַגירט נאַציאָנאַל־יידישע אידייען. קאָנסערוואַטיווע פּראָפעסאָרן און רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער האָבן נאָרדויען געהאַלטן פאַר אַ צע־שטערער פון זייער „געהייליקטער, מיושבדיקער וועלט־אָרדנונג". די דאָזיקע אַלע איינפלוסרייכע קרייזן האָבן באַשלאָסן, אַז איצט איז געקומען די שעת־הכושר אָפּצורעכנען זיך מיט דעם „אויסלענדישן ייד און רעוואָלוציאָנער" נאָרדוי. צו די שונאים זיינען איצט אויך צוגעשטאַנען אַלע שרייבער און קינסטלער, וועלכע זיינען ווען־עס־איז אָנגעגריפן געוואָרן דורך נאָרדויען בעת זיין לאַנגער און פאַר־שידנאַרטיקער טעטיקייט אַלס שריפטשטעלער און קריטיקער. אַזוי, למשל, האָט אַ געוויסער סאַר פּעלאַדאַן, וועלכן נאָרדוי האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, באַצייכנט אַלס אַ דעקאַדענטן פּאָעט און פאַלשן מיסטיקער, אָנגעשריבן איצט אין פּאָפּולערן פּאַריזער טאָג־בלאַט „פיגאַראָ" אַ ליידנשאַפטלעכן און נאָכמער געמיינעם אַרטיקל קעגן נאָרדויען.

די לאַגע איז געוואָרן פאַר נאָרדויען מיט יעדן טאָג מער פּיינלע־כער. דער חודש אויגוסט 1914 איז געווען אויסערגעוויינלעך היים. אָבער נאָך הייסער איז געווען די פּאָליטישע אַטמאָספער אין פּאַריז. די דייטשע אַרמייען האָבן מנצח געווען און זיך דערנענטערט צו די טויערן פון דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע. צאָלרייכע גוטע פריינט האָבן נאָרדויען געוואָרנט און געראַטן צו פאַרלאָזן פראַנק־רייך, זיין פראַנקרייך. ווי קען ער אָבער אַנטלויפן פון פּאַריז, פון זיין פּאַריז? דאָך האָט ער געמוזט זיך לאָזן אין וועג. זיין ווייטער־דיקער אויפנהאַלט אין פּאַריז איז אים פאַרבאָטן געוואָרן. נאָרדוי האָט באַקומען אַן איינרייזע־דערלויבעניש קיין שפּאַניע און אָנפאַנג סעפּטעמבער 1914 איז ער אַוועק מיט זיין פאַמיליע אין דער ריכ־טונג פון דער שפּאַנישער גרענעץ. אין באָרדאָ איז ער געוואָרן אַרעס־טירט און עס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג, ביז מ'האָט אים באַפרייט פון דער תפיסה.

באַלד האָט נאָרדוי דערגרייכט זיין רייזע־ציל מאַדריד, די הויפּט־שטאָט פון שפּאַניע. סיי דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און סיי דער גירוש פון פּאַריז האָבן טיף אויפגעטרייסלט און דערשיטערט מאַקס נאָרדויען.

קאַפּיטל ל"ט

אין גלות שפּאַניע

דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה און דער גירוש פון פּאַריז, האָבן געשאַפן אין מאַקס נאָרדויס לעבן אַ טיפן, גורל־אַנטשיידנדיקן איבערברוך און ווענדע־פּונקט. צוזאַמענגעבראָכן איז די אַלטע איי־ראָפּעאישע וועלט, מיט איר ליבעראַליזם און עטיק, מיט איר פריי־הייטלעכן פּאַטאָס און הומאַניסטישן גייסט. און הגם נאָרדוי האָט דאָס פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזאָגט, איז ער דאָך געשטאַנען מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ ביים קבר פון דער אייראָפּעאישער קולטור. צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קאַטאַסטראָפע, איז נאָך צוגעקומען דער פּיינלעכער וויטיק צוליב דעם פערזענלעכן אומגליק. נאָרדוי איז ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה געווען איינער פון די פּראָמי־נענטסטע און פּאָפּולערסטע אייראָפּעאישע שריפטשטעלער. זיין גייס־טיקע און מאַטעריעלע פּאָזיציע האָט אים בשפע פאַרזיכערט כבוד און פרנסה. דאָס אַלץ איז איצט פּלוצלונג צוזאַמענגעבראָכן און נאָרדויס ווייטערדיקער עתיד איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ גרויסן און טראַגישן פראַגע־צייכן. דער גירוש פון פּאַריז, פון זיין באַליבטער „שטאָט פון ליכט", האָט זיין נשמה און זיין גאַנץ לעבן טיף דער־שיטערט, און איז געוואָרן פאַר נאָרדויען (דאָס איז נישט געווען בלויז אַ פראַזע!), ווי דער אַמאָליקער, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, לעגענדאַרער גירוש פון אדם הראשון פון ביבלישן גן־עדן.

אין דער ראָמאַנטישער, כמעט מיטל־אַלטערלעכער אַטמאָספער פון דער שפּאַנישער הויפּט־שטאָט, איז די רעאַלע טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט געוואָרן פאַר נאָרדויען און זיין משפחה גאַנץ פּראָזאַ־איש. נאָרדויס באַשיידן פאַרמעגן איז געבליבן ליגן אין אַ פּאַריזער באַנק, און דאָס ביסל מזומנים, וואָס מ'האָט מיט זיך אַרויסגעראַ־טעוועט, האָט געצוווּנגען צו פאַרזיכטיקער שפּאָרזאַמקייט. מען האָט געמוזט וווינען אין אַ קליינעם, נישט־טייערן פּאַנסיאָן. דער 65־יעריי־קער מאַקס נאָרדוי האָט מיט זאָרג געטראַכט וועגן דעם נאָענטסטן עתיד. שפּאַניע האָט געהערט צו די ווייניקע אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָבן גליקלעך אויסגעמיטן די וועלט־מלחמה, זי איז געבליבן די גאַנצע צייט נייטראַל. אָבער נאָרדוי איז דאָ, צום ערשטן מאָל אין

זיין לעבן, געווען אָפּגעשניטן און דערווייטערט פון דער גרויסער וועלט. ער האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט די רייכע ציַיטונגען, פאַר וועלכע ער האָט געשריבן, און מיט די גוט־צאָלנדיקע פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן זיינע ביכער.

די ערשטע טעג פון שפּאַנישן אויפנהאַלט האָט נאָרדוי מיט זיין פאַמיליע פאַרבראַכט ביים שפּאַצירן איבער די גאַסן און פּלעצער פון מאַדריד, און ביי אויספלוגן אין דער נאָנטסטער סביבה. אַ פאַרבנ־רייכע און קאָנטראַסטן־פולע פאַרמישונג פון מיטלאַלטער און ניי־צייט, פון קאַסטילישן עבר און איראָפּעאישן הוה, פון ראָמאַנטיש־פּאַטריאַכאַלישער פּרימיטיווקייט און מאָדערנעם לוקסוס, איז געווען דאָ אומעטום אויסגעשפּרייט: אויף די ברייטע, נייע בולווארן און אין די אַלטע, ענגע געסלעך, אויף די צענטראַלע, הערלעכע פּלעצער און אין די פאַרוואָרפענע פאַרשטעט. אַהיימקומענדיק מיד פון גיין, האָט זיך נאָרדוי מיט אומגעדולד געוואָרפן צו דער אָוונט־פּרעסע און צו די נייעסן פון די מלחמה־פראָנטן.

דער „נס ביי מאַרנע“, אַ דאַנק וועלכן מען האָט נאָך אַ פאַר־טעגיקער שלאַכט, צוריקגעשטויסן די דייטשע חיילות און געראַטעװעט די פראַנצויזישע הויפּט־שטאָט, איז ענטוזיאַסטיש באַגריסט גע־וואָרן דורך נאָרדויען און זיין משפּחה. מ'האָט געהאָפט, אַז באַלד וועלן די טעג פון גלות־שפּאַניע זיין געציילטע און שנעל וועט מען קענען צוריקפאָרן צו דעם זיגרייכן, אויסגעבענקטן פּאַריז. לפי שעה זיינען אָנגעקומען פון דאָרט אומגינסטיקע ידיעות פאַר נאָרדויען. די „פאַרבינדונג פון אויסלענדישע פּרעסע־פאָרשטייער“ האָט נאָרדויען אויסגעשטראָכן פון איר מיטגלידער־ליסטע, און געוויסע זשורנאַ־ליסטן און שרייבער, וועלכע נאָרדוי האָט מיט יאָרן צוריק באַקעמפט אַלס מענטשן פון דעקאַדענטישער ירידה, האָבן ווייטער לײדנשאַפט־לעך און ריקזיכטלאָז געהעצט אין דער פּרעסע און אין דער איינפלוס־רייכער געזעלשאַפט קעגן דעם מחבר פון „קאָנווענציאָנעלע שקרים“ און „דעגענעראַציע“. אָבער גלייכצייטיק האָבן נישט געפעלט אויך גוטע פריינט, וועלכע האָבן זיך משתדל געווען אין די רעגירונגס־קרייזן לטובת נאָרדויען און זיין צוריקקער קיין פּאַריז. נאָרדוי איז געווען אָפּטימיסטיש געשטימט און האָט געהאָפט, אַז זייער אינטער־ווענץ וועט געלינגען און באַזיגן דאָס, וואָס ער האָט גערופן „די נקמה פון די דעגענעראַטן“.

די דאָזיקע האָפנונגען זיינען אָבער לגמרי אַנטוישט געוואָרן און פון די „פאָר טעג אין שפּאַנישן גלות“ זיינען געוואָרן כמעט גאַנצע פינף יאָר. די רעגירונגס־מאַכט אין פראַנקרייך האָט דעמאָלט איבער־גענומען זשאָרזש קלעמאַנסאָ, דער באַרימטער מלוכה־מאַן, וועמענס

אייזערנע האַנט און פירונג בעת דער מלחמה, האָט אים געגעבן דעם פּאָפּולערן ביינאָמען „דער טיגער" און דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלן העלד. קלעמאַנסאָ איז געווען אַן אַלטער באַקאַנטער פון נאָרדויען. אַן אַלטער באַקאַנטער, אָבער לײדער, נישט קיין גוטער באַקאַנטער. מיט יאָרן צוריק, האָט ער, אַזוי ווי נאָרדוי, אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע קאַריערע אַלס מעדיצינער און זשורנאַליסט. צו יענער צייט האָט קלעמאַנסאָ אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פּיעסע מיטן נאָמען : „דער שלייער פון גליק", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין „טעאַטער־פראַנסע". נאָרדוי האָט וועגן דער דאָזיקער פּיעסע געשריבן אַ גאַנץ קריטישע און שאַרפע רעצענזיע. קלעמאַנסאָ האָט אים דאָס נישט געוואָלט מוחל זיין, אפילו אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען נאָרדוי איז געווען אין שפּאַנישן גלות און זיין צוריקקער איז געווען אָפּהענגיק פון קלעמאַנסאָ, דעם נייעם שעף פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

דאָס זיינען געווען שווערע טעג פון האָפנונגען און אַנטוישונגען, פון בענקשאַפטן און אומגעדולדיקע שפּאַצירן אויף די גאַסן פון מאַדריד. בעת איינעם פון אַזעלכע שפּאַצירן האָט נאָרדוי געהערט, ווי מ׳רופט זיין נאָמען. אַן אומבאַקאַנטער איז צוגעקומען, האָט גע־דריקט נאָרדויס האַנט און זיך פאָרגעשטעלט. דאָס איז געווען דער באַוווסטער געלערנטער, פּראָפעסאָר א. ש. יהודה, וועלכער האָט דע־מאָלט איבערגענומען אַ קאַטעדרע אויפן מאַדרידער אוניווערזיטעט פאַר דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. ד"ר יהודה איז גע־ווען אַ אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, און זיין פּראָפעסור, די ער־שטע אָפיציעלע שטעלע פון אַ ייד אין דער קאַטוילישער שפּאַניע זייט דעם גירוש ספרד מיט פינף הונדערט יאָר צוריק, איז געוואָרן אַ מין היסטאָרישע בריק צווישן דער אַמאָליקער גאָלדענער תקופה פון שפּאַ־ניש־יידישן ישוב און דער היינטיקער ווירקלעכקייט. זייט זיין ער־שטער באַקאַנטשאַפט אויף דער מאַדרידער גאַס, איז פּראָפ. יהודה געבליבן אַ נאָנטער און גוטער פריינט פון מאַקס נאָרדוי און זיין משפחה. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר נאָרדויס שווערער גלות־לאַגע. ווען ער האָט אַמאָל, זיצנדיק מיט נאָרדויען אין אַ בין־השמשות־דעמערונג, געהערט פון אים מעלאַנכאָלישע ווער־טער, הגם אַרויסגעזאָגט אין אַ וויציקן טאָן : „על נהרות ספרד שם ישבנו גם בכינו, בזכרנו את פריז", איז אים קלאָר געוואָרן נאָרדויס נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע און איר גייסטיקער אַטמאָספער. פּראָפ. יהודה האָט זיך באַמיט, ווי ווייט ס׳איז אים נאָר מעגלעך געווען, צו דערנענטערן נאָרדויען צו דער אינטעלעקטועלער עליטע פון שפּאַניע און צו דערלייכטערן אים דעם

דעם גורל פון אַ פּליט אין אַ פרעמדן לאַנד און אין אַ פרעמדער סביבה.

גאַנץ פרעמד איז אָבער שפּאַניע נישט געווען פאַר נאַרדויען. ער האָט דאָ געפונען גוטע באַקאַנטע און פריינט, צווישן זיי באַרימטע זשורנאַליסטן און שרייבער. זיין נאָמען האָט אים רחבותדיק געעפנט די טויערן פון די בעסטע ליטעראַרישע קלובן און פון די פאַרנעמסטע סאַלאָנען. מ׳האָט נאַרדויען אויפגענומען מיט גרויס כבוד און מיט פייערדיקע באַגריסונגען אויף באַנקעטן און פאַרזאַמלונגען. נאַרדוי האָט געהאַלטן עפנטלעכע רעפעראַטן און געדרוקט אַרטיקלען אין דער איינפלוסרייכער שפּאַנישער פּרעסע. אומעטום האָט מען זיך באַמיט אַרויסצוווייזן אים פריינטשאַפט און גאַסט־פריינטלעכקייט. לאַנגזאַם האָבן זיך אָנגעהויבן ווערבן נאָנטע, האַרציקע פעדים צווישן נאַרדויען און דעם דאָזיקן שיינעם שפּאַנישן לאַנד, וווּ עס האָבן געלעבט טראַדיציעס פון דורות־לאַנגן יידישן עבר און צו וועלכן עס האָבן געפירט אייגענע משפחה־לעגענדעס, אַזוי אָפט דערמאָנטע און דערציילטע פון גאָטזעליקן פאָטער, ר׳ גבריאל זידפעלד. נאַרדויען האָט זיך איצט נישט איינמאָל געדוכט, אַז ער זעט אַרום זיך די לעגענדאַרע געשטאַלטן פון זיינע פאָטערס עלטער־עלטער־זיידעס, די באַרימטע גאונים און גבירים פון אברבנאלס צייטן. די דאָזיקע הייסע און פאַרביקע שפּאַנישע ערד האָט אים אָנגעהויבן זיין באַקאַנט און אפילו נאָנט. ער האָט געפילט, אַז ער איז גרייט איר מוחל צו זיין אפילו די בלוטיקע אינקוויזיציעס און דעם שרעקלעכן גירוש ספרד.

נאָך אַ קורצער הפסקה, איז ווידער באַנייט געוואָרן נאַרדוים קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין די מערב־לענדער. די בריוו־צענזור איז געווען אפילו זייער אַ שטרענגע אָבער נישט געקוקט דערויף האָט נאַרדוי געקענט זיך כסדר פאַרשטענדיקן וועגן דעם איצטיקן מצב און וועגן די צוקונפטיקע פּלענער פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. די ערשטע חדשים פון דער וועלט־מלחמה האָבן צעריסן יעדע פאַרבינדונג, סיי פּאָליטישע און סיי אָרגאַניזאַציאָנעלע, צווישן די איינצלנע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די הויפּט־צענטראַלע אין בערלין האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט דעם יידנטום אין רוסלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך א. א. וו. „די וועלט״ האָט אויפגעהערט צו דערשיינען. ערשט ביים סוף פון 1914 זיינען ווידער טעטיק געוואָרן די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. די צענטראַלע איז פון בערלין אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין קאָפּענ־

האַגען, דער הויפּט־שטאָט פון דער קליינער, נייטראַלער מלוכה דע־נעמאַרק. די ציוניסטישע ליטונג אין קאָפּענהאַגען, וואָס איז באַ־שטאַנען פון שטאַטס־אַנגעהעריקע פון ביידע קריגס־צדדים , האָט פּראָקלאַמירט דעם נייטראַליטעט־פּרינציפּ אַלס די אָפיציעלע ליניע פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. דער באַרבאַרישער רדיפות־סיס־טעם פון דעם טערקישן הויפּט־קאָמאַנדיר אין סיריע דזשעמאַל פּאַ־שאַ קעגן דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב האָט געוואָרפן אַן אימה אויף די פירנדיקע ציוניסטישע עסקנים אין דער גאַנצער וועלט. די איינ־צלנע ציוניסטישע טוער, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַן ענגע אַנט־שלאָסענע מיטאַרבעט מיט די קאָאַליציע־מלוכות קעגן דייטשלאַנד און דער מיט איר פאַרבונדענער טערקיי, זיינען באַטראַכט געוואָרן דורך דער קאָפּענהאַגער ליטונג אַלס אומפאַראַנטוואָרטלעכע אוואַנ־טוריסטן.

פון זיין מאַדרידער פּאַנסיאָן האָט זיך נאָרדוי באַמיט צו בלייבן אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט אַלע וויכטיקסטע ציוניסטישע פּער־זענלעכקייטן און גרופּירונגען. נאָרדוי האָט אינסטינקטיוו פאַרשטאַ־נען, אַז איצט, אין דער וועלט־מלחמה, ווערט זיך אַנטשיידן אויך דער גורל פון פאָלק און לאַנד ישראל. ער האָט גערופן צו וואַכזאַמ־קייט און אַקטיוויטעט. ס'איז אים אפילו נאָך נישט לגמרי קלאָר געווען, ווי ווייט די וואַכזאַמקייט דאַרף גיין און ווי שנעל און אין וועלכער ריכטונג עס דאַרף זיך אַנטוויקלען די ציוניסטישע אַקטי־וויטעט. די וועלט־מלחמה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און איר פאַר־לויף איז פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און אַלץ ברייטער קאָמפּליצירט געוואָרן. נאָרדוי האָט געהאַלטן, אַז די אַנטשיידונג דערנענטערט זיך און די ציוניסטישע באַוועגונג מוז גלייך אָנהייבן מאָביליזירן אירע בעסטע כוחות און מיטלען צום קאַמף פאַר אַ יידישער מלוכה.

נאָרדוי האָט מיט אַ טיפן שמערץ באַדויערט, וואָס אין דער דאָ־זיקער אַנטשיידנדיקער און גורל־פולער שעה, קען מען זיך נישט מער פאַרשטענדיקן און באַראַטן מיט דוד וואָלפזאָן. אין דריטן מלחמה־חודש איז געשטאָרבן הערצלס יורש, דער צווייטער פּרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער איז אַוועק פון דער וועלט, זייענדיק סך הכל 58 יאָר אַלט, אין אַ מאָמענט, ווען דער ציו־ניזם איז אפילו נישט ביכולת געווען, צוליב דעם קריגס־אויסברוך, ווי געהעריק מספּיד צו זיין דעם טרייען מנהיג, הערצלס תלמיד און יורש. מיט אַן אָנגעוויטיקטן צער האָט נאָרדוי איצט געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן שטאַרקן און פעאיקן ליטווישן ייד, וואָס האָט אַזוי פיל געלייסטעט פאַרן ציוניזם מיט זיין ערלעכקייט, אַרבעטס־

זאַמקייט און ענטוזיאַזם, און איז אונז אַזוי יונג אַוועקגעריסן געוואָרן. נאָרדוי האָט געזען, ווי עס ווערט איצט רייף די היסטאָרישע קאָניוקטור פאַרן ציוניזם און זיינע צילן, און זיין נשמה האָט געוויינט, וואָס אין דער דאָזיקער גרויסער שעה וועט אויספעלן דוד וואָלפזאָן.

אין נאָוועמבער 1914 האָט מאַקס נאָרדויען באַזוכט אין מאַדריד זאב זשאַבאָטינסקי. דער צוקונפטיקער שעפער פון „יידישן לעגיאָן" האָט שוין דעמאָלט, אין די ערשטע חדשים פון דער וועלט־מלחמה, געהאַט אַ קלאָרע פּאָליטישע ליניע בנוגע דער ציוניסטישער פּאָליטיק. זשאַבאָטינסקי איז נאָך אין יאָר 1909, ווען ער האָט געאַרבעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַלס רעדאַקטאָר פון ציוניסטישע צייטונגען, געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די איינציקע האָפענונג פון ציוניזם ליגט אין דער צעשטערונג פון דער טערקישער אימפּעריע, ווייל „די טערקיי איז נישט קיין מלוכה, נאָר אַ טרויעריקע מיספאַרשטענדעניש". ביים קריגס־אויסברוך האָט זשאַבאָטינסקי באַזוכט, אין אויפטראַג פון אַ גרויסער מאָסקווער צייטונג, די מחמדאַנישע לענדער פון צפון־אַפריקע, און דאָ האָט זיך נאָך מער פאַרפעסטיקט זיין איבערצייגונג, אַז דער ציוניזם מוז זיין גורל פאַרבינדן מיט דער קאָאַליציע. אין שריפט און וואָרט האָט זאב זשאַבאָטינסקי אַגיטירט, אַז צו דעם צוועק זיינען נויטיק נישט נאָר דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכן, נאָר אויך, און דאָס איז טאַקע דער עיקר, אַ בלוט־שותפות אויף די שלאַכט־פעלדער אין אָריענט, ווו עס וועט זיך אַנטשיידן די צוקונפט פון ארץ־ישראל. אַזוי איז געבוירן געוואָרן די אידיי פון אַ יידישן לעגיאָן.

אויף זיין וועג קיין אַלעקסאַנדריע, האָט זשאַבאָטינסקי ספּעציעל זיך אויפגעהאַלטן אין מאַדריד, בכדי צו געווינען דעם באַרימטן שריפטשטעלער און ציוניסטישן מנהיג נאָרדויען פאַר דעם פּלאַן פון אַ יידישן לעגיאָן. זשאַבאָטינסקיס לאָגישע און פּאָליטישע אויספירונגען האָבן געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק אויף דעם פירער פון פּאָליטישן ציוניזם. נאָרדוי האָט זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז מ'מוז איצט גיין צוזאַמען מיט דער קאָאַליציע און ס'איז נויטיק אַ סוף צו מאַכן צו די אַלטע יידישע סענטימענטן פאַרן טערקישן „פעטער ישמעאל". אָבער גאָר לאַנגזאַם און טריט נאָך טריט איז ביי נאָרדויען פאָרגעקומען דער דאָזיקער איבערברוך לגבי טערקיי. נאָרדוי האָט געהערט, ביי זיין גאַנצער גייסטיקער און מאָראַלישער קאַמף־איינשטעלונג, צו דעם דור פון יידישע אינטעלעקטואַליסטן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער אַלטער, טראַדיציאָנעלער

סימפּאַטיע פאַר דער טאָלעראַנטער און יידן־פריינטלעכער, במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, טערקישער אומה און מלוכה. פון זיין פאָטער ע"ה און זיינע נאָענטסטע קרובים, פלעגט נאָרדוי אין דער יוגנט זיך אַ סך אָנהערן וועגן דעם שרעקלעכן גירוש ספרד, בעת וועלכן צענדליקער טויזנטער יידישע פּליטים־משפּחות האָבן געפונען אַ פריינטלעכע, האַרציקע נייע היים אין טערקיי. די דאָזיקע יוגנט־דערינערונגען, פאַרשטאַרקט שפּעטער דורך פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפטן מיט פירנדיקע יונג־טערקישע רעוואָלוציאָנערן אין פּאַריז, האָבן משפּיע געווען אויך איצט, אין גלות־ספרד, ווען נאָרדוי האָט זיך צוגעהערט צו די קלוגע, לאָגישע אַרגומענטן פון זאב זשאַבאָטינסקי.

לסוף האָט נאָרדוי מסכים געווען מיט זשאַבאָטינסקיס דעצידירטער שטעלונג פאַר דער קאָאַליציע און קעגן דער טערקיי, און האָט צוגעזאָגט צו אונטערשטיצן מיט זיין אויטאָריטעט די דאָזיקע פּאָליטישע ליניע. בנוגע דער שאַפונג פון אַ יידישן לעגיאָן, וואָס דאַרף בעיקר רעקרוטירט ווערן פון ארץ־ישראלדיקע יידן (אַרויסגעשיקטע און פּליטים אין מצרים!) און וואָס זאָל קעמפן אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון דער ענגלישער אַרמיי, האָט דער מנהיג פון פּאָליטישן ציוניזם אַרויסגעזאָגט סקעפּטישע און פּאַרזיכטיקע מיינונגען. דאָ האָבן שוין נישט געהאָלפן די שטאַרקסטע און בעסטע אַרגומענטן פון זשאַבאָטינסקין.

אַנטקעגן דעם 65־יעריקן מאַקס נאָרדוי, דעם באַרימטן אייראָפּעאישן שריפטשטעלער און ציוניסטישן מנהיג, וועלכער האָט געהערט צום דור פון ליבעראַליזם און עוואָלוציע, איז געזעסן דער יונגער, 34־יעריקער באַוווסטער רוסיש־יידישער זשורנאַליסט און ציוניסטישער עסקן וולאַדימיר (זאב) זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט געהערט צום נייעם דור פון געזעלשאַפטלעכע ראַדיקאַלן און פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן. פאַרגלייכנדיק די דאָזיקע צוויי יידישע פּערזענלעכקייטן, האָט מען, ווי סימבאָליש, געהאַט פאַר די אויגן, פון איין זייט דעם ניינצנטן יאָרהונדערט און פון דער אַנדערער זייט דעם צוואַנציקסטן, פון איין זייט די עוואָלוציע און פון דער אַנדערער זייט די רעוואָלוציע. גרויס איז געווען דער כוח, וואָס האָט זיי פאַרבונדן אָבער גרויס איז געווען דער צייט־אונטערשיד, וועלכער האָט זיי אָפּגעטיילט. ביידע זיינען זיי געווען פּראָמינענטע מענטשן און הייסע יידן. ביידע באַשאָנקען מיט אַ געטלעכער שפּע פון טאַלאַנטן, ביידע אויסגעצייכנט אַלס גלענצנדיקע שריפטשטעלער, מעכטיקע אָראַטאָרן, אומדערשראָקענע קעמפער און ווייט־זע־

ענדיקע פּאָליטיקער. אָבער אויף נאָרדוים אַלטע, כמעט 70־יעריקע פּלייצעס, האָט געלאַסטעט די ירושה פון דורות־לאַנגער יידישער טראַדיציע און פון אייראָפּעאישער עוואָלוציע, בעת זשאַבאָטינסקי איז געווען איינער פון דעם נייעם יידיש־רוסישן דור, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם בונטאַרישן גייסט פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" און פון די רעוואָלוציאָנערן פון 1905־טן יאָר.

אויף אַלע שכל־אַרגומענטן פון יונגן, לײַדנשאַפטלעכן זשאַבאָטינסקין לטובת דער אידיי פון אַ יידישן לעגיאָן, האָט דער אַלטער ציוניסטישער מנהיג געשאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ און געזאָגט: „דאָס איז, מיין יונגער פריינט, לאָגיק. לאָגיק איז אָבער אַ גריכישע קונסט. יידן האָבן זי פיינט. דער ייד לערנט נישט פון שכל, נאָר פון קאַטאַסטראָפעס!". נאָרדוי האָט אין זיין לעבן אַ סך געזען און האָט גוט געקענט די יידישע ווירקלעכקייט. דאָס האָט אים געמאַכט פאַרזיכטיק און סקעפּטיש לגבי דעם רעוואָלוציאָנערן לעגיאָן־געדאַנק. אָבער אויך זשאַבאָטינסקי האָט נישט געוואָלט, און נישט געקענט נאָכגעבן. נאָר אין איין פּרט, האָט ער זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון נאָרדוים ישוב הדעת. דעם נאָמען פון צוקונפטיקן לעגיאָן, וועלכן ער האָט מתחילה געוואָלט אָנרופן „ציוניסטישער לעגיאָן", האָט ער געענדערט, לויט נאָרדוים עצה אויף „יידישער לעגיאָן".

געזעגנדיק זשאַבאָטינסקין, האָט נאָרדוי אים געווונטשן גליק אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. די קלוגע, פאַרשנדיקע אויגן פון אַלטן ציוניסטישן מנהיג האָבן באַגלייט מיט סימפּאַטיע די בלאַסע אָבער טעמפּעראַמענטפולע געשטאַלט פון יונגן רוסיש־יידישן זשורנאַליסט און קעמפער. נאָרדוים געדאַנקען זיינען געווען פאַרזונקען אין פאַרפלאָסענע צייטן, מיט יאָר־צענטער צוריק, ווען אויך ער איז געווען אַזוי יונג און פריש, היציק און באַגייסטערט, ווי דער דאָזיקער פרעמדער און דאָך אַזוי נאָענטער יונגער ציוניסטישער עסקן, וועלכער קומט פון ווייטן צאַריסטישן רוסלאַנד און איילט איצט צום ענגליש־טערקישן פראָנט מיט אַ משיחישן חלום וועגן אַ יידישער אַרמיי און יידישער מלוכה. בעת מעשה, האָט נאָרדוי געטראַכט מער מיט באַוווּנדערונג ווי מיט קנאה: „ער איז יונג און איך בין אַלט. ער קומט פון דער ווייטער וועלט און גייט פריי, אומדערשראָקן צו אַ נייער, ווייטער וועלט. איך בלייב אָבער פאַרשלאָסן דאָ, אין שפּאַנישן גלות! עס וואַקסט אין אים, אין דעם דאָזיקן וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, אַ נייער ציוניסטישער קעמפער, אַ נייער ציוניסטישער מנהיג!".

קאַפּיטל מ.

צווישן נייע ביכער און אַלטע קונסט־אוצרות

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, איז מאַקס נאָרדוי באַהערשט געווען פון אילוזאָרישע האָפנונגען, אַז דער קריג וועט זיך באַלד ענדיקן און די טעג פון זיין גלות־שפּאַניע זיינען געציילטע. אָבער די ווירקלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ סך האַרטער און ברוטאַלער, ווי מ'האָט דאָס געקענט פאָרויסזען. פון דעם פּלוצלונגן פּאַריזער גירוש זיינען געוואָרן גאַנצע פינף יאָר גלות־שפּאַניע, פון האַרבסט 1914 ביז האַרבסט 1919.

די פיינטלעכע, אָפט געמיינע אַטאַקעס פון דער רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע אין פראַנקרייך קעגן נאָרדויען האָבן נישט אויפגעהערט. גראָד להיפוך, זיי זיינען געוואָרן נאָך ליידנ־שאַפטלעכער און דערפינדערישער מיט זייערע כסדר־נייע צוטשע־פּענישן און בלבולים. איין צייטונג האָט זיך באַמיט אַריבערצו־שטייגן די אַנדערע אין פּאַרביסנקייט און רכילות־טרייבן קעגן דעם באַרימטן אייראָפּעאישן שרייבער און ציוניסטישן מנהיג. נאָרדוי איז געבליבן קאַלט און באַהערשט לגבי דעם דאָזיקן שטורם פון שקר און געמיינקייט, וואָס האָט דערמאָנט די צייטן פון דעם דרייפוס־געראַנגל. עס האָט באמת, אַזוי אויסגעזען, ווי עס וואָלטן אַלע שוואַרצע, פינצטערע כוחות, וואָס זיינען מיט יאָרן צוריק באַזיגט געוואָרן אין פראַנקרייך, איצט מאָביליזירט געוואָרן צום רעוואַנזש־קאַמף פאַר דער דרייפוס־מפּלה קעגן דעם „ייד און מאַסאָן" נאָרדוי. די העצע האָט באַאיינפלוסט אַפילו אָפיציעלע קרייזן. די פראַנ־צויזישע רעגירונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן מי־אוסן שפּיל און האָט קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון נאָר־דויען.

מיט אַ סטאָאישער רואיקייט און מיט אַ טיפער פאַראַכטונג האָט נאָרדוי זיך אָפּגעגרענעצט פון דער דאָזיקער שפּלדיקער קאַמפּאַניע, וואָס איז קעגן אים אָרגאַניזירט געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז יע־דער קעמפנדיקער גייסט־מענטש ווערט באַוואָרפן מיט שטיינער און מיט... בלאָטע. דאָס קען אויך אים, דעם נאַציאָנאַלן ייד און ציוניס־טישן מנהיג, נישט אויסמיידן! נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט וועגן

דעם סקאַנדאַל, מיט צוויי יאָרצענטער צוריק, ווען רעאַקציאָנער־קאַ־טוילישע קרייזן האָבן פאַרשפּרייט פאַרסמטע רכילותן, אַז ערנסט רענאַן, דער גרויסער געלערנטער און טיפער דענקער, דער ערלעכער מענטש מיט דער איידעלסטער נשמה און מיט די ריינסטע הענט, האָט באַקומען אַ פּאָר מיליאָנען שוחד־געלט פון יידישן באַנקי־ראָטשילד, בכדי ער זאָל שרייבן זיין בוך: „דאָס לעבן פון ישו״. נאָרדוי האָט הארציק געלאַכט איבער די פאַנטאַסטישע שקרים פון זיינע שונאים אין פראַנקרייך, און האָט געטרייסט זיינע נאָנטסטע: „וואָס זיינען אונזערע צרות לגבי די ליידן פון די מיליאָנען סאָל־דאַטן אויף די מלחמה־פראָנטן און לגבי די פאַרפאָלגונגען, וועלכע אונזערע ברידער אין רוסלאַנד האָבן איצט אויסצושטיין מצד די צאַריסטישע סאַטראַפּן!״.

נאָרדוי האָט זיך איצט גענומען באַנייען זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט, וועלכע איז, זייט כמעט צוויי יאָרצענטער, כסדר גע־שטערט און איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער געזעלשאַפטלעך־פּאָ־ליטישער און מעדיציניש׳ער אַקטיוויטעט. ווידער פאַרטיפט ער זיך לגמרי אין דער וועלט פון ביכער, פון אומדערמידלעכער שריפטשטע־לערישער אַרבעט און וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישער פאָרשונג. אַזוי אַנטשטייט נאָרדויס פילאָזאָפיש ווערק: „די ביאָלאָגיע פון עטיק״ (דערשינען אין דער ענגלישער אויסגאַבע אונטער דעם טיטל: „די עטיק און די עוואָלוציע פון מענטש״). דאָס דאָזיקע וויכטיקע בוך איז לאַנג צוגעגרייט און איבערגעאַרבעט געוואָרן. ענדע 1916 איז עס פאַרענדיקט געוואָרן און דער מחבר דעדיקירט עס זיין פרוי מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „פאַר מיין טייערער פרוי אַננאַ, דעם זוניקן שטראַל פון מיין לעבן אין די גליקלעכע טעג, דעם מוטיקן חבר בעת די שטורמען פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, ווידמע איך מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט דאָס דאָזיקע בוך, וואָס האָט געהאָלפן איר און מיר איבערצוהאַלטן די שווערע צייטן, ווען מיר זיינען געווען היימ־לאָזע וואַנדרערר״.

„די ביאָלאָגיע פון עטיק״ איז געווען אַ מין המשך און דער־גענצונג פון נאָרדויס ווערק: „די אינטערפּרעטאַציע פון דער גע־שיכטע״, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר פריער דערשינען אין דרוק און האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע אָנערקענונג. אויך איצט, ווי פרי־ער, שטיצט זיך נאָרדויס געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע וועלט־אַנשויאונג אויף ריין־עטישע יסודות. די בלוטיקע וועלט־מלחמה האָט נאָך מער פאַרטיפט און געשטאַרקט נאָרדויס טעזע, אַז אָן דער מאָראַלישער באַנייאונג איז נישטאָ און קען נישט זיין קיין שום רעטונג און קיין שום צוקונפט פאַר דער מענטשהייט. נאָרדויס גע־

דאַנקען־גאַנג זוכט אַ מיטל־וועג צווישן די פילאָזאָפישע ריכטונגען, צווישן די פּאָזיטיוויסטן און די מיסטיקער, און ווייזט אַן אויסוועג פון דעם אייביקן קאָנפליקט, וואָס צעשטערט און באַדראָט דעם מענטשלעכן קיום. דער דאָזיקער אייביקער קאָנפליקט צווישן דעם אינסטינקט און דעם שכל קען באַזיגט ווערן אַדאַנק דעם נצחון פון עטישע פּרינציפּן. דאָס איז דער איינציקער וועג צום מענטשלעכן פּראָגרעס, אַ וועג, וועלכער ווערט כסדר געשטערט דורך פינצטערע אויסברוכן פון אינסטינקט, אָבער ער וועט און מוז גובר זיין אַלע טראַגישע און אפילו קאַטאַסטראָפאַלע שטערונגען. דער געשיכטלעכער פּראָצעס פון דער מאָראַלישער צעמענטירונג און עטישן איבערבוי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז אַ לאַנגער און שווערער. ער פאַרמאָגט נישט קיין פּראָסטע און גראַדליניקע אַנטוויקלונגס־פאָרם און ברעכט זיך כסדר, אַמאָל אין אויפשטייג און דאַן ווידער אין ירידה. די עטישע באַנייאונג מוז זיך שטיצן אויף סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פונדאַמענטן, ווייל די עטיק איז נישט מער ווי אַ קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם יחיד לגבי דעם כלל און פון דעם כלל לגבי דעם יחיד.

„די ביאָלאָגיע פון עטיק" איז געשריבן געוואָרן אין דער שווערסטער תקופה פון דער וועלט־מלחמה, ווען די אַלגעמיין־מענטשלעכע און אויך די פּערזענלעכע האָריזאָנטן פון מאַקס נאָרדוי זיינען באַדעקט געווען מיט דיקע, שוואַרצע און האָפנונגסלאָזע וואָלקנס, און ווען אויף די שלאַכט־פעלדער פון אייראָפּע זיינען צוזאַמען מיט מיליאָנען סאָלדאַטן־קרבנות, געפאַלן אין בלוט און שטויב אַלע ביז־איצט געהייליקטע באַגריפן פון מאָראַל און גערעכטיקייט. מ'האָט געדאַרפט באמת, האָבן דעם אייביקן פּאַטאָס פון די יידישע נביאים וועגן „באחרית הימים" און דעם אומדערשראָקענעם מוט פון אַ גרויסן שרייבער־קעמפער, בכדי אין אַזאַ פאַרצווייפלטן מאָמענט צו שרייבן „די ביאָלאָגיע פון עטיק", אַ קאַמף־בוך פון גייסט קעגן געוואַלט, פון מאָראַל קעגן דעספּאָטיזם, פון אַ פלאַמיקן פּראָטעסט קעגן מלחמה און מיליטאַריזם.

סיי אין דעם דאָזיקן ליטעראַריש־פילאָזאָפישן ווערק און סיי אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז געקומען צום בולטן אויסדרוק נאָרדויס שטאַרקער ווילן און אָפּטימיסטישער מוט גובר צו זיין אין זיך און אַרום זיך די שוואַכקייט פון יאוש, די באַקוועמלעכקייט פון קאַפּיטולאַציע. נאָרדוי איז כל ימיו געווען קודם־כל אַ קעמפער, און דאָס איז ער אויך געבליבן אין גלות־שפּאַניע. שפּאַצירנדיק בעת לאַנגע אומעטיקע אָוונטן איבער די גאַסן און פּלעצער פון דער שפּאַנישער הויפּט־שטאָט, האָט נאָרדוי געזוכט און געפונען טרייסט

פאַר זיין שווערן געמיט און פאַרוווּנדערטער נשמה. ער האָט געזען די חורבות פון אַמאָליקער אינקוויזיטאָרישער מלכות הרשע און האָט געטראַכט וועגן דער אייביקייט פון יידישן פאָלק. אויף דעם פּלאַצאַ מאַיאָר, אין דער אַלט־שטאָט פון מאַדריד, האָט מען אים געוויזן דעם אָרט פון אויטאָ־דע־פע׳ס. נאַרדוי איז דאָ לאַנג געשטאַנען, פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן דער אַמאָליקער וועלט־מאַכט פון די שפּאַניש־קאַטוילישע קיסרים, וועלכע האָבן שטאָלצירט מיט זייער אימפּעריע, אין וועלכער „עס גייט קיינמאָל נישט אונטער די זון". נישט־נאָר די זון איז אונטערגעגאַנגען אין זייער וועלט־מלוכה, נאָר אפילו דער זכרון פון זייער געוואַלדיקער מאַכט איז פאַרגעסן געוואָרן.

דעם זעלבן אָוונט, שוין גאַנץ שפּעט, איז נאַרדוי געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו אַ באַקאַנטן ספרדישן ייד. אויף דעם טיש איז געשטאַנען אַ הערלעכער חנוכה־לאָמפּ, אַ זעלטענער קונסט־אוצר פון אַלטע דורות. מיט אַ ציטערדיקן שיין האָבן געברענט די קליינע, פאַרביקע ליכטעלעך. צי האָבן זיי געציטערט צוליב דעם שטאַרקן פראָסטיקן ווינט, וואָס האָט זיך דאָ, אין דער פּאַטריאַרכאַלישער יידישער שטוב, אריינגעריסן פון ווייטנס, מסתמא פון די פּירענייען־בערג, אָדער איז דאָס געווען אַ סימבאָלישער אָפּשיין פאַר דעם ציטער, וואָס האָט באַהערשט די נשמה פון אַלטן, ספרדישן בעל־הבית און פון זיינע געציילטע געסט. נאַרדוי איז שטיין געבליבן, ווי פאַרגליווערט ביי דער טיר און זיינע אויגן האָבן ווי פאַרכישופט געשלונגען די שוואַכינקע, ציטערדיקע חנוכה־ליכטעלעך. אין זיין באַוווּסטזיין האָט ער נאָך געהאַט די שרעקלעכע, ריזיקע פייערן פון די אויטאָ־דע־פע׳ס אויפן אַלטן מאַדרידער פּלאַץ. נאַרדויס ליפּן האָבן אָנגעהויבן עפּעס שטיל און זינגנדיק צו שעפּטשען. אפשר איז דאָס געווען אַ ווייטער, אומבאַוווּסטער אָפּקלאַנג פון יענער מעלאָדישער חנוכה־תפילה, וועלכע זיין פאָטער, ר׳ גבריאל זידפעלד עליו השלום, פלעגט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, אויפזינגען פאַר די בני־בית אין דעם פעסטער געסל, ווען אין דרויסן איז געלעגן דער קאַלטער שניי און אין שטוב איז געווען אַזוי וואַרעם און ליכטיק. און אפשר איז עס געווען נישט מער ווי אַ האַלב־שטומער באַוווּנדערונגס־אויסדרוק פאַר יענער מעכטיקער, אומבאַקאַנטער געטלעכער שכינה, וואָס האָט אויסגעלאָשן די אינקוויזיציע־פייערן און האָט אָנגעצונדן אויף אייביק די דאָזיקע שוואַכינקע, ציטערדיקע יידישע ליכטעלעך.

פון טיפן פאַרטראַכטן האָט נאַרדויען אַרויסגעריסן די הארציקע באַגריסונג פון אַן אַלטן פריינט. דאָס איז געווען אַ שפּאַנישער

קריסט מיטן נאָמען קאָנסינאָס אַסענס. זייט יאָרן האָט ער איבער־זעצט נאָרדוים ווערק אויף שפּאַניש, און אַן ערלעכע פריינטשאַפט האָט אים פאַרבונדן מיט דעם גרויסן אייראָפּעאישן שריפטשטעלער, וועלכן ער האָט שטאַרק פאַרערט. נישט צופעליק האָט זיך דער שפּאַניער, דער איינציקער צווישן אַ מנין יידן, דאָ געפונען אַלס גאַסט פון ספרדישן בעל־הבית. ער איז ספּעציעל געקומען זען די צערעמאָניע פון אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך. זייט אַ געוויסער צייט, האָט דער דאָזיקער שפּאַנישער שריפטשטעלער איבערגעלעבט אַ טיפן איבערברוך. ער האָט זיך דערוווסט, גאַט ווייס פון וואַנען, אַז זיינע עלטערן שטאַמען פון אַמאָליקע אנוסים, און איז זייט דעמאָלט באַהערשט געוואָרן פון שטאַרקע פּראָ־יידישע געפילן. צוערשט זייִ־נען דאָס געווען בלויז אַבסטראַקטע ראָמאַנטישע סענטימענטן. אָבער שפּעטער, מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער, איז פון דעם געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכע, אמתע ליבע צו יידן און יידנטום. דער שפּאַניער האָט אַ סך געלייענט פון יידישער געשיכטע און ליטעראַטור, און איז אָפט געווען אַ גאַסט אין יידיש־טראַדיציאָנעלע הייזער.

נאָרדוי איז פון דעם חנוכה־אָוונט אַהיימגעגאַנגען אין באַגלייִ־טונג פון זיין שפּאַנישן איבערזעצער. ס'איז געווען אַ קילער ווינ־טער־אָוונט און דער וועג צו נאָרדוים וווינונג האָט גאַנץ לאַנג גע־דויערט. אָבערביידע פריינט האָבן נישט באַמערקט די קעלט און נישט געפילט די מידקייט. זיי זענען פאַרטון געווען אין אינטע־רעסאַנטן שמועס וועגן יידישן עבר און עתיד. נאָרדוי האָט גערעדט וועגן דעם, ווי ער איז ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק געשטאַנען אויפן פּלאַץ פון די אויטאָ־דע־פע'ס און ווי די קליינע, ציטערדיקע חנוכה־ליכטעלעך זיינען פאַר אים אַ טריומף־סימבאָל פון יידישן גייסט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג און איר שעפער, טעאָדאָר הערצל. ווי מערקווירדיק, כמעט עקזאָטיש האָבן אויף דער פּוסטער מאַדרידער גאַס, אין שאָטן פון דער לבנה און פון אַן אַלטער קאַטוילישער קירך, גע־קלונגען די פּאָר פּאַטעטישע זאַצן, וועלכע נאָרדוי האָט איצט אויסנ־ווייניק ציטירט פון הערצלס ווונדערבאַרער שאַפונג „די מנורה", וואָס איז, כידוע, געווען אַ פּאָעטישער לויבגעזאַנג פאַר די מכביים און זייער גבורה. נאָרדוים שפּאַנישער פריינט און איבערזעצער איז געווען טיף גערירט, ספּאָנטאַן האָט ער גענומען גלייך אויפן אָרט איבערזעצן הערצלס „מנורה"־ווערטער אויף דער שפּאַנישער שפּראַך. (אַ קורצע צייט נאָך דעם דאָזיקן אָוונט האָט קאָנסינאָס־אַסענס פאַרענדיקט אַ גרעסערע דערציילונג אונטער דעם טיטל: „די ליכט פון חנוכה").

אינמיטן פון אַ נייער ליטעראַרישער אַרבעט, וועלכע האָט זיך גערופן: „מענטשן און מעטשלעכע זאַכן אין דער איצטיקער תקופה", איז נאָרדוי אַוועק אויף אַ רייזע קיין דרום־שפּאַניע. זיין ציל איז געווען צו דערקענען די דאָזיקע הערלעכע מקומות און בעיקר די אַנדאַלוזישע קונסט־אוצרות. שוין זייט אַ סך יאָרן האָט נאָרדוי ליב באַקומען די שפּאַנישע קונסט, בפרט די מאָלעריי. איצט האָט ער געהאַט די פולע מעגלעכקייט צו זען און צו באַוואונדערן די קונסט־ווערק, וועלכע זיינען מיט דורות צוריק, געשאַפן געוואָרן אויף דער דאָזיקער הייסער און מאָלערישער ערד. אויך די מענטשן זיינען דאָ אַנדערע, ווי אין צפון, פול מיט אַ פּרעכטיקן קאָלאָריט און מיט אַ פייערדיקן טאַנץ־ און וויין־טעמפּעראַמענט. פון סעווילאָ איז נאָרדוי געפאָרן קיין גראַנאַדאַ, דער לעצטער מויריש־מוזולמאַנישער פעסטונג בעת דעם שווערן, דורות־לאַנגן קאַמף מיט די קריסטלעכע שפּאַניער. ביז היינט איז גראַנאַדאַ געבליבן אַ וואונדערבאַרער מוזעאום פון מויריטאַנישער בוי־ און סטיל־קונסט. די איינדרוקן פון אַלהאַמבראַ און פון אַנדערע היסטאָריש־אַלטע בנינים און פּלעצער, לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. נאָרדוי איז געווען ממש פאַרכישופט פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין סעווילאַ און גראַנאַדאַ, אין די צוויי הערלעכע שפּאַנישע דרום־שטעט, וועגן וועלכע עס באַרימט זיך זייט דורות דאָס שפּאַנישע פאָלקס־ווערטל: „ווער עס האָט נישט געזען סעווילאַ, דער האָט נישט געזען קיין וואונדער. און דער, וואָס האָט נישט געזען גראַנאַדאַ, האָט נאָך גאָרנישט געזען!".

די נסיעה אין דרום־שפּאַניע האָט נאָרדויען געגעבן אַ סך מאַטעריאַל צו זיינע צוויי נייע ביכער: „די שפּאַנישע איינדרוקן" און „די גרויסקייט פון דער שפּאַנישער קונסט".

די וועלט פון דער אידעאַלער הומאַניסטישער קונסט, צו וועלכער נאָרדוי האָט כל ימיו געהאַט אַ נאָענטע גייסטיקע און עטישע באַציאונג, איז איצט, אויף אַ לענגערע צייט, געוואָרן דער שלמות׳דיקער מהות פון נאָרדויס טראַכטן און פילן. נאָרדוי האָט זיך אָפּט און לאַנג פאַרשלאָסן אין די וואונדערבאַרע מוזעאומס פון שפּאַנישער מאָלעריי און סקולפּטור. זיין נייער און האַרציקער פריינט ד״ר א. ש. יהודה איז אים ביי דער דאָזיקער שטודיען־אַרבעט געווען באַהילפלעך מיט אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אויפקלערונגען.

צווישן נייע ביכער און אַלטע קונסט־אוצרות, האָט נאָרדוי זיך געטרייסט און פאַרגעסן די שווערע איבערלעבנישן בעת דער שרעקלעכסטער צייט פון דער אייראָפּעאישער מענטשן־שחיטה.

קאַפּיטל מ"א

אויף די מיליטערישע פראָנטן און הינטער

די פּאָליטישע קוליסן

די מיליטערישע לאַגע האָט זיך במשך פון יאָר 1916 סטאַבי־ליזירט אויף דעם מערב־פראָנט פון דער אייראָפּעאישער מלחמה. דער שפּעטערדיקער הויפּט־פּאַרטנער, די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, איז געווען נאָך נייטראַל און די ענגליש־פראַנצוי־זישע אַרמייען האָבן אָנגעשטרענגט די לעצטע כוחות, בכדי אויפ־צוהאַלטן אין פראַנקרייך און אין בעלגיע די דייטשע אָנגריפן. די ים־בלאָקאַדע, וועלכע דער דייטשער קריגס־פלאָט האָט דורכגעפירט אַרום ענגלאַנד איז געווען געפערלעך פאַר דער מיליטערישער און ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון דער קאָאַליציע. אויף דעם ברייטן און לאַנגן מזרח־פראָנט, האָבן די רוסיש־צאַריסטישע אַרמייען געליטן שטאַרקע מפּלות און די דייטש־עסטרייכישע אָפענסיווע איז טיף אַריינגעדרונגען אויף דער רוסישער טעריטאָריע. די מיליטערישע און אינערלעך־פּאָליטישע סיטואַציע פון רוסלאַנד האָט זיך דער־נענטערט, מיט יעדן טאָג אַלץ מער, צו איר קאַטאַסטראָפע, און ענדע 1916 האָט מען שוין בפירוש געקענט זען די וואַקסנדיקע סימנים פון דער נאָנטער רעוואָלוציע. די קריגס־עקספּעדיציע פון די קאָאַליציע־מלוכות קעגן דער טערקיי, דורכגעפירט אין גאַלי־פּאָלי, אויף דעם האַלב־אינזל, ביי די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז דורכגעפאַלן. דער יידישער הילפס־קאָרפּוס („ציון־מיול־קאָרפּס"), אָנגעפירט פון העלדישן יוסף טרומ־פּעלדאָר, איז אויפגעלייזט געוואָרן. די ענגלישע רעגירונג, בראש פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען דער פּרעמיער אַסקוויט און דער אויסערן־מיניסטער גריי, האָט אין דעם גאַליפּאָלי־דורכפאַל געזען אַ באַשטעטיקונג פאַר דער ביזאַנטיקער קעגנערשאַפט לגבי וועלכער ס'איז נישט מיליטערישער אַקציע אין אָריענט. טראָץ דער סטאַביליזירטער לאַגע אויף דעם מערב־אייראָפּעאישן פראָנט, איז

די סיטואַציע, סיי די סטראַטעגישע און סיי די פּאָליטישע פון דער קאָאַליציע, נישט געווען קיין גוטע.

מיט אַ גרויסער זאָרג האָט מאַקס נאָרדוי אָבסערווירט די אַנט־וויקלונג פון די מלחמה־געשעענישן, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן און קאָמפּליצירט. אין אַ פרײ־האַרבסטלעכן ראש־השנה־טאָג פון יאָר 1916, איז נאָרדוי באַהערשט געווען פון טיפע יום־הדין־רעפלעקסן. שטייענדיק אַרומגערינגלט פון אַ מנין באַקאַנטע יידישע פּליטים אין מאַדריד, רעדט ער מיט געפילפולע ווערטער וועגן דער צוקונפט, וואָס איז אַזוי פאַרשלייערט מיט געהיימניספולע צייכנס, און וועגן דעם הוה, וואָס איז אַזוי שווער פאַר דעם וועלט־יידנטום, בפרט פאַר די רוסישע ברידער, דעם רוב מנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק, ווי אויך פאַר דעם קליינעם, געטרודפטן ארץ־ישראלדיקן ישוב. נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק, האָט נאָרדוי געשריבן אין אַן אַמעריקאַניש־יידישן זשורנאַל אַ ווונדערבאַרן אַרטיקל, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין טיפן גלויבן און בטחון לגבי דער צוקונפט פון יידנטום און ציוניזם. ווי אַ לייט־מאָטיוו קלינגען זיינע דאָ געשריבענע ווער־טער: „מיר זיינען אַ משיח־פאָלק. מיר פילן און מיר דענקען משי־חיש. אין אַלע לעבנס־באַדינגונגען, בפרט אין עת צרה, האָפן מיר אויף אַ ווונדער, אַ נס, וואָס וועט דערפילן אַלע אונזערע בענק־שאַפטן!".

מיט אַ נביאישער אינטואיציע, זעט נאָרדוי פאַרויס, די וואַקסנ־דיקע השפעה פון אַמעריקע. זיינע האָפנונגען ווענדן זיך לגבי דעם אַמעריקאַנער יידנטום. מיט אַ גרויסער אַנערקענונג און סימפּאַטיע באַציט ער זיך צום יידיש־אַמעריקאַנישן פירער און ציוניסטישן מנהיג לואי בראַנדייס, דעם ריכטער פון העכסטן אַמעריקאַנער שטאַטס־טריבונאַל און נאָענטן פריינט פון פּרעזידענט וואָדראָו ווילסאָן. נאָרדויס אַרטיקלען אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע ריידן וועגן דער צוקונפטיקער ראָל פון דעם נייעם קאָנטינענט אין דער נאָך־מלחמהדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, ווען איירָאָפּע וועט זיין פאַרמאַטערט און אויסגעהונגערט, און וועט דאַרפן האָבן הילף און שטיצע מצד דער גרויסער אַמעריקאַנער רעפּובליק. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען שטעלט זיך נאָרדוי באַזונדערס אָפּ אויף דער יידישער פראַגע, אירע איצטיקע פּראָבלעמען און צוקונפטיקע פּאָס־טולאַטן. זיינע ווערטער זיינען געשריבן מיט אַ הייסן יידישן פּאַט־ריאָטיזם און ציוניסטיש־מלוכהשן פּאַטאָס. דאָס קומט אויך בולט און כסדר צום אויסדרוק אין די צאָלרייכע בריוו, וועלכע נאָרדוי שרייבט דעמאָלט צו באַרימטע גייסט־מענטשן און איינפלוסרייכע פּאָליטיקער פון יענער תקופה. זיין בריוו־אויסטויש מיט דעם באַ־

וווסטן יידיש־איטאַליעניש מלוכה־מאַן לוצאַטי וועגן דער צוקונפֿט פֿון יידנטום און ציוניזם, אַטעמט מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און זעלבסט־באַוווסטזיין.

נאָרדויס יידישע וועלט־אַנשויאונג ווערט במשך פֿון די דאָזיקע שפּאַנישע גלות־יאָרן פֿאַרטיפֿט און טראַדיציאָנעל באַנייט. כידוע, איז נאָרדוי, זייט זיינע גימנאַזיע־יאָרן, געווען פֿריידענקעריש גע־שטימט לגבי דער רעליגיע און אירע טראַדיציעס און צערעמאָניעס. זיין אַ־רעליגיעזע און אפֿילו אַנטי־רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג האָט אָפֿט אָנגענומען אַ קעמפֿעריש־אַפּיקורסישן כאַראַקטער. די ציוניס־טישע באַקענטניש האָט וויניק וואָס געענדערט די דאָזיקע איינ־שטעלונג פֿון נאָרדויען, זי האָט נאָר געמעסיקט און פּאַציפֿיצירט די אויסערלעכע פֿאָרמען פֿון זיין פֿריידענקערטום. זיכער איז במשך פֿון די יאָרן פֿאָרגעקומען ביי נאָרדויען אַ געוויסע עוואָלוציע לטובת דער יידיש־רעליגיעזער טראַדיציע. אָבער, ערשט דאָ אין שפּאַניע, האָט די דאָזיקע עוואָלוציע באַקומען אַ בולטן אויסדרוק פֿון אַ טיפֿן איבערברוך. נאָרדוי איז געוואָרן רעליגיעז געשטימט און האָט זיך דערנענטערט צו די קאָנפֿעסיאָנעלע און טראַדיציאָנעלע מנהגים פֿון יידישקייט. זיכער איז דאָס נישט געווען בלויז אַ פּועל־יוצא פֿון זיינע כמעט 70־יעריקע לעבנס־יאָרן. ביי אַזאַ קעמפֿערישער און ראַדיקאַלער נאַטור, ווי ס׳איז געווען דער מחבר פֿון „קאָנווענציאָ־נעלע שקרים" האָט נישט געקענט אַנטשיידן די מעטריקע פֿון יאָרן. זיין רעליגיעזער איבערברוך איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון טיפֿע אי־בערלעבענישן און פֿון אַן אינערלעכן, גייסטיקן און פּסיכישן ראַנג־לען זיך, מיט און קעגן זיין ביז־איצטיקער פֿריידענקערישער איבער־צייגונג. דאָס פֿרום־רעליגיעזע שפּאַניע האָט, אָן ספֿק, באַאיינפֿלוסט נאָרדויס געפֿילס־לעבן. די פּאָר יאָרן ווייט פֿון דעם עולם־הזה׳דיקן, אויפֿגעקלערטן און אַפּיקורסישן פּאַריז, האָבן נאָרדויען קאָנצענט־רירט מער אויף אינערלעכע ווי אויף אויסערלעכע איבערלעבנישן, זיין געדאַנקען־וועלט האָט באַקומען מער צייט און רוים צו פֿאַרטי־פֿונג, צו דער רעפֿלעקסן־שטייגערונג.

אין שפּאַניע האָט נאָרדוי אָנגעטראָפֿן אויף רעשטלעך און שרי־דים פֿון דער אַמאָליקער יידיש־ספֿרדישער קולטור און טראַדיציע. זיכער האָבן זיי אים דערשיטערט און צוריקגעפֿירט צום יוגנטלעכן, פֿעסטער מקור, וווּ עס האָבן נאָך געדרימלט זכרונות פֿון אברבנאַלס צייטן און פֿון ספֿרדיש־היסטאָרישער פֿאַרגאַנגנהייט. אין ר׳ גבריאל זידפֿעלדס שטוב, אין דעם ענגן געטאָ־געסל פֿון דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט, האָט זיך דאָס יינגל שמחה־מאיר אָנגעהערט, מיט

א האלבן יאָרהונדערט צוריק, מעשיות און לעגענדעס, דערציילטע אין יידיש־דייטש און אין שפּאַניאָליש, וועגן די ספרדישע עלטער־עלטער־זיידעס אויף דער זינדיקער, אָבער נישט־פאַרגעסענער שפּאַנישער ערד. איצט, ווען מאַקס נאָרדוי איז געוואָרן א זקן און האָט אָפּגעריכט דעם גלות־שפּאַניע, איז ער געגאַנגען זוכן דעם אמאָליקן גלאַנץ און אויך דעם קבר־אבות, וועגן וועלכע ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט אין די יינגסטע יאָרן און וועלכע ער האָט איינגעזאַפּט אין דער פרישער נשמה. וואַנדערנדיק איבער דער סביבה פון סעווילאַ און גראַנאַדאַ האָט נאָרדוי באַזוכט דאָס שטעטל פון זיינע אמאָליקע שפּאַנישע אבות, און האָט דערקענט, לויט די דאָקומענטן, וועלכע ער האָט געזען ביי זיין טאַטן אין שטוב, דאָס אַלטע הויז פון די עלטער־עלטער־זיידעס. דאָ, אין דעם דאָזיקן שטעטל סעגאָוויע, שטייענדיק ביי דעם דורות־אַלטן הויז פון זיינע אבות און ביי דער נאָענטער וויסער שול, וואָס איז שפּעטער געוואָרן א מוזולמענישער מעטשעט און נאָך שפּעטער א קריסטלעכע קירך און איז איצט געבליבן בלויז א היסטאָרישער מאָנומענט, האָט נאָרדוי איבערגעלעבט ווי אין א בליץ־אַרטיקער שנעלקייט, די לאַנגע דורות, וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט פון אברבנאלס צייטן. אין דעם בנין האָט זיך געפונען א קאַפע־הויז און נאָרדוי האָט מיט דער הילף פון זיינע בעלי־בתים, געפונען דעם איינגאַנג פונם קעלער, ווי ער איז באַצייכנט געווען אין די אַלטע פאַטערלעכע דאָקומענטן. פון פּראָפעסאָר יהודה און פון אַנדערע יידישע באַקאַנטע אין שפּאַניע, האָט נאָרדוי איצט געהערט, איבערגעגעבענע פון דור־צו־דור, דערציילונגען וועגן אמאָליקע באַרימטע יידיש־ספרדישע געלערנטע און מעדיצינער, פאַר וועלכע רמב"ם איז געווען דער העכסטער לערער און וועג־ווייזער. נאָרדוי האָט זיך געפילט ווי א מאָדערנער יורש פון די דאָזיקע באַרימטע דורות פון יידישע דאָקטוירים און געלערנטע, און האָט פאַרשטאַנען די גרויסע אחריות פון דער גאָלדענער טראַדיציע־קייט, וואָס ציט זיך זייט יענע צייטן און ליגט איצט אויף זיינע מידע, אַלטע פּלייצעס.

פאַרטיפנדיק זיך אין דער וועלט פון רעליגיעז־פילאָזאָפישער ליטעראַטור, האָט נאָרדוי אָנגעטראָפן אויף א טעמאַטיק, וועלכע האָט אים שוין פריער, מיט יאָרן צוריק, פאַראינטערעסירט. דאָס איז געווען די ספּעציפישע אינדישע וועלט־אַנשויאונג, ווי זי האָט איר אויסדרוק געפונען אין דער בודהאַיסטישער שיטה און אמונה. פאַרן פאַרצווייפלטן געמיט פון א מידן מענטש, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין געראַנגל מיט דער סביבה און מיטן גורל און איז

שטיין געבליבן פאַריאושט צוליב דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט, האָט די דאָזיקע אינדישע תורה מיט איר הבל־הבלימדיקער נירוואַנאַ־פילאָזאָפיע, געשאַפן אַ מין רעטונגס־אינזל אינם שטורמישן ים פון פרעמדער פיינטשאַפט און אייגענער שוואַכקייט. די דאָזיקע פילאָ־זאָפיע פון מאַכטלאָזע און רעזיגנירטע האָט נאָרדויען אינספּירירט צו זיין ניי בוך: „אַ בודדישע דערציילונג", וועלכע ער האָט אָנגע־שריבן אין סאַמע ברען פון דער וועלט־מלחמה. לייענענדיק דאָס בוך, פילט מען ווי דער מחבר אַליין וואָלט געהאַט חשק איבערצו־געבן זיך דער הבל־הבלימדיקער פאַרגעסנקייט פון נירוואַנאַ, בכדי צו געפינען מנוחה און טרייסט פאַר דער מידער און אָנגעווייטיקטער נשמה. אָבער נאָרדוי איז אַ קעמפערישע נאַטור און קיין מנוחה איז אים נישט באַשערט. פון דער בודדאַיסטישער רעזיגנאַציע רופט אים צוריק די ווירקלעכקייט, קודם־כל די יידישע ווירקלעכקייט.

ווי אַן אומברחמנותדיקע מאַנונג האָבן אין נאָרדויס אויערן געקלונגען די ווערטער, וועלכע עס האָט אין ווייטן לאָנדאָן געשריבן זיין אַלטער בר פלוגתא אין ציוניזם אחד העם: „סיהאָט געשלאָגן די גרויסע היסטאָרישע שעה פאַרן יידנטום און פאַר ארץ־ישראל. מימוז זען עפעס אויפצוטאָן!". מיט זיין גאַנצן האַרץ און נשמה איז נאָרדוי געווען מיט די, וואָס האָבן זיך איצט באַמיט עפּעס אויפצוטאָן. נאָרדויס גוף איז געווען צוגעבונדן צו דער מאַדרידער ערד, אָבער נאָרדויס גייסט איז אַקטיוו און טעטיק געווען אין קאָ־פּענהאַגען און אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק און אין ירושלים, אומע־טום, וווּ דער יידישער גורל און די ציוניסטישע צוקונפט האָבן גע־דאַרפט דעצידירט ווערן. נאָרדוי איז געשטאַנען אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט די ציוניסטישע אינסטאַנצן אין קאָפּענהאַגען און איז גענוי אינפאָרמירט געווען וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער אַקטיוויסטישער ריכטונג און איר זשורנאַל „די יידישע טריבונע", וועלכע דער באַוווּסטער ציוניסטישער עסקן און רוסיש־יידישער זשורנאַליסט מאיר גראָסמאַן האָט אַרויסגעגעבן אין קאָ־פּענהאַגען. נאָרדוי האָט געוווּסט וועגן דער פּאָליטישער, גאָר שטאַר־קער אָפּענסיווע, וועלכע ד"ר חיים ווייצמאַן האָט אָנגעהויבן אין די לאָנדאָנער רעגירונגס־קרייזן לטובת די ציוניסטישע פּאָסטולאַטן און זייער רעאַליזאַציע. די אַגיטאַציע פאַר דער שאַפונג פון יידישן לע־גיאָן, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך זאב זשאַבאָטינסקי, יוסף טרומפּעלדאָר, פּנחס רוטענבערג (דעם אַמאָל באַרימטן פירער פון די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע קאַמף־דרוזשינעס), דעם פּועל־ציוניסטישן עסקן און שריפטשטעלער ד"ר נחמן סירקין און

אנדערע, איז אין לאָנדאָן אונטערשטיצט געוואָרן באַזונדערס אַק־טיוו דורך ד״ר ווייצמאַן און דעם אַלטן הערצליאַנער דזשאָזעף קאָ־ווען. דאַקעגן האָבן די פאַרשטייער פון קאָפּענהאַגער ליטונג, נחום סאָקאָלאָוו און ד״ר י. טשלענאָוו (וועלכע זיינען ביים סוף פון יאָר 1914 געקומען אויף סטאַביל קיין לאָנדאָן), געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער אַקטיוויסטיש־לעגיאָנישער באַוועגונג.

ערשט ביים סוף 1916 איז אין דער ציוניסטישער מחנה און אין איר פּאָליטיק פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלער איבערבראָך. צו יענער צייט האָט די ענגלישע רעגירונג פון אַסקוויט און גריי דעמיסיאָנירט און אויף זייער אָרט איז געקומען אַ נייע רעגירונג, אין וועלכער דוד לאָיד דזשאָרדזש איז געווען פּרעמיער און אַרטור דזשעמס באַל־פור אויסערן־מיניסטער. ביידע זיינען זיי געווען באַקאַנט אַלס פריינט פון ציוניזם. די נייע ענגלישע רעגירונג האָט באַשלאָסן מי־ליטעריש צו אינטערווענירן אין נאָענטן אָריענט. ס׳איז דאַריבער רייף געוואָרן די פּאָליטישע סיטואַציע פאַר דער שאַפונג פון דעם יידישן לעגיאָן און פאַר דער צוקונפטיקער באַלפור־דעקלאַראַציע. די ציוניסטישע פּאָליטיק האָט איצט ביסלעכווייז אויפגעגעבן איר ביז־איצטיקע נייטראַלע ליניע און איז לגמרי פאַרבונדן געוואָרן מיט ענגלאַנד און אירע אימפּעריאַלע צילן.

מאַקס נאָרדוי איז נישט צופרידן געווען מיט דער דאָזיקער נייער פּראָ־בריטישער אָריענטאַציע פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. ער האָט געהאַלטן, אַז דער נאָענטסטער ציל דאַרף זיין: די שאַפונג פון אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. דאָס קען אָבער בלויז רעאַליזירט ווערן, אויב די ציוניסטישע פּאָליטיק וועט זיך שטיצן נישט נאָר אויף ענגלאַנד, נאָר אויך אויף פראַנקרייך, איטאַליע און די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. נאָרדוי איז געווען טיף איבערצייגט, אַז ענגלאַנד וועט אונז העכסטנס דער־לויבן אַ באַשרענקטע יידישע אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל אונטער דעם בריטישן פּראָטעקטאָראַט, בעת די היסטאָרישע קאָניוקטור גיט אונז די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אַן אייגענעם יידישן שטאַט אין ארץ־ישראל מיט דער הילף און אָנערקענונג פון אַלע גרויס־מאַכטן. די דאָזיקע ניכטערע אָפּשאַצונג פון דער פּאָליטישער לאַגע און איר צוקונפט לגבי דעם ציוניזם, אין אַ צייט, ווען די גאַנצע יידישע און ציוניסטישע עפנטלעכקייט איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקן, התלהבותדיקן און אומקריטישן פּראָ־בריטישן שטראָם, איז ווידער געווען אַ נייער באַווייז פאַר מאַקס נאָרדויס נביאישער אינטואיציע און פּאָליטישער ווייט־זעעוודיקייט.

קאַפּיטל מ״ב

דאָס יאָר 1917 און זײַנע גרויסע געשעענישן

צוריקפאָרנדיק פון א נייעם באזוך אין דרום־שפּאַניע, קען זיך נאָרדוי לאַנג נישט באפרייען פון דעם טיפן איינדרוק, וועלכן עס האָט אויף אים געמאכט די מוזיק פון א וואנדערנדיקער ציגיינער־קאפּעלע ערגעצוווּ אין דער סביבה פון גראַנאַדאַ. ס׳איז געווען אין א שפּעטן אָוונט, א פּאָר שעה, איידער נאָרדוי איז איינגעשטיגן אין צוג גראַנאַדאַ־מאַדריד. דער וווּנדערבאַרער ריטם און אָריענטאַלי־שער קאָלאָריט פון דער ציגיינערישער מוזיק האָבן נאָרדויען ממש מיטגעריסן און באצויבערט. נאָרדוי איז באהערשט געוואָרן פון א סענטימענטאַלער, שטאַרק ראָמאַנטישער שטימונג, וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזט במשך דער גאנצער נסיעה. זײַנע אויגן האָבן גע־קוקט אויף די שנעל־לויפנדיקע, פאַרביקע לאַנדשאַפטן און אויף די טעמפּעראַמענט־פולע, באַריידעוודיקע פאַסאַזשירן, אָבער זײַן נשמה איז ווייט געווען פון דער דאָזיקער סביבה. דער ליידנשאַפטלעכער, מיטרייסנדיקער ריטם פון דער ציגיינער־מוזיק האָט נאָרדויען צוריק־געפירט אין די אַלטע צייטן, אין די ווייטע מקומות פון דער אונגאַ־רישער פּוסטאַ, ווו ער האָט אַלס יינגל זיך אָפט צוגעהערט צו אַזעל־כע ציגיינערישע קאָנצערטן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז טראָץ דעם מהלך פון טויזנטער קילאָמעטערס און דעם אונטערשיד פון א האַלבן יאָרהונדערט, איז עס געווען די זעלבע פייערדיקע, מזרח־דיקע בענקשאַפט פון אייביקע נע־ונדניקעס. דעמאָלט איז ער געווען אַזוי יונג און שטאַרק און היינט איז ער אַזוי אַלט און מיד! דע־מאָלט האָבן די ציגיינער געהאַט אין זייער גאַנצן הילוך און וועזן עפּעס ספּעציפישעס פון דער מאַדיאַרישער טבע, און דאָ האָט מען פון זיי אַרויסגעפילט דעם אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פון דער שפּאַניש־מויריטאַנישער סביבה. אָבער, גאָט איינער אין הימל, דו ביזט אַן עדות, אַז די מוזיק איז געבליבן די זעלבע: אָריענטאַלישע ווייכ־קייט און נאָגנדיקע בענקשאַפט, הייסער אָטעם פון ליידנשאַפטלע־כער ליבע, און מעלאַנכאָלישע טענער פון אייביקער ראָמאַנטיק.

נאָרדוי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם דאָזיקן מאָדנעם וואַנ־דער־פאָלק, וואָס טראָגט זייט דורות זײַן ציגיינער־גורל איבער אַלע

לענדער און ימים. נאָרדוי האָט נישט געזוכט קיין אַנאַלאָגיעס צווישן זייער גורל און צווישן דעם אונזעריקן יידישן גורל, אָבער עפּעס אַ נאָנטע קרובהשאַפט און סימפּאַטיע האָט ער איצט אָנגעהויבן צו פילן פאַר די דאָזיקע טונקל־פאַרביקע און פאַנטאַסטיש־פאַר־חלומטע געשטאַלטן, וואָס זיינען אומעטום אַנדערש ווי די סביבה און ווערן אומעטום גערודפט און פאַרהאַסט.

אַ פרישע כוואַליע פון אַ שטאַרקער, ווייטער בענקשאַפט האָט באַהערשט נאָרדויס נשמה . צי איז דאָס אַ בענקשאַפט נאָך דער פאַרלוירענער יוגנט, אָדער גלוסט זיך אים ווידער אַזוי ווי אַמאָל, נעמען אַ וואַנדער־שטעקן אין האַנט און לאָזן זיך גיין, ווי די ציי־גיינער, איבער דער גאַנצער וועלט? נאָרדוים געפילן זיינען אים אַליין פאַרגעקומען פרעמד און קינדעריש־ראָמאַנטיש. ווי זעט עס איצט אויס אויפן מאָנטמאַרטר און צי האָבן ווידער אויפגעבליט די קאַשטאַנען־ביימער אין זיין פאַריזער גאָרטן? דער צוג גראַנאַ־דאַ—מאַדריד איז געפאָרן אין דער פינצטערער נאַכט דורך שלאָפנ־דיקע, אָרעמע דערפער, און פון די נאַקעטע פעלדער איז אַריינגע־דרונגען אַ שאַרפער, וואַסערדיקער ריח. נאָרדויען האָט זיך געדוכט, אַז ער אָטעמט איצט מיט דער לופט פון דער סעקוואַנע. זיין אַלטע ליבע צו פאַריז איז אין אים ווידער דערוואַכט געוואָרן מיט איר גאַנצער פאַרכשופטער מאַכט. ער האָט גענומען רעכענען, ווי לאַנג ס׳איז שוין די צייט זייט זיין גירוש פון פאַריז, און נאָרדויס ליפּן האָבן אויך דאַסמאָל איבערחזרט די פּאָר פערזן פון מאָנפּאַרנאַ־סער לידל וועגן „פּאַריז, פּאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ!״. ס׳איז שוין אָנהויב 1917, ווען וועט שוין ענדלעך נעמען אַ סוף צו דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער מלחמה?!

נאָרדוי האָט געפּרוווט שטילן זיין בענקשאַפט צו דער פאַרלוי־רענער פראַנצויזישער היים מיט אַ גרעסערער שריפטשטעלערישער אַרבעט, וואָס האָט זיך גערופן: „די פראַנצויזישע מלוכה־מענער״, און וואָס איז באַלד דערשינענע אין דרוק. דאָס זיינען געווען גייסט־רייכע, אין אַ גלענצנדיקער שפּראַך געשריבענע עסייען וועגן מענטשן און געשעענישן פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער פּאָלי־טיק. די געשילדערטע געשטאַלטן פון טיער, גאַמבעטאַ, וואַלדעק־רוסאָ, קלעמאַנסאָ, זשאָן זשאָרעס און פון אַנדערע פּראָמינענטע פּאָליטישע פירער פון פראַנקרייך, האָבן געאָטעמט מיט פּסיכאָלאָ־גישן אמת און מיט דעם ספּעציפישן אַראָמאַט פון דער פראַנ־צויזישער מעטראָפּאָליע.

באַלד האָבן זיך אָבער אָנגערוקט די גרויסע געשעענישן פון יאָר 1917, וועלכע זיינען געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין דער אַלגע־

מיינער וועלט־געשיכטע און אויך אין יידישן לעבן. אין מערץ 1917 איז אויסגעבראָכן און האָט געזיגט די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס איז אַרויסגערופן און אָנגעפירט געוואָרן דורך אַלע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער נייסטער געשיכטע. דער בלוטיקער צאַריזם, וועלכער האָט זייט לאַנגע דורות געוועלטיקט אויף דער רוסישער ערד, איז איצט צוזאַמענגעבראָכן אונטער דער לאַסט פון זיינע זינד און פאַרברעכנס. אַ גליקלעכער, התלהבותדי־קער געפיל האָט אַרומגענומען די רוסישע מאַסן. מ׳האָט געהאָפט, אַז ענדלעך וועלן זיך פאַרווירקלעכן די פרייהייטס־שטרעבונגען און גערעכטיקייטס־אידעאַלן, וועגן וועלכע עס האָבן געחלומט און גע־קעמפט זייט אַ גאַנצן יאָרהונדערט, די איידלסטע און בעסטע רוסי־שע דעמאָקראַטן און רעוואָלוציאָנערן, אָנהויבנדיק פון די דעקאַב־ריסטישע מיליטערישע פאַרשווערער און ענדיקנדיק מיט די פּראָ־לעטאַרישע באַריקאַדן־אויפשטענדלער פון יאָר 1905.

אויך די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן צוליב די צאַריסטישע רדיפות, איז באַהערשט געוואָרן דורך דעם אַלגעמיינעם שטורם פון פרייד און ענטוזיאַזם. אומעטום זיינען פאָרגעקומען גרויסע יידישע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס. אין אָדעס האָבן איבער די גאַסן מאַרשירט באַטאַליאָנען פון יידישע סאָלדאַטן מיט בלוי־ווייסע פענער און ציוניסטישע לאָזונגען. נאָך די סאָלדאַטן איז געגאַנגען אַ מאַסע פון אַן ערך 150 טויזנט יידן. אין קיעוו האָט מען בעת דער ציוניסטישער דעמאָנסטראַציע פאַר דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַרויסגעהאָנגען די בלוי־ווייסע פאָן אויף דעם מאַגיסטראַט־בנין און דער שטאָטישער מוזיק־אָרקעסטער האָט געשפּילט די „התקוה״. אין יענע צייטן פון אויסערגעוויינלעכער התלהבות און אומבאַגרענעצטער אמונה, זיינען געפאַלן און פאַר־שוונדן אַלע מויערן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די ווירקלעכקייט פון דער אילוזיע, די טאַטזאַכן פון חלומות און די לאָגיק פון פאַנטאַ־זיע. די יידישע מאַסן אין דעם ביז־איצטיקן צאַרישן תחום־המושב האָבן איבערגעלעבט די גלענצנדיקסטע גאולה־שטימונגען, וואָס האָבן מבטיח געווען פרייהייט אין רוסלאַנד און נאַציאָנאַלע דערלייזונג אין ארץ־ישראל.

אין מאַי 1917 האָט זיך אין דעם דעמאָלטיקן פּעטראָגראַד (היינט לענינגראַד) פאַרזאַמלט די אימפּאָזאַנטע קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן, וואָס האָט מאַניפעסטירט דעם מעכטיקן כוח און דאָמינירנדיקן איינפלוס פון רוסישן ציוניזם. איבער 2000 דעלע־גאַטן און געסט, צווישן זיי צאָלרייכע פאָרשטייער פון יידישע סאָל־

דאַטן, האָבן מיט אַ שטורמישן ענטוזיאַזם אויפגענומען די יידיש־נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע פּאָסטולאַטן. אויף דער פּעטראָגראַדער קאָנפערענץ איז אויפגעטראָטן אַן אָרגאַניזירטע לעגיאָניסטישע גרו־פּע (אָנגעפירט פון גראַסמאַן און באַבקאָוו),וועלכע האָט די רוסישע ציוניסטן גערופן צו מאָביליזירטער אַקטיוויטעט פון יידנשטאַטלע־רישן פאַרנעם. די מאַי־קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן, אָפּי־ציעל באַגריסט דורך די רעפּרעזענטאַנטן פון דער נייער רוסישער דעמאָקראַטישער רעגירונג און פון דער אויבערשטער מיליטער־לייַ־טונג, האָט קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז דאָס רוסישע יידנטום איז בשלמות ציוניסטיש געשטימט און אָרגאַניזירט.

מאַקס נאָרדוי האָט פון דער פּעטראָגראַדער קאָנפערענץ באַקו־מען פאָלגנדיקע טעלעגראַפישע באַגריסונג:

„די ציוניסטישע קאָנפערענץ, די ערשטע אין פרייען רוסלאַנד, באַגריסט אייך, דעם ערווירדיקן מנהיג, און דערקלערט מיט סאַטיס־פאַקציע, אַז די רוסישע רעוואָלוציע האָט באַפרייט דאָס רוסישע יידנטום. די קאָנפערענץ האָט פעסטגעשטעלט די מעכטיקע אַנטוויק־לונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, און די האַרציקע באַציאונג פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע לגבי אונזער אידעאַל. מיר גלויבן טיף, אַז ס׳איז נאָענט די צייט, ווען די הויפּט־פּרינציפּן פון באַזעלער פּראָגראַם, אויסגעצייכנט צונויפגעשטעלט אונטער אייער אָנפירונג, וועלן ווערן פולשטענדיק רעאַליזירט. די מלחמה האָט צעשטערט די טויערן פון געטאָ, און זי וועט פאַר־ווירקלעכן דעם אידעאַל פון אונזער פאָלק: די שאַפונג פון אַ נאַ־ציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

אונטערגעצייכנט אין נאָמען פון פּרעזידיום:

טשלענאָוו און אוסישקין.״

פון דעם דאָזיקן טעלעגראַם און פון אומצאָליקע אַנדערע ידי־עות און פּרטים, איז צו נאָרדויען דערגאַנגען אַן אָפּקלאַנג פון יע־נעם מעכטיקן און אילוזאָרישן האָפנונגס־שטראָם, וואָס האָט אַזוי טיף באַגייסטערט און אַזוי געוואַלדיק מיטגעריסן דאָס רוסישע יידנטום און די רוסיש־ציוניסטישע פירער אין זייער ממש־משיחישן גלויבן בנוגע דער זיגרייכער רוסישער רעוואָלוציע. נאָר אויף אַ רגע, האָט זיך נאָרדוי געוואַקלט ביי דער פראַגע, וועלכע ער האָט זיך גע־שטעלט: „אפשר איז טאַקע דאָ עפּעס ממשותדיקס אין דעם דאָ־זיקן ישועה־גלויבן לגבי דער רוסישער רעוואָלוציע?”. באַלד אָבער האָט זיך נאָרדוי אָפּגעשאָקלט פון דער פאַלשער, הגם באַצויבערנ־דיקער נייער גאולה, וועלכע האָט דעמאָלט פאַרשכורט אַזוי פיל ניכ־טערע געמיטער און קלאָרע מוחות. נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט אין

דער קיינמאָל נישט־פאַרגעסענער סצענע, ווען ער איז, מיט פער־ציק יאָר צוריק, געשטאַנען אין מאָסקווע אויף דעם מעכטיקן פּלאַץ פון קרעמל, אַרומגערינגלט מיט די ריזיקע פאַרגאָלדעטע צערקוועס און מיט דער אומהיימלעכער, מערקווירדיקער רוסישער פּסיכיק, און האָט אויף איינמאָל, מער אינסטינקטיוו ווי לאָגיש, אַרויסגע־פילט, אַז צווישן אונזער אייראָפּעאישער וועלט און דער דאָזיקער ווייטער און קאָנטראַסטן־פולער רוסישער נשמה איז נישטאָ און וועט זיכער נישט זיין קיין שום אחדות: זייער וועלט איז נישט אונזער וועלט און זייערע האַפנונגען זיינען נישט אונזערע האָפ־נונגען!

ווי אין יאָר 1905, האָט אויך דאַסמאָל נאָרדוי באַהערשט זיינע הייסע געפילן, וועלכע האָבן אים, ווי די בעסטע און איידלסטע גייס־טער פון זיין דור, געלאָקט און געצויגן אין דער ריכטונג פון רעוואָ־לוציאָנערן לאַגער. דער אויטאָר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים" און „פּאַראַדאָקסן" האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּנאַרן פון די גלאַנצנדיקע לאָזונגען וועגן קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. נישט אין דער רעוואָלוציע, און שוין אַמווייניקסטן אין דער רוסי־שער רעוואָלוציע, האָט נאָרדוי געזוכט דעם תיקון פאַר דער מענטש־הייט! די רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס פון רוסישן יידנטום און ציוי־ניזם האָט ער באַטראַכט ווי אַ מאָדערנעם משיח־השקר. נאָרדויס האַרץ און נשמה זיינען געווען ביי יענעם יוסף טרומפּעלדאָר, דעם העראָאישן קעמפער און אידעאַליסטישן רעאַליסט, וועלכער האָט איצט, נאָך זיין צוריקקומען קיין רוסלאַנד, בעת דעם שטורם פון דער רעוואָלוציע, געפּרווט אָרגאַניזירן אַ מאַסנהאַפטן „יציאת־רוסיה" דורך אַ צווייפאַכיקן פּלאַן: 1) אַ יידישע אַרמיי פון הונ־דערט טויזנט רוסיש־יידישע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן זיך דורך דעם קאַווקאַזער פראָנט דורכרייסן ביז עבר־הירדן, און 2) אַ יונגנט־אַר־מיי „החלוץ", וואָס זאָל זיין אַ קאַמפס־ און אַרבעטס־מחנה פאַר דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

אין יולי 1917 איז קיין מאַדריד געקומען ד"ר חיים ווייצמאַן. זיין ציל איז געווען זיך צו טרעפן מיט דעם איינפלוסרייכן אַמבאַ־סאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מאָר־גענטוי. עס איז באַקאַנט געוואָרן אין די לאָנדאָנער ציוניסטישע קרייזן, אַז מאָרגענטוי באַמיט זיך צו איבערצייגן די טערקישע רע־גירונג לטובת אַ סעפּאַראַטן פרידן. מ'האָט געוואָלט דעם דאָזיקן וויכטיקן יידיש־אַמעריקאַנישן פּאָליטיקער געווינען פאַר דעם ציוי־ניזם און פאַר זיינע אַקטועלע פּאָליטישע פאָדערונגען. צו דעם

צוועק, איז ד״ר ווייצמאַן צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַנדערע ציוניסטישע עסקנים געקומען קיין מאַדריד. זיי האָבן קודם־כל באַזוכט דעם אַלטן ציוניסטישן מנהיג נאָרדוי און מיט אים זיך באַראַטן. נאָרדוי האָט אָבער גאָרנישט געהאַלטן פון דעם גאַנצן פּלאַן און נישט געוואָלט זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער דעלעגאַציע, וואָס איז געגאַנגען באַאיינפלוסן מאַרגענטויען. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז נאָרדוי געוואָרן גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם ענגליש־פראַנצויזישן אָפּמאַך פון סייקס־פּיקאָ, וועלכער איז געווען אומגינסטיק פאַר די ציוניסטישע אַספּיראַציעס, און אויך וועגן אַנדערע פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע סודות. עס זיינען בולט געוואָרן פאַר נאָרדויען די געוואַלטיקע שטערונגען און קעגנערשאַפטן, סיי אויסערלעכע און סיי אינערלעכע, סיי מצד די גויישע שונאי־ישראל און סיי מצד די איינפלוסרייכע יאַהודישע שונאי־ציון, וועלכע די ציוניסטישע אָנפירונג אין לאָנדאָן, מיט ווייצמאַן בראש, האָט געמוזט גובר זיין.

פאַרשיידנאַרטיקע, אָפט אַנטקעגנגעזעצטע געפילן האָבן באַהערשט נאָרדויען, בעת ער האָט קאָנפערירט מיט ווייצמאַנען אין שפּעטן זומער 1917. ער האָט איצט נאָך אַ הפסקה פון אַזוי פיל יאָרן, אָבסערווירט דעם 44־יעריקן ציוניסטישן פּאָליטיקער, וועלכער האָט זיך לעצטנס באַרימט געמאַכט מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען און האָט דערגרייכט אַ לער־קאַטעדרע אין דעם לאָנדאָנער אוניווערזיטעט. זיכער האָט אים אימפּאָנירט דער דאָזיקער רוסיש־יידישער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך מיט זיין טאַלאַנט און ענערגיע אַרויפגעאַרבעט צו דער מדרגה פון אַ באַרימטן געלערנטן און ציוניסטישן פירער. נאָרדוי האָט גוט געקענט ווייצמאַנען פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן און קיין באַזונדערע סימפּאַטיעס פאַר דעם דאָזיקן קעגנער פון הערצלען און וואָלפזאָנען האָט ער נישט געפילט. ווייצמאַנס איצטיקע אינטענסיווע פּאָליטישע טעטיקייט אין לאָנדאָן האָט אים איבעראַשט. ווי קומט ער דערצו, דער דאָזיקער פאַרביסענער קעגנער פון פּאָליטישן ציוניזם? אָבער טיכטיק זיינען זיי דאָך, די רוסישע יידן, און טאַלאַנטן פעלן זיי נישט!

נאָרדוי האָט געהערט און געלייענט אַ סך וועגן ווייצמאַנס וויכטיקע פּאָליטישע פאַרבינדונגען און איינפלוסן לטובת דעם ציוניזם. אָבער ער האָט אין זיך נישט געקענט גובר זיין דעם לאַנגיעריקן פאַרדאַכט און אומצוטרוי לגבי דעם דאָזיקן „פאַרעקשנטן חובב־ציון און אחד־העמיסט". שפּאַצירנדיק אין אַ מאַדרידער פּאַרק מיט אַ גוטן באַקאַנטן, אַ רוסיש־יידישן קריגס־פּליט און פאַרמלחמהדיקן

ציוניסט, האָט נאָרדוי אָראָפּגערעדט זיך פון הארצן. ס'איז געווען סוף אָקטאָבער 1917 און דער פּארק איז באַדעקט געווען מיט געלע בלעטער, וועלכע דער פּריציייטיקער הארבסט האָט אומעטום צע־וואָרפן און צעזייט. ווי אַ לעבעדיקער קאָנטראַסט צו דעם דאָזיקן שטאַרבנדיקן פּאַרק, איז געווען נאָרדוי אַליין מיט זיין פעסטן גאַנג און טעמפּעראַמענטפולן ריידן. נאָרדוי האָט זיין ציוניסטישן באַ־קאַנטן דערקלערט, פאַרוואָס מען קען זיי נישט גלויבן, די דאָזיקע „פּראַקטישע" ציוניסטן, וואָס זיינען פלוצלונג, איבער נאַכט גע־וואָרן מנהיגים פון פּאָליטישן ציוניזם.

„דער פּאָליטישער ציוניזם, — האָט נאָרדוי געזאָגט, — איז אַן אייגנשאַפט פון כאַראַקטער. דאָס קען מען זיך נישט צופּאַסן, ווען און ווי מען וויל עס. — אָט, נעמט למשל, דאָס גיין שנעל אָדער לאַנג־זאַם: דאָס איז אויך אַ פראַגע פון מענטשלעכן כאַראַקטער! — אוודאי טרעפט אַמאָל, אַז אַ לאַנגזאַמער, פאַרזיכטיקער גייער וויל אָדער מוז גיין שנעל. און ווידער טרעפט זיך, אַז אַ שנעלער גייער גייט אַמאָל לאַנגזאַם. אָבער אויך אין אַזאַ אויסנאַמספאַל בלייבן זיי די אַלטע. דער לאַנגזאַמער וואָס לויפט אַמאָל, טראַכט וועגן דעם, אַז מ'דאַרף גלייך אָנהויבן גיין פּאַוואָליע. און דער שנעלער גייער, וואָס קריכט אַמאָל, באַמיט זיך ווי אַמשנעלסטן ווידער צו גיין לויט זיין שטייגער און כאַראַקטער. למה המשל דומה? אַ „פּראַקטישער" ציוניסט, אויב ער מוז שוין אַמאָל מאַכן פּאָליטישן ציוניזם, וויל ער פון אים באַלד פּטור ווערן. און אַ פּאָליטישער ציו־ניסט, אויב ער מוז איבערייסן אויף אַ צייט אָדער אין אַ געוויסן פאַל מיטן פּאָליטישן ציוניזם, טראַכט ער, ווי אַמשנעלסטן צוריק־צוקומען צו אים. ס'איז פשוט אַ פראַגע פון כאַראַקטער. און כאַ־ראַקטער, כידוע, באַשטימט דעם גורל פון יחיד און כלל! איר וועט דאָס זיכער ווייטער זען פון די נייע געשעענישן!".

די נייע גרויסע געשעענישן זיינען שנעלער געקומען, ווי מ'האָט דאָס געקענט פאָרויסזען. זייער פאַרנעם איז געווען אַזוי געוואַלדיק גרויס און שנעל, אַז עס האָט פשוט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און נישט איבערגעלאָזט קיין צייט פאַר ישוב הדעת. די אַלגעמיינע וועלט איז דערשיטערט געוואָרן צוליב דער רוסיש־באָלשעוויסטישער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע און די יידישע וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן צוליב דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

קאַפּיטל מ"ג

ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה און ביים אָנהויב

פון שלום־געראַנגל

די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אַרויסגערופן בכל תפוצות־ישראל אַן אומבאַשרייבלעכן שטורם פון התפעלות און התלהבות. מ'האָט זיך ווייניק פאַרטראַכט וועגן דעם באַשיידענעם און צווייִדייטיקן אינהאַלט פון דער בריטישער ציון־דעקלאַראַציע און מ'האָט אין איר אַריינגעלייגט אייגענע מלוכהשע כוונות און אַלטע משיחישע חלומות. די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיך שוואַך אָריענטירט אין די פּאָליטישע אויסדרוקן און דיפּלאָמאַטישע פינעזיען. פאַר איר איז די דעקלאַראַציע פון 2־טן נאָוועמבער 1917, באַשלאָסן און אַרויסגעגעבן פון דער מעכטיקער בריטישער אימפּעריע, געווען אַ צייכן פון דער נאָענטער משיחישער גאולה. אפילו אַזאַ געלאַסענער סקעפּטיקער ווי אחד העם, האָט וועגן יענער צייט פון גלענצנדיקע אילוזיעס, געשריבן: „די האָפנונגען זיינען געווען גרויס און מיר האָבן געאַרבעט מיט תמימות און מיט אַ גלויבן, אַז ס'איז אָנגעקומען די צייט צו רעאַליזירן אונזער נאַציאָנאַלן אידעאַל".

די כוואַליעס פון מעכטיקן ציוניסטישן ענטוזיאַזם, וועלכער האָט באַהערשט די פאָלקס־מאַסן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אויף דער ווייטער און פרעמדער שפּאַנישער ערד. דער קליינער קיבוץ פון יידיש־ספרדישע תושבים און אשכנזישע מלחמה־פליטים אין מאַדריד האָט אויף אַ פייערלעכן אופן, אין דער ניי־דערעפנטער שול, באַגריסט דאָס גרויסע היסטאָרישע געשעעניש פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ס'איז געווען די ערשטע שול, וועלכע איז זייט דעם גירוש ספרד, מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, ווידער דערלויבט און דערעפנט געוואָרן אין דער הויפּט־שטאָט פון דער פאַנאַטיש־קאַטוילישער שפּאַנישער מאָנאַרכיע. מאָדנע, כמעט מיסטישע געפילן האָבן באַהערשט די קליינע, סך־הכל אַ פּאָר הונדערט נפשות־ציילנדיקע, יידישע קהילה אין מאַדריד, בעת זייערע פאָרשטייער, יידן פון פאַרשידנסטע עדות

און וועלט־טיילן, זיינען צו זיי געקומען מיט דער גרויסער בשורה, אז א יידישע סינאַגאָגע מיט אַן אייגענעם בעל־תפילה און אַ קליי־נעם ליטורגישן כאָר, וועט ווידער פאַרהייליקן בציבור, מיט יידישע תפילות און אין לשון הקודש, זיין אַלמעכטיקן נאָמען, וועלכן די אינקוויזיציע פון די טאָרקוועמאַדאָס און איזאַבעלעס האָבן מיט שווערד און פייער באַמיט זיך צו באַזיגן במשך פון לאַנגע דורות. אַ ספּעציעלע איינלאַדונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו מאַקס נאָר־דויען, אַז ער זאָל זיין אַנוועזנדיק ביי דער שול־דערעפנונג און זאָגן, ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, אַ פּאָר הארציקע באַגריסונגס־ווער־טער צו זיינע ברידער אין דעם אַלט־נייעם גלות־שפּאַניע.

נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט אין אַ פּיינלעכער סצענע, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאָס איז געווען מיט 20 יאָר צו־ריק, אין אויגוסט 1897, בעת דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. באַלד אין דער פרי, נאָכדעם ווי נאָרדוי איז אָנגעקומען קיין באַזעל, איז ער געגאַנגען אויפזוכן הערצלען. ער האָט אים געפונען אין דער שטאָט־סינאַגאָגע. ס'איז געווען גראָד שבת, בעת קריאת־התורה. הערצל איז געשטאַנען צווישן די מתפללים, אָנגעטאָן אין אַ טלית. נאָרדוי איז בייז געוואָרן: ווי קומט הערצל, דער מאָדער־נער פריי־גייסט און אייראָפּעער צו אַזאַ „קאָנווענציאָנעלן שקר", מיטבאַטייליקט צו זיין אין אַ קאָנפעסיאָנעלער צערעמאָניע, אין וועלכער ער גלויבט זיכער נישט? בעת מעשה, האָבן די גבאים פון באַזעלער סינאַגאָגע, דערזעענדיק פאַר זיך אַזאַ וועלט־באַרימטע פּערזענלעכקייט ווי מאַקס נאָרדוי, געלאָזט אים תיכף ומיד אויס־רופן צו דער תורה. נאָרדוי איז אָבער אַזוי איבעראַשט און אויך אויפגערעגט געוואָרן צוליב דער אומדערוואַרטעטער עליה, מיט וועלכער מ'האָט אים מכבד געווען, אַז ער האָט זיך קאַטעגאָריש דערפון אָפּגעזאָגט און איז גלייך ברוגזלעך אַוועק פון דער סינאַ־גאָגע.

זייט דעמאָלט זיינען פאַרגאַנגען גאַנצע 20 יאָר, לאַנגע און גורל־פולע. אַנדערע האָבן זיכער שוין פאַרגעסן וועגן דעם דאָזיקן פּיינלעכן אינצידענט אין דער באַזעלער סינאַגאָגע. נאָרדוי האָט נישט פאַרגעסן, און מיט אַ שמערצלעכן חרטה־געפיל האָט ער וועגן דעם געטראַכט, גייענדיק צו דער דערעפנונג פון דער מאַדרידער סי־נאַגאָגע. צווישן אַ פּאָר מנינים דאַוונענדיקע יידן, איז ער איצט געשטאַנען, אָנגעטאָן אין אַ טלית און פאַרטיפט אין די אַלט־יידישע תפילות. ס'איז געווען אַ ריזיקער מהלך אין צייט און פּלאַץ צווישן יענעם פעסט, אין דער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט, און דעם איצטיקן מאַדריד פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער נאָרדויען

האָט זיך געדוכט, בעת ער איז אַזוי געשטאַנען איינגעהילט אין טלית און אַראָגעבויגן צום סידור, אַז ער געפינט זיך צוזאַמען מיט זיין פאָטער אין דעם קליינעם פעסטער שול׳כל און זיינע ליפּן חזרן איבער די פאָטערלעכע תפילות. פון דער טיפער פאַרטראַכטונג האָבן אים אַרויסגעריסן די ווערטער פון די נאָנטסטע מתפללים. מ׳האָט נאָרדויען אויפגערופן צו דער תורה. דאָסמאָל איז ער נישט געוואָרן בייז און נישט אַנטלאָפן. גראָד להיפּוך, מיט פעסטע און שטאָלצע טריט איז ער אַרויפגעגאַנגען און איז עולה לתורה געווען. נאָרדוי האָט געפילט, אַז די לעצטע מחיצה צווישן אים און דעם יידישן פאָלק איז פאַרשוונדן. ער האָט זיך ווידער באַהאָפטן מיט דער אייביקער טראַדיציע פון יידישער אמונה און רעליגיעזע מנהגים, ער איז געוואָרן בשלמות אַ ייד, אַ פולשטענדיקער און אויפריכטיקער, ווי איינער פון די דאָזיקע מתפללים, וואָס רינגלען אים איצט אַרום און באַשיצן אים, ווי די שטאַרקסטע, זיכערסטע מויער. מ׳האָט פאַרלאַנגט פון נאָרדויען, אַז ער זאָל זאָגן אַ פּאָר באַגריסונגס־ווערטער צום עולם. נאָרדוי, דער מעכטיקער און גלענצנדיקער אָראַטאָר, וועלכער האָט אויף קאָנגרעסן און מאַסן־פאַרזאַמלונגען מיט־געריסן און געשטורעמט מיט זיין לייבן־שטים, האָט איצט אין דער מאַדרידער שול געדערט שטילע, הגם געפילפולע דבורים. דער גרויסער אייראָפּעאישער נביא און ציוניסטישער מנהיג איז באַהערשט געווען פון טיפע רעליגיעזע שטימונגען, וואָס האָבן אים ענג פאַר־בונדן מיט דער דאָזיקער קליינער עדה פון מתפללים אין דער מאַד־רידער שול, און האָבן אים געהייסן זוכן הכנעה און גלויבן ביי דעם, וועמענס אַלמעכטיקע האַנט באַשטימט דעם גורל פון יחיד און כלל.

אָבער נאָרדויס רעליגיעזער איבערברוך אין זיין וועלט־אַנשוי־אונג האָט נישט געפירט, און נישט געקענט פירן, צו אַ פּאַסיווער הכנעה און באַקוועמען פאַרלאָזן זיך אויפן רבונו־של־עולם און זיין השגחה עליונה. אויך דער רעליגיעזער נאָרדוי בלייבט ווייטער אַ גייסטיקער רעוואָלוציאָנער און פּאָליטישער קעמפער. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין די נייע ביכער, וועלכע נאָרדוי פאַרענדיקט און פּובליצירט אין דער לעצטער מלחמה־צייט. „די שפּאַנישע איינ־דרוקן" זיינען עסייען, וואָס אָטעמען מיט קינסטלערישן טאַלאַנט און פרישן שילדערונגס־כוח. עס פילט זיך אין זיי אַ גייסט פון מוט און קראַפט. נאָרדוי אַרבעט אינטענסיוו און אומדערמידלעך ביי אַ נייעם גרויסן ווערק, וואָס וועט שפּעטער זיין פאַרענדיקט אונטער דעם טיטל: „דער מהות פון דער ציוויליזאַציע". אויף דער דאָזיקער וויכטיקער און באַרימטער פּובליקאַציע וועט אונז נאָך אויסקומען

אויספירלעך זיך אָפּצושטעלן.ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה דערשיינט: „די גרויסקייט פון דער שפּאַנישער קונסט". נאַרדוי האָט אין דעם דאָזיקן בוך באַוויזן זיין גענויע און טיפע מבינות אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פון דער שפּאַנישער קונסט, סיי פון דער מאָלעריי און סיי פון דער סקולפּטור. אָנהויבנדיק פון 17־טן יאָרהונדערט ביז צו די היינטיקע צייטן, שילדערט אונז נאָרדוי אויף אַ גייסטרייכן אופן און מיט אַ בילדערישער, פּיינער שפּראַך, די קונסט־אוצרות, וועלכע געפינען זיך אין די אַלטע און נייע שפּאַנישע מוזעאומס. נאָרדוי, וועלכער האָט זיך, כידוע, זייט אַ סך יאָרן אינטערעסירט מיט דער שפּאַנישער קונסט, האָט איצט אין די מלחמה־יאָרן אויספירלעך און לאַנג שטודירט און באַזוכט די צאָלרייכע מוזעאומס און אויסשטעלונגען. זיין בוך וועגן דער גרויסקייט פון דער שפּאַנישער קונסט, איז געווען און איז געבליבן איינס פון די בעסטע און גייסטרייכסטע פּובליקאַציעס וועגן די דאָזיקע קלאַסישע און באַרימטע קונסט־אוצרות.

פון דער אינטענסיווער וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט נאָרדויען אַרויסגעריסן די סענסאַציאָנעלע, פריידיקע ידיעה, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפן־שטילשטאַנד. דאָס איז געווען דער טאָג פון 11־טן נאָוועמבער 1918. דייטשלאַנד האָט פולשטענדיק קאַפּיטולירט און געבעטן שלום פאַר יעדן פּרייז. איר ווייטערדיקער קאַמף איז געוואָרן זינ־ און האָפנונגס־לאָז. די לעצטע פאַרצווייפלטע אָפענסיווע פון דייטשישן מאַרשאַל לודענדאָרף אויף דעם מערב־פראָנט (אין זומער 1918) איז שנעל צוזאַמענגעבראָכן. יעדער ווייטערדיקער מלחמה־טאָג האָט פאַרגרעסערט דעם מענטשלעכן און טעכנישן קריגס־פּאָטענציאַל פון דער אַמעריקאַנער עקספּעדיציע־אַרמיי אין אייראָפּע. די מיליטערישע מאַכט פון אַמעריקע איז געוואַקסן ווי אַ ריזיקע לאַווינע, וואָס האָט לסוף אומברחמנותדיק צעדריקט דעם חוצפּהדיקן און געמיינעם דייטשן מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם. שוין פריער, האָט קאַפּיטולירט דייטשלאַנדס פאַרבינדעטער, טערקיי. נאָך דעם 2־טן נאָוועמבער 1917, אין דעם זעלבן טאָג, אין וועלכן ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט פעלד־מאַרשאַל אַלענבי, דער ענגלישער אויבער־קאָמאַנדיר פון דעם אָריענט־פראָנט, אָנגעהויבן זיין גרויסע מיליטערישע אָפענסיווע ביי עזה. אין דער נאַכט פון 8־טן אויפן 9־טן דעצעמבער 1917 (אין ערשטן טאָג חנוכה תרע"ח) איז אַלענבי, בראש פון זיין אַרמיי, אַריין קיין ירושלים. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער התלהבות האָבן די ירושלימער יידן באַגריסט די זיגער. די ענגלישע אָפענסיווע האָט

זיך בסדרדיק אַנטוויקלט און לסוף פולשטענדיק צעשמעטערט די טערקישע אַרמיי. אין די רייען פון דער ענגלישער אָריענט־אַרמיי האָבן העלדיש געקעמפט די באַטאַליאָנען פון יידישן לעגיאָן. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט ביי שכם און ביי דער דעראָבערונג פון ירדן־איבערגאַנג. צווישן די אויסגעצייכנטע איז געווען דער לעגיאָן־לויטענאַנט זאב זשאַבאָטינסקי. ארץ־ישראל איז געוואָרן באַפרייט פון דער דורות־לאַנגער טערקישער ממשלה און צוזאַמען מיט ארץ־ישראל איז אויך באַפרייט געוואָרן דער גאַנצער אָריענט. די טערקישע אימפעריע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אירע ביז־איצט אונטעריאָכטע פעלקער האָבן געוואַרט אויף אַ דער־לייזונג. אויך דער קליינער, שוואַר־געליטענער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, און צוזאַמען מיט אים דאָס יידישע פאָלק בכל תפוצות הגולה, האָט איצט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער פאַרווירק־לעכונג פון זיינע נאַציאָנאַל־מלוכהשע אַספּיראַציעס, אַזוי ווי ס'איז צוגעזאָגט געוואָרן אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אין אָוונט פון 11־טן נאָוועמבער 1918 האָבן זיך אין דער גאַסטפריינטלעכער דירה פון פּראָפעסאָר יהודה אין מאַדריד, פאַר־זאַמלט זיינע נאָנטסטע פריינט און באַקאַנטע, מיט מאַקס נאָרדוי בראָש. די פריילעכע ידיעה וועגן סוף פון דער מלחמה, הגם זי איז שוין לאַנג דערוואַרט געוואָרן, האָט אַלע ממש עלעקטריזירט און באַרוישט מיט פּלוצלונגער שמחה און געוואַלדיקן ענטוזיאַזם. מען האָט געטרונקען שאַמפּאַניער און געוווּנטשן „לחיים" זיך און דער גאַנצער וועלט. מ'איז געווען פאַרשכורט מיט וויין און נאָך מער מיט די גלענצנדיקע, גרויסע האָפנונגען, וואָס דערוואַרטן די נאָך שלום־לעבצנדיקע מענטשהייט, ביים סוף פון דער פיר־יעריקער בלוט־טיקער שחיטה. פּראָפעסאָר יהודה און זיינע געסט האָבן אין דעם דאָזיקן אָוונט פון 11־טן נאָוועמבער 1918 גערעדט מיט פייער און התלהבות וועגן דער נייער תקופה, וואָס הויבט זיך אָן אין דער וועלט־געשיכטע. מ'האָט פאַר פרייד אַ סך געזונגען און געטאַנצט. ווען די שמחה האָט דערגרייכט איר הויך־פּונקט, (ס'איז שוין גע־ווען שפּעט אין דער נאַכט און דער עולם איז געווען אַ ביסל בגלוי־פנדיק), האָט יעדער פון די אָנוועזנדיקע געמוזט ווייזן זיין אייגנעם טאַנץ־טאַלאַנט. אויך פאַר דעם 70־יעריקן מאַקס נאָרדוי איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין אויסנאַם. גראָד, אין דער טאַנץ־קונסט איז נאָרדוי געווען אַ שוואַכער קענער. באין ברירה, האָט ער זיך גע־מוזט דערמאָנען דעם פייערדיקן מאַדיאַרישן פאָלקס־טאַנץ „טשאַר־דאַש", וועלכן ער פלעגט אין דער יוגנט אָפט טאַנצן אויף די פעס־טער געסלעך און אין די נאָנטע וועלדלעך. פּראָפ. יהודה'ס געסט,

צווישן וועלכע עם זיינען געווען באוווסטע געלערנטע, שפאנישע און אויסלענדישע, האבן דעם טשארדאש־טאנץ פון וועלט־בארימטן מאקס נארדוי אויפגענומען מיט גרויס התפעלות, זיי האבן באוווּנדערט דעם כוח און טעמפעראמענט פון א 70־יעריקן זקן.

צוריקקומענדיק אהיים, איז נארדוי געווארן דעפרימירט און טרויעריק. צו זיינע בני־בית האט ער געזאגט פאלגנדיקע ווערטער: „מיר האבן זיך אזוי געוואלדיק משמח געווען. אבער, וואס איז די שמחה? זיי מיינען, אז מיט דעם וואפן־שטילשטאנד האט זיך שוין פארענדיקט די בלוטיקע טראגעדיע פון דער מענטשהייט! נאאיווע מענטשן זיינען זיי! די מלחמה איז געענדיקט, אבער קיין שלום וועט נאך לאנג נישט זיין! ערשט איצט קומט דער אמתער נסיון פאר דער מענטשהייט! ס'הויבט זיך אן דער גערענגל פאר דעם שלום, און ער איז נישט לייכטער ווי דער קאמף אין דער וועלט־מלחמה. ס'איז א לאנגער און א שווערער וועג! צי וועל איך אים, דעם דאזיקן שלום, דערלעבן? הלוואי, זאלט איר, מיינע ליבע קינדער, אים דערלעבן!!!".

קאפיטל מ"ד

דאס לעצטע יאר אין שפאניע

דעם 11־טן נאוועמבער 1918 איז געשלאסן געווארן דער וואפן־שטילשטאנד, און מיט דעם איז אפיציעל פארענדיקט געווארן די וועלט־מלחמה, הגם די וועלט איז גאר ווייט געווען פון אווירקלעכן שלום. נארדוי איז נאך א גאנץ יאר, ביז דעצעמבער 1919, געבליבן אין דער שפאנישער הויפט־שטאט. פארשידענע סיבות האבן דערצו גורם געווען. נארדוי האט געמוזט פארענדיקן געוויסע ליטערארישע ארבעטן, בנוגע וועלכע ער האט גענומען אויף זיך קורץ־טערמיניקע פארפליכטונגען. אויסערדעם האבן זיך געמאכט פארשידענע פאס־שוועריקייטן, וואס זיינען חדשים־לאנג פארצויגן געווארן. דאס דאזיקע לעצטע יאר אין שפאניע איז פאר נארדויען געווען זייער שווער, ווייל מיט א כסדר־וואקסנדיקן אומרו און אומגעדולד, האט ער געווארט אויף דעם טאג, ווען ער וועט ענדלעך קענען

פארלאזן דאס פרעמדע גלות־לאנד. הגם די שפאנישע רעגירונג און געזעלשאפט זיינען געווען זייער גאסטפריינטלעך און האבן זיך באַמיט צו פארלייכטערן און פארבעסערן נארדוים אויפנהאלט, איז דאך זיין געפיל געווען און געבליבן די גאנצע צייט ענלעך צו דעם מצב פון א געפאנגענעם אין א פרעכטיקן שטייג. נארדוים הארץ און מוח האבן זיך געריסן צו יענע גרויסע צענטערן, אין פאריז און לאנדאן, ווו איצט נאך דער וועלט־מלחמה, זיינען געשאפן געווארן די נייע יסודות פון דער פאליטישער און גייסטיקער ווירקלעכקייט. נארדוי — דער ציוניסטישער פאליטיקער און מנהיג, האט במשך זיין לעצטן יאר אין שפאניע, נישט געפונען קיין רגע מנוחה, ווייסנדיק וועגן די גרויסע און וויכטיקע געשעענישן, וואס אנטוויקלען זיך שטורמיש, גלייך נאך דער מלחמה, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער באוועגונג.

פון אלע זייטן און פון פארשידענע לענדער, האט נארדוי כסדר באקומען אומצאליקע בריוו מיט א קאטעגארישער אויפאדערונג צו שטעלן זיך בראש פון דער ציוניסטישער פאליטיק און מחנה. די אלטע הערצליאנער און פאליטישע ציוניסטן פון ענגלאנד, י. ל. גרינבערג און דזשאזעף קאוועו האבן גלייךביים סוף פון דער וועלט־מלחמה געשטורמט, אין בריוו און טעלעגראמעס, אז נארדוי זאל תיכף ומיד אריבערקומען קיין לאנדאן. נארדוי איז געווען גענוי אינפארמירט וועגן אלץ, וואס קומט פאר אין די ציוניסטישע הויפט־אינסטאנצן, און זיין מיינונג בנוגע א סך ענינים איז געווען לגמרי אן אנדערע, ווי די ליניע פון דער אפיציעלער ציוניסטישער לייטונג.

די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער פאליטיק, האט באנייט און ווידער פארשארפט דעם אלטן קאנפליקט צווישן די הערצליאניש־פאליטישע ציוניסטן און די נייע מנהיגים פון „פראקטישן" לאגער. בעת צאלרייכע ציוניסטישע צוזאמענפארן ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה, און צווישן זיי די קאנפערענץ פון די אמעריקאנער ציוניסטן אין פילאדעלפיא, האבן דעמאנסטראטיוו און בפירוש פארלאנגט די שאפונג פון אן אומאפהענגיקער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, האט ד"ר חיים ווייצמאן, דער אייגנטלעכער פירער פון דער דעמאלטיקער ציוניסטישער פאליטיק, דערקלערט עפנטלעך: „מ'זאגט אז די יידן זאלן באקומען אן אייגענע מלוכה, אזוי ווי עס האבן באקומען די פאליאקן, די טשעכן און אנדערע פעלקער. אבער בכדי מיר זאלן האבן א יידנשטאט אין ארץ־ישראל, מוזן מיר צוערשט דארט האבן יידן, און דאס האבן מיר לײדער נישט".

ס'איז באַלד געוואָרן קלאָר, אַז די ציוניסטישע פּאָליטיק, אָנגעפירט פון ווייצמאַנען, וועט אין דער זייט לאָזן די מלוכהשע אַספּיראַציעס, און וועט זיך שטיצן אויף צוויי הויפּט־פאָדערונגען: א) עס מוז געשאַפן ווערן אין ארץ־ישראל אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַ גרויסע יידישע אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. ב) דער נייער רעגירונגס־סיסטעם אין ארץ־ישראל דאַרף יורידיש און פּאָליטיש פעסטגעשטעלט ווערן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַנדאַט, וואָס זאָל איבערגעגעבן ווערן גרויס־בריטאַניע. אויפן יסוד פון די דאָזיקע פאָדערונגען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ משא ומתן מיט די ענגלישע מיניסטאָרן און בעיקר מיט לאָרד באַלפור. דעם טעקסט פון ציוניסטישן מעמאָראַנדום פאַר דער שלום־קאָנפערענץ האָט צונויפגעשטעלט דער צוקונפטיקער נציב העליון הערבערט סעמיועל. און הגם דער דאָזיקער מעמאָראַנדום איז רעדאַגירט געוואָרן אויף אַ באַשיידענעם און פאָרזיכטיקן אופן, האָט דאָך די ענגלישע רעגירונג פאַרלאַנגט און דורכגעזעצט ביי דער ציוניסטישער אָנפירונג, אַ ווייטערדיקע רעדוקציע פון די ציוניסטישע פּאָסטולאַטן.

מיט דער דאָזיקער טאַקטיק איז שטאַרק אומצופרידן געווען דער ציוניסטיש־מלוכהשער לאַגער. פּראָמינענטע ציוניסטישע פירער און יידישע עסקנים, ווי מאַקס נאָרדוי, ד"ר מ. גאַסטער (דער אוי־בער־ראַבינער אין לאָנדאָן), ישראל זאַנגוויל און אַ סך אַנדערע האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט און פאַרלאַנגט אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, און אויך דאָס רעכט פאַר אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט, צו ווערן שטאַטס־בירגער פון דער יידישער מלוכה. די פּאַרטיידיקער פון דער אָפיציעלער ציוניסטישער פּאָליטיק האָבן אַרגומענטירט מיט פאַקטן פון דער ארץ־ישראלדיקער און אינטערנאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט. דער קליינער און אָרעמער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל (סך הכל פופציק טויזנט נפשות) האָט געלעבט זייט דעם סוף פון דער מלחמה ווי אויף אַ ווולקאַן. נאָכן פאַרטרייבן די טערקן און זייער ממשלה, איז דער גאַנצער אָריענט אריין אין אַ צושטאַנד פון אַ געפערלעכן כאַאָס, אין וועלכן די פאַרשיידנסטע העצעס און אינטריגעס האָבן געדראָט מיט אַ בלוטיקן שטורם פון אַלע קעגן אַלע. עס זיינען שאַרף בולט געוואָרן די קעגנזאַצן צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך און די קאָנקורענץ צווישן זייערע אָריענט־אַגענטן. די קאָמוניסטישע אַגיטאַציע לשם וועלט־רעוואָלוציע האָט גערופן די אַראַבישע מאַסן צום קאַמף קעגן די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן. דער וואַטיקאַן, מיט דער הילף פון זיינע טויזנטער מאָנאַכן און מיסיאָנערן, האָט אויף זיין אופן מאָביליזירט און אינ־

טריגירט. ווי אַ קליינטשינקער אינזל, שוואַך און פון אַלע זייטן באַדראָט, האָט אויסגעזען דער יידישער ישוב פון ארץ־ישראל, אין דעם ריזיקן שטורמישן אַראַבישן ים. די מושלים און קאָמאַנדירן פון דער ענגלישער אָקופּאַציע־אַרמיי אין ארץ־ישראל זיינען געווען געשטימט אַנטיסעמיטיש און אַנטי־ציוניסטיש. דער יידישער לעגיאָן איז ליקווידירט געוואָרן. די וואַקסנדיקע אַראַבישע באַוועגונג האָט געדראָט דעם שוואַכן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל מיט אַ פיזישער פאַרניכטונג.

אויף דער שלום־קאָנפערענץ (אין פּאַריז) האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט מיט די אַראַבער און מיט זייערע פאָדערונגען. נישט קיין לייכטע אויפגאַבע האָבן, אַלזאָ, פאַר זיך געהאַט די פאַרטרעטער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען סוף פעברואַר 1919 אויפגענומען געוואָרן דורך די מעכטיקע אָנפירער פון דער שלום־קאָנפערענץ. פרעזידענט ווילסאָנ׳ס ברוגז האָט דעם גורל פון דער וועלט איבערגעלאָזט אין די הענט פון די בריטישע און פראַנצויזישע מלוכה־מענער. די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פון די דאָזיקע רעגירונגס־קרייזן איז נישט געווען גינסטיק פאַרן ציוניזם. דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט די שטעלונג פון דער אָפיציעלער ציוניסטישער פּאָליטיק און איר באַשיידענער, נאָכגעבערישער טאַקטיק.

די דאָזיקע שווערע ווירקלעכקייט האָט אָבער נישט אַראָפּגעפירט מאַקס נאָרדויען פון זיין ברייטן, ציוניסטיש־מלוכהשן שליאַך. באַקומענדיק פון דער ציוניסטישער לייטונג אין לאָנדאָן די אָפּשריפט פון דעם מעמאָראַנדום, וואָס האָט געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן דער שלום־קאָנפערענץ, האָט נאָרדוי אין אים געמאַכט אַ סך ראַדיקאַלע ענדערונגען לטובת די יידנשטאַטלעכע אַספּיראַציעס. די דאָזיקע ענדערונגען זיינען לייד ער געבליבן אין ציוניסטישן אַרכיוו, אין מעמאָראַנדום זיינען זיי נישט באַריקזיכטיקט געוואָרן. נאָרדויס פּאָליטישע באַרעכנונגען האָבן זיך געשטיצט אויף דעם געדאַנקענגאַנג, וועלכער איז געקומען צום אויסדרוק אין די פאָלגנדיקע ווערטער פון באַרימטן ענגלישן מלוכה־מאַן קערסאָן: „דער עתיד פון גרויס־בריטאַניע וועט זיך נישט אַנטשיידן אין אייראָפּע און אויך נישט אויף די ימים און אָקעאַנען, אויף וועלכע עס דאָמינירט די בריטישע פאָן. ער וועט זיך אַנטשיידן אין דעם וועלט־טייל, אין וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון דער מענטשהייט". הגם נאָרדוי איז געאָגראַפיש ווייט געווען פון די גרויסע יידישע צענטרען אין אייראָפּע, איז דאָך זיין מלוכהשער פאַרנעם פון ציוניסטישער וועלט־אַנשויאונג און פּאָליטיק, באַקאַנט געוואָרן אין

די בריטעסטע יידישע פאָלקס־קרייזן. ווידער זיינען באַניט געוואָרן אין ציוניסטישן זכרון די ווערטער, וועלכע איינער פון די רוסיש־ציוניסטישע מנהיגים (ש. ראָזענבוים פון מינסק), האָט אויף דעם ווינער קאָנגרעס געזאָגט: „נאָרדוי איז דער סימבאָל פון ציוניזם !"·

די בליקן פון אומצאָליקע טויזנטער ציוניסטן זיינען איצט געווען געווענדעט קיין מאַדריד, ווו אין איינזאַמער ווייטקייט האָט זיך גע־פונען הערצלס נאָנטסטער פריינט, דער נביא פון דער אייראָפּעאי־שער מענטשהייט און דער מנהיג פון פּאָליטישן ציוניזם.

די הייסע געפילן פון גרויסער ליבע און טיפן דרך־ארץ פאַר נאָרדויען זיינען בולט און מאַסנהאַפט געקומען צום אויסדרוק אין זומער 1919, ווען נאָרדוי האָט געפייערט זיין זיבציק־יעריקן יובל. צום געבורטס־טאָג, דעם 29־טן יולי, האָט זיך נאָרדוי, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע געפונען אין אַ זומער־וווינונג אין דער סביבה פון גראַנאַדאַ. פון דער גאַנצער וועלט, פון די נאָנטסטע און ווייט־סטע מקומות, זיינען אָנגעקומען אומצאָליקע בריוו און טעלעגראַ־מעס מיט די בעסטע און הייסעסטע גליקוווּנטשן פאַר דעם זיבציק־יעריקן בעל־שמחה. אויך וווּנדערבאַרע מתנות מכל תפוצות ישראל זיינען צוגעשיקט געוואָרן. די גאַנצע גראַנאַדישע אָרטשאַפט איז ממש אויפגערודערט געוואָרן צוליב דעם פּלוצלונגן מבול פון פּאָסט־זענדונגען פאַר דעם פרעמדן זקן מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער הדרת־הכבודיקער געשטאַלט און מיט דעם אייביקן און גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן. נאָרדוי אַליין איז געווען איבעראַשט און טיף גע־רירט צוליב דעם דאָזיקן מעכטיקן אויסדרוק פון ליבע און פאַרע־רונג פאַר זיין פּערזאָן. צו זיינע נאָנטסטע האָט ער שטיל און ווי פאַרשעמט געזאָגט, אַז זיין לעבנס־גורל איז אים געגנוג דאַנקבאַר און פריינטלעך געווען במשך די פאַרפלאָסענע זיבן יאָרצענטער, בעת אַ סך העלדן זיינען יונג געשטאָרבן און לגמרי פאַרגעסן געוואָרן.

אַמייסטן האָט נאָרדויען געפרייט די ידיעה, וועלכע ער האָט צו זיין געבורטס־טאָג באַקומען פון דער קרן־קימת־הויפּט־לייטונג, אַז מען האָט באַשלאָסן צו בויען אַ גאָרטן־שטאָט אין ארץ־ישראל אויף זיין נאָמען. אין זיין בריוולעכער תשובה צו דער לייטונג פון קרן־קימת האָט נאָרדוי געשריבן:

„דער געדאַנק וועגן אַ בליענדיקער גאָרטן־שטאָט אין דעם לאַנד פון ישראל, האָט פאַר מיר דעם כישוף פון אַ מזרח־לעגענדע. עס איז נישט וויכטיק, וועלכן נאָמען די דאָזיקע גאָרטן־שטאָט וועט טראָגן. ס'איז מעגלעך, אַז ווען אייער פּראָיעקט וועט רעאַליזירט ווערן, וועל איך זיין שוין אַ שאָטן, וואָס וואַנדערט שווייגנדיק ווי אין חלום צווישן יענע גאָרטנס, און בלויז איינוווינער פון דער

שטאָט, מיט אַ גוטן זכרון און מיט אַ וויזיאָנערישן געפיל, וועלן זיך וועגן מיר דערמאָנען. אָבער וואָס פאַרא באַדייטונג האָט מיין פאַר־געננלעכע פּערזענלעכקייט לגבי אייער גרויסן ווערק, וואָס איז באַשטימט לאַנג צו לעבן! די ערשטע אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז דאָרט, אין דער צוקונפטיקער גאָרטן־שטאָט, זאָל אויפוואַקסן אַ שטאַרקער און געזונטער דור אין ליכטיקער זון, אין ריינער לופט, צווישן דעם אַראָמאַט פון בלומען! וואָס פאַר אַ הערלעך לעבן דער־וואַרט אונזערע קינדער אין דער דאָזיקער שיינער סביבה! שוין איצט שיק איך זיי מיינע בעסטע גליק־ווונטשן און האַרציקסטע ברכות!".

הגם אַרומגערינגלט מיט גוטע און נאָנטע מענטשן, איז נאָרדוים פריי צו זיין זיבציק־יעריקן יובל געווען באַאיינפלוסט מיט שטאַר־קע קריטישע און מעלאַנכאָלישע שטימונגען. נאָרדוים פּעסימיסטי־שע האָראָסקאָפּן אין דעם טאָג פון וואָפן־שטילשטאַנד, ווען אַן אַל־געמיינער ענטוזיאַסטישער אויסברוך האָט אַלעמען באַהערשט און פאַרשכורט, האָבן זיך איצט מיט יעדן טאָג, אַלץ מער אַרויסגעוויזן אַלס באַרעכטיקטע. דער גראַנגל פאַר שלום איז געווען אַן אָנגע־ווייטיקטער און טראַגישער, און אין פאַרשידענע לענדער, נאָנטע און ווייטע, האָט זיך ווידער געגאָסן אומשולדיק בלוט, און מיט פייער און שווערד זיינען צעשטערט געוואָרן אומצאָליקע מענטש־לעכע ישובים און גליקן. די בלוטיקע מאַרטיראָלאָגיע פון אוקראַ־איניִשן יידנטום און די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע נאָכן סוף פון דער וועלט־מלחמה, האָבן טיף דערשיטערט מאַקס נאָרדוים נשמה. זיין האַרץ האָט געווייטיקט מיט די הונדערטער טויזנטער יידישע קרבנות, און זיין מוח האָט זיך געפּייניקט מיט דער אַלטער און איצט אין שמערץ באַנייטער טיפער איבערצייגונג, אַז: „מ'מוז די יידישע מאַסן פון אייראָפּע שנעל ראַטעווען פאַר אַ פיזישן און נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, און דער איינציקער רעטונגס־וועג באַשטייט אין אַ שנעלער, ריזיקער עמיגראַציע און אין אַ גרויסער, מלוכהשער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל!".

נאָרדוי האָט קיין מנוחה נישט געפונען אין דער הערלעכער דרום־שפּאַנישער זומער־וווינונג. ער איז באַלד צוריקגעקומען קיין מאַדריד און גענומען זיך גרייטן צו דער נסיעה אין אויסלאַנד. ס'איז געווען שוין סעפּטעמבער 1919 און פון לאָנדאָן איז געקומען אַ בריוו פון ד"ר ווייצמאַן וועגן דעם, אַז מ'מאַכט אַלע נויטיקע שריט בכדי צו דערמעגלעכן נאָרדוים שנעלע רייזע קיין פּאַריז און לאָנדאָן. אָבער די ביוראָקראַטישע פּראָצעדור איז וויניק נתפּעל געוואָרן

פון די דאָזיקע ציוניסטישע באַמיאונגען און פון די נאָרדויאישע נשמה־ליידן, און עס האָט געדויערט נאָך גאַנצע דריי חדשים, ביז ס'איז מעגלעך געווען נאָרדוים רייזע.

די לעצטע טעג אין שפּאַניע, אין נאָוועמבער 1919, זיינען גאָר שווער געווען פאַר נאָרדוים געמיט. עס האָט כסדר, דראָבנע און אומעטיק גערעגנט און אויף דער נשמה איז געווען טרויע־ריק. עפּעס אַן אומהיימלעכע קראַפט האָט נאָרדויען אַרויסגעריסן פון דער היים און געטריבן אין די גאַסן. נאָרדוי איז איצט אָפט, אין די אָוונטן, געגאַנגען אויף מוזיק־קאָנצערטן פון ערנסטע קאָמפּאָ־זיטאָרן. אין דער מאַדרידער פילהאַרמאָניע האָבן אים ווידער טיף גערירט די אומשטערבלעכע קלאַנגען פון בעטהאָווענס נײַנטער סימ־פאָניע, די מוזיקאַלישע שאַפונגען פון שומאַן און די „נישט־פאַר־ענדיקטע סימפאָניע" פון שובערטן. אָפט איז נאָרדוי אַרייַנגעקומען אין דער מאַדרידער־שול, און די פרייטיק־צו־נאַכטס־אָוונטן האָט ער פאַרבראַכט אין פּראַפּ. יהודה'ס גאַסטפרײַנטלעכער שטוב, ווו ער האָט ממש אויפגעלעבט, קוקנדיק אויף די פריילעך־ברענענדיקע שבת־ליכט, און הערנדיק דעם קידוש, וועלכן דער בעל־הבית האָט געמאַכט אויף אַ פייערלעכן, עכט־טראַדיציאָנעלן אופן.

ענדלעך, איז געקומען דער מאָרגן פון 15־טן נאָוועמבער 1919, ווען נאָרדוי האָט צוזאַמען מיט זיין משפחה פאַרלאָזט שפּאַניע, נאָך אַ פינף־יעריקן אויפנהאַלט. דער אַלטער ציוניסטישער מנהיג איז באַהערשט געווען פון שטאַרקע אינערלעכע געפילן. ווידער איז פאַר אים פריי געוואָרן די וועלט, ווידער וועט ער קענען ריידן און שרייבן פאַר זיין טרייעם אייראָפּעאישן פובליקום, ווידער וועט מען זיך מיט ליבע און דרך־ארץ צוהערן צו זיין ניי וואָרט! נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט וועגן זיינע איבערלעבענישן מיט אַ האַלבן יאָרהונ־דערט צוריק, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַרלאָזן די פעסטער היים און איז געפאָרן צו דער גרויסער, פרייער וועלט. אָבער דעמאָלט איז ער אַלט געווען סך הכל 20 יאָר און היינט איז ער אַ זקן פון 70 יאָר! צי וועט ער איצט האָבן גענוג כוחות צו אַ נייעם, שווערן קאַמף, צו אַ ניי, פריש לעבן?

קאַפּיטל מ"ה

ווידער אויף די קאַמף־פּאָזיציעס פון

פּאָליטישן ציוניזם

נאָרדויס וועג פון מאדריד קיין לאָנדאָן האָט געפירט, און גע־מוזט פירן, דורך פּאַריז. מיט אן אומגעדולדיקן אומרו איז אים פאַרגאַנגען די ווייטע און שווערע רייזע. א קאַלטער ווינטער מיט א געדיכטן שניי האָט באַדעקט די זוניקע, חנעוודיקע לאַנדשאַפטן פון דרום־פראַנקרייך. וואָס נענטער מען איז געקומען צום צפון, אַלץ מער האָבן זיך געוויזן די פאַרוויסטונג־סימנים פון פאַרפלאָ־סענעם וועלט־קריג. נאָרדויס געדאַנקען זיינען פאַרויסגעלאָפן דעם שנעל־פאָרנדיקע עקספּרעס־צוג. ווי וועט זי אים אויפנעמען, די שטאָט פון אייביקער ליכט און מענטשן־ליבע? צי איז די שנאה צו אים, דעם פון גלות־שפּאַניע צוריקקומענדיקן וואַנדערער, שוין פאַרשוואונדן און פאַרגעסן געוואָרן?

א שאַרפער, פראָסטיקער ווינט האָט אויפגענומען נאָרדויען, ווען ער איז אָנגעקומען אויפן פּאַריזער וואָקזאַל. ס'איז געווען אינ־מיטן דעצעמבער 1919. נייגיריק האָט זיך נאָרדוי אומגעקוקט, ווי ער וואָלט וועלן על רגל אחת דערקענען די גרויסע שנויים, וואָס זיי־נען דאָ פאָרגעקומען במשך די פינף יאָר פון זיין אָפּוועזנהייט. אין דרויסן האָט שטאַרק געשנייט און די גאַנצע שטאָט איז באַדעקט געווען מיט א ריזיקער ווייסער פּלאַכטע. נאָרדוי האָט נישט דער־פילט קיין שום סימן פון דער עכט־פּאַריזער, אַזוי כאַראַקטעריסטי־שער און טראַדיציאָנעלער לעבנס־פרייד. זיין טיפע, דיכטערישע אינטואיציע האָט גלייך דערטאַפּט די שווער־מוטיקע אַטמאָספער פון דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע, וואָס האָט זיך געשאַפן בייםאָנהויב פון דער מלחמה און איז געבליבן ליגן, לאַסטנדיק שווער, אויף דעם געמיט פון דעם נאָך־מלחמהדיקן פּאַריז.

וואָלט מען לכל הפחות געקענט פאַרפאָרן צו זיך, אין דער אַל־טער פּאַריזער היים בשכנות פון מאָנטמאַרטר, צו דעם קליינעם הויז מיט דעם אידילישן גאָרטן, ווו נאָרדוי מיט זיין פאַמיליע האָט פאַר

דעם קריג געווינט גאַנצע 15 יאָר! אָבער די אַלטע, אייגענע דירה האָבן איצט פאַרנומען פרעמדע און מ'האָט געמוזט זוכן גאַסט־פריינטלעכקייט ביי אַ נאָענטן קרוב. דאָרט איז געווען אַ קליינע וווינונג אויף דעם פינפטן שטאָק, אין אַן אַלטן הויז אָן אַ ווינדע. נאָרדויען האָבן באַהערשט אומעטיקע, דריקנדיקע געפילן. נישט אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט זיין צוריקקומען צו דער שטאָט פון ליכט און פרייד, וועגן וועלכער ער האָט כסדר געחלומט און גע־בענקט אין גלות־שפאַניע.

אַלץ האָט זיך, ווי פאַרשווונדן, בכדי צו פאַרמיאוסן דאַסמאָל פאַריז אין די אויגן פון נאָרדוי, וועלכער איז צוריקגעקומען אין דער שטאָט פון זיינע בענקשאַפטן, ווי מ'קומט צוריק אין אַ פאַר־לוירענער היים, צום גן־עדן פון יוגנט־חלומות. קוים האָט זיך נאָרדוי אַוועקגעזעצט אויסרוען פון לאַנגן און שווערן וועג, ווי ס'איז אין דער וווינונג דערשינען אַ פאָליציסט און האָט פאַרלאַנגט פון די נייַ־אָנגעקומענע זייערע רייזע־דאָקומענטן. נאָכן דורכקאָנ־טראָלירן, האָט ער דערקלערט נאָרדויען: „איר האָט, מיין הער, בלויז אַ דורכרייזע־וויזע און טאָרט נישט בלייבן אין פראַנקרייך!". מען האָט דעם פאָליציסט אויפגעקלערט, אַז דעם נעכסטן טאָג פאָרט מען ווייטער קיין לאָנדאָן און ס'האַנדלט זיך בלויז וועגן איבערנעכטיקן אין פאַריז. אָבער דער שטרענגער געזעץ־היטער האָט דורכויס פאַרלאַנגט דעם תיכפדיקן אָפּפאָר. באין ברירה האָט נאָר־דוי זיך געמוזט אָנטאָן און גיין צוזאַמען מיט זיין טאָכטער צו דער פאָליציי־פרעפעקטור און צום מיניסטעריום, בכדי אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבניש צו בלייבן איין טאָג אין פאַריז. קוים מיט צרות און פראָטעקציע איז געלונגען צו פועלן, אַז מ'זאָל מאַקס נאָרדויען, דעם וועלט־באַרימטן שריפטשטעלער און 40־יעריקן תושב פון פאַ־ריז, דערלויבן איבערצונעכטיקן אין דער שטאָט, וואָס איז שוין לאַנג געוואָרן זיין סטאַבילע היים. אַזוי ווייט איז דערגאַנגען די פאַרביסנקייט פון זיינע איינפלוסרייכע שונאים און אַזוי שטאַרק איז געבליבן דאָס נקמה־געפיל פון אַלמעכטיקן פרעמיער קלעמאַנ־סאָ, וועלכער, זייענדיק איצט, נאָכן וועלט־קריג, אַ נאַציאָנאַלער העלד און אייראָפּעאישער מלוכה־מאַן, האָט ער אָבער נישט פאַר־געסן די שאַרפע קריטיק, וועלכע נאָרדוי האָט געשריבן, מיט אַ סך יאָרן צוריק, וועגן זיין ליטעראַרישער שאַפונג.

נאָך אַ הפסקה פון צוואַנציק יאָר איז נאָרדוי ווידער געווען אין לאָנדאָן. די ריזיקע שטאָט איז במשך פון דער צייט נאָך מער אויס־געוואַקסן. אָבער אומעטום האָבן זיך געפילט די נאָכמלחמהדיקע שווערקייטן. ס'איז נישט לייכט געווען צו געפינען אַ וווינונג, און

זאָל דאָס זיין אפילו אַ גאָר באַשיידענע. נאָרדוי האָט געמוזט אָננעמען די האַרציקע איינלאַדונג פון דעם באַרימטן יידישן מאָלער לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, און האָט ביי אים געוווינט, ביז ער האָט זיך געקענט איינאָרדנען. עס זיינען גראָד געווען חנוכה־טעג און אין די אָוונטן איז נאָרדוי געזעסן אין דער גאַסטפריינטלעכער שטוב און האָט מיט אַ טיפן געפילן־אויפברויז זיך צוגעקוקט צו די קליינע פאַרביקע ליכטעלעך, וועלכע דער בעל־הבית, דער גרויסער קינסטלער און הייסער ייד, האָט אָנגעצונדן יעדן אָוונט, לויט זיין אַלטער, יידיש־פּוילישער טראַדיציע. נאָרדוי האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם חנוכה־צערעמאָניאַל אין דעם יידיש־ספרדישן הויז, ביים אָנהויב פון זיין גלות־שפּאַניע. ווייט איז דער מהלך צווישן יענעם מאַדרידער ייד מיט זיין טערקיש־ספרדישן עבר און דעם ליבן פריינט לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי מיט זיין שטייגער פון קליינעם יידיש־פּוילישן שטעטל, און דאָך ווי נאָנט און בשותפותדיק זיינען זייערע יידישע מנהגים און טראַדיציעס! נאָרדויס געדאַנקען זיינען אַריבער צום קליינעם אָבער אַזוי הייליקן און טייערן לאַנד פון חנוכה־נס. ער האָט געטראַכט וועגן דער שווערער און געפערלעכער לאַגע פון שוואַכן יידישן ישוב, אַרומגערינגלט פון ריזיקן אַראַבישן ים און „באַשיצט" פון דער ציון־ און יידן־פיינטלעכער בריטישער מיליטער־מאַכט. „צי לעבט אין זיי דער זכר פון מכבייאישער גבורה, צי זיינען זיי פּעאיק צום קאַמף און נצחון, ווי זייערע העלדישע אבות מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק?", האָט זיך נאָרדוי אַליין געפרעגט, און בעת מעשה איז ביי אים געוואָרן פעסט באַשלאָסן צו באַזוכן ארץ־ישראל, און גלייך איצט אָנצוהויבן צו לערנען די אַלט־נייע שפּראַך, עברית.

נאָרדוי איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין טיפער פאַרטראַכטונג. די האַרציקע פרוי פּיליכאָווסקי האָט גענומען סערווירן אַ באַשיידענעם נאַכטמאָל און אין שטוב זיינען אַריינגעקומען נייע, יונגע געסט. נאָרדוי האָט זיך פּלוצלונג דערפילט אַלט און מיד. ער האָט זיך געזעגנט מיט די פריינטלעכע גאַסט־געבער און איז אַוועק צו זיך אין צימער. אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקענט און גענומען גלייך שרייבן אַ בריוו צו זיין פרוי, וועלכע איז פאַרבליבן אין פאַריז: „איך בין פון זיי (די פּיליכאָווסקים) אַוועק האַלב עלף אַזייגער. מען האָט גראָד גענומען דאָרט שפּילן מוזיק. איך האָב אָבער שוין זייט די מיטאָג־שעהן געטראַכט וועגן דיר, וועגן דיין איצטיקן טרויער, וועגן דיינע אומעטיקע געדאַנקען, וועגן דיין באַזאָרגט האַרץ, וועגן דיין איינזאַמקייט אַלס מוטער, וועגן דיין פּיין, וועלכן דו ליידסט אַלס די פרוי פון אַ מענטשן,

וואָס ווערט באַשמוצט. איך האָב געמוזט אַוועקגיין, ווייל איך וואָלט צוזאַמענגעבראָכן, הערנדיק זיי פריילעך זינגען און שפּילן!״.

באַלד איז אָבער נאָרדוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטור־מיש־ליידנשאַפטלעכן ברען פון ציוניסטיש־פּאָליטישן צענטער אין לאָנדאָן. אין דעם בנין פון דער ציוניסטישער וועלט־ליטונג האָט מען נאָרדויען צוגעטיילט אַ באַזונדערן אַמט־ און אַרבעטס־צימער, און פון אַלע זייטן זיינען אים פאָרגעשלאָגן געוואָרן די פאַרשידנס־טע פּלענער און פּראָיעקטן. מ׳האָט געזוכט זיין הילף און געפרעגט זיינע עצות וועגן דעם צוקונפטיקן העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים און וועגן אַנדערע וויכטיקע און דרינגלעכע ארץ־ישראל־דיקע ענינים. די צאָלרייכע באַאַמטע און עסקנים פון דער ציוניס־טישער הויפּט־ליטונג, האָבן נאָרדויס עצות און הסכמה־ווערטער אויפגענומען פריינטלעך, אָבער ווען ער האָט געפּרוווט עפּעס צו קריטיקירן, זיינען זיי געוואָרן שטיל־שווייגנדיק און זייערע פּנימער בייז. נאָרדוי האָט זיך באַלד אָריענטירט אין דעם דאָזיקן פּאַרטיי־אישן און ביוראָקראַטישן געטומל, אין וועלכן עס האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע אַטמאָספער פון קליינלעכער קנאה און קעגנזייטיקער אינטריגע. ער האָט באַשלאָסן זיך צו האַלטן ווייט פון אַלע קליינ־לעכקייטן און מיאוסקייטן.

אָבער ריקזיכטלאָז און שאַרף האָט נאָרדוי, דאָ אין לאָנדאָן, ווייטער און כסדר געקעמפט פאַר זיין מלוכה׳ש־ציוניסטישער וועלט־אַנשויאונג. אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וועלכע נאָרדוי האָט איינגעאָרדנט אין גרויסן זאַל פון דער ציוניסטישער עקזעקו־טיווע, און צו וועלכער עס זיינען געקומען די פּראָמינענטעסטע זשורנאַליסטן פון דער יידישער און אַלגעמיינער וועלט־פּרעסע, האָט דער מחבר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים״ במשך פון אנדערט־האַלבן שעה אַנטוויקלט זיין שטעלונג לגבי די אַקטועלע הויפּט־פּראָבלעמען פון דער נאָך־מלחמהדיקער מענטשהייט און בעיקר פון יידנטום. דאָס איז געווען אַ טיפער און אויספירלעכער אַנאַליז, וועלכער האָט מיט זיין געדאַנקען־רייכטום און אויפריכטיקן אמת, באַצויבערט און דערשיטערט די צאָלרייך־פאַרזאַמלטע פּרעסע־לייט. זיי זיינען אַוועק מיט אַ טיפער באַוווּנדערונג פאַר דעם דאָזיקן זיבע־ציק־יעריקן זקן, וועלכער איז טראָץ אַלע איבערלעבענישן און פּיינטשאַפטן געבליבן יונג און שטאַרק אין זיין אמונה און קאַמפּס־ווילן.

נאָרדוי האָט בשום אופן נישט געוואָלט און אויך נישט געקענט אַקצעפּטירן די פּאָליטישע ליניע, וועלכע איז אין ציוניזם רעפּרע־זענטירט און אָנגעפירט געוואָרן דורך חיים וויצמאַן און נחום סאָ־

קאַלאָוו. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס ביסל רעכט פון אַ קליינער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט דער גרינדונג פון אַ העברעאישן אוניווערזיטעט, איז נישט מער ווי אַ נייע אויפלאַגע פון אַלטן חובבי־ציוניזם און אחד־העמיזם. נישט דערצו איז דורך הערצלען געשאַפן געוואָרן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און נישט פאַר אַזעלכע קליינלעכע צילן און השגות האָט געקעמפט דער פּאָליטישער ציוניזם. נאָרדוי האָט עפנטלעך פּראָטעסטירט אין שריפט און וואָרט מיט אַן אַנטשלאָסענער קאַ־טעגאָרישקייט: „ס'איז געקומען די צייט, אַז מען זאָל הערן די שטים פון פאָלק ישראל. די היסטאָרישע דעקלאַראַציע פון 2־טן נאָוועמבער 1917, וועלכע מיר אַלע האָבן ענטוזיאַסטיש באַגריסט, איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון יעדן ממשותדיקן אינהאַלט און איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ פּוסטער, ווערטלאָזער פאָרם!".

נאָך די רואיקע יאָרן אין שפּאַניע, איז איצט אין לאָנדאָן גע־קומען פאַר נאָרדויען אַ נייע שטורמישע צייט פון גרויסער אַקטיווי־טעט, פון גלענצנדיקע פּלענער און פרישע האָפנונגען. די אַמאָליקע באַרימטע פירער פון הערצליאַנישן ציוניזם, י. ל. גרינבערג, זשאַן פישער און אַנדערע האָבן כסדר קאָנפערירט מיט נאָרדויען און אַרומגערעדט די לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אומעטום, אין בעלגיע און האָלאַנד, אין אַמעריקע און ענגלאַנד, אין מיטל־און מזרח־אייראָפּע און בעיקר אין ארץ־ישראלדיקן ישוב, זיינען בולט געוואָרן סימנים פון וואַקסנדיקער אָפּאָזיציע און אומצופרידנ־קייט מיט דער אָפיציעלער ציוניסטישער פּאָליטיק. אַלע האָפנונגען האָבן זיך געווענדעט צו דעם באַרימטן ציוניסטישן מנהיג, הערצלס חבר און מיטקעמפער, מאַקס נאָרדוי.

פאַר דעם האָבן טאַקע שטאַרק מורא געהאַט די, וועלכע זיינען דעמאָלט געשטאַנען ביי דער הערשאַפט פון דער ציוניסטישער עק־זעקוטיווע. דער דאָזיקער פּחד פאַר מאַקס נאָרדויען און זיין גרויסן אויטאָריטעט האָט אפשר ווייניקער געווירקט אויף די אייגנטלעכע מנהיגים ווי אויף דעם איינפלוס־ און צאָל־רייכן מאַכט־אַפּאַראַט פון מיטהעלפער, באַאַמטע און סתם פּאַרטיי־גבאים. פאַר אַ סך פון זיי איז נאָרדוי געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון דער פאַרפלאָסענער הערצל־ראָמאַנטישער הערצל־תקופה. זיי האָבן געוואָלט פאַר־געסן אין יענער תקופה, און דער אָנוועזנדיקער נאָרדוי איז פאַר זיי געשטאַנען ווי אַ שאָטן פון פאַרגאַנגענהייט, וואָס מאָנט כסדר דאָס געוויסן און פאַרלאַנגט אַ דין וחשבון פון זייערע מעשים. זיי האָבן פון דעם דאָזיקן לעסטיקן זקן מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט און מיט נאָך אַ יונגן טעמפּעראַמענט און אידעאַליסטישן גלויבן, גע־

וואָלט דורכוים פּטור ווערן. נאָרדויען איז איצט אויסגעקומען אי־בערצולעבן אין לאָנדאָן שווערע און פּיינלעכע מאָמענטן.

די דאָזיקע אַטמאָספער און די איבערלעבענישן האָבן שטאַרק דעפּרימירט נאָרדויען. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אַנצופירן מיט אַזאַ קאַמף און צו דערגרייכן אַ נצחון, איז נישט פאַר זיינע אַלטע יאָרן, פאַר זיינע שוואַכע כוחות. ענדע יאָר 1920 שרייבט ער פון לאָנדאָן צו זיין פרוי: „איך בין ביים סוף פון מיינע כוחות. איך פיל דאָס צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. זיי רואיק! דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן איצט צו טאָן, איז צו בלייבן סטאָאיש און באַהערשט. מיר גייען איצט דורך די אומעטיקסטע טעג פון אונזער לעבן. מיר מוזן אַוועקבויגן אונזערע קעפּ און לאָזן דורכ־גיין דעם שטורם, אייביק וועט ער נישט דויערן! — ס'איז היינט דער לעצטער טאָג פון פאַרשאָלטענעם יאָר. אָבער אונזער ליבע מאַקסאַ וויל נישט הערן וועגן פאַרצווייפלונג. איך אַנערקען נישט דאָס דאָזיקע וואָרט. צי געדענקסט דו די ווערטער פון בייראָן: „יעדער גורל האָט זיין שעה פון דערלייזונג!”.

אָפט טראַכט נאָרדוי וועגן דעם, אַז ס'וועט נויטיק זיין די פי־רונג פון פּאָליטישן ציוניזם און זיין קאַמף איבערצוגעבן אין ייִנ־גערע און שטאַרקערע הענט. ער איז זיך אויך מישב וועגן די גייס־טיקע און מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס פון די איינצלנע ציוניסטי־שע עסקנים פון ייִנגערן דור, וואָס שטייען אים אידעאָלאָגיש נאָענט, און ער זוכט צווישן זיי דעם אויסדערוויילטן, וועלכער וועט ראוי זיין איבערצונעמען די הערצאָישע ירושה און טראַדיציע פון הערצ־ליאַניזם. דערוויל איז ער אַליין, מיט זיינע שוואַכע כוחות און באַ־גרענעצטע מעגלעכקייטן, ממשיך טראָץ אַלע שטערונגען און קעג־נערשאַפטן, זיין ראַנגלען זיך אויף די קאַמף־פּאָזיציעס פון פּאָליטישן ציוניזם. נאָרדוי דרוקט אין דער ייִדישער פּרעסע פּלאַמיקע אַרטיק־לען און האַלט אויף פאַרזאַמלונגען פּאַטעטישע רעדעס, וואָס פאַר־לאַנגען קאַטעגאָריש אַ ייִדישע מלוכה אויף ביידע זייטן פון ירדן און אַ שנעלע מאַסנהאַפטע ייִדישע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. דער שרעקלעכער גורל פון אוקראַאינישן ייִדנטום און די בלוטיקע אַנטי־ייִדישע פּאָגראָמען אין מזרח־ און מיטל־אייראָפּע גיבן זיינע ווערטער דעם שוווּנג פון נבואה און דעם כוח פון גראַנדיאָזקייט. אין דעם ריזיקן, פלעגמאַטישן ענגלישן לאָנדאָן, צווישן אייגענע זאַטע און זעלבסטצופרידענע פּאָליטיקאַנער און ביוראָקראַטן, גע־פינט ער נישט קיין מנוחה. זיין האַרץ בלוטיקט און זיין נשמה איז באַזאָרגט. ער זעט, ווי ייִדיש בלוט ווערט שטראָפלאָז פאַרגאָסן ווי וואַסער, און ווי ייִדישע טרערן ווערן דורך דער קאַלטער, גוישער

וועלט אויסגעלאַכט. זיין סובטעלער, אויסגעפּרוווטער, דיכטערישער אינסטינקט, פאַרשאַרפט דורך די גורל־נסיונות פון יידישן גלות, זאָגט אים פאָרויס נייע אומגליקן, נאָך גרעסערע שחיטות און פּייני־קונגען קעגן זיין גערודפטן און אומעטום צעזייטן פאָלק. דאָס גיט נאָרדויען, דעם שוואַכן, פאַרמאַטערטן זקן, כוח און מוט צו בלייבן אויף די קאַמף־פּאָזיציעס פון פּאָליטישן ציוניזם, און אויסצוהאַלטן אַלע קעגנערשאַפטן און פיינטשאַפטן, ביז עס וועט קומען הילף, און אַנדערע, פרישע און יינגערע קעמפער וועלן פאַרנעמען די פּאָ־זיציעס. ווייל אין דער סביבה פון לייכטן ציוניזם און באַקוועמען אָפּאָרטוניזם איז איט, נאָרדויען, דעם סימבאָל פון ציוניזם, הייליק געבליבן די פאָן פון קעמפנדיקן, קאָמפּראָמיסלאָזן און עטיש־ריי־נעם הערצליאַניזם.

קאַפּיטל מ״ו

צווישן לאָנדאָנער האָפענונגען און אַנטוישונגען

דער פרילינג 1920 האָט געבראַכט גאָר שלעכטע ידיעות פון ארץ־ישראל. די פון די בריטישע אָקופּאַציע־מושלים טאָלערירטע אַנטי־יידישע פּאָגראָם־העצע האָט אַרויסגערופן בלוטיקע געשעע־נישן. צענדליקער טויזנטער באַוואָפנטע אַראַבער האָבן זיך מיט דעם רוף: „די רעגירונג איז מיט אונז״ געוואָרפן אויף די יידישע ישובים. דער יידישער לעגיאָן איז שוין געווען ליקווידירט און די ערשט־געשאַפענע הגנה עצמית (זעלבסט־שוץ) אונטער דער אָנפי־רונג פון זאב זשאַבאָטינסקי און פּנחס רוטענבערג, האָט מיט אירע שוואַכע כוחות זיך באַמיט העלדיש צו פאַרטיידיקן דעם יידישן לעבן און באַזיץ. דער טראַגישער און גלייכצייטיק העראָאישער קאַמף פון יוסף טרומפּעלדאָר און זיינע חברים אין תל־חי (מערץ 1920) האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן ישוב. די געעפּרלעכע לאַגע אין לאַנד האָט זיך ווייטער פאַרשאַרפט און צוגעשפּיצט. אין יפו זיינען פאָר־געקומען שטורמישע אַראַבישע דעמאָנסטראַציעס מיט אַגרעסיווע אַנטי־יידישע לאָזונגען. אין ירושלים האָבן זיך בעת דער נעבי־מוסה־פייערונג פאַרזאַמלט טויזנטער באַוואָפנטע אַראַבער, און אויפגעע־העצטע דורך זייערע אַגיטאַטאָרן, זיינען זיי איבערגעפאַלן די יידי־

שע קוואַרטאַלן. במשך פון דריי פּסח־טעג (4, 5 און 6 אַפּריל 1920) איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַן אַנטי־יידישער פּאָגראָם לויט אַלע גוט־באַקאַנטע כּללים פון צאַריסטישן מוסטער. די העלדישע הגנה האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן מוט און קאַמף־גייסט, אָבער די ענגלישע מיליטער־אָרגאַנען, וועלכע זיינען לגמרי פּאַסיוו געבליבן לגבי די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן זייער גאַנצע אַקטיוויטעט אָנגעווענדעט קעגן יידישן זעלבסט־שוץ. מ׳האָט די הגנה נישט צוגעלאָזט צו דער אַלט־שטאָט, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם, און עטלעכע ענגלישע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן אפילו מיטגעהאָלפן די אַראַבישע כוליגאַנעס אין זייער בלוטיקער „אַר־בעט”. לסוף, האָט די ענגלישע מיליטער־מאַכט, אַנשטאָט צו אַרעס־טירן די אַראַבישע פּאָגראָמטשיקעס, גאָר אַרעסטירט די אָנפירער פון דער יידישער הגנה. דאָס בריטישע מיליטער־געריכט האָט 19 פון זיי פאַראורטיילט צו דריי יאָר און זאב זשאַבאָטינסקי צו 15 יאָר שווערער תפיסה אין עכו. גלייך נאָך דעם האָט גענעראַל ב אָ ל ס , דער אייגנטלעכער שולדיקער אין ירושלימער פּאָגראָם, אַרויסגעשיקט דרינגנדיקע מעמאָראַנדומס צו די העכסטע בריטישע מלוכה־אינסטאַנצן, אין וועלכע ער האָט פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל אָפּ־שטעלן יעדע ציוניסטישע טעטיקייט אין ארץ־ישראל.

דער ירושלימער פּאָגראָם האָט אין דער גאַנצער יידישער וועלט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. די אָפיציעלע ציוניסטישע אינס־טאַנצן און זייער פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיך די גאַנצע צייט באַמיט צו באַרואיקן די געמיטער און צו פאַרגלעטן אַלע שוועריקייטן. צוליב אַ סך טעמים, האָבן זיי דעם ציוניסטישן עולם נישט דערציילט דעם אמת וועגן דער געפערלעכער לאַגע אין ארץ־ישראל. די ידיעה וועגן דעם פּאָגראָם אין ירושלים איז אַלזאָ געקומען פּלוצלונג, ווי אַ בליץ פון העלן הימל, און האָט טיף דערשיטערט די גאַנצע ציו־ניסטישע מחנה. פאַר אַ סך ציוניסטן, וועלכע האָבן ביז־איצט בלינד געגלויבט אין אַלע אָפּטימיסטישע פאַרזיכערונגען און הבט־חות פון דער לאָנדאָנער עקזעקוטיווע, איז איצט קלאָר געוואָרן דער אמת פון מאַקס נאָרדויס וואָרנונגען. מ׳האָט אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין נאָרדויס שאַרפע דבורים וועגן דעם, אַז די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע וועט אויסגעליידיקט ווערן פון יעדן ממשותדיקן אינהאַלט, אויב עס וועט זיך נישט אָנהויבן, תיכף ומיד, אַ גרויסע יידישע עליה קיין ארץ־ישראל, מיניממום 30 טויזנט נפשות אַ חודש, וואָס נאָר זי אַליין איז ביכולת צו זיכערן דעם פיזישן און נאַציאָ־נאַלן קיום פון יידישן ישוב, ביז ער וועט דערגרייכן זיין מערהייט און זיין מלוכה אינם לאַנד.

דער ירושלימער פּאָגראָם האָט נאָרדויען, ווי אַלע יידן און ציוניסטן, טיף דערשיטערט, הגם ער האָט אים נישט לגמרי איבעראַשט. נאָרדוי איז געווען אינפאָרמירט וועגן דער אַנטי־יידישער און ציון־פיינטלעכער איינשטעלונג און פירונג פון דער ענגלישער אָקופּאַציע־מאַכט. מיט הייסע באַוווּנדערונגס־געפילן האָט נאָרדוי גערעדט און געשריבן וועגן די העלדן פון תל־חי און פון דער ירושלימער הגנה. ענטוזיאַסטיש האָט ער באַגריסט דעם מוטיקן קעמפער פון ירושלים און געפאַנגענעם פון עכו, זאב זשאַבאָטינסקי. נישט איינמאָל אין יענע טעג און נעכט פון פרילינג 1920, האָט זיך נאָרדוי דערמאָנט אין זיין מאַדרידער באַגעגעניש מיט זשאַבאָטינסקיןביים סוף פון יאָר 1914. ווי לעבעדיק איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען די טעמפּעראַמענט־פולע געשטאַלט פון יונגן רוסישן זשורנאַליסט און ציוניסטישן קעמפער. נאָרדוי האָט געטראַכט וועגן זייער דעמאָלטיקן געשפּרעך און ויכוח, און האָט ווידעראַמאָל פאַר זיך איבערחזרט דעם אייגענעם באַשלוס, אַז דער פּאָליטישער ציוניזם דאַרף איצט האָבן נייע, יונגע און קרעפטיקע מענער־קעמפער. נאָרדוי האָט עפנטלעך און ענטוזיאַסטיש באַגריסט די אסירי־עכו מיט זשאַבאָטינסקין בראש און געוווּנטשן זיי אַלע אַ שנעלע באַפרייאונג.

די טראַגישע לאַגע פון יידישן פאָלק, וואָס איז באַלד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג אַזוי מורא'דיק געקומען צום אויסדרוק אין צוויי בלוטיק־אָנגעווייטיקטע געשעענישן: 1) די שחיטה פון אוקראַאינער יידנטום און 2) דער פּאָגראָם אין ירושלים, האָט פאַרלאַנגט אַ גאַנץ אַנדערע לייזונג, ווי האַלבע דבורים און געמעסיקטע פאָדערונגען. אין זיין אַלאַרמירנדיקן אַרטיקל פון יאָר 1920, אונטער דער לאָזונג „ראַטעוועט זיי פון די מערדער!", שרייבט מאַקס נאָרדוי: „נאָך דער פּאָליטישער ציוניזם האָט אַ קלאָרע דאָקטרינע, ווי צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק. מיר דאַרפן האָבן אַן ארץ־ישראל, וואָס קען איינאָרדנען מיליאָנען פון אונזערע ברידער, באַדראָטע פון רויב און מאַסאַקרעס אין אוקראַאינע, פון אַ פאַרניכטונג דורך אַ באָיקאָט אין פּוילן, און פון דער שאַנד אין די געטאָס פון עסטרייך, אונגאַרן און דייטשלאַנד. מ'וועט ענטפערן דערויף: „דאָס איז דאָך אוממעגלעך, עס זיינען נישטאָ אַזוי פיל וווינהייזער אין ארץ־ישראל! — עס זיינען נישטאָ דאָרט קיין הייזער? וועלן די איינוואַנדערער דערווייל וווינען אין געלטן! דאָס איז זיכער בעסער, ווי אויסגעשאָכטן צו ווערן דורך פּאָגראָמען. ווידער וועט מען אונז זאָגן: „זיי וועלן דאָך נישט האָבן וואָס צו עסן!", מיר וועלן זיי מוזן דערנערן ביז צום ערשטן תבואה־שניט. — בעת דער וועלט־מלחמה האָט מען דערנערט 22 מיליאָנען סאָלדאַטן, וואָס

האָבן נישט געזייט און נישט געשניטן. דאָס וועט קאָסטן ביליאָנען!
— אזוי פיל נישט, אָבער מיליאָנען וועט עס זיכער קאָסטן און דאָס דאָזיקע געלט וועלן מיר מוזן שאַפן! דאָס יידישע פאָלק וועט די נויטיקע סכומים געבן, אויב עס וועט זיין איבערצייגט, אַז זיין געלט וועט מען באַנוצן פאַר וויכטיקע און רעאַלע זאַכן. מיר פאַר־לאַנגען דעם מלוכהשן באָדן אין ארץ־ישראל. מיר ווילן אויף אים קאָלאָניזירן צוערשט הונדערטער טויזנטער און שפּעטער מיליאָנען יידן. און דאָס אַלץ נישט אין 50 אָדער 100 יאָר ארום נאָר שוין! איצט, ווי אַמשנעלסטן, בכדי צו ראַטעווען זיי פון די מערדער און צו מאַכן פון זיי אַ באַנייטע און שטאַרקע יידישע נאַציע! דאָס איז תמיד געווען און געבליבן דער פּראָגראַם פון פּאָליטישן ציוניזם, אזוי ווי הערצל און זיינע מיטקעמפער האָבן דאָס פאַרשטאַנען. און איצט חזר איך נאָכאַמאָל איבער: אין מאָמענט, ווען ענגלאַנד וועט איבערנעמען דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, מוזן מיר דאָרט האָבן אזוי פיל יידן, וויפל עס זיינען פאַראַן אראַבער. אַנ־דערש איז דער ציוניזם פאַראורטיילט אויף מפּלות און וועט לאַנג בלייבן בלויז אַ חלום! מ׳וועט מיר דערויף ענטפערן, אַז דאָס איז אַ גיגאַנטישער פּלאַן, אַן איבערמענטשלעכער. איך בין מסכים, אַז ס׳איז אַ גיגאַנטישער פּלאַן, אָבער פאַרוואָס זאָל ער זיין אַן איבער־מענטשלעכער! ?״.

דערווייל האָט די אָפיציעלע ציוניסטישע פּאָליטיק ווידער דער־גרייכט אַ גרויסן דיפּלאָמאַטישן נצחון. די אין סאַן רעמאָ פאַר־זאַמלטע מאַכט־האָבער פון אַנטאַנט־הויפּט־ראַט האָבן באַשלאָסן איבערצוגעבן ענגלאַנד דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, און די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פון זיי אַקצעפּטירט געוואָרן אַלס אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון פּאַלעסטינע־מאַנדאַט. דער באַ־שלוס פון סאַן רעמאָ האָט אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַרויס־גערופן אַ שטורמישע באַגייסטערונג, וועלכע האָט מיט איר התלה־בות דערמאָנט די צייטן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, מיט 3 יאָר צוריק. די מאַניפעסטן און דערקלערונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אירע פאָרשטייער האָבן געאָטעמט מיט דעם גרעסטן זיגערישן אָפּטימיזם. ציוניסטישע רעדנער האָבן אויף פייער־לעכע מיטינגען טריומפירט, אַז הערצלס חלום וועגן אַ יידן־שטאַט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע איז אין סאַן רעמאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן. בערטאָלד פייוועל, אַ באַקאַנטער ציוניסטי־שער שריפטשטעלער און פּראָפ. וויצמאַנס נאָענטער פּאָליטישער מיטאַרבעטער, האָט דערקלערט: „פון היינט אָן האָט זיך געענדיקט די עקזיסטענץ פון ציוניזם, ווייל זיין ציל איז דערגרייכט געוואָרן!״.

די ענטוזיאַסטישע, ממש משיחישע שטימונג אין דער גאַנצער ציוניסטישער מחנה האָט דערגרייכט איר הויך־פּונקט, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז הערבערט סעמיועל, דער איינפלוסרייכער יידיש־ענגלישער פּאָליטיקער און ציוניסטישער סימפּאַטיקער, איז נאָמינירט געוואָרן אַלס בריטישער הויך־קאָמיסאַר (הנציב העליון) פון ארץ־ישראל.

אין דער דאָזיקער התלהבותדיקער, מיט ווּנדערבאַרע אילוזיעס און קריטיקלאָזער אמונה, פאַרשכורטער ציוניסטישער אַטמאָספערע, איז מאַקס נאָרדוים בליק געבליבן ניכטער און וויים־זעעוודיק. אין קעגנזאַץ צו חיים ווייצמאַן און זיין פּאָליטישער שיטה, האָט נאָרדוי געהאַלטן, אַז די בריטישע אימפּעריע דאַרף אונז מער האָבן, ווי מיר זייער פּראָטעקטאָראַט. ענגלאַנד דאַרף האָבן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל אַלס אַ שטיץ־פּונקט פאַר איר פּאָליטיק און אירע מיליטערישע פּאָזיציעס אין נאָענטן מזרח. נאָרדוי האָט דאָס קלאָר אויסגעדריקט אין פּאָלגנדיקן זאַץ: „גרויס־בריטאַניע וואָלט דערפונדן דעם ציוניזם אויב ער וואָלט נישט עקזיסטירט!". ארויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה, האָט נאָרדוי געהאַלטן, אַז די אָפּיציעלע ציוניסטישע פּאָליטיק אונטערשעצט דעם כוח און ווערט פון יידישן איינפלוס, און איבערשעצט די גוטסקייט פון די בריטישע מאַכט־האָבער. אונזערע פאָדערונגען דאַרפן אַלזאָ נישט זיין מינימאַליסטישע נאָר גראָד להיפך, מאַקסימאַלע. נישט נאָר צוליב אונזער פּראָגראַם און צוליב דער נויט פון די יידישע פּאָלקס־מאַסן, נאָר אויך, ווייל די פרעמדע, בריטישע אינטערעסן דאַרפן אונז האָבן. די רעזולטאַטן פון סאַן רעמאָ האָבן בשום אופן נישט באַפרידיקט נאָרדויען, ער האָט מיט זאָרג געטראַכט וועגן דעם עתיד און נישט געלאָזט זיך פאַרפירן דורך די שיין־קלינגנדיקע, ביליקע פראַזן פון די בריטישע מלוכה־מענער.

דאָס איז געווען נישט בלויז די פּערזענלעכע מיינונג פון נאָרדויען. אויך אַנדערע פּראָמינענטע פּאָליטישע ציוניסטן זיינען געבליבן אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע צו דער ציוניסטישער לייטונג און אירע דיפּלאָמאַטישע נצחונות. דער אַלטער הערצליאַנער און נאָרדויס פאַריזער פריינט ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק האָט דערקלערט: „די פּלענער פון אָט די נייע ציוניסטישע מנהיגים האָבן קיין שייכות נישט מיט הערצלען. איז עס דען הערצליאַנישער ציוניזם?" אַן אַנדערער אַלטער פּאָליטישער ציוניסט פון דער ווינער תקופה ה. יאָרק־שטיינער האָט מיט פאַרביטערונג אויסגערופן: „האָט מען דען בכלל אין סאַן רעמאָ געקלערט וועגן הערצלען?".

נישט געקוקט אויף זיין מידקייט און שוואַכקייט, און איגנאָ־

רירנדיק די פיינטלעכע אַטמאָספער פון דעם ציוניסטישן גענעראַל־שטאַב אויף גרעט־ראַסל־סטריט, אַנטוויקלט פונדאָסניי מאַקס נאָר־דוי אַן אומדערמידלעכע, אויסערגעוויינלעך־ענערגישע טעטיקייט, וועלכע דאַרף איבערצייגן פריינט, באַקעמפן פיינט, מאָביליזירן זיי־טיק־שטייענדיקע, פאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם און זיינע פּאָסטו־לאַטן. אין זיין בריוו, געשריבן דעם 24־טן מאַי 1920 צום באַוווסטן ציוניסטישן שריפטשטעלער און מחבר פון דעם בוך „רעוויזיע פון יידישן נאַציאָנאַליזם", ד"ר א. צאָלשאַן, געפינען מיר פאָלגנדיקע ווערטער: „זייט איך בין אַהערגעקומען פון שפּאַניע, בין איך פשוט דערדריקט פון אַרבעט. אַ קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע וואָלט גע־נוג באַשעפטיקט דריי סעקרעטאַרן, מוז פון מיר אַליין דערליידיקט ווערן. און אויסערדעם: ענדלאָזע און מייסטנס פרוכטלאָזע דיס־קוסיעס, דאַן מיטינגען, ווו איך בין פאָרזיצער און מוז האַלטן לאַנ־גע רעדעס, רעפעראַטן־טורנייען אין שאָטלאַנד און צפון ענגלאַנד לטובת דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע א. א. וו. דאָס אַלץ פאַר־לאַנגט פון מיר אַן אַרבעטס־טאָג פון 17—18 שעה. דער אחד־העמישער ציוניזם אין בובערישער פאַרקליידונג איז דאָס ערגסטע אָנשיקעניש, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין יידיש־אינטעלעקטועלן לעבן. דאָס איז אַ גראָטעסקער פּרווו צו שאַפן אַ טעאָרעטישע אַר־גומענטאַציע פאַר דעם דאָזיקן שפּיל, וועלכער האָט אונטער דעם נאָמען פון „פּראַקטישער אַרבעט", באַהערשט דעם ציוניזם זייט דעם יאָר 1912 און מיך געצוואונגען, מיט עקל און צאָרן, צו בלייבן ווייט פון ווינער קאָנגרעס (1913). הערצל און איך האָבן תמיד פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער ציוניזם אויסערהאַלב ארץ־ישראל, האָט די איינציקע אויפגאַבע: צוצוגרייטן דאָס גלות־יידנ־טום פאַר ארץ־ישראל, צו אָרגאַניזירן יידן אין די גלות־לענדער פאַר שיבת־ציון. די יידן, וואָס האַלטן, אַז אין גלות קען געלייזט ווערן די יידישע פראַגע און זיינען מסכים מיט דעם דאָזיקן גלות־גורל, וועלכער שטעלט זיי צופרידן סיי קאָלעקטיוו און סיי אינדי־ווידועל, בלייבן ווייט פון ציוניסטישן איינפלוס, הגם מיר זיינען זיכער, אַז געוויסע שטראַלן פון דער נייער יידישער גלאָריע וועלן אויך זיי דערגרייכן!".

דער קאַמף קעגן דער בובערישער שיטה, וועלכע האָט פאַר־קריפּלט און געפעלשט דעם אידייאישן מהות פון ציוניזם, איז נישט געווען קיין לייכטער און האָט נאָרדויען פאַרשאַפט אַ סך פיינט־שאַפט און עגמת נפש. אָבער דער אויטאָר פון „די קאָנווענציאָנעלע שקרים" איז געווינט געווען צו קאַמפן און פערזענלעכע אַטאַקעס. נאָרדוי האָט די גאַנצע צייט פון זיין איין־יאָריקער טעטיקייט אין

לאָנדאָן נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דעם אייגענעם אמת, און די זיכערקייט אין דעם אַנטגילטיקן נצחון פון די יידנשטאַטלערישע, הערצליאַנישע פּרינציפּן. ער האָט געוווּסט, אַז זיין נצחון וועט און מוז קומען, אויב נישט גלייך, איז בקרוב. דאָס האָט אים געגעבן מוט און האָפנונגען אין לאָנדאָנער ציוניסטישן געטומל, און דעם מאָראַלישן כוח צו פאַראַכטן די, וואָס זיינען אויסן געווען אים צו באַליידיקן און צו דערנידריקן. וועגן זיי האָט נאָרדוי געשריבן: „די שנאה, מיט וועלכער מען איז מיך מכבד, איז פאַר מיר נישט קיין נייעס.. זיי טוען אַלץ, וואָס זיי קענען, בכדי מיך צו דערוויטערן פון דער באַוועגונג. אויב ס'איז זיי דאָס נישט געלונגען, איז עס זיכער נישט צוליב דעם, וואָס עס פעלט זיי דער ווילן דערצו. ווי קליינלעך זיי זיינען! איך האָב אויף זיי רחמנות, ווייל ווי — נעבעכ־דיק איז זייער נשמה!".

טראָץ אַלע ביטערע דערפאַרונגען און טיפע אַנטוישונגען, האָט נאָרדוי נישט פאַרלוירן זיינע האָפנונגען. נישט נאָר פּיינטשאַפט און באַליידיקונגען איז אים אין לאָנדאָן אויסגעקומען צו הערן, נאָר אויך איידעלע ווערטער פון טרייסט און האָפנונג. אין זומער 1920 האָט זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען אין לאָנדאָן די ערשטע ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה. מען האָט געוואַרט אויף דעם לעגענדאַרן פירער פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן לואי בראַנדייס. אויך מאַקס נאָרדויס האָפנונגען האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אימפּאָנירנדיקער און באַצויבערנדיקער פּערזענ־לעכקייט.

קאַפּיטל מ"ז

צוריק קיין פּאַריז

ערב דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, דעם ערשטן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר נאָך דער מלחמה, איז מאַקס נאָרדויס לאַגע, אין און לגבי דער ציוניסטישער ליטונג אויף גרעט־ראַסל־סטריט, געוואָרן לגמרי אַ שווערע און אומדערטרעגלעכע. נאָרדויס אַרטיקלען און רעדעס זיינען אומפּריינטלעך אויפגענומען געוואָרן דורך די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן אין ציוניסטישן הויפּט־שטאַב. נאָרדויס פּרווון צו פאַרבינדן זיך מיט פירנדיקע ענגלישע פּערזענ־

לעבקייטן האָבן אַרויסגערופן פּראָטעסטן און צאָרן מצד די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די ציוניסטישע פּאָליטיק געהערט אויסשליסלעך צו זיי. צווישן נאָרדויען און סאָקאָלאָוו איז געקומען צו שאַרפע קאָנפליקטן. די מיטהעלפער און נושאי־כלים פון די אָפיציעלע מנ־היגים האָבן זיך באַמיט, אין זייער אייפער און קנאות, איבערצו־טרייבן די שאַרפקייט פון זייערע שעפן. בערטאָלד פייוועל האָט גע־פּרוווט צו ריידן שאַרפע דבורים מיט דעם באַרימטן אָבער אומגע־האָרכזאַמען זקן, און אַן אַנדערער דייטש־ציוניסטישער עסקן, אַר־טור האַנטקע האָט באַזוכט נאָרדויען, און אין נאָמען פון דער גאַנ־צער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער נאָרדויען געלייענט אַ לעקציע וועגן ציוניסטישער דיסציפּלין און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צוגעבנ־דיק צום סוף אין אַ גאָר ווייניק־דעליקאַטן טאָן: „געוויסע מענטשן האָבן אפשר זייערע פאַרדינסטן אין עבר, וואָס ווערט געשעצט דורך סענטימענטאַלע נשמות. אָבער דאָס רעכנט זיך הייַנט נישט מער און קען נישט באַרעכטיקן אַ לעבערלעכן און הילפסלאָזן קריטי־ציזם!”. אין דעם שוין דערמאָנטן ביאָגראַפישן בוך פון אַננאַ און מאַקסאַ נאָרדוי ווערט באַריכות דערציילט, וואָס פאַראַ פאַרביטע־רונג און לײדנשאַפטלעכן צאָרן האָבן ביי מאַקס נאָרדויען אַרויס־גערופן די דאָזיקע און ענלעכע ווערטער.

פּראָפ. ווייצמאַן האָט, דורך דער פאַרמיטלונג פון די אַלטע הערצליאַנער דזשאָזעף קאָוועז און זשאַן פישער, געמאַכט נאָרדויען געוויסע פאָרשלאַגן וועגן אַ גוט־באַצאָלטן פּאָסטן אין דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע. מ'האָט געמיינט בזה האופן צו געפינען אַן אויסוועג פאַר דער אומדערטרעגלעכער לאַגע. אָבער דאָס, וואָס איז געווען אַן אויסוועג אין אַנדערע פאַלן און לגבי אַנדערע פּערזאָנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פאַלשער שריט בנוגע נאָרדויען, הגם זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען ווייט נישט קיין גוטע. דעם אומ־דערשראָקענעם אייראָפּעאישן נביא און הערצליאַנישן מנהיג האָט מען נישט געקענט אַזוי לייכט איבערצייגן מיט אַ גוטן פּאָסטן! אַן אויפגערעגטער האָט נאָרדוי ווי אַמשאַרפסטן פאַרבאָטן זיינע דערמאָנטע פריינט צו קומען ווען עס איז נאָכאַמאָל מיט אַזעלכע פּראָפּאָזיציעס. קיין באַצאָלטער נושא־כלים ביי די נייע מנהיגים האָט ער נישט געוואָלט זיין.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז פּראָפ. ווייצמאַן געקומען צו נאָר־דויען געזעגענען זיך פאַר זיין רייזע קיין ארץ־ישראל. זיין קומען איז אָבער נישט געווען בלויז אַ קורטואַזער וויזיט. ווייצמאַן האָט נאָרדויען, אין נאָמען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, געמאַכט פאָלגנדיקן פאָרשלאַג: „די גרויסע יידישע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין

ארץ־ישראל פאַרלאַנגט ווייזיקע געלט־סכומים. די דאַזיקע געלטער קען און דאַרף געבן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. נאָרדוי מיט זיין אויטאָריטעט און עלאָקווענץ איז באַרופן צו לייסטן די דאָזיקע אַרבעט. פון דעם איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון ציוניזם". אויך דאָס־מאָל איז וויצמאַנס פאָרשלאַג דורכגעפאַלן. פאַרשידענע סיבות האָבן דערצו גורם געווען און בעיקר דאָס, וואָס נאָרדוי האָט געוואָלט דורכויס בלייבן אומאָפּהענגיק פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און איר פּאָליטיק, מיט וועלכער ער איז נישט מסכים געווען. אויך האָט נאָרדוי חושד געווען געוויסע מאַכט־האָבער פון גרעט־ראַסל־סטריט, אַז זיי ווילן פון אים פּטור ווערן אין לאָנדאָן און אייראָפּע און פאַרשיקן אים קיין אַמעריקע.

אָנשטאָט אין דער ווייטער אַמעריקע, איז נאָרדוי געפאָרן צו דער נאָענטער שאָטלענדער לאַנדשאַפט. אויף דער רייזע האָבן אים באַגלייט זיין פרוי אַננאַ און די טאָכטער מאַקסאַ. זיינע רעפעראַטן זיינען אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם, מ'האָט זיך צו זיינע ווערטער צוגעהערט, ווי צו דערקלערונגען פון אַ נביא. אויך אין לאָנדאָן איז נאָרדוי אָפט אַרויסגעטראָטן, אויף יידישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אַ סך מאָל האָט צוזאַמען מיט אים גערעדט צום יידישן פּובליקום זיין אַלטער לאָנדאָנער פריינט ישראל זאַנגוויל. אַ פּאָר וואָכן איז געווען רואיק און דאַן, פּלוצלונג, האָבן זיך ווידער ווי אַמערגסטן פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן נאָרדויען און דער אָפיציעלער ציוניסטישער לייטונג. ביי אַ גרויסער ציוניסטישער פייערונג אין לאָנדאָן, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַ סך פּראָמינענטע פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי באַראָן דזשעמס ראָטשילד, הערבערט סעמיועל, אחד־העם און אַנדערע, האָט מאַקס נאָרדוי געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט אַלעמען דערשיטערט מיט איר ריקזיכטלאָזער קריטיק און פּעסימיסטישן אַנאַליז לגבי די דיפּלאָמאַטישע דערגרייכונגען פון די געפייערטע מנהיגים. נאָרדויס לייבן־שטימע האָט געדונערט מיט אַ שאַרפער אָנקלאַגע, אַז מ'האָט פאַרנאַכלעסיקט די היסטאָרישע שאַנסן און נישט דערגרייכט דאָס, וואָס איז געווען נויטווענדיק פאַר דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע. די פאַרזאַמלטע זיינען געזעסן ווי אבלים און די אָפיציעלע ציוניסטישע אָנפירער זיינען געוואָרן מלא כעס קעגן דעם דאָזיקן אַלטן ציוניסטישן וועטעראַן, וואָס וואַגט עפנטלעך אַרויסצוזאָגן אַזעלכע דבורים און שטערט די יידישע שמחה. די ציוניסטישע פּרעסע האָט אין אירע באַריכטן פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג נישט דערמאָנט אפילו נאָרדויס נאָמען צווישן די רעדנער.

נאָרדוי האָט דאָס אַלץ איגנאָרירט. ער איז געווען פאַרטון מיט זיין אינטענסיווער אַרבעט און מיט זיינע פּלענער להבא. ער האָט זיך געגרייט סוף־כּל־סוף צו באַזוכן ארץ־ישׂראל, און איז ענערגיש צוגעטראָטן צו לערנען די מאָדערנע העברעאישע שפּראַך. נאָרדוי האָט געהאַט בדעה צו איבעראַשן דעם ארץ־ישׂראלדיקן ישוב מיט זיינע רעפעראַטן געהאַלטן אין עברית. נאָר זעלטן האָט ער איצט געפונען צייט, בכדי צו אַרבעטן ביי זיין נייעם ווערק: „דער מהות פון דער ציוויליזאַציע", וואָס האָט שוין לאַנג געדאַרפט דערשיינען אין דרוק. ווען ס'איז נאָרדויען אַמאָל באַשערט געווען אַ פרייע שעה, האָט ער זי מיט פרייד פאַרבראַכט אין געזעלשאַפט פון ישׂראל זאַנגוויל, וועמענס אַלטע פריינטשאַפט איז אים גע־בליבן טריי און אויפריכטיק, סיי פּערזענלעך און סיי אידייאיש. דער גרויסער ענגליש־יידישער דיכטער און פירער פון די טעריטאָ־ריאַליסטן, איז זייט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווידער געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון יידנשטאַט אין ארץ־ישׂראל. ער איז אָבער נישט מסכּים געווען מיט דער געמעסיקטער און פאַרזיכטיקער פּאָליטיק פון פּראָפ. ווייצמאַן און האָט געשטיצט מאַקס נאָרדויס ריכטונג פון מאַקסימאַליסטישן, פּאָליטישן ציוניזם. באַרימט זיינען געוואָרן זאַנגווילס ווערטער, אַרויסגעזאָגט אַ צייט שפּעטער, אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אַמעריקאַניש־יידישן קאָנגרעס: „די גרויסע שעה, וואָס איז פון הערצלען דערוואַרט געוואָרן, האָט געפונען אַ קליינעם ציוניסטישן און יידישן דור. דער פּרעזידענט פון דער אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קעניג פון שנאָרער". אין דער נישט־פריינטלעכער, אָפט קעגנע־ריש־פאַרביסענער אַטמאָספער אין לאָנדאָן, אין וועלכער מאַקס נאָרדויען איז איצט אויסגעקומען צו לעבן און צו קעמפן, איז ישׂ־ראל זאַנגווילס טרייע איבערגעגעבנקייט געוואָרן פאַר אים אַ גרוי־סער טרייסט און הילף.

דעם 25־טן יוני 1920 האָט נאָרדויען באַזוכט דער לאַנג־דער־וואַרטעטער גרויסער גאַסט לואי ד. בראַנדייס. נאָרדוי האָט מיט דעם באַרימטן אַמעריקאַניש־יידישן מנהיג גערעדט אויספירלעך און אויפריכטיק. ער האָט אים געשילדערט די פאַרצווייפלטע לאַגע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און איבערגעגעבן שוידערלעכע פּרטים פון דער אוקראַאינישער שחיטה און פון דעם לעמבערגער פּאָגראָם. דאָן האָט ער בראַנדייסן דערציילט באריכות וועגן דער סיטואַציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע לייטונגס־אינסטאַנצן. נאָרדוי האָט גערעדט מיט פאַרביטערונג וועגן די אינטריגעס און מאַנעווערן, מיט וועלכע מ'וויל אים פּאָליטיש ליקווידירן, און האָט

אנטוויקלט פאַר זיין גאַסט די גרונט־פּרינציפּן פון זיין מלוכהשן, גרויס־ציוניסטישן פּראָגראַם. נאָרדויס געדאַנקען־גאַנג און ציוניס־טישער מאַקסימאַליזם זיינען נישט געווען פרעמד לואי בראַנדייסן. ער האָט בעת דעם געשפּרעך דערמאָנט נאָרדויס מעמאַזש צו די אַמעריקאַנער ציוניסטן, בעת זייער קאָנווענטשן ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה. בראַנדייס האָט מסכים געווען מיט נאָרדויען, אַז די טראַגישע לאַגע פון יידישן פאָלק פאַרלאַנגט גאָר אַנדערע פאָדערונ־גען און גאָר אַנדערע אַרבעטס־מאַסשטאַבן, ווי עס ווערט פּראָפּאַ־גירט און פּראַקטיצירט דורך די איצטיקע אָנפירער פון דער לאָנ־דאָנער עקזעקוטיווע. בראַנדייס איז געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן, ווי מאַקס נאָרדוי, פאַר אַ יידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, הגם זיין צוגאַנג איז געווען מער אַן עקאָנאָמישער ווי אַ פּאָ־ליטישער, און האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ווערטער: „די פּאָליטיק האָט זיך געענדיקט, עס האָט זיך אָנגעהויבן די עקאָ־נאָמיק. די ביז־איצטיקע פירער זיינען געווען פּאָליטיקער און פּראָ־פּאַגאַנדיסטן. די נייע תקופה פאַרלאַנגט אַלס פירער מענטשן פון עקאָנאָמישער טאַט, פאַכלייט פאַר אויפבוי און קאָלאָניזאַציע!". אויף בראַנדייס איינלאַדונג, איז נאָרדוי געקומען צו דער זיצונג פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע און האָט פאַר איר אַנטוויקלט די איינצלהייטן פון זיין פּראָגראַם.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די באַראַטונגען פון דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן. אַלס ערן־פּאָר־זיצער איז געוויילט געוואָרן מאַקס נאָרדוי. דער פּאַקטישער פּאָרזי־צער איז געווען לואי בראַנדייס, וועלכער איז באַגריסט געוואָרן ווי אַ נייער, גלענצנדיקער שטערן אויפן ציוניסטישן האָריזאָנט. די ציוניסטישע מאַסן האָבן אין אים געזען דעם צוקונפטיקן פּרעזי־דענט פון דער יידישער רעפּובליק אין ארץ־ישראל. אויף דער קאָנ־פערענץ איז געקומען צו אַ שאַרפן קאַמף צווישן פּינסק (ווייצמאַן) און וואַשינגטאָן (בראַנדייס). זיכער האָבן אין דעם דאָזיקן קאַמף געשפּילט אַ גרויסע ראָל די פּערזענלעכע מאָמענטן. אָבער בעיקר איז דאָס געווען אַ קאָנפליקט צווישן צוויי באַזונדערע ציוניסטישע וועלט־אַנשויאונגען. די מערהייט, וועלכע האָט געשטיצט ווייצמאַ־נען, זיין פּאָליטיק און פירונג, האָט רעפּרעזענטירט די ציוניסטישע מאַסן־באַוועגונג פון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע מיט אירע פּאַרטיי־אישע און גייסטיקע טראַדיציעס. די מינדערהייט, וועלכע איז באַ־שטאַנען פון די אַמעריקאַנער און אַ פּאָר קליינע גרופּן פון מערב־אייראָפּע, האָט פאַרלאַנגט אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דעם ביז־איצטיקן לייטונגס־סיסטעם, בעיקר אין דער עקאָנאָמיק, וואָס דאַרף

ראַציאָנאַליזירט און אַוועקגעשטעלט ווערן אויף קאָמערציעלע יס־
דות. געזיגט האָט די ריכטונג פון „פּראַקטישן ציוניזם” און „אחד־
העמיזם”, וועלכע איז, זייט אַ יאָרצענטליק געווען ביי דער מאַכט אין
דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פּראָפּ. ווייצמאַן איז געוויילט גע־
וואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע און נחום סאָ־
קאָלאָוו אַלס פּרעזידענט פון דער עקזעקוטיווע. בכדי מפּיס צו זיין
די אַמעריקאַנער, האָט מען בראַנדייסן געוויילט אַלס ערן־פּרעזידענט
פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אָבער בראַנדייס איז
מיט זיין דעלעגאַציע באַלד אַוועק ברוגז'לעך פון לאָנדאָן. אויך אין
דעם לאַגער פון די זיגער, איז די שטימונג נישט געווען קיין געהויי־
בענע, מ'האָט מורא געהאַט, אַז דער ברוגז פון די אַמעריקאַנער
וועט שטערן די געלט־זאַמלונגען. די ציוניסטישע קאָנפערענץ איז
געשלאָסן געוואָרן אין אַ געדריקטער שטימונג און אין דעם חלל פון
דער ציוניסטישער ווירקלעכקייט איז געבליבן הענגען די טראַגישע
פראַגע, וועלכע ווייצמאַן האָט געשטעלט בעת דער קאָנפערענץ:
„יידיש פאָלק, ווו ביזטו און וואָס האָסטו געטון פאַר ארץ־
ישראל ! ?”.

בראַנדייסעם דורכפאַל איז געווען גלייכצייטיק דער דורכפאַל
פון די פּאָליטישע ציוניסטן און פון מאַקס נאָרדויען. ווי אַ פאַר־
צווייפלטער קאַסאַנדראַ־רוף האָבן געקלונגען נאָרדויס ווערטער:
„איך לייגט אָפּ אונזער דערלייזונג אויף הונדערט יאָר, אויב נישט
אויף תמיד !”. ווען מען האָט נאָרדויען פאָרגעשלאָגן אָנצונעמען
אַ מאַנדאַט אַלס מיטגליד פון דעם ניי־געוויילטן ציוניסטישן אַק־
ציאָנס־קאָמיטעט, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז צוזאַמען מיט אים זאָלן
אַריין אין אַקציאָנס־קאָמיטעט אייניקע אַנדערע פּאָליטישע ציו־
ניסטן. זיין פאַרלאַנג איז אָבער נישט דערפילט געוואָרן און נאָרדוי
האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם מאַנדאַט.

בעת דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ זיינען אין לאָנדאָן
פאָרגעקומען אַ פאָר יידישע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. כמעט אויף אַלע
האָט נאָרדוי געהאַלטן באַגייסטערטע רעדעס. אַ שטאַרקן איינדרוק
האָט אויף אים געמאַכט די פאַרזאַמלונג פון פּועלי־ציון, אין וועל־
כער עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער יידן פון די אָרעמע אַר־
בעטער־קוואַרטאַלן. זיי זיינען צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינ־
דער געקומען זען און הערן דעם באַרימטן שריפטשטעלער און ציו־
ניסטישן מנהיג. ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ביים אָנהויב פון
פּאָליטישן ציוניזם, האָט נאָרדוי טיף געגלויבט אין דעם שאַפונגס־
כוח און אידייאישן שוווּנג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. ער האָט
איצט פאַר די יידישע פּראָלעטאַריער פון ווייטשעפּל אַנטוויקלט דעם

פּראָגראַם פון פּאָליטישן ציוניזם, און איז געווען גליקלעך, ווען זיינע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ שטורם פון לײדנשאַפטלעכער און ענטוזיאַסטישער הסכמה.

צום שלום פון דער קאָנפערענץ איז אין ריזיקן אַלבערט־האָל פאָרגעקומען אַ מעכטיקע ציוניסטישע מאַניפעסטאַציע, אין וועל־כער עס האָבן זיך באַטייליקט צוועלף טויזנט יידן. אַנוועזנדיק זיי־נען געווען פירנדיקע מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן. רעדעס האָבן געהאַלטן לאָרד באַלפור, לאָרד ראָבערט סעסיל, קאָלאָנעל וועדזשווּד, נאָרדוי, ווייצ־מאַן, סאָקאָלאָוו, אוסישקין און אַנדערע. נאָרדויס אויספירונגען האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק, אָבער זיינע אויפגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער אומצופרידנקייט דורך די אָפיציעלע ציוניסטישע קרייזן. עס האָבן זיך אפילו געלאָזט הערן שטילע פּראָטעסט־אויס־דרוקן קעגן נאָרדויען, דעם „פּאַרעטער". דער ערווירדיקער זקן מיט דער נביאישער געשטאַלט און מעכטיקער שטימע, האָט גע־רעדט נישט נאָר וועגן יידישער דאַנקבאַרקייט לגבי ענגלאַנד, נאָר אויך וועגן ענגלישע פאַרפליכטונגען לגבי דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אַן אַלטן אָבער גוטן זכרון און פאַרגעסט נישט די טובות אָבער אויך נישט די רעות. נאָרדוי האָט מיט פּאַטעטישע ווערטער גערעדט וועגן דער ענגלישער ליבע פאַרן יידישן תנ"ך, און דאַן האָט ער קלאָר אָנגעוויזן אויף די בריטישע מיליטערישע און פּאָלי־טישע אינטערעסן, וועלכע דאַרפן האָבן די שנעלע און פולשטענדיקע רעאַליזירונג פון ציוניזם.

נאָרדויס רעדע אין אַלבערט־האָל איז געוואָרן דער סיום, דאָס לעצטע וואָרט פון זיין גײַזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין לאָנדאָן. די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן אויף גרעט־ראַסל־סטריט האָבן איצט, נאָך דעם דורכפאַל פון בראַנדייסן און פון די פּאָליטישע ציוניסטן, גע־האַלטן, אַז ס'איז ענדלעך געקומען די צייט אָפּצורעכענען זיך מיט מאַקס נאָרדויען. מ'האָט זיין ביוראָ־צימער איבערגעגעבן פאַר איי־נעם פון די „וויכטיקע" סעקרעטאַרן און נאָרדויס אַרבעטס־טיש האָט מען אַרויסגעשטעלט אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר. ווען נאָרדוי איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט אים דער הויז־וועכטער, אַ פּשוט־טער און האַרציקער עמך־ייד, אויפגעקלערט, וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען, צוגעבנדיק דעם באַקאַנטן פּסוק: „לא המקום מכבד את האדם...".

נאָרדוי איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט צוליב דער דאָזיקער באַליידיקנדיקער האַנדלונג מצד די ציוניסטישע אינסטאַנצן. ער איז אַוועקגעגאַנגען און איז מער נישט צוריקגעקומען צו דער אַרבעט.

באַלד איז רייף געוואָרן זיין באַשלוס צו פאַרלאָזן לאָנדאָן און צו־ריקצופאָרן קיין פאַריז, פון וואַנען ס'איז אָנגעקומען אַ דערלויב־ניש פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אויף אַ סטאַבילן אויפנהאַלט.

דעם 16־טן סעפּטעמבער 1920 איז מאַקס נאָרדוי צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע צוריקגעפאָרן קיין פאַריז. ס'איז געווען אַ פרי־צייטי־קער הארבסט־טאָג און די טראָטואַרן פון די ברייטע בולוואַרן, דורך וועלכע מען איז אַהיימגעפאָרן, האָבן זיך באַדעקט מיט פאַרגעלטע, פאַרטריקנטע בוים־בלעטער. טיף פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרטרויערטן, כמעט מעלאַנכאָלישן בליק, האָט נאָרדוי געקוקט אויף די גאַסן און די מענטשן פון דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע. צי איז דאָס באמת פאַריז, די שטאָט פון זיינע חלומות און בענקשאַפטן? „פאַ־ריז, פאַריז, דו מיין פרייד און מיין שמערץ!" האָבן געשעפּטשעט נאָרדויס ליפּן.

קאַפּיטל מ"ח

„דער מהות פון דער ציוויליזאַציע"

פאַריז פון סוף 1920 איז נישט געווען פאַריז פון פאַר דער דער מלחמה. הגם עס איז שוין צוויי יאָר פאַרגאַנגען נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד, זיינען דאָך די קריגס־סימנים, אין יעדער הינ־זיכט, נאָך געווען בולט. טיפע שנויים זיינען פאָרגעקומען אין פראַנצויזישן לעבן, נישט נאָר אין דער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק, נאָר אויך אין דער פּסיכיק און מאָראַל. די סאָציאַלע קעגנזאַצן צווישן אָרעם און רייך, און די שפּאַנונג צווישן דעם פּראָלעטאַ־ריאַט און די באַזיצנדיקע קלאַסן, האָבן זיך פאַרשאַרפט. עקאָנאָ־מישע שטרייקן און פּאָליטישע לײדנשאַפטן זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אַ גרויסער טייל פון דער מענלעכער יוגנט איז געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער, אַן אַנדערער טייל איז צוריק־געקומען, פאַרלעצט פיזיש און אָפט גייסטיק. הונדערטער טויזנטער געוועזענע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זייערע בעסטע יאָרן און כוחות אוועקגעגעבן, בכדי צו ראַטעווען פראַנקרייך און די מענטשהייט, האָבן איצט איבערגעלעבט אַ טיפע און ביטערע אַנטוישונג, זעענ־

דיק, ווי דאָס נאָך־מלחמהדיקע פראַנקרייך איז ווייט פון דעם אי־דעאַל, פאַר וועלכן זיי האָבן געקעמפט און געבלוטיקט אויף אומ־צאָליקע שלאַכט־פעלדער. דאָס עלנט פון די קריגס־קרבנות איז געווען גרויס און האָט געשאַפן אַ שרייענדיקן קאָנטראַסט צו דעם רייכן לוקסוס פון די מלחמה־שפעקולאַנטן. די אויפגעקומענע גבי־רים האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייעם טאָן, גראָד אַ נישט־סימפּאַטישן, אין פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן פון נאָך־מלחמהדיקן פראַנקרייך. ס׳איז פאַרשוווּנדן די אַמאָליקע רואיקע, אָבער גלייכצייטיק הויך־ציוויליזירטע און סובטעל־קולטורעלע אַטמאָספער פון פּאַריז 1914. מען האָט געלעבט ווי אויף אַ ווולקאַן. אַ טייל פון דער צוריקגע־קומענער יוגנט האָט ביי משונהדיקע, נייע דזשאַז־טענץ און אין אַ פרייליכן געטומל געוואָלט פאַרגעסן וועגן אַלע צרות און דאגות, אַנדערע ווידער זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרביטערט און האָבן אָפּט זיך פאַרבונדן מיט רעוואָלוציאָנערע, קאָמוניסטישע און אַנאַרכיס־טישע באַוועגונגען. ווי אַ קאָשמאַר האָט די אַרבעטסלאָזיקייט גע־לאַסטעט אויף הונדערטער טויזנטער פּראָלעטאַריער. בעת דער מל־חמה, זיינען אויפן אָרט פון מאָביליזירטע מענער, אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין פּראָדוקציע־פּראָצעס פון לאַנד אומצאָליקע פרויען פון יעדן עלטער און קלאַס, און זיי זיינען מייסטנס אויף די דאָזיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס געבליבן אויך נאָך דער מלחמה, ווען זייערע מענער זיינען צוריקגעקומען פון דעם פראָנט. די מעכטיקע קריגס־אינדוסטריע האָט זיך שוין לאַנג ליקווידירט און די באַנייטע פרי־דנס־פּראָדוקציע איז נישט געווען ביכולת צו באַשעפטיקן אַלע פריי־געבליבענע אַרבעטס־הענט. דער ווירטשאַפטלעכער אויפבוי־פּראָ־צעס פון אייראָפּע איז געשטערט געוואָרן דורך דער אומזיכערער פּאָליטישער לאַגע און דורך מיליטעריש־סטראַטעגישע קאָמפּליקאַ־ציעס. הגם עס זיינען, אויסער דעם ווערסאַלער שלום־פּאַרטראַג, גע־שלאָסן געוואָרן אומצאָליקע פּאַקטן, איז די וועלט ווייט געווען פון שלום און פון אַ רואיקער אַטמאָספער. די דאָזיקע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אומזיכערקייט האָט געהאַט אַ פאַטאַלע השפּעה אינם מאָראַליש־גייסטיקן לעבן פון דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע. עס זיינען אָפּט פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן און די געזעצן פון „גוט" און „שלעכט". אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע האָבן לייכטזיניקע, מאָראַליש־מינדערווערטיקע און דעמאַגאָגישע שאַפונגען באַקומען די הויפּט־שליטה.

דאָס איז געווען די גייסטיקע אַטמאָספער, וועלכע מאַקס נאָר־דוי האָט אָנגעטראָפן, צוריקקומענדיק אין האַרבסט 1920 קיין פּאַ־

ריז. אין דער דאָזיקער דעקאַדענטישער ירידה־שטימונג פון „אונ־טערגאַנג פון דער מערב־וועלט" (אָסוואַלד שפּענגלערס בוך), האָט נאָרדוי זיך גענומען פאַרענדיקן זיין ווערק: „דער מהות פון דער ציוויליזאַציע", וואָס איז געווען זיין לעצט בוך, אַ המשך און אַ סיום פון די „קאָנווענציאָנעלע שקרים". נישט לייכט און נישט באַקוועם איז איצט געווען פאַר נאָרדויען צו אַרבעטן. ער האָט נישט געוווינט ווי אַמאָל און נישט פאַרדינט ווי פאַר דער מלחמה. די נייע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע שטרעמונגען און פאַרמען זיינען אים געווען פרעמד און אָפּשטויסנדיק. ער האָט מער קיין נחת נישט געהאַט פון דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע „אַלטע, גוטע צייטן". אין זיין פּאַריז איז איצט געווען אַ סך מער שמערץ ווי פרייד!

דעם ציוניזם און זיין יידנשטאַטלערישן פּראָגראַם, האָט נאָר־דוי ווייטער אַקטיוו געדינט אין די לעצטע זיינע צוויי לעבנס־יאָרן אין פּאַריז. קוים צוריקגעקומען, פיר טאָג שפּעטער, האָט שוין נאָר־דוי פּרעזידירט אויף אַ גרויסן מיטינג פון די פראַנצויזישע ציו־ניסטן, און די שטים פון דעם 71־יעריקן מנהיג האָט ווידער געדו־נערט פאַר אַ שנעלער מלוכה'ש־יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און קעגן דער פאַלשער, קליינלעכער פּאָליטיק פון דער לאָנ־דאָנער עקזעקוטיווע. נאָרדוי האָט גערופן דאָס פראַנצויזישע יידנ־טום צו באַפרייען זיך פון די אַסימילאַציע־אילוזיעס, און ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט פּאָלעמיזירט קעגן דעם באַרימטן יידיש־פראַנצויזישן געלערנטן ט. ריינאַך און דער אַנטי־נאַציאָ־נאַלער טענדענץ פון זיין בוך „די געשיכטע פון איזראַעליטן", זיי־נען נאָרדויס שטראָף־רייד געווען קאַטעגאָרישע און שאַרפע. אין דעם זעלבן גייסט האָט נאָרדוי גערעדט און געמאָנט אויף דעם פיי־ערלעכן קבלת־פּנים־באַנקעט, וועלכן די פּאַריזער ציוניסטן האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. עס האָבן אים באַ־גריסט, הארציק און אויפריכטיק פּראָפ. וויקטאָר באַש, אַ באַרימטער יידיש־פראַנצויזישער געלערנטער און פּאָליטיקער, די ציוניסטישע עסקנים ד"ר מאַרמאָרעק און ד"ר יאַקאָבזאָן און אַנדערע. נאָרדוי האָט זיך געפילט אַרומגערינגלט מיט אַלטע און יונגע פריינט און נאָך דער לאָנדאָנער קאַלטקייט איז דאָס פאַר אים געווען אַ פריידי־קע איבעראַשונג און סאַטיספאַקציע.

אָבער נאָרדויס חשבונות מיט פּאַריז און אייראָפּע בכלל, זיינען געווען שוין פאַרענדיקט. זיין גאַנץ טראַכטן און טרוימען איז איצט געווען באַשעפטיקט מיט און אין ארץ־ישראל. ער האָט אָנגענומען

דעם פעסטן באַשלוס, ווי אַמשנעלסטן זיך צו געפינען אין אַלטנייעם יידישן לאַנד על מנת להשתקע שם. אָפט האָט זיך נאָרדוי איצט דערמאָנט אין זיין פעסטער יוגנט־היים, ווו דער טויט־קראַנקער פאָטער ר׳ גבריאל זידפעלד האָט מיט אַ שוואַכער שטימע אָבער מיט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג גערעדט וועגן זיין ווילן צו שטאַרבן אין ירושלים, עיר הקודש. פראָפ. וויצמאַן איז געקומען (צוזאַמען מיט דעם באַוווסטן ציוניסטישן עסקן יצחק ניידיטש) אויף אַ באַזוך צו נאָרדויען קיין פאַריז, און האָט ווידעראַמאָל פאָרגעשלאָגן נאָרדויס טורנעע קיין אַמעריקע לטובת די פאָנדן. אָבער נאָרדוי האָט שוין געהאַט פעסטגעשטעלט זיין אייגענעם פלאַן. ער איז געווען אַנטשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ רעפעראַטן־טורנעע וועגן יידיש־ציוניסטישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע פראָבלעמען. דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין גוטן פריינט ד״ר סטיפען ווייז, דעם באַרימטן יידיש־אַמעריקאַנער מנהיג (וועלכער האָט ווי נאָרדוי און הערצל, געשטאַמט פון אונגאַרן!), איז געשלאָסן געוואָרן אַן אַנטשפרעכנדיקער אָפמאַך צווישן נאָרדויען און זיין אַמעריקאַנער ביי־בער־פאַרלעגער מיסטער פיקינס. פאָרן קיין אַמעריקע, באַזוכן דאָרט די גרעסטע צענטערן, באַגייסטערן און דעראָבערן די עפנטלעכע מיינונג, ווי עס איז אים דאָס געלונגען, מיט יאָרן צוריק אין אייראָפע, און דאַן אויף אייביק — קיין ארץ־ישראל: דאָס איז איצט געוואָרן נאָרדויס פלאַן און ציל. די אַמעריקאַנער רעפעראַטן־רייזע האָט געדאַרפט באַנייען נאָרדויס השפעה אין דער וועלט און גלייכצייטיק פאַרזיכערן זיין מאַטעריעלע צוקונפט אין ארץ־ישראל.

אָבער קודם כל איז נויטיק געווען צו פאַרענדיקן די אַרבעט ביים ווערק „דער מהות פון דער ציוויליזאַציע". מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, איז דאָס נאָרדויען ענדלעך געלונגען. זיין ניי בוך איז פאַרטיק געוואָרן אין מאַנוסקריפט און גרייט געווען צום דרוק.

אין דעם „מהות פון דער ציוויליזאַציע" קומט צום אויסדרוק נאָרדויס גייסטיקער אני מאמין, זיין שלימותדיקע, אַנטגילטיקע וועלט־אַנשויאונג. געדאַנקען און לאָזונגען, וועלכע זיינען מיט אַן ערך 40 יאָר צוריק, קעמפעריש פראָקלאַמירט געוואָרן אין „די קאָנווענציאָנעלע שקרים פון אונזער ציוויליזאַציע", זיינען אין נאָרדויס לעצטן ווערק אַנטוויקלט און פאַרטיפט געוואָרן. מ׳דערציילט וועגן נאָרדויען, אַז נאָכן פאַרענדיקן זיין „מהות פון דער ציוויליזאַציע", האָט ער געזאָגט האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפאַס: מיר איז עס אַזוי געגאַנגען ווי די יידן אין מדבר, זיי האָבן געמוזט וואַנדערן פערציק יאָר, ביז זיי זיינען ראוי געווען פאָרן. אויסדער־

ווילטן לאַנד. אויך איך האָב געמוזט וואַנדערן פערציק יאָר אין מענטשלעכן מדבר, ביז עס מיר באַשערט געווען צו דערקענען אַ סך טעות'ן און צו געפינען דעם וועג צום ריכטיקן וועלט־באַנעם.

אַנדערש דענקט מען און אַנדערש שרייבט מען, ווען מען איז אַלט 30 יאָר, און אַנדערש ווען מען איז אַ זקן פון 70 יאָר. פּאַטעטישע קאַמף־לאָזונגען און קריטישע, ריקזיכטלאָזע אורטיילן פון די „קאָנוועציאָנעלע שקרים" האָבן באַקומען אין דעם „מהות פון דער ציוויליזאַציע" אַ סקעפּטישע אָפּשוואַכונג און אַ זעלבסט־קריטישע פאַרטיפונג. אַלץ איז פאַרגענגלעך און ענדערט זיך אין מענטשלעכן לעבן. „פּאַנטאַ רעי" (אַלץ פליסט), ווי עס האָבן געזאָגט די אַלטע גריכן, און שליסלעך, צום סוף איז אַלץ: הבל הבלים! נאָרדוי ציטירט מיט אַ געוויסער מעלאַנכאָלישער רעזיגנאַציע דעם באַרימטן זאַץ פון ערנסט רענאַן: „די איינציקע זאַך, וואָס קען אונז געבן אַ געוויסע השגה וועגן דעם באַגריף: אומענדלעכקייט („אין סוף") איז די מענטשלעכע נאַרישקייט!".

נאָך מיט פערציק יאָר צוריק, אין זיינע „קאָנוועציאָנעלע שקרים", האָט נאָרדוי דערקלערט דעם יחיד אַלס דעם איינציקן פאַקטאָר און שעפער פון יעדן מענטשלעכן פּראָגרעס. נאָרדויס סקעפּטישע באַציאונג צום מענטשלעכן שכל, וואָס וויל מיט דער הילף פון אויסגעקלינגלטע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען און קאָלעקטיוויסטישע טעאָריעס באַגליקן די מענטשהייט, איז אין זיין לעצטן ווערק געקומען נאָך בולטער צום אויסדרוק. זאָל מען דעם מענטש, דעם יחיד, איבערלאָזן די פרייהייט: דאָס איז געווען און איז געבליבן דער הויפּט־יסוד פון נאָרדויס גייסטיקן אני מאמין. די ציוויליזאַציע איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם יחיד, און איר הוה און עתיד איז פאַרבונדן מיט דעם אינדיווידואַליסטישן פּרינציפּ. נאָרדוי האַלט, אַז יעדע קאָלעקטיוויסטישע שיטה מוז פירן צו אַ מענטשלעכער פאַרשקלאַפונג, צו אַ קנעכטישער עבדות פון דעם מענטש לגבי דעם קאָלעקטיוו, דער מלוכה. דער מהות פון דער ציוויליזאַציע איז אַלזאָ באַשטאַנען און וועט תמיד באַשטיין קודם־כל אין דער פרייהייט פון יחיד.

נאָרדויס קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו וועגן אינדיווידועלער פרייהייט אַלס אַ פּרינציפּיעלער קעגנזאַץ צו דער קאָלעקטיוויסטישער שטאַטס־אידעאָלאָגיע, איז נישט געווען פּאָפּולער אין יענער נאָך־מלחמהדיקער צייט, ווען די לענינישע „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" האָט באַהערשט אַ גאַנצן וועלט־טייל און די איבעריקע וועלט איז שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון מאַרקסיסטישע און

סתם־מלוכה׳שע קאָנצעפּציעס. כמעט די גאַנצע אייראָפּעאישע אינ־טעליגענץ האָט דעמאָלט איר פּאָליטישן און גייסטיקן אני מאמין באַזירט אויף אַ קולט, ממש אַ רעליגיעזן און לגמרי קריטיק־לאָזן לגבי דעם קאָלעקטיוויסטישן, שטאַטלעכן פּרינציפּ. נאָרדויס אָפּאָ־טעאָזע פון יחיד אַלס דעם שעפער און בויער פון דער ציוויליזאַ־ציע, איז געווען די גייסטיקע און מאָראַלישע ירושה פון דער גרוי־סער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. טראָצדעם איז זי דעמאָלט באַ־טראַכט געוואָרן דורך דער געוואַלדיקער מערהייט פון אינטעלעק־טואַליסטן אַלס אַ „רעאַקציאָנערע" און „פאַלשע" טעאָריע. די 30 יאָר, וואָס זיינען פאַרגאַנגען זייט נאָרדויס „מהות פון דער ציווי־ליזאַציע", האָבן מיט זייער שרעקלעכער ווירקלעכקייט, באַוויזן ווי ריכטיק עס איז געווען נאָרדויס אָפּשאַצונג פון דער געפאַר, וועלכע דראָט דער מענטשהייט מצד דער פאַרשקלאַפונג פון יחיד דורך אַ שטאַטלעכער עבדות.

דער איידעלער הומאַניזם און גלויבן אין דער מענטשהייט, טראָץ אַלעמען, איז דער פירנדיקער געדאַנק און מאָטיוו פון נאָר־דויס לעצטן און גרויסן ווערק. זיי פאַרבינדן זיך גייסטיק און מאָ־ראַליש מיט די פּרינציפּן און עטישע אימפּעראַטיוון פון תנ"ך. נאָר־דוי, וועלכער האָט אין זיינע „קאָנווענציאָנעלע שקרים" אָפּגעטאָ־זירט די גריכישע מיטאָלאָגיע און איר עסטעטיק אַלס קעגנזאַץ צום „באַשרענקטן און פאָרמאַליסטישן גייסט פון יידישן תנ"ך", איז אין זיין „מהות פון דער ציוויליזאַציע" געקומען צו דער היפּוכדי־קער איבערצייגונג. איצט, אַלס 70־יעריקער זקן און יידישער מנהיג, פאַרשטייט ער טיפער און גערעכטער אָפּצושאַצן דעם תנ"ך, אַלס דעם קוואַל פון אייביקייטן און אמתן, אין קעגנזאַץ צום גריכישן קולט פון שיינקייט, וואָס איז אויבערפלעכלעך און פאַרגענגלעך. ווי אין זיינע ביז־איצטיקע ווערק, איז אויך דאָסמאָל נאָרדויס פעדער שאַרף און גייסט־רייך, הגם צוריקגעהאַלטן אין פאָרם און סטיל. זיין לאָגיק איז קאָנסעקווענט און אויף פאַקטן באַזירט. זיין נבי־אישער פּאַטאָס איז, טראָץ די סקעפּטישע שטימונגען, געבליבן מעכטיק און איבערצייגנדיק. זיין קאַמפס־גייסט איז, טראָץ דער עלטקייט און מידקייט, געווענדעט מיט דער גאַנצער קראַפט קעגן אַלץ, וואָס איז שלעכט און פאַלש, היפּאָקריטיש און פּאַראַזיטיש.

אויך דאָסמאָל זיינען נאָרדויס געזעלשאַפטלעכע און ריין־וויסנ־שאַפטלעכע אויספירונגען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער, אָריגינעלער פילאָזאָפישער שיטה. די נאַטור און דאָס, וואָס רינגלט אונז אַרום, עקזיסטירט בלויז לויט אונזערע מענטשלעכע השגות און חושים.

זיכער זיינען מיר אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון אוניווערזום, אָבער די דאָזיקע געזעצן ווערן געפּאָרמט אין אונזער גייסט. מיר אָרדנען זיך איין דעם קאָסמאָס, זיינע געזעצן און סטרוקטור, לויט אונזערע לעבנס־נויטווענדיקייטן, בכדי נישט אריינצופאַלן אין אַ פולשטענדיקן כאַאָס. אָבער אונזער וויסן און פארשטיין פון דעם קאָסמאָס איז באַגרענעצט, און אונזער אייביקער דורשט אויסצופאָרשן אַלץ ביז צום יסוד איז און בלייבט אַ נישט־דערפילטער פאַרלאַנג. יעדע נייע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג און טעכנישע דערפינדונג שטעלט די מענטשהייט פאַר נייע שווערע פּראָבלעמען. וואָס מער מיר פּראָגרעסירן אין אונזער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַלץ מער אָפּגעשטאַנען בלייבן מיר לגבי דעם וואַקסנדיקן קאָמפּלעקס פון נייע אויפגאַבן און פרישע סודות. די ציוויליזאַציע און איר מהות שאַפן פאַר יעדן מענטשלעכן דור די נויטיקע מאַטעריעלע און גייסטיקע פאָרמען, וואָס בילדן אַ שוץ־באַריערע קעגן דעם מעכטיקן, שרעקלעכן און אומברחמנותדיקן וועלט־כאַאָס. נאָרדויס פילאָזאָפישער אני מאמין זוכט אין סטאָאיציזם זיין ריכטונג און טרייסט. יעדער דור און יעדער מענטש האָט צו דערפילן זיין פליכט, און אין דעם געפינט ער זיין גליק און תיקון. נאָרדוי פאַרענדיקט זיין לעצט בוך מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „די ציוויליזאַציע מיט אַלע אירע טעכנישע און אָרגאַניזאַטאָרישע דערגרייכונגען ברענגט נישט קיין גליק, אַזוי ווי דער שכל ברענגט נישט דאָס גאַנצע דערקענען. עס בלייבט אונז נאָר די אויפגאַבע צו מאַכן דאָס בעסטע פון דער ציוויליזאַציע, און גוט אויפצופאַסן, אַז גרענעצלאָזער עגאָאיזם און קליינלעכער גייסט זאָלן נישט באַנוצן די ציוויליזאַציע, בכדי דעם מענטשן צוצוגעבן צו די שלעכטס, וואָס לאָזן זיך נישט אויסמיידן, נייע שלעכטס, וואָס לאָזן זיך יאָ פאַרהיטן!".

עס איז געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר די נייע צייטן, אַז נאָרדויס ווערק: „דער מהות פון דער ציוויליזאַציע" האָט נישט געפונען קיין פאַרלעגער. די פאַרלעגער אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך אַמאָל געריסן אַרויסצוגעבן יעדע נייע פּובליקאַציע פון גרויסן און באַרימטן אייראָפּעאישן שרייבער און דענקער מאַקס נאָרדוי, זיינען איצט געווען ביי אַן אַנדערער מיינונג. דאָס נאָך־מלחמהדיקע אייראָפּע איז געוואָרן אַנדערש, ווי פאַר דער מלחמה. מען האָט געזוכט לייכטע און סענסאַציאָנעלע ביכער, פאַר ערנסטע ווערק איז געקומען אַ שווערע צייט.

ערשט אַן ערך צען יאָר נאָך נאָרדויס טויט איז זיין גרויס און לעצט לעבנס־ווערק דערשינען ענדלעך אין דרוק.

קאַפּיטל מ״ט

יאָרן פון קראַנקהייט און טרויער

ס׳איז געווען סוף נאָוועמבער 1920, ווען מאַקס נאָרדוי, פאַר־טון אינטענסיוו ביים פאַרענדיקן זיין לעצט ווערק „דער מהות פון דער ציוויליזאַציע״, האָט זיך ממש בכוח אוועקגעריסן פון זיין ליטעראַריש־פילאָזאָפישער שאַפונג, און איז געגאַנגען אויף אַ פאָלקס־מיטינג אין בעלוויל, וווּ פאַריזער יידישע מאַסן פון אַרבעט און נויט האָבן אים מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט. צוזאַמען מיט זיין פרוי האָט דער באַרימטער שריפטשטעלער און ציוניסטישער מנהיג, לאַנג געוואַנדערט איבער די אָרעמע און ענגע געסלעך פון בעלווי־לער און מעניל־מאָנטאַנער קוואַרטאַל, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו איינעם פון די אַלטע און מאָלערישע הייזער, וווּ דער מיטינג האָט געדאַרפט פאָרקומען. עס איז געווען אַ נאַסער און פינצטערער אָוונט, און עפּעס אַ דעפּרימירנדיקע, הילף־ און האָפנונגס־לאָזע שטימונג איז געלעגן אין דער פאַרנעפּלטער, שטיקנדיקער לופט דאָ אין דער גאַנצער סביבה, וווּ עס האָבן געוווינט, געלעבט און אָפט בלויז וועגעטירט טויזנטער יידישע עמיגראַנטן־משפחות פון רוס־לאַנד, פּוילן, ליטע, רומעניע, גאַליציע און פון אַנדערע מקומות אין מזרח־אייראָפּעאישן תחום המושב. ווייט פון די רייכע, ליכטיקע און לעבנס־לוסטיקע פאַריזער בולוואַרן זיינען דאָ געלעגן די דאָזיקע ישובים פון נייעם יידישן געטאָ. נאָרדוי האָט געשוויגן און קוים געענטפערט אויף די פראַגן פון זיין פרוי. זיינע געדאַנקען זיינען געווען ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס ווערן געטריבן דורך הונ־גער און פאָגראָמען צו אויסוואַנדערונג, און געפינען אויך דאָ, אין דער רייכער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע, בלויז אַן עלנטדיקן און פּראָוויזאָרישן מקום מקלט. אַ טיפער זיפץ האָט געריסט נאָרדויס האַרץ: „ווען וועט אַ סוף נעמען צו זייער נע־ונד פון איין נאַכט־אַזיל צום אַנדערן ? !״.

איבער אומצאָליקע הויכע שטיגן און לאַנגע קאָרידאָרן איז נאָרדוי געקראָכן, מיט זיינע אַלטע און מידע פיס, ביז ער האָט סוף־כל־סוף געפונען דעם פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל. דאָס איז געווען אַ לאַנ־גער, ענגער האַלב־טונקעלער זאַל, און אַלץ אַרום האָט דאָ אויסגע־

זען אָרעם און האָפנונגסלאָז, אַזוי ווי די גאַנצע סביבה און אַזוי ווי דאָס צאָלרייך פאַרזאַמלטע פּובליקום. נאָרדוי האָט מיט אַ האַר־ציקן געפיל און מיט אַן אויפריכטיקער סימפּאַטיע געקוקט אויף די פאַרהאַרטעוועטע געזיכטער און גרויע געשטאַלטן פון די פאַרזאַמלטע יידן, מענער, פרויען און אפילו יונגוואַרג. מיט אַ גרויסן בייפאַל האָט מען דאָן באַגריסט נאָרדויען, ווען ער איז צוזאַמען מיט דעם פּרעזידיום, דערשינען אויף דער פּרימיטיווער טריבונע.

ס'איז געווען אַ מערקווירדיקע פאַרזאַמלונג, איינע פון די אינ־טערעסאַנטסטע, וועלכע נאָרדוי האָט מיטגעמאַכט אין זיין לעבן. פּשוטע אַרבעטס־יידן, עמך־מענטשן, זיינען לאַנג און געדולדיק גע־זעסן, שלינגנדיק יעדעס וואָרט, וואָס איז געקומען פון דער רעדנער־טריבונע. אַ סך פון די צוהערער האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען נאָר־דויען, און זיין ווייסע, פּאַטריאַכאַלישע געשטאַלט איז זיי פאָרגע־קומען אין דעם האַלב־טונקעלן זאַל, ווי אַ דערשיינונג פון אַן אַנ־דערער, איבער־מענטשלעכער וועלט. נאָרדוי האָט גערעדט וועגן אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן פון יידנטום און ציוניזם, ער האָט אויף אַ גייסטרייכן, הגם פּאָפּולערן אופן אַנאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און די צוקונפט פון דעם פּאַלעסטי־נע־מאַנדאַט. זיין שטימע איז געווען טרויעריק און געבראָכן, ווען ער האָט דערמאָנט דעם ים פון יידישן בלוט, וואָס ווערט שטראָפּ־לאָז פאַרגאָסן אין אוקראַאינע און אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע. זיין געשטאַלט און שפּראַך זיינען געוואָרן שטורמיש־ליידנשאַפטלעך, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער באַציאונג פון דער קריסטלעך־ציוויליזירטער וועלט צו אונזער מאַרטיראָלאָגיע. ווי אַמאָל אין זיינע הערלעכע קאָנגרעס־רעדעס, האָט נאָרדויס שטימע געדונערט מיט אַ שאַרפער און עכטער אָנקלאַגע קעגן די שונאי־ציון אין און אוי־סערהאַלב פון יידנטום. נאָרדוי האָט געוואָרנט די בריטישע מאַכט־האָבער, וואָס שפּילן זיך מיטן גורל פון אַ פאַרצווייפלטן און גערודפטן פאָלק, און האָט אויפגעפאָדערט די פאַראַנטוואָרטלעכע ציוניסטישע מנהיגים אין לאָנדאָן צו פירן אַ שטאָלצע און קעמפערישע פּאָליטיק, ווי עס פאַרלאַנגט דער געבאָט פון דער היסטאָרישער שעה. דער גאַנצער זאַל האָט אויפגעציטערט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, ווען נאָרדוי האָט צום סוף אויסגערופן: „אַכט מיליאָנען יידן אין די פּאָגראָם־באַדראָטע לענדער וואַרטן אויף דער שנעלער דערליי־זונג אין אַ יידישער מלוכה אויף ביידע זייטן פון ירדן, אַ דערליי־זונג, וואָס זאָל קומען נישט מאָרגן, נאָר שוין היינט!"

אַרויסגייענדיק דאַן, האָט נאָרדוי געזאָגט צו זיין פרוי: „צי דאַרף מען זיי נישט באַוואונדערן, די דאָזיקע פּשוטע יידישע אַר־

בעטס־מענטשן? אנשטאָט צו גיין אין אַ קאַפע־הויז אָדער צו אַן אַנדערער פאַרווײַלונג, קומען זיי הערן אַ רעפעראַט וועגן גאָר ערנ־סטע ענינים. זיכער איז אונזער פאָלק דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט, און אונזער אַרבעטער־קלאַס דער אינטערעסאַנטסטער פון אַלע אַנדערע!". נאָרדוי האָט זיך געפילט שטאַרק פאַרמאַטערט און מיד. כמעט די גאַנצע נאַכט האָט ער שפּעטער נישט געקענט שלאָפן. עפּעס אַ מאָדנער דעפּרימירנדיקער געדאַנק האָט אים גע־פּײַניקט. זײַן אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די היינטיקע פאַרזאַמלונג איז געווען דער אָפּשלוס פון זײַן לאַנגער פּאָליטישער טעטיקייט, און זײַן רעדע פאַר די בעלוויילער יידישע אַרבעטער איז געווען זײַן לעצטער „שוואַנען־געזאַנג!" נאָרדוי האָט פאַרצווייפלט געטריבן פון זיך דעם דאָזיקן פּיינלעכן געדאַנק, אָבער ער איז כסדר צוריקגעקומען מיט אַ וואַקסנדיקער, אומברחמנותדיקער זי־כערקייט.

אויך דאָסמאָל האָט נאָרדויען נישט אָפּגענאַרט זײַן טרייער אינסטינקט. אַ פּאָר טעג נאָך דער פּאַריזער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, איז נאָרדוי ערנסט קראַנק געוואָרן. זײַנע דאָקטוירים, צווישן זיי דער נאָנטער, פערזענלעכער און ציוניסטישער פריינט, ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק, האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער קראַנקער זאָל זיך אָפּהאַלטן פון יעדער אַרבעט און טעטיקייט. מיט גרויסער מי איז נאָרדויען געלונגען צו פאַרענדיקן זײַן „מהות פון דער ציוויליזאַציע". ווײַ־טער איז עס שוין נישט געגאַנגען. פון דעם גאַנצן פּלאַן וועגן דעם רע־פעראַטן־טורנעע אין אַמעריקע און וועגן דעם סטאַבילן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, איז גאָרנישט געוואָרן. מיט אַן אומעטיקן געפיל האָט נאָרדוי געטראַכט וועגן דעם טיכטיקן און סימפּאַטישן מאיר דיזענגאָף, דעם גרינדער און בירגערמייסטער פון תל־אביב, וועל־כער האָט אים פריינטלעך אײַנגעלאַדן צו באַזוכן און צו בלײַבן אין דער דאָזיקער גאָרטן־שטאָט, נאָרדויס טרוים זײַט אַ סך יאָרן. צו מיסטער פיקינס אין ניו־יאָרק איז געשיקט געוואָרן אַ טעלע־גראַם, לויט וועלכן ס'איז אָפּגעלייגט געוואָרן נאָרדויס רעפעראַטן־טורנעע. די קראַנקהייט האָט זיך פאַרצויגן און כסדר פאַרערגערט, זי האָט אייגנטלעך געדויערט גאַנצע צוויי יאָר ביז נאָרדויס טויט אין יאַנואַר 1923.

דאָס זײַנען געווען צוויי טראַגישע יאָרן פון קראַנקהייט און טרויער. ווי אַ שווער־פאַרוואונדעטער לייב, האָט זיך נאָרדוי גע־וואָרפן פאַרצווייפלט אין זײַן הילפס־לאָזיקייט. זײַן גייסט, איז נאָך געווען שטאַרק און מוטיק, זײַן טאַלאַנט אַנטוויקלט און שעפעריש. אָבער מאַכט־לאָז האָט געמוזט זײַן דאָס כסדרדיקע ראַנגלען זיך

מיט דער אייגענער פיזישער שוואַכקייט און מיט דעם וואַקסנדיקן קראַנקהייטס־פּראָצעס. דער גורל האָט אַנטשידן קעגן אים און זיינע לעבנס־טעג זיינען שוין געווען געציילטע — דאָס האָט מאַקס נאָר־דוי אינסטינקטיוו געפילט, און זיין געמיט איז נאָך מער געוואָרן טרויעריק און געבראָכן.

די קריטישע לאַגע אין ארץ־ישראל און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט שטאַרק מצער געווען מאַקס נאָרדויען און שלעכט געווירקט אויף זיין געזונט־צושטאַנד. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט געבושעוועט אין דער גאַנצער וועלט, האָט זיך אויך אָפּגערופן אין ארץ־ישראל, ווו די צאָל פון אַרבעטס־ און פּרנסה־לאָזע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די אַנטי־ציוניסטישע העצע פון די אַראַבער, אונטערגעשטיצט בגלוי און בפרהסיה, דורך איינ־פלוסרייכע בריטישע רעגירונגס־פאַקטאָרן אין לאָנדאָן און אין ירו־שלים, האָט נישט אויפגעהערט אויך אונטער דער הערשאַפט פון ידישן הויך־קאָמישיאָנער הערבערט סעמיועל. זיין ליבעראַל־ענגלי־שע מענטאַליטעט און טראַדיציע זיינען נישט געווען צוגעפּאַסט צו די קאָמפּליצירטע און ראַפינירטע באַדינגונגען אינם אָריענט. עס איז געוואַקסן אין לאַנד די חוצפּה פון די אַנטי־ציוניסטישע אַראַ־בער, און זייער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס האָט געשטעלט דער רעגי־רונג אולטימאַטיווע פאָדערונגען: 1) צוריקציען די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע און 2) שליסן די ידישע עליה. דער ניי־נאָמינירטער בריטי־שער קאָלאָניאַל־מיניסטער ווינסטאָן טשערטשיל האָט געגעבן די אַראַבער ווייט־גייענדיקע הבטחות, דערקלערנדיק, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע גיט די מעגלעכקייט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע נישט נאָר אַ ידיש־נאַציאָנאַלע היים, נאָר אויך אַן אַראַביש־נאַציאָנאַלע היים, און אַז די ידישע עליה וועט באַגרענעצט ווערן לויט די אויפנאַם־פעאיקייטן פון לאַנד.

די לאַגע אין גאַנצן נאָנטן מזרח איז געווען אַ זייער געשפּאַנטע. די בלוטיקע מלחמה צווישן די מוזולמענישע טערקן (אונטער קע־מאַל פּאַשאַס פירונג) און די קריסטלעכע גריכן (וואָס זיינען גע־שטיצט געוואָרן דורך ענגלאַנד), האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן טערקישן נצחון, וועלכער האָט דערשיטערט דעם ענגלישן אויטאָ־ריטעט און באַגייסטערט די גאַנצע מוזולמעניש־אַראַבישע וועלט. אין איראַק איז געקומען צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד און אין מצרים זיינען אין אַפּריל 1921 אויסגעבראָכן בלוטיקע אומרוען. די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער זיינען אַרומגעגאַנגען האָפערדיק און זייערע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס האָבן אָנגענומען געפערלעכע פאָרמען. דעם 1־טן מאַי 1921, איז אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ בולטער פּראָוואָקאַ־

ציע, געקומען אין יפו צו אַ בלוטיקן אַנטי־יידישן פּאָגראָם, וועל־
כער האָט געדויערט גאַנצע דריי טעג. פון יפו האָבן זיך די פּאָגראָם־
כוואַליעס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. דער יידישער נציב
העליון איז געווען שטאַרק איבערגעשראָקן און הילפס־לאָז. זיינע
אַנטי־ציוניסטישע, בריטישע יועצים האָבן אים דערציילט, אַז די
גאַנצע אַראַבישע וועלט איז אויפגעשטאַנען קעגן די יידן, און די
ענגלישע גענעראַלן האָבן אים דערקלערט, אַז זייערע מיליטער־כו־
חות זיינען צו שוואַך, בכדי צו באַשיצן די יידן. הערבערט סעמיועל
איז געווען גרייט צו מאַכן פאַר די אַראַבער די גרעסטע קאָנצעסיעס,
בכדי נישט צוצולאָזן צו אַ מאַסאַקרע פון יידישן ישוב. ער האָט
פאַר זיך געזען אַ געשפּענסט פון אַ צווייטער אוקראַאינישער שחיטה,
דאָסמאָל אויף די ברעגעס פון ירדן.

הערבערט סעמיועל האָט אָפּגעשטעלט די יידישע עליה און
ארויסגעגעבן אַן אָפיציעלע דערקלערונג, וועלכע האָט לגמרי ליקווי־
דירט דעם נאַציאָנאַל־יידישן אינהאַלט פון דער באַלפור־דעקלאַראַ־
ציע. אויף די פּראָטעסטן פון די יידישע ישוב־פאַרשטייער, האָט סע־
מיועל געענטפערט מיט פאַרביטערטע טענות צו די ציוניסטישע פי־
רער, וואָס האָבן אים פאַרפירט און אָנשטאָט מיליאָנען פונטן פאַר
דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאַנד, האָבן זיי אים אריינגעשיקט
טויזנטער אַרבעטסלאָזע. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיי־
נען ווייטער אָנגעגאַנגען אינערלעכע קאַמפן, וועלכע האָבן אָפּגע־
שוואַכט און דעמאָראַליזירט די באַוועגונג. וויצמאַנס נסיעה קיין
אַמעריקע (צוזאַמען מיט אוסישקין און פּראָפ. אַלבערט איינשטיין)
איז דורך די בראַנדייאיסטן אויפגענומען געוואָרן ווי אַ שטראָף־
עקספּעדיציע קעגן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם. די בריק צווישן
„פּינסק" און „וואַשינגטאָן" איז פולשטענדיק געווען אויפגעריסן,
און הגם וויצמאַנס ריכטונג האָט געזיגט אויף דער ציוניסטיש־
אַמעריקאַנער קאָנווענשן, זיינען דאָך די קאַסעס פון די ציוניס־
טישע פאָנדן געבליבן ליידיק. ס'האָט זיך אין ציוניזם געשאַפן אַ
טראַגישער כישוף־קריזיז, פול מיט פאַרצווייפלונג און מאַכטלאָזי־
קייט: די פּאָליטישע ירידה און אַרבעטסלאָזיקייט אין ארץ־ישראל
האָבן שלעכט געווירקט אויף די גלעט־זאַמלונגען בכל תפוצות יש־
ראל, און די שוואַכע געלט־זאַמלונגען האָבן פאַרגרעסערט די פּאָ־
ליטישע און עקאָנאָמישע ירידה.

דאָס זיינען געווען טרויעריקע יאָרן אין ציוניזם, וועלכע האָבן
מאַקס נאָרדויס פּערזענלעכן טרויער געמאַכט נאָך טיפער און עמפּ־
פינדלעכער. דער 72־יעריקער מוטיקער ציוניסטישער קעמפער און
מנהיג האָט זיך געמוזט הילפלאָז צוקוקן, ווי דאָס גרויסע ווערק,

וואָס איז מיט דריי יאָרצענטער צוריק אָנגעהויבן געוואָרן אין באַזעל, שטייט ביים אָפּגרונט פון אונטערגאַנג. וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן דעם טייערסטן און הייליקסטן פון זיינע אידעאַלן, דאַן וואָלט איצט מאַקס נאָרדוי געקענט לייכט טריומפירן: איך האָב אייך אין די פריילעכע טעג, ווען איר האָט זיך ממש פאַר־שכורט מיט אייערע מכלומרשטע נצחונות, פאָרויסגעזאָגט דאָס, וואָס איז איצט געקומען. איר האָט פאַרלאָזט דעם דרך המלך פון הערצ־ליאַניזם און זייט געגאַנגען אויף זייטיקע וועגן, מכלומרשט קורצע און פּראַקטישע. אייערע פעלערן זיינען זיך איצט נוקם אין אייך, און ליידער אויך אין ציוניזם!

אָבער נאָרדויס געמיט איז ווייט געווען פון דער דאָזיקער לייכט־זיניקער סאַטיספאַקציע. צו טייער איז אים געווען דער ציוניזם און צו הייליק דער ארץ־ישראלדיקער אידעאַל. שווער קראַנק, זעצט ער זיך אַוועק, כדי צו שרייבן אַן אַלאַרמירנדיקן צייטונגס־אַרטיקל, אין וועלכן ער אַנאַליזירט גרינטלעך די לאַגע אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל, און קריטיקירט שאַרף די ענגלישע פּאַלעסטינע־פּאָליטיק און די אָפיציעלע ציוניסטישע לייטונג. מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרביטערונג רעדט צו יענער צייט נאָרדוי וועגן די דעפעטיסטישע שטימונגען אין ציוניזם, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך קרייזן נאָג־טע צום שפּעטערדיקן „ברית שלום" און וואָס זיינען אויסן לגמרי צו ליקווידירן דעם ציוניזם דורך אַ קאַפּיטולאַנטישן פאַרציכט אויף אַ יידישע מלוכה און אַ יידישע מערהייט אין ארץ־ישראל, באַ־גנוגנדיק זיך מיט עפּעס אַ משונהדיקן, פאַרקריפּלטן גלגול פון אחד־העמיסטישן „מרכז רוחני". נאָרדוי האָט זיך באמת צו בלייבן אין קאָנטאַקט מיט דער וואַקסנדיקער ציוניסטישער אָפּאָזיציע, אין וועל־כער די „עקאָנאָמישע ציוניסטן" האָבן פאַרטראָטן אַ שאַרפע קרי־טיק לגבי דער ווירטשאַפטלעכער פירונג פון דער ציוניסטישער לייטונג, בעת די פּאָליטישע ציוניסטן האָבן פאָרמולירט זייערע אַלט־נייע מלוכה'שע פּאָסטולאַטן.

אין דער דאָזיקער טראַגישער תקופה פון שווערע ספקות און גרויסע נסיונות איז זיך צונויפגעקומען דער צוועלפטער ציוניס־טישער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד (סעפּטעמבער 1921). עס איז גע־ווען דער ערשטער נאָך־מלחמהדיקער קאָנגרעס, נאָך אַן הפסקה פון אַכט יאָר, אין אַ צייט פון געוואַלדיקע געשעענישן פאַר און נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. מיט פרישע האָפנונגען, האָט די ציוניס־טישע וועלט־באַוועגונג דערוואַרט דעם צוועלפטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, גלויבנדיק, אַז ער וועט געפינען אַן אויסוועג פון דער פאַר־צווייפלטער, ביטערער לאַגע. מאַקס נאָרדוי האָט זיך מיט זיינע

לעצטע כוחות געריסן צו באַטייליקן אין דעם דאָזיקן גורל־שווערן קאָנגרעס. אָבער די דאָקטוירים האָבן אים דאָס ווי אַמשטרענגסטן פאַרבאָטן, און אַנשטאָט קיין קאַרלסבאַד האָט ער געמוזט פאָרן קיין צפון־פראַנקרייך, צום נאָרמאַנדישן ים־ווינקל, ווו מען האָט אים געהייסן זוכן די לעצטע היילונגס־מעגלעכקייט. דאָ האָט נאָר־דוי באַקומען די באַגריסונגס־טעלעגראַמע, וועלכע דער ציוניסטי־שער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד האָט צו אים אַרויסגעשיקט, און פון דאַנען האָט ער טעלעגראַפיש געענטפערט אויף דער באַגריסונג.

מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט מאַקס נאָרדוי גע־לייענט די באַריכטן וועגן דעם פאַרלויף פון דעם קאַרלסבאַדער קאָנגרעס. ער האָט גענוי אָבסערווירט דעם אויסזיכטסלאָזן קאַמף פון דער ציוניסטישער אָפּאָזיציע און איז געוואָרן אַנטוישט פון קאָנגרעס און זיינע רעזולטאַטן. זיין טרויעריקער געמיט האָט אין דער פרעמדער, ווייטער נאָרמאַנדיע נישט געפונען קיין מנוחה און טרייסט. זיין צער און ווייטיק זיינען געווען גרויס.

קאַפּיטל נ׳

דער 21־טער יאַנואַר 1923

דאָס יאָר 1922, דאָס לעצטע אין מאַקס נאָרדויס לעבן, האָט אין זיין קריטישן צושטאַנד גאָרנישט געענדערט לטובה. גראָד להיפך. נאָרדויס פיזישער כוח איז אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און זיין מצב האָט זיך, מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרערגערט. נאָרדוי האָט נישט געקענט מער שרייבן און אַפילו דאָס לייענען און דאָס ריידן האָט אים שנעל פאַרמאַטערט. דאָס האַרץ האָט אַרויסגעוויזן געפערלעכע סימפּטאָמען פון פולשטענדיקער דערשע־פונג.

אויך די מאַטעריעלע לאַגע פון מאַקס נאָרדוי און זיין משפחה, איז געוואָרן זייער אַ שווערע. האָנאָראַרן פאַר ציימונגס־אַרבעט און ביכער־פאַרקויף האָבן אויפגעהערט איינצופליסן. נייע אויפלאַגן פון די אַמאָל באַרימטע נאָרדויאישע ווערק זיינען נישט געווען מער אַקטועל. נאָרדויס אייראָפּעאישע וועלט איז חרוב געוואָרן אין דעם

הייסן, גורל־באַשטימענדיקן זומער 1914, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די בלוטיקע וועלט־מלחמה. אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע, אין וועלכער עס האָבן דאָמינירט סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע שטרעמונגען און ניטשע'אַנישע כוח־אידעאָלאָגיעס, איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר נאָרדוים הומאַניסטיש־עטישער וועלט־אַנשוי־אונג. די נויט, אין פשוטן זין פון וואָרט, איז איצט געוואָרן דער סטאַבילער איינגייער אין מאַקס נאָרדוים שטוב. זיינע בני־בית האָבן כסדר פאַרקויפט מעבל און ביכער, בכדי צו דעקן די לויפנ־דיקע חובות. מ'האָט דערביי געפּרוווט אָפּנאַרן נאָרדויען מיט אַ תירוץ, אַז דאָס זיינען איבריקע זאַכן, וואָס פאַרנעמען בלויז אַ פּלאַץ אין דער קליינער וווינונג. טראָץ דער נויט, איז נאָרדוי גע־בליבן שטאַרק און שטאָלץ אין זיין באַשלוס, נישט אָנצונעמען וועל־כע ס'איז סובווענצן אָדער געלט־מתנות פון די ציוניסטישע אינס־טאַנצן. כל ימיו איז ער געווען טריי דעם הערצליאַנישן פּרינציפּ: „צו לעבן פאַרן ציוניזם און נישט פון ציוניזם" און האָט דעם דאָ־זיקן הייליקן פּרינציפּ בשום אופן נישט געוואָלט ברעכן אויך אין זיינע לעצטע, הגם זייער שווערע, לעבנס־צייטן.

אפשר נאָך מער, ווי די מאַטעריעלע נויט, האָט אים געפּייניקט דער גייסטיקער צער. נאָרדוי האָט געזען און מיט ווייטיק געפילט, ווי ער ווערט לאַנגזאַם פאַרגעסן, נישט נאָר אין דער פרעמדער, גוי־אישער וועלט, נאָר אויך אין דער אייגענער יידישער סביבה. אויב מען האָט נאָכאַמאָל אין פראַנקרייך דערמאָנט זיין נאָמען, איז עס געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שאָוויניסטיש־אַנטיסעמיטישער העצע פון לעאָן דאָדע. צו געמיינע אָנפאַלן מצד שונאים איז נאָר־דוי תמיד געווען געוווינט. אַ סך טיפער און אַ סך שמערצלעכער איז געוואָרן זיין ווייטיק צוליב דעם סיסטעמאַטישן פאַרשווייגן פון זיין נאָמען דורך דער ציוניסטישער פּרעסע און עפנטלעכקייט. נאָר־דוי האָט אָנגעהויבן פילן, אַז ער איז אַן איבעריקער מענטש געוואָרן און מ'דאַרף אים מער נישט האָבן. דאָס האָט אונטערגעגראָבן די לעצטע כוחות פון זיין געזונטקייט און האָט מוראדיק געדריקט זיין אָנגעווייטיקט געמיט. דער אַמאָליקער ריז איז איצט אַרומגעגאַנגען אין זיין וווינונג קראַנק און צעבראָכן, ווי אַ צום־טויט פאַרווונדער־טער און פאַראורטיילטער לייב אין זיין אייזערנער פאַרשלאָסנקייט. אין דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער געמיט־שטימונג, ווען די קראַנק־הייט האָט אָנגענומען האָפנונגסלאָזע פאָרמען און די נשמה איז געווען מיט טיפן צער פאַרביטערט, האָט נאָרדוי געזאָגט צו זיין טרייער און איבערגעגעבענער פרוי אַננאַ פאָלגנדיקע ווערטער: „מיין

אָרעם ווייב, עס איז פאַר מיר געקומען דער סוף! און ווען איך זאָג דער סוף, מיין איך דאָס ווערטלעך. ס'וועט מער גאָרנישט זיין. איך גלויב נישט אין אַ ווייטערדיקער, צוקונפטיקער עקזיסטענץ!".

נאָנטע און גוטע פריינט האָבן נאָרדויען נישט פאַרלאָזט אויך אין די דאָזיקע, לעצטע טראַגישע לעבנס־טעג. כמעט יעדן טאָג זיי־נען צו אים אַריינגעקומען זיין ידיד ד"ר אַלעקסאַנדער מאַר־מאָרעק און די פּראָמינענטע ציוניסטישע טוערין אין פּאַריז, פּראָפ. מרים שאַך. נאָרדוי האָט זיך באמת גובר צו זיין די וואַקסנדיקע שוואַכקייט און האָט מיט זיינע פריינט גערעדט וועגן אַקטועלע, אַל־געמיין־פּאָליטישע און בעיקר ציוניסטישע ענינים.

כמעט ביז צו זיין לעצטן לעבנס־טאָג, איז נאָרדוי געווען איינ־פאָרמירט און טיף פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין יידנטום און ציוניזם. מיט אַ שטילער, שוואַכער, אָבער ליידנשאַפטלעך־באַוועגטער שטימע, האָט ער קאָמענטירט דאָס ענג־לישע „ווייסבוך" פון יוני 1922, וואָס האָט לגמרי אַ תל געמאַכט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און ליקווידירט די ציוניסטיש־מלו־כה'שע אַספּיראַציעס אין ארץ־ישראל. נאָרדוי האָט שאַרף פאַראור־טיילט די דעפעטיסטישע קאָמפּראָמיסן־טאַקטיק פון דער ציוניסטי־שער עקזעקוטיווע, וועלכע העלפט מיט צו ליקווידירן אונזערע פּאָ־ליטישע שאַנסן. זיין מיינונג האָט ער נישט געענדערט אויך שפּע־טער, ווען ס'איז סוף־כל־סוף, נאָך לאַנגע קאַמפן און גלגולים, באַ־שטעטיקט געוואָרן אין גענף דורך דעם פעלקער־בונד, דער פּראָ־יעקט פון בריטישן פּאַלעסטינע־מאַנדאַט. בעת די אָפיציעלע ציוניס־טישע אינסטאַנצן האָבן ווידער טריומפירט און אָנגעזאָגט דער יידי־שער וועלט די גרויסע, פריילעכע ידיעה, אַז דער באַזעלער פּראָגראַם איז בשלימות אַנערקענט געוואָרן דורך דעם פעלקער־בונד, איז נאָרדויס איינשטעלונג געבליבן קיל און קריטיש לגבי דעם נייעם נצחון. ער האָט געוויטיקט צוליב עבר־הירדן, וועלכן מען גייט אָפּ־רייסן פון אונזערע היסטאָרישע גרענעצן און צוליב די שאַרפע עליה־רעפּרעסיעס, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן דורך דעם יידיש־ענג־לישן נציב העליון און זיין אַנטי־ציוניסטישער אדמיניסטראַציע.

אין די געשפּרעכן מיט זיינע נאָנטסטע פריינט, האָט נאָרדוי באַדויערט און קריטיקירט די לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועג־גונג און אָרגאַניזאַציע. דער פּלאַן פון פּראָפ. וויצמאַן צו ראַטעווען די פאַרצווייפלטע לאַגע אינם ציוניזם און אין ארץ־ישראל דורך אַ פאַרברייטערטער „יידישער אַגענץ" און אַ שותפות מיט דער אַסי־מילירטער יידישער פּלוטאָקראַטיע האָט נישט געפונען נאָרדויס הס־

כמה. מיט זיין טיפן, נביאישן אינסטינקט, האָט נאָרדוי פאָרויסגע־זען, אַז דאָס איז נישט און קען נישט זיין דער וועג צו דער יידישער דערלייזונג. נישט דערצו האָט מען דרייסיק יאָר געקעמפט קעגן דער השפּעה און ממשלה פון דער פאַרעטערישער און קאָרופּטער אַסי־מילאַציע, בכדי לסוף, צו עפענען פאַר איר די טויערן פון קאַפּיטו־לאַנטישן ציוניזם. נאָרדוי האָט מיט צאָרן גערעדט וועגן דעם דעפּע־טיסטישן „גם־זו־לטובה"־גייסט, וועלכער האָט באַהערשט די אויי־בערשטע ציוניסטישע אינסטאַנצן, און וועגן דער ציוניסטישער פּקידים־ביוראָקראַטיע, וועלכע פאַרטרייבט פון דער באַוועגונג די אַמאָליקע התלהבותדיקע, קעמפערישע נשמה.

מיט דער נישט־יידישער, פראַנצויזישער וועלט, האָט מאַקס נאָרדוי, נאָך זיין צוריקקער קיין פּאַריז, כמעט קיין שום קאָנטאַקט נישט געהאַט. די אַמאָליקע „גוטע פריינט" פון דער גויאישער סבי־בה, האָבן זיך געמאַכט ווי נישט־וויסנדיק און נישט דערקענט נאָר־דויען. דער „פּאַטריאָטישער חרם", וועלכער איז קעגן אים, זייט דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, איינגעפירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער פּרעסע, האָט זיין שליטה נישט פאַרלוירן אויך איצט, אין די יאָרן נאָך דעם קריג, ווען די פראַנצויזיש־דייטשע שנאה האָט געהאַלטן אין דער פּאָליטיק ביים פאַרשווינדן און ס'איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר אַ דייטש־פראַנצויזישער שלום־קאָנצעפּציע, לויט דעם פאַרלאַנג פון באַרימטן פראַנצויזישן מלוכה־מאַן אַריסטיד בריאַן. די פיינטלעכע באַציאונג צו נאָרדויען האָט אירע וואָרצלען געהאַט נישט נאָר אין אַמאָליקן האַס צו דייטשלאַנד און דייטשער פּרעסע, נאָר בעיקר צוליב זיין יידישער אָפּשטאַמונג און באַקענטניש. מיט פרייד האָט נאָרדוי איצט אויפגענומען די באַזוכן פון עמיל זאָלאַ'ס אלמנה, וועלכע איז טריי געבליבן דער אַלטער פריינטשאַפט און האָט מיט איר מוט באַוויזן, אַז זי איז ווערט געווען צו זיין די פרוי פון גרויסן פראַנצויזישן שריפטשטע־לער און קעמפער.

ענדע 1922 האָט זיך נאָרדויס געזונט־צושטאַנד קאַטאַסטראָפאַל פאַרערגערט. זיין האַרץ איז געוואָרן פולשטענדיק אָפּגעשוואַכט. נאָרדויס לעבנס־כוח איז געווען פאַרענדיקט. עס האָבן זיך דערנענ־טערט זיינע גסיסה־טעג. דער אַלטער הערצליאַנער זשאַן פישער איז שנעל געקומען צופאָרן, בכדי דעם לעצטן מאָל זיך צו זען מיט זיין גרויסן פריינט און מנהיג. נאָרדוי פילט אינסטינקטיוו דעם אָנקו־מענדיקן טויט. ער נעמט אים אויף מיט אַ פולער, סטאָאישער רו. אַלץ עפּטער און טיפער איז ער זיך, אין אַ האַלב־שלאָפנדיקן צו־

שטאַנד, מתיחד מיט זיין ווייטער פאַרגאַנגענהייט, מיט זיין פאַר־שטאָרבענער וועלט. ער זעט אָפּט אין חלום זיין פאָטער ר׳ גבריאל זידפעלד, און זיין פאַרבענקטער גייסט וואַנדערט איבער די ענגע פעסטער געסלעך. ער דערמאָנט מיט ליבשאַפט זיין אַלטע מאַמע רויזע שרה און זעט זי כסדר ביי אירע שווערע זאָרגן און ביי דער טאָג־טעגלעכער פאַרהאָרעוועטער אַרבעט.

אין די לעצטע טעג און נעכט, ווען נאָרדויס גוף און נשמה פּייניקן זיך אין גסיסה־שמערצן, טראַכט ער ווי אין אַ ווייטן און גלייכציטיק נאָענטן טרוים וועגן די גרויסע גייסטער, האַרציקע פריינט, וואָס האָבן אים אַזוי אָפּט באַגייסטערט און זיינען שוין לאַנג אַוועק אויפן עולם האמת. עס פאַרשווינדן די גרענעצן פון חלום־פאַרגאַנגענהייט און הוה־ווירקלעכקייט. ווי לעבעדיק שטייט פאַר אים די ליבע, קיינמאָל נישט פאַרגעסענע געשטאַלט פון ד״ר לעווענטאַל, דעם מערקווירדיקן אידעאַליסט און פּראַקטיקער, וואָס האָט פאַרציכטעט אויף זיין פּאַריזער קאַריערע און איז געגאַנגען זיך מקריב זיין ביים בויען אַ נייע, גראַנדיעזע יידישע געמיינשאַפט אין אַרגענטינע. אָבער באַלד באַהערשט נאָרדויען, מיט דער גאַנצער מאַיעסטעטישער פּראַכט און באַצויבערנדיקן כישוף, דאָס בילד פון גרויסן פריינט און האַרציקן ידיד טעאָדאָר הערצל. נאָרדויס שטאַרבנדיקער גייסט זעט אים פאַרשווינדן אין אַן אומבאַקאַנטער, מיסטעריעזער ווייטקייט, און די געשטאַלט פון „יידנשטאַט״־שעפער פאַרמישט זיך אין זיין טרוים־פאַנטאַזיע צוזאַמען מיט דער מעכטיקער, אימפּאָנירנדיקער מהות פון משה רבנו, ווי ער האָט אים אַזוי אָפּט געזען און באַוואונדערט אין מיקעל אַנדזשעלאָ׳ס סטאַטוע. ער האָט דאָס אומגעהאָרכזאַמע, שווער־דאַנקבאַרע יידישע פאָלק געפירט דורכן לאַנגן, ווייטן מדבר צום צוגעזאָגטן לאַנד כנען, אָבער אַליין איז ער נישט זוכה געווען איבערצוטרעטן די גרענעץ פון דער דערוואַרטעטער אייגענער מלוכה. ווער איז ער, דער דאָזיקער מנהיג, וואָס שטאַרבט אויפן שוועל פון ארץ־ישראל? צי איז עס דער מעכטיקער יידישער פאָלקס־באַפרייער מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אָדער אפשר איז דאָס דער פּרעזידענט פון ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל, בעת ער פּראָקלאַמירט צום ערשטן מאָל זייט חורבן ירושלים, דעם וועג צו דער באַנייטער מלכות־ישראל? אָדער אפשר איז עס גאָר ער אַליין, דער באַשיידענער דינער פון דער מענטשהייט און פון זיין פאָלק, וועמען ער האָט במשך פון פערציק יאָר באַלויכטן דעם וועג אינם לאַנגן און שווערן מענטשלעכן מדבר, און איצט, מאַכט־ און הילפס־לאָז, ראַנגלט ער זיך אויף דעם טויטן־בעט? און שוין ווידער דער־

הויבט זיך פאר נאַרדויס אויגן אַ נייע געשטאַלט: דער קראַפטיקער און איבערגעגעבענער ציון־פירער, דער אומדערמידלעכער קעמפער און הערצלס יורש אַלס פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דוד וואָלפזאָהן. אויף די ברעגעס פון דייטשן טייך רהיין ליגט דער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט וועגן ירדן. און אָט פון דער זייט, ווי צופעליק, זעט נאַרדוי אין זיין גסיסה־פיבער דעם טראַגישן פּאָעט־ליבלינג היינריך היינע, וועמענס ביינער ליגן אויפן גויאישן בית־עלמין פון מאָנטמאַרטר, און וועמענס צעוויטיקטע יידישע נשמה קלאָגט זייט צוויי דורות: „קיינע גלאָקן קלינגען, קיין קדיש וועט מען זאָגן, נישט געזאָגט און נישט געזונגען וועט אין מיינע טעג פון שטאַרבן!”.

ס'איז געווען דעם 21־טן יאַנואַר 1923 נאָכמיטאָג. אַרום נאַרדויס בעט האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע משפחה. נאַרדוי איז געווען ביים פולן באַוווסטזיין און האָט געהייסן, אַז די קינדער זאָלן זיך דערנענטערן. ער האָט זיי האַרציק צו זיך געדריקט און געקושט. און דאַן האָט ער זיך צעקושט און געזעגנט אויף אייביק מיט זיינע אַנדערע בני־בית, מיט זיין פרוי אַננאַ, מיט זיין ליבסטער טאָכטער מאַקסאַ און מיט דעם איידעם פיער פאַראַף, דעם באַוווסטן יידיש־פראַנצויזישן שריפטשטעלער, און מיט אַלע נאָנטסטע און טייערסטע. דער שטאַרבנדיקער נאַרדוי איז געווען באַהערשט פון אַ פילאָזאָפישער רו און געלאַסנקייט. ביים בעט איז געלעגן די סיאַמישע קאַץ מיט אירע צוויי קעצלעך. נאַרדויס שוואַכע האַנט האָט זיי געגלעט און די קעצלעך האָבן פיעשטשענדיק געביסן זיינע פינגער. אַרום איז געווען שטיל. אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף די ליפּן פון שטאַרבנדיקן. אין דעם חלל איז געווען, ווי צעזונגען דער טרייסט־ניגון פון אַ ווייטער, מיסטעריעזער וועלט: „רו אויס, מידער וואַנדערער!!!”. נאַרדוי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט וועלן שלאָפן. זיין ברוסט האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט און אַ טיפער זיפץ האָט איבערגעריסן די אַרומיקע שטילקייט. אַרום אים זיינען געשטאַנען די בני־בית, ד״ר מאַרמאָרעק און זשאַן פישער. נאָך דעם זיפץ איז לגמרי שטיל געוואָרן. עס איז נישט מער געווען אויף דער וועלט, צווישן די לעבעדיקע, קיין מאַקס נאַרדוי. זשאַן פישער האָט צוגעמאַכט די אויגן פון זיין טויטן פריינט און מנהיג.

קאַפּיטל נ״א

ביים קבר פון דעם אייראָפּעאישן נביא

און יידישן מנהיג

גלייך אונטער דעם איינדרוק פון נאָרדויס טויט, האָט ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק געשריבן אין אַ פּריוואַטן בריוו: „נאָרדוי איז געווען די גאַנצע צייט פולשטענדיק אָריענטירט וועגן דעם קאַטאַסטראָפאַלן מצב פון זיין געזונטהייט. אָפט האָט ער זיך שוין געווונטשן דעם טויט, ווי ער האָט מיר דאָס געזאָגט. דער קערפּער פון דעם נפטר האָט געשיינט מיט אַ כמעט קלאַסישער פּראַכט, ווי פון דעם ווייסעסטן מאַרמאָר געטאָקט. איך האָב געוויינט, ווען איך האָב דערזען מיין אַלטן ידיד אין זיין טויטן־אָרון, אָנגעטאָן אין די תכריכים און אין טלית. זיינע שאַרפע קעגנער, די איצטיקע מנהיגים, זיינען נישט געקומען צו דער לויה.״

נאָרדויס טויט האָט אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַרויסגערופן געפילן פון אויפריכטיקן טרויער און טיפן צער. די יידישע פּרעסע, אין וועלכער דער נאָמען נאָרדוי איז אין די לעצטע יאָרן זעלטן דערמאָנט געוואָרן, האָט דעם פאַרשטאָרבענעם מנהיג אָפּגעגעבן כבוד אין לאַנגע נעקראָלאָגן און אַרטיקלען. די ציוניסטישע מאַסן האָבן, בכל תפוצות ישראל, פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די גרויסע אבידה צוליב נאָרדויס טויט, און אומעטום זיינען ספּאָנטאַן אָרגאַניזירט געוואָרן טרויער־אַקאַדעמיעס און געדענק־פאַרזאַמלונגען. אין אַ סך שולן האָט מען דעם גרויסן נפטר מספּיד געווען און געזאָגט בציבור קדיש. אין ארץ־ישראל, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער פון יידישע מאַסן־ישובים, זיינען אין טאָג פון דער לויה, געשלאָסן געוואָרן, צום צייכן פון טרויער, אַ סך יידישע געשעפטן. דאָס יידישע פאָלק אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי־ און קלאַסן־צוגעהעריקייט, האָט אויף אַ רירנדיקן, מאַניפעסטירנדיקן אופן, באַערט דעם גרויסן דענקער און שריפטשטעלער, דעם איבערגעגעבענעם, לאַנג־יעריקן מנהיג און שליח־ציבור.

אויך אין דער נישט־יידישער וועלט, האָט נאָרדויס טויט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. די גרויסע פראַנצויזישע און אַנדערע אייראָפּעאישע טאָג־צייטונגען האָבן געדרוקט וועגן נאָרדויען אויספירלעכע אָפּשאַצונגען און צוגעגעבן זיין בילד. אין ליטעראַרישע זשור־

נאָלן און פּובליקאַציעס איז ווידער באַנייט געוואָרן יענע תקופה פון פאַרגאַנגענע צייטן צווישןביידע יאָרהונדערטער, ווען נאָרדויס ווערק האָבן גייסטיק דאָמינירט און געשטעלט אים אין די ערשטע רייען פון די פירנדיקע אייראָפּעאישע גייסטער. עס האָט זיך געפילט אַ געוויסער מעלאַנכאָלישער און רעזיגנירטער טאָן און אַ שטילער פאָרוואורף לגבי דעם נייעם, נאָך־מלחמהדיקן דור, וואָס האָט אַזוי לייכט און שנעל פאַרגעסן זיינע אַמאָליקע גייסטיקע פירער און קאָריפייען. אין נאָרדויס גורל, וועלכער האָט אים פון וועלט־באַרימטקייט און מאַטעריעלן וווילשטאַנד, צוגעפירט צו פאַרגעסנער איינזאַמקייט און נויט, האָט מען דערזען, ווי אין אַ סימבאָלישן ביישפּיל, די גייסטיקע און מאָראַלישע ירידה פון דער אייראָפּעאישער קולטור און געזעלשאַפט. אַ געוויסע אייגענע שולד־אָנערקענונג און חרטה־שטימונג האָט אַרומגענומען די בעסערע אייראָפּעאישע קרייזן, וואָס זיינען איצט געשטאַנען, מיט טיף־געבויגענע קעפּ און מיט אַן אויפריכטיקן צער אין הארצן, ביים פרישן קבר פון דעם גרויסן מאַן, וועלכער האָט אין זיינע „קאָנווענציאָנעלע שקרים", „פּאַראַדאָקסן" און אין אַנדערע ווערק זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער נביא פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט. אַ סך האָבן זיך בגלוי, און נאָך מער בניסתר, מודה געווען, אַז דער גורל פון דער קולטור און ציוויליזאַציע, וואָלט זיכער געווען אַן אַנדערער, ווען נאָרדויס וואָרנונגען וואָלטן נישט געוואָרן אַ קול קורא במדבר. אין צאָלרייכע קירכעס, קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע, האָט מען דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם מאַקס נאָרדוי דערמאָנט מיט אַ גרויסן שבח.

נאָרדויס לויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקע ציוניסטישע מאַניפעסטאַציע, הגם עס האָבן זיך אין איר נישט באַטייליקט די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער עקזעקוטיווע. צו דער לויה זיינען געקומען אויך אַ סך קריסטן, פריינט און אויך אַמאָליקע קעגנער. אָבער פירנדיקע ציוניסטן האָבן נאָרדויען, אויך נאָך זיין טויט, נישט געקענט מוחל זיין דאָס, וואָס ער האָט געוואַגט צו קעמפן קעגן זייער פּאָליטיק און אָנפירונג אינם ציוניזם. די אָרדנונג בעת דער לויה איז אָפּגעהיטן געוואָרן דורך די מיטגלידער פון ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. מען האָט געטראָגן פענער און עמבלעמאַטן, דער אָרון איז באַדעקט געווען מיט אַ בלוי־ווייסער פאָן. דער פאַרזאַמלטער יידישער עולם האָט מיט שטאָלץ און באַוואונדערונג געערדט וועגן דעם גרויסן נפטר און זיינע אומשטערבלעכע מעשים אין דינסט פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און ציוניסטישער באַוועגונג. אַלגעמיין האָט מען מיט אַ שטילן צער דער־

מאנט נארדוים טראגעדיע. ער איז צו אונז, צום יידישן פאלק, געקומען מיט פרייד און התלהבות, אלס דער בארימטער שריפטשטעלער און גייסטיקער וועלט־אויטאריטעט, און אוועק איז ער פון אונז א צעבראכענער און פארביטערטער. מען האט געזוכט אנאלאגיעס צווישן נארדוים גורל און צווישן דעם טראגישן לעבנס־פינאל פון טעאדאר הערצל און לעאן פינסקער. צי איז דאס געווארן א היסטארישער געזעץ ביי יידן, אז א מנהיג, וועלכער גיט אוועק בשלימות זיין נשמה און הארץ, מיט התלהבות און קרבנות, אויפן מזבח פון יידנטום, מוז שטארבן א צעבראכענער און פארביטערטער?

דריי יאר נאך מאקס נארדוים טויט, אין מאי 1926, זיינען זיינע ביינער אריבערגעפירט געווארן קיין ארץ־ישראל. אויף אזא אופן איז מקוים געווארן, הגם ערשט נאך זיין טויט, דער ווונטש פון נארדויען, צו פארבינדן זיך אויף אייביק מיטן אלט־נייעם לאנד. די איינלאדונג פון מאיר דיזענגאף, וואס איז נישט געווארן רעאליזירט דורך דעם לעבעדיקן מאקס נארדוי, איז פארווירקלעכט געווארן דורך דעם טויטן. די לעצטע רייזע פון מאקס נארדוי, פון פאריזער צום תל־אביבער בית־עלמין, איז געווען אן אמתער טריומף־צוג. ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, יידישע און נישט־יידישע פריינט האבן זיך פארזאמלט אויפן פאריזער וואקזאל, בכדי צו געזעגענען זיך מיט דעם, וואס איז אין מאקס נארדויען געווען שטערבלעך. ארום דעם ארון, וועלכער איז, ווי פאר דריי יאר, אויך דאסמאל באדעקט געווען מיט דער בלוי־ווייסער פאן, זיינען געשטאנען די נאנטסטע בני־בית און די רעדנער, וועלכע האבן מיט געפיל־פולע ווערטער אפגעגעבן כבוד און געזעגנט זיך מיט דעם גרויסן נפטר. פון די צאלרייכע בריוו, וועלכע זיינען ביי דער געלעגנהייט צוגעשיקט געווארן קיין פאריז, דארף מען דערמאנען דעם הארציקן, קורצן בריוו פון דעם שווער קראנקן, מיט דעם טויט שוין אליין קעמפנדיקן ישראל זאנגוויל.

פון דער דרום־פראנצויזישער האפן־שטאט מארסעיל, ווו די יידישע געמיינשאפט האט פייערלעך באערט נארדויען, האט דער וועג פון טרויער־צוג געפירט קיין אלעקסאנדריע אין מצרים. עס איז געווען א מוראדיק הייסער טאג, און דער טומל פון דער פארבנרייכער אריענטאלישער סביבה איז געשטאנען אין א קאנטראסטן־פולער סתירה צו דעם פרעמדן, יידישן לויה־גאנג. פארשידענע דעלעגאציעס פון די מצרישע יידן האבן זיך דא פארזאמלט, כדי צו באגריסן און גלייכצייטיק געזעגענען זיך מיטן טויטן גוף פון דעם וועלט־בארימטן ציוניסטישן מנהיג. דער הויפט־ראבינער פון אלעקסאנדריע, אין זיין פאנטאסטישער קליידונג, האט רעציטירט אויף

אַן אייגנאַרטיקן אופן די טרויער־תּפילות. אַרום אים זיינען געשטאַ־
נען די חשובי־העיר אין זייער רייכער, פייערלעכער קליידונג. די
קינדער פון דער אָרטיקער יידישער שול, מיט רויטע טערקישע
פעס'ן אויף די קעפּלעך, האָבן געזונגען, אונטער דער ליי טונג פון
אַ חזן, די רעליגיעז־צערעמאָניאַלע לידער, און לסוף צוזאַמען מיט
דעם גאַנצן עולם דעם נאַציאָנאַלן הימן „התקוה".

די טרויער־פייערונג אין אַלעקסאַנדריע איז געווען בלויז דער
אַריינפיר צו דער מעכטיקער מאַניפעסטאַציע, וועלכע איז פאָרגע־
קומען אין תּל־אביב. אַ ריזיקער צוג פון טויזנטער מענטשן פון אַלע
קרייזן אין ארץ־ישראלדיקן ישוב, האָט באַגלייט נאָרדויס אָרון צום
בנין פון דער עיריה. מיטגלידער פון „מכבי" און פון אַנדערע אָר־
גאַניזאַציעס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן וועג פון טרויער־
צוג, בכדי אָפּצוהיטן די אָרדנונג. דעלעגאַציעס פון גאַנצן לאַנד,
פון אַלע שטעט און קאָלאָניעס, האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַר דער עי־
ריה, וווּ עס איז פאָרגעקומען די לויה. אַרום נאָרדויס אָרון איז גע־
ווען אַ ים פון מענטשן, און אין אים, ווי פאַרביקע אינזלען, האָט
מען געזען צאָלרייכע פענער, בלומען און קרענץ. דער הרב הראשי
פון ירושלים האָט געזאָגט די תּפילות, און אַ פייערלעכע שטילקייט
איז געווען אַרום, אויף דעם גרויסן פּלאַץ פון דער עיריה, וווּ אי־
בער צען טויזנט יידן האָבן באַגלייט מאַקס נאָרדויען צו זיין אייי־
ביקן רו־אָרט. אויף דעם תּל־אביבער בית־עלמין האָט זיין טאָכטער,
מאַקסאַ נאָרדוי, מיט אַ פּאָר העברעאישע ווערטער געזעגנט איר
פאָטער ז"ל. דאַן, אַלס לעצטער האָט גערעדט מאיר דיזענגאָף, דער
בירגערמייסטער און גרינדער פון דער ערשטער יידישער גאָרטן־
שטאָט, וועגן וועלכער נאָרדוי האָט אַזוי יאָרן־לאַנג געחלומט.

נאָרדויס קבר געפינט זיך אין שכנות פון אחד־העמס קרקע. די
צוויי גרויסע יידישע גייסטער, וועלכע האָבן אַזוי שאַרף און אַזוי
לאַנג מיט זיך געקעמפט אינם ציוניזם, ליגן איצט ברידערלעך צו־
זאַמען אין אַ בשותּפותדיקן פּלאַץ אויף דעם תּל־אביבער בית־על־
מין. אָדער אפשר, ווען טויטע וואָלטן געקענט ריידן, וואָלט דאָ
פאָרגעקומען אַ המשך פון יענע אַלטע, ליידנשאַפטלעכע ויכּוחים.
זיכערער לאָזט זיך אָבער גלויבן, אַז אחד העם, דער ערלעכער דענ־
קער און אויפריכטיקער פּקח, וואָלט דאָ צום סיום פון דער לאַנגע־
מחלוקת לשם שמים, אָנגענומען אַנטגילטיק מאַקס נאָרדויס טעזע:
„אַ ציוניזם, וואָס איז נישט פּאָליטיש, איז בכלל נישט קיין ציו־
ניזם!". די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרצענטער, דער חורבן פון
אייראָפּעאישן יידנטום און די שאַפונג פון מדינת ישראל, האָבן
קלאָר און דייטלעך באַוויזן פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט, ווי־

גערעכט עס איז געווען נאָרדויס ציוניסטישע שיטה און מלוכה'שע אויפפאַסונג.

מדינת ישראל האָט אין מאַקס נאָרדוי געהאַט איינעם פון אירע בעסטע און טרייעסטע פאָרקעמפער. פון ערשטן באַזעלער קאָנגרעס ביז צו זיין לעצטן לעבנס־אָטעם, האָט נאָרדוי געקעמפט פאַר איר אידעאָלאָגישער און רעאַלער שאַפונג. זיינע בעסטע פעאיקייטן, זיין מסירת־נפשדיקן אידעאַליזם, זיינע אומדערמידלעכע אָנשטרענגונגען האָט ער געווידמעט דער פאַרווירקלעכונג פון „יידנשטאַט". דער פאָליטישער ציוניזם אין זיין גאַנצן מלוכה'שן פאַרנעם, לויט הערצלס אויפפאַסונג און טראַדיציע, איז געווען און געבליבן כל ימיו דער אייגנטלעכער מהות, דער עיקר העיקרים פון נאָרדויס ציוניסטישער וועלט־אַנשויאונג. אין די שווערסטע, טראַגישסטע ירידה־צייטן פון ציוניזם, האָט ער נישט פאַרלוירן, אפילו אויף קיין רגע, זיין טיפסטן און ערלעכסטן גלויבן אין דער מעגלעכקייט און נויטווענדיקייט פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, אַלס איינציקן ציל פון קיבוץ־גלויות און אַנטגילטיקער לייזונג פון דער אַלוועלטלעכער יידן־פראַגע. ווי אָפט האָבן יינגערע און געזונטערע ציוניסטישע עסקנים פאַרלוירן דעם כוח פון זייער אמונה אין קריטישע, שווערע צייטן! דער אַלטער און מידער נאָרדוי איז אויך אַלס קראַנקער זקן, ביז צו דער לעצטער רגע אויף זיין טויטן־בעט, געבליבן אַ ציוניסטישער קעמפער מיטן גאַנצן ברען און גלויבן פון אַ יוגנטלעכן און מעכטיקן ענטוזיאַזם. מדינת־ישראל, היינט און אין דער צוקונפט, אירע שעפער און לייטער, אירע אַרבעטער און בויער, האָבן און וועלן נאָך האָבן לאַנג וואָס צו לערנען ביים אומפאַרגעסלעכן ציוניסטישן מנהיג מאַקס נאָרדוי. זיין גייסטיקע שטאַרקייט, זיין טיפער גלויבן, זיין קאַמף־אַנטשלאָסנקייט, זיין קרבנות־פולע איבערגעגעבנקייט, וועלן, ווי אַן אייביקער עמוד האש, באַלויכטן דעם וועג צו דער פולער יידישער דערלייזונג דורך קיבוץ־גלויות אין מדינת־ישראל.

אין זיין באַרימטער רעדע צו די ווינער יידן, ביים שלום פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט נאָרדוי גערופן דאָס יידנטום צו אומרו און קאַמף. נישט העלאָטן־שקלאַפן דאַרפן מיר זיין, נאָר שטאָלצע, שטאַרקע קעמפער! ציוניזם לאָזט זיך נישט פאָרן מיט עבדות און הכנעה! ציטירנדיק דעם קלאַסישן זאַץ: „אַ מענטש זיין, הייסט אַ קעמפער זיין!" — האָט נאָרדוי ווערטלעך געזאָגט: „ציוניסט זיין, הייסט דאָפּלט און דרייפאַכיק אַ קעמפער זיין!". די דאָזיקע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, און זיי זיינען היינט געבליבן אַזוי אַקטועל, ווי דעמאָלט אין יאָר 1899. דאָס זיינען ביי נאָרדויען געווען נישט בלויז ווערטער. מיט

זיינע מעשים און מיט זיין גאַנץ לעבן האָט ער באַוויזן די אמתדי־קייט פון זיינע קאַמף־לאָזונגען.

מאַקס נאָרדויס גייסטיקע וועלט האָט זיך געשטיצט און באַזירט אויף ברייטע, רחבותדיקע השגות און האָריזאָנטן. ער האָט פאַראַכטעט דאָס קליינלעכע און נידריקע. זיינע עטישע באַגריפן זיינען געווען אויסגעהאַלטענע און שטרענגע נישט נאָר לגבי אַנדערע, נאָר קודם־כל און בעיקר לגבי זיך אַליין. די ריינקייט פון זיינע כוונות, געדאַנקען און מעשים איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. דאָס איז געקומען צום בולטן אויסדרוק במשך פון זיין 74־יעריקן לעבן, סיי אין זיין אַלגעמיין־מענטשלעכער טעטיקייט און סיי אין דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט.

אַנדערש וואָלט זיכער געווען דער גורל פון דער אייראָפּעאישער מענטשהייט, איר קולטור און ציוויליזאַציע, ווען זי וואָלט אויפגענומען נאָרדויס ערלעכע, נביאישע וואַרנונגען. „ווי איז צו דעם דור, וואָס פאַריאָגט זיינע נביאים!“. אייראָפּע האָט טייער באַצאָלט פאַר אירע פעלערן און פאַלשקייטן. נאָך לאַנגע יאָרן וועט די מענטשהייט דאַרפן לערנען פון נאָרדויס גייסטרייכע און עטיש־דערהויבענע ווערק, אויב זי וויל געפינען אַן אויסוועג פון איר כאַאָטישקייט און ירידה. נביאים קען מען פאַריאָגן און זייערע ווערק פאַרגעסן. אָבער דאָס איז זיך ביטער נוקם! און סוף־כל־סוף מוז מען ווידער, מיט חרטה און פּיין, צוריקזוכן דעם וועג צו די אייביקע נביאישע אמתן. נאָרדויס ביכער זיינען היינט נישט פּאָפּולער און נישט מאָדערן, מען זוכט זיי נישט אין די בוך־האַנדלונגען און מען לייענט זיי וויניק אין די ביבליאָטעקן. אָבער אייביקע נביאישע אמתן שטייען העכער איבער טאָג־טעגלעכע, פאַריבערגייענדיקע, אַקטועלע און מאָדערנע שטימונגען. עס וועט ווידער קומען און מוז קומען די צייט, ווען די פאַרנאַרטע און לייכטזיניקע וועלט פון היינט, וועט זיך מיט אַ ליידנשאַפטלעכן דורשט וואַרפן צו נאָרדויס גייסטיקער ירושה, בכדי אין איר צו געפונען איר יניקה און תיקון.

דורות וועלן לאַנגע פאַרגיין און קליינלעכע, מאָדערנע באַרימטקייטן וועלן פאַרגעסן ווערן, אָבער נאָרדויס זכרון וועט מיט יראת־הכבוד און דרך־ארץ פאַרבלייבן אַלס איינער פון די בעסטע גייסטער פון יידנטום און וועלט־מענטשנטום. אין דעם גלויבן מיר היינט בשלמות און לגמרי אויפריכטיק, בויגנדיק טיף דעם קאָפּ ביים קבר פון גרויסן אייראָפּעאישן נביא און מנהיג.

(סוף)

ACHEVE D'IMPRIMER LE
5 DECEMBRE 1950, SUR
LES PRESSES DES « EDITIONS POLYGLOTTES »,
232, RUE DE CHARENTON, P A R I S (XIIe).